STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08089

KRIZIS

L. Chanukoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. באנוקאוו

•

ק ר י ז י ס

ל. באַבוּקאָוו

קריזיס

ראָמאַן אין 3 טיילן

פאַרלאַג
י. ל. פּרץ
ישראל
1963

L. Chanukoff

CRISIS

(Roman)

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby st., Tel Aviv

ל. כאַנוקאָוו / קריזיס

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

Copyright by Florence Chanukoff
189 *Second ave, New Jork,* 3, *N. J.*

נדפס בישראל
Printed in Israel 1963

דפוס „אורלי", תל־אביב, רח׳ יסוד המעלה 27, טלפון 32062

ל. באנוקאוו

*

ק ר י ז י ס

ווערק פון ל. כאַנוקאָוו

שווערע הימלען, ניו־יאָרק — 1923, 320 ז״ז

אין פרומע שעהן, „ — 1925, 192 ז״ז

דער מענטש, „ — 1929, 236 ז״ז

די סובמארין 1, „ — 1932 384 ז״ז

אין קלעם פון צייט, „ — 1958, 315 ז״ז

ליטעראַרישע עסייען, „ — 1960, 333 ז״ז

„די סובמאַרין״ איז דערשינען אין רוסיש און אין ענגליש.

אינהאַלט

זייט

ל. כאַנוקאָוו — מענטש און קינסטלער — פון נחמן מייזיל 9

ערשטער טייל

1 מאָטל טענדלער 29

2 מלכה 60

3 מאָטל טענדלער גרינט זיך אויס 70

4 מלכה און דער בלינדער ברוך 81

5 דער קראַך 98

6 די באַגעגעניש 105

7 מאַקס ווערט באַשולדיקט אין סאַבאָטאַזש 128

צווייטער טייל

1 מאַקס ווערט פאַרמשפּט 183

2 ברײַנדל און לייטשע 191

3 געראַנגל 220

4 אַ דראַמע אין שאַפּ 233

דריטער טייל

1 די צוויי ברידער משה און ברוך 242

2 קריזיס 266

3 מאָטל און דאָבע 279

4 אין אַ נעפּל 294

5 דער טויט פון משה זעליג 305

6 די בלוטיקע דעמאָנסטראַציע 330

ל. כאַנוקאָוו — מענטש און קינסטלער

(1958—1892)

1

מיר גיבן איצט איבער אין די הענט פונעם לייענער אַ ראָמאַן, וואָס דער באַוואוסטער יידישער דערציילער און עסייאיסט ל. כאַנוקאָוו האָט אָנגעשריבן מיט אַ דריי צענדליק יאָר צוריק. אין יענער צייט האָט ער פאַרטראַכט צו שרייבן אַ טרילאָגיע „אַמעריקע", און „קריזיס" האָט באַדאַרפט זיין דאָס ערשטע בוך. דאָס ווערק איז געלעגן אין שופלאָד ביים מחבר, געוואַרט צו דערזען די ליכטיקע שיין. און אַט איצט, באַלד פיר יאָר נאָכן פריצייטיקן טויט פונעם מחבר, דערשיינט עס ענדלעך און וועט דערגיין צום לייענער.

ל. כאַנוקאָוו איז אַלט געווען 66 יאָר, ווען ער איז נאָך אַ זייער שווערער קראַנקהייט, וואָס האָט זיך געצויגן עטלעכע יאָר, געשטאָרבן ביים פולן באַוואוסטזיין. און וואָס פאַר אַ פאַרשיידענע גלגולים, איבערוואַנד־לונגען, האָט ער אין זיין לעבן און אין זיין שאַפן אַדורכגעמאַכט! דער פאַמיליע־נאָמען גופא איז דאָך ווי אַ געמיש — אַ טייל נאָמען — פון אַ יידישן יום־טוב, און מיט אַן עכט־רוסישער ענדע — אָוו. אויך אַזוי איז דאָך געווען די געשיכטע פון זיין קינדהייט און יוגנט. געבוירן אין אַ רוסישן דאָרף, אין אַ גוט אַלכאָווא, ערגעץ אין פסקאָווער גובערניע. דערנאָך געוואקסן אין אַ רוסישער שטאָט, וואו געלערנט אין אַ רוסישער עלעמענטאַרער שולע. שפּעטער זיך געגרייט, ווי אַן עקסטערן, צו די עקזאַמענס אין אָדעס, וואו גענומען שרייבן רוסיש און זיך געדרוקט אין דער רוסישער פּרעסע. ער איז געווען אַ לערער אין נעוועל און געלעבט אויך אין רעוועל, — אַלץ ניט־יידישע שטעט. און ווען ער איז געקומען אין 1914 קיין אַמעריקע, האָט ער אָפּט געאַרבעט ניט אין

ספּעציפיש־יידישע שעפער, נאָר גאָר אין פאַבריקן פון שיפבוי און לאָקאָ־מאָטיוון. ווי אַזוי אָט דער יונגערמאַן איז מיט דער צייט געוואָרן אַ יידיש־שרייבער און אַ יידיש־לערער איז באמת אַ נס, אַ וואונדער.

ל. כאַנוקאָוו איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור פון אַן אַנדערער סביבה און דורך גאַנץ־באַזונדערע וועגן. ער האָט אויך גע־שריבן גאַנץ־אַנדערע דערציילונגען, ניט לויטן באַקאַנטן נוסח און שטייגער. אויך די פאַבולע, די טעמאַטיק איז געווען ביי אים אַ גאַנץ־אַנדערע. דעריבער האָבן יידישע קריטיקער פון פאַרשיידענע מינים און פאַר־שיידענע צייטן ניט אויפגענומען אים גלייך, ניט געווען צופרידן פון זיינע דערציילונגען. און אויסער איניקע אויסנאַמען, האָט מען געהאַט צו אים האַרבע טענות און פאַרגעוואָרפן, אַז ער איז עפּעס ווי אַ פרעמד געוויקס אין יידישן ליטעראַרישן גאָרטן.

ער האָט אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן דערציילונגען אין 1916, געדרוקט זיי אין פאַרשיידענע צייטונגען און צייטשריפטן. אָבער אין בוכפאָרם האָט ער דעביוטירט ערשט אין יאָר 1923, מיט אַ בוך דערציילונגען „שווערע הימלען" (ניו־יאָרק, 320 ז"ז), אין 1925 דערשיינט זיין צווייט בוך „אין פרומע שעהן" און אין 1929 גייט אַרויס זיין דריט בוך דער־ציילונגען „דער מענטש" (נ. י., 236 ז"ז).

2

עס ליגן פאַר מיר די אויסשניטן פון רעצענזיעס און אַרטיקלען איבער די דערמאָנטע ביכער, געשריבן דורך פאַרשיידענע שרייבער־קריטיקער. שוין דאָס ערשטע בוך האָט אַרויסגערופן אַ צאָל רעצענזיעס, עס האָט געוועקט נייגיר און אינטערעס צום יונגן שרייבער, צום אָנהייבער, אָבער קיין גרויסע לויב־געזאַנגען און קיין גאָר גוטע, באַגייסטערטע ווערטער האָבן מיר ניט אין די אָפּרופן. עס שרייבט ש. ניגער, אַז „...פון ל. כאַנוקאָווס יונגן באַדן וועלן אַן צווייפל אַרויסוואַקסן די באַלעבנדיקע קערנער פון זיין טאַלאַנט. אין זיין בוך „שווערע הימלען" פילט זיך נאָך אַ געוויסע אומקלאָרקייט. אָבער דאָס פּסיכאָלאָגיש־אומקלאָרע אין בוך איז קינסטלעריש קלאָר און דאָס לאָגיש־אומפאַרשטענדלעכע האָט אַ סוגעסטיוון און אויסדרוקפולן זינען"... אָבער ניגער האָט טענות: „פרעמד, איך מיין, ניט אָריגינעל און ניט אָרגאַניש, איז די שפּראַך פון בוך,

זי איז אַזוי ווי פון ערגעץ איבערגעשריבן אָדער איבערגעזעצט״. און וואָס נאָך? „ביי אים איז די פּ ע ן אַן אָנגעלייענטע״...

אַ צווייטער שרייבער, א. אַלמי, האָט מער וואָרעמקייט פאַרן יונגן מחבר. ער הייבט אָן זיין אַרטיקל: „פאַראַן שרייבער, וואָס פון די ערשטע שורות זייערע ווערן זיי דיר נאָענט, ווערסט מיט זיי היימיש, כמעט אינטים, כאָטש דו האָסט פריער ניט געמעגט האָבן געלייענט זייערס קיין איין וואָרט. אַזאַ שרייבער איז ל. כאַנוקאָוו, וועמעס אַ בוך נאָוועלן „שווערע הימלען״ איז ניט לאַנג צוריק דערשינען. כאַנוקאָוו? קיינמאָל פריער ניט געהערט אַזאַ נאָמען. איז ער אַן אָנהייבער? ניין, אַ צו־זיכערע האַנט פילט זיך אין זיין שרייבן, אין לשון, אין סטיל״... „כאַנוקאָוו דערציילט שיין, אינטים — און דער עיקר: ער מאַכט אונדז דורכלעבן, איבערלעבן, וואָס ער האָט קינסטלעריש איבערגעלעבט; זען, וואָס ער האָט געזען, — ער מאַכט אונדז ג ל י י ב ן אים״. „אָבער איין חסרון איז, וואָס עס איז אין זיינע דערציילונגען ניטאָ גענוג באַוועגונג — און צופיל רייד, און אויך צו שטאַרק צוזאַמענגעפּרעסטע לופט״...

אויך זיין צווייט בוך „אין פרומע שעהן״ האָט געהאַט אָפּרופן, טייל־ווייז פּאָזיטיווע און טיילווייז — נעגאַטיווע. עס שרייבט מ. מלמד, אַז „אין בוך „אין פרומע שעהן״ דערקענט מען דעם פאַרטרוימטן דיכטער פון „שווערע הימלען״. דאָ, אַזוי ווי דאָרט, פילט זיך אַ מין שווערע נעפּל־האַפטיקייט, וואָס הענגט איבער די זאַכן. דער דיכטער רעדט צו אונדז ווי פון הינטער אַ פאַרהוילענער וואַנט... מיר ווילן זען דעם דיכטערס פּנים, אָבער זיין פּנים איז פאַרהוילן״.

פיל מער און אויספירלעכער איז געשריבן געוואָרן וועגן זיין דריטן בוך (1929) דערציילונגען „אַ מענטש״.

ד״ר א. מוקדוני רופט אָן זיין רעצענזיע־אַרטיקל „די וועלכע פאַר־מעסטן זיך גרויס״ און ער שרייבט: „ל. כאַנוקאָוו נעמט זיך כסדר פאַר זייער ערנסטע, זייער פאַרפלאָנטערטע און זייער פינצטערע טעמעס. מאָרד, זעלבסטמאָרד, שוידערלעכע קראַנקהייטן, פיזישע און פסיכישע״... און דערנאָך שרייבט ד״ר א. מוקדוני: „יונגע שריפטשטעלער דערמאָנען אויך אָפט אַנדערע עלטערע און אָריגינעלע שרייבער, וואָס האָבן זיך

נאָך ניט אײַנגעאַנצן געפונען. אַזוי דערמאָנט אויך ל. כאַנוקאָוו דאָ מעטער־לינקן, דאָ אַנדרעיעווען און דערהויפּט — מאַקסים גאָרקי".

און ש. ניגער, צום דערשײַנען פון „אַ מענטש", האָט געשריבן, אַז „אין זײַן נײַעם בוך הייבט ער אָן ביסלעכווייז צו באַפרייען זיך פון זײַן סענטימענטאַל־יוגנטלעכער רעטאָריק. אייניקע פון זײַנע העלדן זײַנען שוין ניט אַזוי צוגעקלעפּט צו אים, ניט אַזוי פאַרשקלאַפט פון אים". און ער פאַרענדיקט דעם אַרטיקל: „אַזוי ווי ער איז אַן אויפריכטיקער און אַ באַגאַבטער שרײַבער, איז עס אין די אינטערעסן פון אונדזער נײַער ליטעראַטור אים צו ווינטשן אַ רפואה שלימה [ער זאָל זיך אויסהיילן פון צו סענטימענטאַלן און צו רעטאָרישן סוביעקטיוויזם]"...

און אונדזער גוטער אברהם רייזען האָט, ווי אַלע מאָל, אויך ל. כאַנוקאָווס בוך „אַ מענטש" באַגעגנט מיט באַגייסטערונג. אין אַן איבערבליק וועגן אייניקע ביכער, שרײַבט ער: „שוין פון אַן אַנדערן מין, אָבער אויך מיט טאַלענט, מיט טעמפּעראַמענט און מיט אַ חוש פאַר פּסיכאָלאָגיע פון דעם נײַעם אַרבעטער־מענטש, איז דער נײַער באַנד דערציילונגען פון ל. כאַנוקאָוו „דער מענטש". דער העלד פון דער ערשטער דערציילונג — אַ מויערער, מיט זײַן לעבן, מיט זײַן ליבע און טויט, וואַקסט אויס ביז אַ סימבאָל, וואָס אויב היינט איז דאָס ניט קיין מעלה, איז אָבער די דערציילונג פאַרט אַ שטאַרקע און אַ טיפע, און, ווי געזאָגט, געשריבן מיט גרויס טעמפּעראַמענט, מיט שטימונג. און אַ דאַנק דעם מאַכט די ערשטע דערציילונג אין בוך אַ גאָר שטאַרקן אײַנדרוק, ווי פיל דערציילונגען פון דעם יונגן בעלעטריסט ל. כאַנוקאָוו, פון וועלכן מיר דערוואַרטן נאָך זייער פיל, אַ דאַנק די ערנסטקייט, מיט וועלכער ער באַציט זיך צו זײַן באַרוף. דאָס מערקט זיך אין פאַרלויף פון זײַן בערך ניט לאַנגער בעלעטריסטישער טעטיקייט. יעדעס נײַ בוך, וואָס דערשײַנט פון אים, צייגט אַנטוויקלונג, פאַרשריט און התמדה, ניט פאַרלאָזנדיק זיך אײַנגאַנצן אויפן טאַלאַנט אַליין".

אינטערעסאַנט זײַנען די געדאַנקען פון א. ליטוואַק וועגן ל. כאַנוקאָוון און זײַן שרײַבן. אין אַ לענגערן אַרטיקל וועגן דעם בוך „דער מענטש" זאָגט ער צווישן אַנדערן: „די טעמעס פון כאַנוקאָווס דערציילונגען און זײַן צוגאַנג צו מענטשן און פּאַסירונגען זײַנען ווייט פון אַלץ, וואָס מיר

זיינען צוגעוואוינט אין דער יידישער ליטעראַטור. ניטאָ אין זיי ניט די אַלטע היים, ניט דער יידישער איסטסייד פון אַמעריקע. דאָס, וואָס איינער איז אַ ייד און דער אַנדערער איז אַ קריסט, איז ביי אים ניט אַזוי וויכטיק. דער עיקר איז ביי אים דער מענטש. און די שפּראַך זיינע איז אויך ניט די זעלביקע, ווי ביי אַנדערע יידישע דערציילער, אַזוי, אַז מינוטנווייז דוכט זיך, אַז זיינע דערציילונגען זיינען איבערגעזעצט אָדער איבערגעטראָגן פון ערגעץ אַנדערשוואו, פון דער פרעמד. פון עדגאַר אַלען פּאָ, צי פון לעאָניד אַנדרעיעוו. אָבער, אַז איר לייענט זיך אַריין אין זיי, זעט איר גלייך, אַז ל. כאַנוקאָוו איז ניט קיין איבערזעצער און ניט קיין איבערטראָגער. ווי יעדער אָנפאַנגער, געפינט ער זיך אונטער געוויסע, דאָס מאָל ניט יידישע איינפלוסן; אָבער דאָס וואָס ער דערציילט, איז דאָך זיין אייגנס, פון אים אַליין אויסגעטראָגן און אויסגעווייטיקט״.

און ווייטער שרייבט א. ליטוואַק: „ל. כאַנוקאָוו פאַרמאָגט אַ רייכע, אָבער קראַנקהאַפטע פאַנטאַזיע. ער פאַנטאַזירט אויס די שרעקלעכסטע פּאַסירונגען, אַבי צו מאַכן דעם אומגליקלעכן מענטש נאָך אומגליק־לעכער. און ווי ניט גלייבלעך זיינע פּאַסירונגען זאָלן ניט זיין, שלעפּט ער אונדז אַוועק מיט זיין פאַנטאַזיע, ציט ער אונדז אַריין אין זיינע שווערע שטימונגען און מיר גייען נאָך אים, ניט ווילנדיק, אָבער מיר גייען״. און דער אַרטיקל ווערט פאַרענדיקט אַזוי: „שוין ניט דאָס ערשטע בוך, וואָס כאַנוקאָוו דרוקט, און דאָך איז ער אַן אָנפאַנגער. זיינע מעלות: פאַנטאַזיע, שטימונג, נייקייט. זיינע חסרונות: זיין פאַנטאַזיע איז פאַרפלאָנטערט און קראַנקהאַפט, דער סאָציאַלער גרונט איז ביי אים שוואַך, ער איז באַנומען פון אַ שווערן פעסימיזם. דאָס לעצטע טרעפט אָפט ביי יונגע שרייבער, אָנפאַנגער. דער סך־הכל: אויף כאַנוקאָוון ווילט זיך לייגן האָפענונגען״.

3

און אָט דערשיינט (אין 1932) ל. כאַנוקאָווס פערט בוך, מיט אַ גאָר נייעם פאַר דער יידישער ליטעראַטור נאָמען „סובמאַרין Z״. עס איז דערשינען נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון אַ לענגערער רייזע איבער אייראָפּע און הויפּטזעכלעך — איבער סאָוויעטנפאַרבאַנד.

דאָס בוך האָט אַרויסגערופן פיל פאַרשיידנאַרטיקע אַרטיקלען. געווען זייער באַגייסטערטע, און אויך — צוריקגעהאַלטענע.

פּ. ווערניק האָט געשריבן, אַז „ל. כאַנוקאָוו פאַרדינט די אָנערקע־נונג, אַז [ווייל] זיין בוך „די „סובמאַרין" איז אַנדערש ווי די מייסטע דערציילונגען אין יידיש, מיט וועלכע איך האָב געמאַכט באַקאַנטשאַפט אין פאַרלויף פון פיל יאָרן. צו זיין אַנדערש איז שוין פאַר זיך אַליין אַן אויפטו פאַר אַ פאַרפאַסער פון דערציילונגען, אָבער עס איז נאָך מער, ווען די אַנדערשקייט באַשטייט דערפון, וואָס ער ווייסט מער וועגן דעם קעגנשטאַנד וואָס ער באַשרייבט, ווי עס איז ניט דער פאַל מיט די מייסטע מחברים פון יידישע ביכער פון דאָזיקן סאָרט, און דער קעגנ־שטאַנד אַליין איז ווייט פון דעם לעבן פון דעם געוויינלעכן לעזער פון אַזעלכע מעשיות. ל. כאַנוקאָוו שרייבט ווי אַן עקספּערט וועגן דעם לעבן פון די, וואָס דינען אין דער נייווי, פון דער אַטמאָספערע אַרום די סוב־מאַרינס אויפן ברעג, פון דער טעכניק פון די סובמאַרין אַליין, פון דער שטימונג פון די מענטשן וואָס געהערן צו איר... די דערציילונג אַליין איז שפּאַנענד, די כאַראַקטערן ווערן גוט געשילדערט"...

ש. ניגער איז געבליבן אומצופרידן מיטן מחבר און מיטן בוך, און, ווי ער זאָגט אַליין, האָט דאָס בוך אים „געלאָזט קאַלט. די נייגעריקייט, מיט וועלכער איך האָב עס אָנגעהויבן לייענען, איז אויסגעוועפּט געוואָרן... ניטאָ קיין אָטעם פון לעבן אין כאַנוקאָווס דערציילונגען. ניטאָ יענער הייסער מענטשלעכער אָטעם, וועלכער וואָלט זיי געקאָנט צו אונדז דערנענטערן און טיף פאַראינטערעסירן מיט זייער גורל". און ניגער פאַרענדיקט זיין לאַנגן נעגאַטיוון אַרטיקל, נאָך דעם ווי ער רוקט אַרויס אַ צאָל טענות און פאַרוואורפן: „און עס איז אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד. ל. כאַנוקאָוו איז אַ באַגאַבטער שרייבער (מען זעט עס אַפילו אין אָט דעם בוך אין איינציקע שטעלן), ער האָט געהאַט אַ גוטע טעמע, ער האָט געהאַט די בעסטע כוונות. האָט ער גענומען און דערטרונקען די וואונדערלעכע געשיכטע פון דער סובמאַרין אינאיינעם מיט איר אַליין, נאָר — ניט אין אַן אמתן ים — אין אַ ים פון רייד..."

גאָר אַנדערש האָט אויפגענומען דאָס בוך דער לעבעדיקער. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ לענגערן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט שטאַרק

געלויבט דאָס בוך, און וואו ער טענהט זיך שאַרף אויס מיט די קריטיקער, וואָס האָבן געמאַכט פאַרוואורפן ל. כאַנוקאָוון.

ער הייבט אָן מיט דעם, וואָס „אונדזער ליטעראַטור ...האַלט אין אַרומטאַנצן בלויז אַרום זיך זעלבסט, דאָס „קאַרוסעלעוועז" כסדר אויף איין פלאַך און מיט די זעלבע רייט־פערדלעך"... און „פּרואווט אַ שרייבער ביי אונדז אַרויס אויף דער וועלט, נעמען נייע טעמעס... מאַכט אַ יידישער שרייבער אַ פאַרזוך אַוועקצוגיין פון אונדזערע בעטלער און אַנטלויפן פון אונדזער אָרעם־בחורשאַפט — נעמט מען אים ביי אונדז ניט אויף, און אויב מען נעמט אויף — איז זייער קאַלט"... און ער גייט אַריבער צו ל. כאַנוקאָוון, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ בוך „די סובּ־מאַרין". דאַרף מען דאָס בוך באַגריסן שוין צוליב זיין טעמע אַליין. עס איז אַ ניי בוך. אַ פריש בוך. מיט אַ נייעם צוגאַנג. עס איז ניט קיין נייע ערא אין דער יידישער ליטעראַטור... נאָר עס איז אַ גוט בוך (און אַזעלכע דאַרפן מיר אויך האָבן)... האָב איך געלייענט אַ דריי־פיר קריטיקערס וועגן דעם בוך. האָט מען דאָס בוך אויפגענומען מיט אַ שמייכעלע (און אַפילו מיט חוזק) סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס... איז מען צוגעגאַנגען צום בוך ווי צו אַ מיליע־ווערק... ווי צו אַ ראָמאַן מיט קליינשטעטלדיקע העלדן, וועמענס לשון מיר קענען שוין אויסנווייניק פון מענדעלע ביז בערגעלסאָן"....

דער לעבעדיקער שטעלט זיך אָפּ אויספירלעך אויף דער אַנדערשקייט פון דער סביבה, אַטמאָספער און כאַראַקטער פון בוך. „עס איז אַ מלחמה־בוך. און צו מלחמה־ביכער גייט מען צו אַנדערש ווי צו געוויינלעכע ביכער"... און ער פירט לסוף אויס: „סובמאַרין" מאַכט אָן איינדרוק, מען דערפילט דאָס שרעק... דעם פּאַרפאַסער איז געלונגען צו שטעלן אונדז פנים אל פנים מיטן טויט... און ווייזן אַלע צאַפּלענישן פון מענטש־חיה... „סובמאַרין" טרייסלט דעם לייענער אויף און דאָס איז איינע פון זיינע גרעסטע מעלות.... עס איז אַ רעוואָלוציאָנער בוך אויפן בעלע־טריסטישן פעלד. און וויפל ביכער האָבן מיר אַזעלכע?..."

עס האָבן געשריבן לענגערע אָפּהאַנדלונגען נאָך און נאָך פאַרשיי־דענע שרייבער אין דער פרעסע פון פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, פוילן...

ווען כ׳האָב באַקומען, אין 1932, גענוי מיט 30 יאָר צוריק, דאָס בוך אין וואַרשע, האָב איך עס באַגעגנט מיט אַ ברייטן, פריידיקן „ברוך הבא״. איך האָב גלייך פּאַרעפנטלעכט אין וואַרשעווער „היינט״ אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „פון דער קליאַטשע ביז סובמאַרין״, וואו געצויגן פּאַראַלעלן צווישן מענדעלעס ווערק, וואָס איז דערשינען אין 1873, מיט 60 יאָר צוריק, און ל. כאַנוקאָווס בוך, און איך האָב געשריבן: „...ווען איך האָב געלייענט דאָס בוך פון ל. כאַנוקאָוו און זיך אַריינגעלעבט אין דער נייער סביבה, וואָס ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט, אין די שילדערונגען, וואָס ווערן דאָ געגעבן און אין דעם שטאַף, וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט, איז מיר אַרויף אויפן געדאַנק — ס׳אַר אַ וויטן מהלך מיר זיינען אָוועק מיט אונדזער יידיש לעבן און מיט אונדזער יידישער ליטעראַטור, די באַגלייטערין פונעם יידישן לעבן, פאַר די עטלעכע צענדליק יאָר״. און אַזאַ פאַרגלייך האָב איך געגעבן אין אַרטיקל: „אַזוי ווי מענדעלע האָט גענומען די קליאַטשע ווי אַ שטיק סימבאָל פאַר דעם יידישן לעבן אין יענע יאָרן, און דורך דער קליאַטשע האָט ער אַרויסגעבראַכט די טענות און תרעומות צו דער וועלט פאַר דעם אומרעכט, וואָס מ׳באַגייט לגבי דעם יידישן פאָלק, — אַזוי אויך איז די סובמאַרין ביי כאַנוקאָוון בלויז אַ טפל און דער עיקר איז ביי אים דער מוסר־השכל, די באַטאָנונג, אַז די היינטיקע אָרדענונג איז אַ שלעכטע, אַן אומגערעכטע, ווען מענטשן פון דער סובמאַרין ווערן געשיקט קעגן זייער ווילן אין אַ געפערלעכער ים־רייזע, אין וועלכער זיי קומען אום אין די שוידערלעכסטע אומשטענדן״...

ברייטער האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין אַ צווייטער אָפּהאַנדלונג, אין די „ליטעראַרישע בלעטער״: „אַ יידיש בוך מיט אַזאַ ניט־יידישן נאָמען און מיט אַזאַ ניט־יידישן שטאָף! אַ יידיש ווערק, וואָס זיין הויפּט־העלד אין אַן אונטערוואַסער־שיף, וועלכע לעבט אויף פאַר אונדז אין איר גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ, מיט איר גאַנצן וואָכעדיקן און יום־טובדיקן לעבן, מיט אַלע אירע גלידער און איינריכטונגען. צוזאַמען מיט דער סובמאַרין קומען אויף פאַר אונדז די מאַרינער, אָט די וואוילע יונגען, מיט זייער ספּעציעלן אויסטערלישן לעבנס־שטייגער, מיט דער ספּעציפישער מאַרינאַרישער זאַרגלאָזיקייט, מיט זייערע אייגענע אינטערעסן און קוק אויפן לעבן. וועגן דעם אַלעם דערציילט ל. כאַנוקאָוו

ברייט און מיט ליבע. דערציילט ווי אַן אייגענער מענטש, וועלכער איז גוט באַהאַוונט מיט אַט דעם מאַרינער־לעבן". און איך פּאַרענדיק, אַז „אין דער יידישער ליטעראַטור איז דאָס ווערק גאָר אַ נייע, דאָס ערשטע אין דעם מין"....

נאָך און נאָך אינטערעסאַנטע אַרויסזאָגונגען זיינען געווען וועגן דעם דאָזיקן בוך, אָבער מיר קאָנען, ליידער, ניט ברענגען מער קיין אויסצוגן.

ס'איז גענוג צו זאָגן, אַז דאָס בוך איז איבערגעזעצט געוואָרן, אין זיין צייט, אין רוסיש און דערשינען אין מאָסקווע אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן, און אין 1961 איז עס דערשינען אין אַן ענגלישער איבער־זעצונג אין ניו־יאָרק.

4

נאָך זיין „סובמארין" האָט ל. כאַנוקאָוו פּאַרגעזעצט צו שרייבן. ער האָט פּאַרעפנטלעכט פיל דערציילונגען, קלענערע און גרעסערע, ווי אויך געשריבן אַרטיקלען, עסייען און אָפּהאַנדלונגען אין פאַרשיידענע צייטונ־גען, צייטשריפטן און אַפּט, צוליב „געוויסע" סיבות, אונטער פאַרשיידענע נעמען: דוד קאָך, א. נעוועלסקי, ל. שניאורסאָן א. אַנד. גלייכצייטיק האָט ער זיך גענומען מיט פלייס און פאַראינטערעסירונג צו שניצן פון האָלץ און צו קלעפּן פון ליים. ער איז געווען שטאַרק פאַרכאַפּט פון אַט דעם נייעם קינסטלערישן עקספּערימענט. ער איז געווען איבערגליקלעך פון זיינע דערגרייכונגען אויף אַט דעם געביט, און מיט קינדערשער פרייד און צעהעלטע אויגן און מיט שטאָלץ זיך געטיילט מיט פריינט און גערן געוויזן זיינע זייער אָריגינעלע האָלץ־פיגורן. און אין סאַמע מיטן פון זיין קולטור־שעפערישן לעבן, און אין העכסטן מאָמענט פון זיין וואקסן, שטייגן און רייף ווערן ווי אַ קינסטלער פון וואָרט און פון האָלץ, — איז ער קראַנק געוואָרן און איבער צוויי יאָר זיך שווער געראַנגלט צווישן לעבן און טויט, אויסגעשטאַנען אייניקע ערנסטע אָפּעראַציעס, און לסוף איז זיין שעפעריש־פּראָדוקטיוו לעבן פּריצייטיק און אומברחמנותדיק איבערגעריסן געוואָרן.

ל. כאַנוקאָוו האָט געשריבן איבער 40 יאָר. אַ פּאָר יאָר פאַר 1916 האָט ער געשריבן רוסיש. ער האָט געקאָנט שרייבן, געוואָלט שרייבן און

געשריבן אַנדערש, ווי ס'האָבן געשריבן אַנדערע, אַלע, און דער עיקר — געוואוסט וואָס און ווי צו שרייבן. און אויב פאַר פיר צענדליק יאָר האָט ער באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן בלויז פיר ביכער, איז זיכער אין דעם שולדיק דער ביטערער גורל פונעם יידישן שרייבער און דער אומ־נאָרמאַלער צושטאַנד פונעם יידישן פאַרלאַגס־וועזן, ווען אַ מחבר גופא איז געצוואונגען זיין אַליין דער אַרויסגעבער פון זיינע ווערק. ל. כאַנוקאָוו האָט פיל יאָרן שווער געאַרבעט אין שעפּער, שפּעטער גענומען קנעלן אין יידישע שולן. חוץ דעם האָט די צעריסנקייט אין דער היגער יידישער קולטור־וועלט אָפּט געשטערט אים צו פאַרעפנטלעכן דערציילונגען און אַרטיקלען אין פריינטלעכע זשורנאַלן און זאַמלונגען. די לעצטע יאָרן, ווי גיזאָגט, האָט ער פאַרביטן די פּען אויף דער דלאָטע. ער האָט קיינמאָל ניט גערוט, פיל געליינט און שטענדיק געווען פאַרכאַפּט, פאַרגאַפט, באַגייסטערט פון אַ גוט בוך פון דער וועלט־ליטעראַטור און אויך פון אייגענעם דראַנג צו שרייבן, צו שאַפן. און אַלע מאָל איז געווען אַ גרויס נחת־רוח אים צו טרעפן, ער האָט פריידיק, האַרציק־הילכיק געלאַכט, און ניט זעלטן האָט ער פאַרבאַהאַלטן פאַר אַנדערע, אַפילו פאַר זיינע נאָענטע פריינט, ווייען, זאָרגן, אומגליקן, וואָס האָבן ניט געפעלט אין זיין אָפטמאָל גאַנץ שווערן לעבן.

שפּירנדיק, אַז זיינע חדשים, וואָכן, טעג זיינען געציילטע, האָט ל. כאַנוקאָוו אייפעריק און איילים צוגעגרייט אַ באַנד דערציילונגען. האָט זיך אים זייער געוואָלט דערלעבן זען עס אָפּגעדרוקט. ס'איז אָבער ליידער דערשינען שוין נאָך זיין טויט. ער האָט נאָך באַוויזן צו לייענען, ביי די מוראַדיקסטע ווייטיקן און ביים איינגעמען שאַרפע רפואות און איינשפּריצונגען, די לעצטע קאָרעקטור. עס איז געווען אַ פּיין צוצוזען, ווי ער האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך־המות, וועלכער האָט זיך פאַרנומען אויף אים מיט אַלע כוחות...

ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט מענטשן, און מענטשן האָבן אים ליב געהאַט. און ווי אין זיין לעבן, אַזוי אויך אין זיין שרייבן איז ער געווען אַ גוטמוטיקער, וואַרעמער, האַרציקער. ער האָט אָט די האַרציקייט אַרויסבאַוויזן ביים אַרויסברענגען געשטאַלטן, ביי צונויפ־פירן סיטואַציעס און ביים שילדערן קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן. ער איז געווען צופרידן, ווען זיינע מענטשן איז געווען גוט, גרינג און

פריידיק. און ווען עס האָט פּאַסירט מיט זיי שלעכטס, אָדער זיי גופא זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין שלעכטע טאַטן, האָט ער געליטן, האָט עס אים ווי געטאָן. ער איז גאָרניט אַזוי געווען צופרידן, ווען זיינע מענטשן זיינען באַגאַנגען עוולות, אומרעכטן. און דאָס האָט ער באַטאָנט אין זיינע פאַרשיידנאַרטיקע ווערק.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז ל. כאַנוקאָוו, ווי אַ מענטש, וואָס האָט געאַרבעט פיל אויף זיך, האָט זיך אין זיין שרייבן אין לויף פון יאָרן שטאַרק געענדערט, געענדערט צום בעסערן, צום גוטן. ער איז געווען אַמאָל, אין זיין שרייבן, אַ שטאַרקער מאַריך, זייער באַרעדעוודיק. דאָס זעען מיר שוין ווייניקער, זעלטענער אין זיינע שפּעטערע ווערק. ער איז געווען און געבליבן אַ שרייבער מיט אַ מיין, מיט אַ כוונה. אַ באַוואוסט־זיניקער שרייבער מיט אַ גאַר גרויסע דאָזע פון אינטעליגענץ, פון אינ־טעלעקט. „די קונסט — זאָגט ער אין זיינער אַ דערציילונג „די לעצטע גרענעץ" — האָט גוואַלדיקע פונקציעס אַדורכצופירן אין לעבן". און אַט די פונקציעס האָט ער אַלעמאַל באַוואוסטזיניק אַדורכגעפירט אַליין, און אויך פאַרלאַנגט עס פון אַנדערע שרייבער, ווי מיר זעען עס פון זיינע אַרטיקלען אין באַנד „ליטעראַרישע עסייען" (ניו־יאָרק, איקוף־פאַרלאַג 1960, 334 ז"ז).

.5

נאָכן פריצייטיקן טויט פון ל. כאַנוקאָוו (דעם 25סטן סעפּטעמבער 1958), איז דערשינען אינעם איקוף־פאַרלאַג זיינער אַ באַנד דערציילונגען „אין קלעם פון צייט", וואָס דער שרייבער גופא, ווי געזאָגט, האָט שוין אויפן טויטן־בעט, זאָרגפעליק צוגעגרייט צום דרוק.

דער באַוואוסטער יידישער דערציילער־עסייאיסט מ. גיציס, אַ חבר און פריינט פון ל. כאַנוקאָוו, האָט אין פאָרם פון „אַ בריוו צו אַ קאָלעגע", פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור" (נ' 1, 1959) אַן אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונג, וואו ער האָט זיך באַמיט זיך צו דערקלייבן צו די יסודות און מהות פון ל. כאַנוקאָווס שרייבן. מ. גיציס זאָגט: „...וואָס לאָזט ער אונדז הערן אין זיין בוך?... כאַנוקאָוו קאָן און ווייסט ווי אַזוי צו דער־ציילן. ער נעמט דיך מיט צו אַ סך ווינקלען פון אונדזער קאַליידאָסקאָפּיש

לעבן, און דו זעסט זיי, די מענטשן זיינע, מיט זייערע ליידן (ווייניק פריידן) און פראָבלעמען" (ז' 49).

און איבערגעבנדיק דעם אינהאַלט פון אַ צאָל דערציילונגען אין בוך און באַהאַנדלענדיק זיי אויספירלעך, זאָגט מ. גיציס: „מיר לייענען איבער דאָס בוך און מיר מוזן זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם שרייבער ל. כאַנוקאָוו, וואָס האָט אונדז חוץ דעם דאָזיקן בוך געגעבן נאָך פיר ביכער: „שווערע הימלען" (1923), „אין פרומע שעהן" (1925), „דער מענטש" (1929) און „סובמארין" (1932), וואָס איז איבערזעצט געוואָרן אין רוסיש... פון די אַלע דערציילונגען און פון די פריערדיקע ביכער זעען מיר ל. כאַנוקאָוו אין דער שעפערישער ספערע פון פשוטע ליידנ־דיקע מענטשן. ל. כאַנוקאָוו איז אַ שרייבער אַ הומאַניסט. אים אַרט זייער אָרעמקייט. ער פרובירט צו שילדערן עס; דאָ און דאָרט געלינגט אים צו פסיכאָאַנאַליזירן זיי. פאַרשטיין זיי, זייערע מענטש־לעכע שוואַכקייטן, זייערע מענטשלעכע געפאַלנקייט אַפילו — ער, דער שרייבער אָבער גיט ניט קיין רעצעפּטן. ער איז דער שרייבער מיט ווייכע שטריכן, און דאָס געשריבענע קומט מער פון די באַטראַכטונגען, וואָס קומען פון קאָפּ. וואָרן די מערהייט פון די פאַבולעס, פון די בעסערע דערציי־לונגען זיינען ניט גענומען פון לעבן, נאָר פון זיין קינסטלערישע אינ־טואיציע און פאַנטאַזיע" (ז' 55).

מ. גיציס ברענגט אין זיין אַרטיקל „אַ געוויסן אויסדרוק" פון דעם קריטיקער ב. ריווקין, ווען יענער האָט מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק געשריבן וועגן זיינעם אַ בוך דערציילונגען: „מ. גיציס קומט פון קאַפּלאַנד — אַ מדינה אַזאַ, וואו די שרייבער גייען מיטן קאָפּ פאָראויס. זיי האָבן אויגן, זיי האָבן הענט, און האָבן אַ פען אין דער רעכטער צי אין דער לינקער האַנט, אָבער דער קאָפּ גייט פאָראויס די אויגן, דאָס האַרץ, דער פען. עס איז גאָרניט קיין שלעכטע אָפּשטאַמונג. קאַפּלאַנד איז זייער אַ חשובע מדינה און מ'מעג זיך יחוסן מיט איר..." (ז' 55).

און מ. גיציס זעצט פאָר: „יאָ, אויך ל. כאַנוקאָוו, לויט די פאַבולעס און זיינע דערציילונגען און איבערהויפּט פון זיין נאָוועלע „סובמארין", איז אַ שרייבער, וואָס קומט פון קאַפּלאַנד..." און „וואָס עס וואַרפט זיך אָבער אין די אויגן אין דעם דאָזיקן באַנד דערציילונגען, איז דער לייט־מאָטיוו: יידישע, ספעציפיש־יידישע פּראָבלעמאַטיק. אין די דערציילונגען

האָט ל. כאַנוקאָוו געגעבן אונדז בילדער וועגן יידישן קאַמף, יידישן שטאָלץ, יידישן העראָאיזם, יידישער טאָלעראַנץ און יידישן זעלבסט־באַוואוסטזיין... כאַנוקאָוו איז אַ גוטער דערציילער און ער קאָן די קונסט פון דערציילן. און ער דערציילט קורץ און שאַרף. אַפילו די דעבאַטעס, מיט וועלכע זיינע פאַרשוינגען זיינען פאַרבונדן, זיינען ניט צו לאַנג און זיי פירן שטענדיק צום אויספיר, וואָס די דערציילונג האָט געפאָדערט״. (ז׳ 55).

מ. גיציס שרייבט אין זיין האַרציקן כאַנוקאָוו־אַרטיקל: „עס געדענקט זיך מיר אַ זומער־טאָג, מיט אַ 17 יאָר צוריק [אַרום 1946]. מיר, איך און כאַנוקאָוו, האָבן שפּאַצירט אין ניו־יאָרקביים האַדסאָן, אונטער די שאָטנס פון הימלקראַצערס, ניט ווייט פון זיין היים — ריווערסאַיד דראַיוו. ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. דערציילט מיר וועגן זיין קינדהייט אין אַ דאָרף, ערגעץ אין פסקאָווער גובערניע. דער פאָטער — אַ סוחר. ביז דער עלטער פון צען אָדער צוועלף יאָר געלערנט אין חדר און אין דער רוסישער עלעמענטאַר־שול. דערנאָך, אין אָדעס שוין, איז ער אַוועק אויף דעם דערנער־וועג פון אַן עקסטערן — דאָס מיינט, אַזעלכער, וואָס צוליב דער קוואָטע האָט ער ניט געקאָנט אָנגענומען ווערן אין גימנאַזיע. אין יאָר 1913 איז ער צוגענומען געוואָרן אַלס סאָלדאַט אין דער רוסישער אַרמיי. ער איז אָבער אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, באַזעצט זיך אין פילאַדעלפיע, געאַרבעט אין שעפּער, פאַבריקן און שיפּבוי און אָנגעהויבן שרייבן...״ מ. גיציס ברענגט אויסצוגן פון ל. כאַנוקאָווס אַ בריוו פון מאַי 1947, וואו ער טיילט אים מיט: „איך שרייב צוביסלעך, אָבער מער צייט גיב איך אַוועק סקולפּטור. ס׳איז אַ פאַרגעניגן צו האַקן און קלעפּן. פון אַ שטיק האָלץ ווערט אַ פיגור, פון ליים — אַ לעבעדיקע אידייע. מ׳פילט זיך ווי אַ שטיק „שעפּער״...״ און ווייטער אין בריוו שרייבט כאַנוקאָוו: „...אַ שרעק אין האַרצן נאָגט די גאַנצע צייט: ווער דאַרף אונדזערע ביכער? ווער וועט זיי לייענען? ס׳איז אַ שרעק און ציניזם — אינאיינעם. און אַזוי מאַטערן מיר זיך מיט דער שרעק (און מיטן ביסל ציניזם) און האַלטן די מאַנוסקריפּטן פאַררוקט אין טיש־קעסטלעך!״... און ווייטער אַ ביסל: „איך קלויב זיך אַרויסצוגעבן מיין ערשטן ראָמאַן פון אַ טרילאָגיע. ‚אַמעריקע׳. כ׳האָב שוין פאַר אים אַפילו אַ נאָמען „קריזיס״, מסתמא וועט עס פאַר מיר טאָן דער ‚איקוף׳...״

און מ. גיציס גיט צו צום סוף פון זיין אַרטיקל: „נו, מיט עלף יאָר שפּעטער איז געקומען די צייט, און ל. כאַנוקאָװ האָט מיט די לעצטע פאַרבליבענע אין אים כוחות צוגעגרייט אַ בוך דערציילונגען. דאָס בוך האָט זיך געזעצט און אָנגעהויבן צו לעבן, און ער, כאַנוקאָװ אַליין, האָט געצאַנקט... און עס קלינגט נאָך אין מיין האַרץ אַ פראַגע פון נחמן מייזילס אַ בריוו צו מיר: „...מיר איילן זיך... ער זאָל כאָטש דערלעבן צו זען זיין לעצטן בוך...״ און מ׳האָט זיך געאיילט — אַ טאָג נאָך אַ טאָג... בלויז נאָך איין טאָג... און ל. כאַנוקאָװ האָט דעם דאָזיקן טאָג ניט דערלעבט און דעם לעצטן בוך זיינעם ניט דערזען. ער איז אַוועק, ווי איבערלאָזנדיק אַ טעמע פאַר אַ דערציילונג, וועלכע דאַרף ערשט אָנגעשריבן ווערן...״

.6

עד כאן מ. גיציס וועגן ל. כאַנוקאָװס „אין קלעם פון צייט״ (דער־ציילונגען), וואָס איז דערשינען אינעם ניו־יאָרקער „איקוף־פאַרלאַג״, 1958, 315 ז״ז. די דערציילונגען זיינען געטיילט לויט זייער אינהאַלט אין 3 סעריעס: „פון יענע טעג״, „ליבע און טויט״, „אין קלעם פון צייט״.

מיט אַ קנאַפּע צוויי יאָר שפּעטער, אין 1960, איז דערשינען אינעם „איקוף־פאַרלאַג״ ל. כאַנוקאָװס אַ בוך „ליטעראַרישע עסייען״ (333 זייטן), מיט צענדליקער אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, רעצענזיעס וועגן עלטערע און יינגערע שרייבער, יידישע און ניט־יידישע, ווי אויך זיינען אַריין זיבן אָפּהאַנדלונגען, עסייען אונטער די נעמען: „קאָסמאָס און קונסט״, „רעאַליזם און קונסט״, „דאָס פּראָבלעם פון שעפערישקייט״, „ליטעראַ־רישע פאַרצייכענישן״, „און וואָס ווייטער?״, „וועגן קינסטלערישער שע־פערישקייט״, „וועגן קריטיק און קריטיק״. די אַלע אויפגעזאַמלטע אַר־טיקלען, אויסגעקליבענע פון אַ גרעסערער צאָל אַרבעטן, זיינען פון וויכ־טיקן קולטור־ליטעראַרישן און קינסטלעריש־שאַפערישן ווערט. זיי זיינען אַלע געשריבן מיט טיפער קענטעניש און באַהאַוונטקייט און זיינען אויך וועג־און־קען צייכנס סיי פון ל. כאַנוקאָװן גופא און סיי פון דער וואָקסנ־דיקער יידישער ליטעראַטור פאַר די לעצטע צוויי־דריי צענדליקער יאָרן. און ווידער אַמאָל — זיי זיינען געשריבן מיט ליבשאַפט צו די באַהאַנדלטע

ווערק און זייערע מחברים. זיי באַווייזן ל. כאַנוקאָווס צוגעבונדנקייט צום יידישן שאַפן, דעם פריערדיקן און איצטיקן.

ל. כאַנוקאָוו האָט זיך אַלעמאָל ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט פּראָבלעמען פון שאַפן. ער האָט אין זיינע פאַרשיידענע אָפּהאַנדלונגען, געשריבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן, ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל זיך פאַרנומען מיט פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט און מיטן פּראָצעס פון שאַפן. אָט די אָפּהאַנדלונגען ווייזן, ווי ער האָט זיך געמאַטערט און זיך באַמיט אויפ־צוקלערן זיך גופא דעם גאַנג און די וועגן פון שאַפן, פון מייסטערשאַפט.

אין אַן אַרטיקל „רעאַליזם און קונסט" רעדט ער וועגן דער וועלט, וואָס „איז פול מיט אומדערשעפּלעכע קוואַלן פון גליק און וואונדער. אונטן, אונטערן באָדן פון אונדזערע פיס, און אויבן, איבער אונדזערע קעפּ, ליגן אין מוראדיקער אומאָרדענונג, און פון גאָט פאַרגעסענער כאַאָטישקייט, שיכטן פון פיזישער און גייסטיקער עשירות. מען דאַרף נאָר קומען און פון דער כאַאָטישקייט פאַרמירן אָרדענונג..." און דער מענטש, ווי אַ טייל פון דער וועלט, לויט ל. כאַנוקאָוון, „שטייט נאָך ביים סאַמע אָנהייב פון דער אויספירונג פון זיין שליחות... אין אים ראַנגלען זיך נאָך בלינדע כוחות, ווי אין דער נאַטור"... און דער מענטש גופא און זיין אָרט אין דער וועלט איז אַן ענין פון טיפן אינטערעס און עס פאָדערט זיך פונעם קינסטלער אַרויסצואַנטפּלעקן די ליכטיקע און טונ־קעלע מאָמענטן און עלעמענטן אין זיין לעבן, אין זיין פילן און דענקען. און גרויס זיינען די אויפגאַבן פונעם קינסטלער, וואָס באַדאַרף פונעם גאַנצן אַרומיקן תוהו ובוהו, פון די אויסערלעכע און אינערלעכע געראַנג־לעגישן און קאָנפליקטן אַרויסברענגען קלאָרקייט, אויפקלערן און באַ־לויכטן די אַלע פאַרבאָרגענע ווינקלען פון מענטש און וועלט. דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט ל. כאַנוקאָוו געשריבן נאָך אין 1929. ער פירט אונדז אַריין אין דער שאַפונגס־לאַבאָראַטאָריע און צו דער גייסטיקער וועלט פונעם קינסטלער גופא.

און מיט צען יאָר שפּעטער, אין 1939, אין אַן אָפּהאַנדלונג „דאָס פּראָבלעם פון שעפערישקייט" (אַן ענטפער אויף מיינעם אַן אַרטיקל „הויפּט־פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור", „יידישע קולטור", ז' 2, 1938) רוקט ל. כאַנוקאָוו אַרויס וויכטיקע האַרבע פּראָבלע־מען, וואָס שטייען פאַר דעם יידישן שרייבער. מיר זעען, אַז ל. כאַנוקאָוו

איז ניט פון די לייכטע שרייבער, וואָס שרייבן־שאַפן איז ביי זיי געווען אַ פשוטער ענין, פון זען, באַווירקט ווערן און גלייך אַרויסברענגען עס אין שילדערונגען. אדרבא, ער רוקט אַרויס וואָס־מער אויפגאַבן און באַטאָנט די אַלע שוועריקייטן. ער באַקלאָגט זיך, אַז „אין קיין ליטעראַטור איז אַזוי ווייניק ניט גערעדט געוואָרן וועגן דעם אינערלעכן פּראָצעס פון שאַפן, ווי ביי אונדז יידן. אין קיין ליטעראַטור ווערט אַזוי ניט פאַרזען דער אינדיווידועלער קינסטלער ווי ביי אונדז...“ און מסתמא פון אייגענער דערפאַרונג, זאָגט ער. „...ווי נאָר עס באַוויזט זיך צווישן אונדז אַ נייער טאַלאַנט, דערפילט ער זיך גיך עלנט, אָן אַ פריינטלעכער האַנט; ער דערפילט זיך איינער אַליין אין אַן אומגלייכן קאַמף מיט אַ גלייכגילטיקער ווירקלעכקייט, ער דערפילט זיך אָפּגענאַרט אין זיינע האָפענונגען, אין זיינע אַמביציעס...“ („ליטעראַרישע עסייען“, ז״ז 298—299).

ער באַשולדיקט די יידישע שרייבער, און טיילוויז אפשר אויך זיך, אַז „מיר האָבן אויפגעהערט צו לערנען און צו אַרבעטן אויף זיך“. אָבער גראָד ער, כאַנוקאָוו, האָט פיל געלערנט און געאַרבעט אויף זיך און ער איז ניט מיד געוואָרן צו עקספּערימענטירן אין זיין שאַפן. ער איז געווען געטריי דעם אָנזאָג פון א. פּ. טשעכאָוון, אַז „מ׳דאַרף אַרבעטן, שווער אַרבעטן“, — און ער האָט טאַקע שווער געאַרבעט, ניט געלאָזט זיך גיין אויפן וועג פון לייכטן ווידערשטאַנד.

און וואָס נאָך? דער שרייבער — האַלט ל. כאַנוקאָוו — מוז זיין ענג פאַרבונדן מיט די פאָלקס־מאַסן, זיך אינטערעסירן מיט די לעבנס־פּראָבלעמען און שעפּן פרייד און מוט פון די שאַפערישע כוחות אינעם פאָלק. און ער זאָגט טאַקע, אַז „דער שרייבער וועט קאָנען וואַקסן און אַנטוויקלען זיך נאָר ווען ער וועט אין זיך טראָגן דעם גלויבן אין די מאַסן, די ליבע פאַר די מאַסן, און, אין דער זעלביקער צייט, גלייבן אין זיין אייגענער שליחות, וואָס שטעלט אים אַרויס ווי אַ סימבאָל פון די קאָלעקטיווע אחריות און אַספּיראַציעס, וועלכע לעבן אין די טיפעניש פונעם פאָלקס־לעבן.“ (ז״ז 303—304).

די אַלע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען זיינען ווי אַ שליסל צו ל. כאַנוקאָוון דעם שרייבער, וואָס איז שטענדיק געווען באַוואוסטזיניק און צילאָנגעווענדט אין זיין שאַפן.

און ניט נאָר האָט זיך ל. כאַנוקאָוו פאַרנומען מיט אַלגעמיינע

שאַפונגס־פּראָבלעמען, אים האָט אויך באַזונדערס און ספּעציעל אינטערע־סירט זיין אייגענער אופן און שטייגער פון שרייבן. ער האָט צווישן זיינע „ליטעראַרישע פאַרצייכענישן" אינטערעסאַנטע נאָטיצן וועגן זיין אייגע־נעם „מעטאָד פון שרייבן". ער הייבט אָן מיט די ווערטער: „שרייבן און פילן אין זיך דערביי דעם כוח בייצוקומען די שוועריקייטן פון וואָרט, פון סטיל, פון אויסדויער — דאָס איז געווען און איז נאָך איצט דער גורל מיינערביים שרייב־טיש. אַ שטענדיקע ראַנגלעניש אַזאַ. אַזאַ ביטערע ראַנגלעניש פאַר אויסדרוק, פאַר אָטעם און פאַר לעבן..." „איך האָב אַלעמאָל געוואָלט געפינען זיך אין מיינע ווערק — אין די קליינע און אין די גרויסע".

און אָט גיט אַ זאָג ל. כאַנוקאָוו אַ וואָרט, און מיר קאָנען עס אָננעמען ווי אַן עיקר־שטריך אין זיין שרייבן. „...די רעאַליטעט פון דער מענטש־לעכער פערזענלעכקייט ליגט טיף אינעם מענטשן, און נאָר גרויסע, אויפ־טרייסלענדיקע געשעענישן קאָנען זי ברענגען צום לעבן. דער שרייבער שטרענגט זיך דעריבער אָן אַוועקצושטעלן זיינע העלדן פאַר אַזעלכע געשעענישן, וואו זיין העלד זאָל געזען ווערן אין אַלע זיינע אַספּעקטן. ער שטעלט אים אַוועק פאַר אַזעלכע „פּרואוון", דורך וועלכע ער ברענגט אַרויס דאָס פאַרהוילענע, דאָס אילוזאָרישע, צו וואָס אַ מענטש שטרעבט אַ גאַנץ לעבן, — דאָס איז דער כוח, וואָס טרייבט אַ מענטשן צו טאָטן. ניט דאָס ווירקלעכע, נאָר דווקא דאָס אילוזאָרישע, וואָס איז איבערן ווירקלעכן. און דער שרייבער באַזיצט דאָס אילוזאָרישע אין זיך און געפינט עס ביי זיינע העלדן (אָדער דאַרף עס געפינען ביי זיינע העלדן), אַז ניט איז ער ניט קיין שאַפער" (ז' 310).

און ווען ל. כאַנוקאָוו האָט ניט געפונען עס אינעם אַרומיקן לעבן, האָט ער עס אַרויסגערוקט און באַטאָנט דורך די פּראָבלעמען, שוועריקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן קינסטלערישן פאַרמעסט. אָט דערציילט ער, ווי נאָר „ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן דעם בכבודיקן מאַנטל פון אַ קריטיקער" און עס זיינען אים „מיט איין מאָל פון אַלע זייטן באַפאַלן ממש בערג מיט אומ־דערוואַרטעטע פּראָבלעמען. אַזאַ אָנגעלאָף פון שעפעריש־קינסטלערישע פּראָבלעמען! אַזאַ אָנשטויס פון אינדיווידועלע און סאָציאַלע קאָנפליקטן, פון פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס, צו וועלכע עס זיינען נאָך אויך צוגעקומען

פּערזענלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, אַנהענגערשאַפטן און אַנגע־העריקייטן, — אַ באַרג אויף אַ באַרג — ביז כאַאָטישקייט!"

און אָפטמאָל איז ביי ל. כאַנוקאָוון ניטאָ קיין טיפער אונטערשייד צווישן אַ שילדערונג, אַ דערציילונג אָדער אַ ליטעראַרישער עסיי. אין איינער אַ דערציילונג „נאַכט" (אין בוך „אין קלעם פון צייט") זאָגט ער: „די קונסט איז באַרופן צו אַנטפּלעקן און קלאָר (צו) מאַכן, עפענען האַרי־זאָנטן צום מענטשלעכן גליק". עס איז אַ קינסטלערישער „אני מאמין", וואָס ר'ייסט זיך אַרויס פון אַ דערציילונג. און אין אָט דער דערציילונג פאַר־פירט ל. כאַנוקאָוו אַ וויכוח מיט אַ קינסטלער־מאָלער, וואָס אַנטלויפט פון קלאָרקייט און ווען עס איז ליבערשט צו מאָלן כאַאָס. און כאַנוקאָוו באַשולדיקט אים, פאַרוואָס ער „וויל ניט אָננעמען דעם אמת פונעם לעבן", פאַרוואָס עס איז אים מער ניחא צו פאַרבלייבן אין נעץ פון ספקות. ער זעט אין זיין שאַפן „אַ ווידערשפּרוך צווישן דעם אמתן לעבן און זיין קונסט"... „אַזאַ קונסט איז פאַלש און דערפאַר — דעסטרוקטיוו..."

איינע פון זיינע דערציילונגען „דער לעצטער סך־הכל" און זיין בוך „אין קלעם פון צייט" האָט כאַנוקאָוו טיף־מענטשלעך געמאָלט אַן ערנסטן חולה אויף דער קראַנקהייט, פון וועלכער ער גופא האָט אַזוי מוראדיק געליטן און פון וועלכער ער איז אין גרויל־יסורים געשטאָרבן... אַ מין שילדערונג פון אייגענע לעצטע חדשים, וואָכן און טעג. — ווען מיר האָבן געלייענט די בלעטלעך פון דער דערציילונג, האָבן מיר פאַר זיך געהאַט דעם מחבר, וואָס האָט ווי פון פאַראויס, מיט יאָרן פריער, געשילדערט זיין שפּעטערדיקע אייגענע קראַנקהייט.

מיטן אַרויסגעבן דעם ראָמאַן „קריזיס" טוען מיר ניט נאָר אַ „חסד של אמת" צו אַ האַרציקן פריינט און קאָלעגע ל. כאַנוקאָוו, נאָר מיר דער־פילן אויך אַ חוב לגבי אים. ער גופא, בעת די לעצטע חדשים פון זיין שווערער קראַנקאַהייט, האָט ניט איין מאָל אויסגעדריקט דעם וואונטש און די האָפענונג, אַז אייניקע פון זיינע ווערק, געשריבענע אין די פריער־דיקע יאָרן, זאָלן געפינען זייער תיקון און זאָלן ווען עס איז דערשיינען.

אין אַן אַרטיקל האָט ער אַמאָל געשריבן מיט ווייטיק און מיט פאַר־

דרוס: „איך אַליין האָב די טעג דורכגעקוקט מיין שרייבערישן „איינ־וועגטאַר”, און מיר איז געוואָרן זייער טרויעריק אויפן האַרצן. עס ליגן ביי מיר דריי ראָמאַנען, וועלכע זיינען ממש „פאַרעלטערט” געוואָרן ליגנדיק אין אַ קאַסטן. אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן, אַז איך אַליין בין פון זיי פאַרפרעמדט געוואָרן. איך האָב זיי אַ בלעטער געטאָן איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, און אָוועקגעלייגט צוריק אין זייער „רו”. און איך האָב צו זיי אַפילו דערפילט אַ געוויסע שנאה...” און ווייטער זאָגט ער: „און איך האָב אַ טראַכט געטאָן — פאַר זיך און פאַר אַנדערע — ווען וועל איך עס קאָנען אָפּדרוקן? וואו וועל איך דאָס אַלץ קאָנען אָפּדרוקן? און נאָך מער: ווער דאַרף אָט דאָס אַלץ, צו אַלדי גוטע יאָר?”...” (ז' 315).

און אָט איז פולע 17 יאָר נאָך דעם, ווי די שורות זיינען געשריבן, ווערט איינער פון די ראָמאַנען איצט פאַרעפנטלעכט און וועט געפינען אַ וועג צו די יידישע לייענער אין אַלע טיילן פון דער וועלט, וואָס וועלן זיכער דאַנקבאַר זיין צו די, וואָס האָבן געמאַכט מעגלעך, אַז דער ראָמאַן זאָל ענדלעך געדרוקט ווערן.

און פריער פון אַלץ קומט דער דאַנק און די אָנערקענונג צו זיין פרוי פלאָרענס, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ לעבנס־אויפגאַבע צו באַפרייען די שופלאָדן פון ל. כאַנוקאָווס ווערק, און זי טוט אַלץ, אַז זיינע שאַפונגען זאָלן סוף־סוף דערזען די ליכטיקע שיין. אין 1958 איז מיט איר הילף און איניציאַטיוו דערשינען „אין קלעם פון צייט”, אין 1960 — „ליטעראַרישע עסייען” און איצט — דער ראָמאַן „קריזיס”.

נחמן מייזיל

ניו־יאָרק, יוני 1962

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

מאַטל טענדלער

1

ס'איז געווען דאָס יאָר 1918. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך ערשט געענדיקט. אוקראַינע איז געלעגן אונטערן ערשטן שניי אַ קראַנקע און אַן אויסגעמאַטערטע. דער שונא האָט אויסגעזויגן דאָס בלוט פון איר באַפעל־קערונג. די בעסטע זין אירע האָבן זיך ניט צוריקגעקערט פון די שלאַכט־פעלדער פון אייראָפּע. זייער געביין איז פאַרלוירנגעגאַנגען אויף פרעמדער ערד, און זייער לעבן איז געבליבן אין די געדעכעניש פון נאָענטע — ניט אויסגעקויפט, און זייער קרבן פאַרווישט. די פרעמדע מאַכט, וואָס האָט אין משך פון עטלעכע יאָר געוועלטיקט איבער דאָרף און שטאָט, האָט דאָס לאַנד איבערגעלאָזט נאַקעט און אָרעם. און נאַקעט און אָרעם איז געווען דער מענטש. אָרעם און הפקרדיק, ווי די פאַרוויסטע ערד, איז אויך געווען דער מענטש, וואָס איז אויף איר געבליבן לעבן.

פון דער העלער הויט זיינען אויסגעוואַקסן באַנדעס רויבער, האָבן געקרויינט איבער זיך בלוטדורשטיקע אַטאַמאַנען, האָבן באַפאַלן די פאַראָרעמטע באַפעלקערונג, ווי היישעריקן, און פאַרזייט צווישן מענטשן אומרו פאַרן היינט און פאַרן מאָרגן. דער מענטש איז געוואָרן אַ גנב און אַ מערדער. איין מענטש האָט אויפגעהערט צו געטרויען אַ צווייטן. איין פאָלק האָט גענומען טראָגן שנאה צו אַ צווייטן. שכן קעגן שכן איז אויפגעשטאַנען. און מענטשלעך בלוט איז געוואָרן אַלץ ביליקער. מענטשלעכע און געטלעכע געזעצן זיינען געטראָטן געוואָרן מיט די פיס פאַרן פנים פון מענטש און הימל.

און בלוט האָט געשריען פון דער ערד נאָך גערעכטיקייט. קיינער האָט אָבער דעם געשריי ניט פאַרנומען. ווי איבערגעשראָקענע, בלינד־

געוואָרענע חיות, האָבן זיך מענטשן געקלאַמערט אָנעם לעבן. ניט געוואָלט אונטערגיין. דערשראָקענע און אָפּגענאַרטע, האָבן זיך די מענטשן קוים אָנגעהאַלטן אָן די שטיקלעך צעשאָסענע האָפענונגען, געזוכט צו פאַרבינדן די צעריסענע פעדים, וואָס האָבן זיי באַדאַרפט פאַרבינדן מיטן נעכטן און מיטן מאָרגן, כדי צו ברענגען דאָס לעבן צוריק צו מענטשלעכער אָרדענונג.

און נאָך הפקרדיקער איז געווען יידיש לעבן. אַ בלוטיקע כוואַליע פון פּאָגראָמען איז געלאָפן פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן. שטאָט און דאָרף האָט געלעבט אין שטענדיקער מורא, אין אייביקן שרעק און אומזיכערקייט.

אָט אין יענער מוראדיקער צייט איז אויך איבערן קליינעם יידישן שטעטל נ. דורכגעלאָפן אַן אומרו. די שרעקעדיקע קלאַנגען פון פּאָגראָמירטע שטעט און שטעטלעך איבער גאַנץ אוקראַינע זיינען געפלויגן איבער אַלעמענס געמיטער, ווי שוואַרצע קראָען פון מהומה, און זיך צעטראָגן, ווי אַן אַנגסטיקער שרפה־רוף אין מיטן נאַכט, פון האַרץ צו האַרץ, פאַרזייט צווישן די יידן קערנער פון שרעק און אומזיכערקייט פאַר מאָרגנדיקן טאָג. פון אַלע שטעטלעך אַרום זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן בלוטיקער אויסראָטונג. די מערדער האָבן ניט געשוינט קיין קינדער, קיין פרויען און קיין אַלטע לייט. יידיש גוטס איז געראַבעוועט און געפּלינדערט געוואָרן, יידישע ווערדע איז באַליידיקט געוואָרן מיט מוראדיקער אַכזריות. פון פאַרוואָרפענע דערפער זיינען אָנגעקומען משפחות אין די שטעטלעך אַריין צו ראַטעווען די נשמה און דעם גוף, אָדער צו שטאַרבן צווישן יידן. אומעטום האָט געלויערט די סכנה.

איבערן שטעטל זיינען אַרומגעגאַנגען יידן מיט בלייכע, אויסגעצערטע פּנימער, מיט געפאַלענע געמיטער. מען האָט זיך געשראָקן פאַר אַן אומבאַקאַנטן מענטשן. מ'האָט זיך געשראָקן פאַר געזעמל פון פּויערים אין די מערק־טעג, מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין די נעכט אויף דער אייגענער גאַס און אַפילו אינעם אייגענעם הויף. קרעמער האָבן פאַרפרי געשלאָסן זייערע קראָמען און געזעסן אין די אָוונטן מיט זייערע משפחות אין די הייזער הינטער פאַרריגלטע טירן, הינטער באַלאַדנטע פענצטער. אַ גוטן, לאַנגיאָריקן שכן, ניט קיין יידן, האָט מען אויפגעהערט צו געטרויען, וויל ס'זיינען שוין אַרומגעגאַנגען פון מויל־צו־מויל אַלערליי שוידערלעכע געשיכטעס פון מענטשלעכן פאַרראַט און אכזריות.

און דער אומגליק האָט זיך דערנענטערט. נאָענטע שטעטלעך זיינען

שוין אויסגעגאַנגען אין בלוט און פייער. אויף וועגן און שליאַכן האָבן זיך שוין געוואַלגערט די געשענדעטע קערפּערס פון יידישע וואָגלער און פּליטים. יעדן טאָג און יעדע שעה האָט געקענט פון ערגעץ אָנקומען דער שונא און ברענגען מיט זיך אומגליק, צעשטערונג און טויט.

איין מאָל, אין אַ קאַלטן, ווינטערדיקן טאָג, האָט דער אומגליק טאַקע דערגרייכט אויך דאָס שטעטל נ. פינף און זעכציק רייטער פון דעניקינס באַנדע האָבן אַריינגעגאַלאָפּירט, ווי געטראָגן אויף אַ שטורעם־ווינט, און פאַרנומען דעם מאַרק־פּלאַץ. באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז די פיס, האָבן זיי אַ גאַנצן טאָג געבושעוועט אינעם אומבאַשיצטן שטעטל, האָבן אויסגערויבט די קראָמען, אויסגעשלאָגן שויבן, געמאַכט הויז־זוכונגען, און ערשט אין אָוונט צוזאַמענגעטריבן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין דער גרויסער שול און געצוואונגען אויסצאָלן דעם פירער גרויסע סומעס „קאָנטריבוציע".

אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען די באַנדיטן האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל, האָבן יידן אָנגעהויבן אויפצוקלייבן זייערע ערשטע קרבנות. מ'האָט געפונען אַ צענדליק טויטע און אַ גרויסע צאָל פאַרוואונדעטע, וועלכע מ'האָט צוזאַמענגעטראָגן אינעם קליינעם שטעטלשן שפּיטאָל און, צוליב מאַנגל אין בעטלעך, געלאָזן ליגן אויף דער ערד מיט זייערע פּיינען. יענעם טאָג האָט מען אויך דורכגעפירט די ערשטע מאַסן־קבורה אויפן בית־עולם, וואָס האָט נאָך קיינמאָל פריער ניט געהערט אַזוי פיל ביטערן געוויין און ניט געזען אַזוי פיל אבלים, פאַרזאַמלט אויף איין מאָל.

דערנאָך זיינען אַזעלכע באַנדעס אָנגעקומען אָפט. אַלערליי באַנדעס: פּעטליורעוועס, דעניקינצעס, וראַנגעלצעס און אַ סך אַזעלכע, וואָס מ'האָט אַפילו ניט געוואוסט, ווער זייער פירער איז געווען און פון וואַנען זיי זיינען אָנגעקומען. זיי פלעגן אַריינקומען, פאַגראַמירן, פאַרזאַמלען די יידן אין דער גרויסער שול און אויפמאָנען זייערע „קאָנטריבוציעס" אין געלט און אין סחורות. און אַז זיי פלעגן אַוועק, האָבן די יידן אויפגעקליבן זייערע קרבנות: די טויטע האָט מען באַגראָבן אין גרויסע ברודער־קברים און די פאַרוואונדעטע האָט מען געהיילט אין שפּיטאָל און אין די היימען. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ס'עקט זיך דאָס לעבן.

אין יענער צייט איז געקומען פון ערגעץ אַ וואָרט, ווי אַ ליכטיקער שטראַל אין דער פינצטערניש, וואָס האָט געבראַכט האָפענונג — די באָלשעוויקעס, „די רויטע". מ'האָט דערציילט, אַז זיי קומען אין די

שטעטלעך שלאָגן די באַנדעס. זיי קומען אָרגאַניזירן יידישע זעלבסט־שוץ, „דרוזשינעס“, טיילן אויס געווער און באַשיצן די באַפעלקערונג, ווי אייגענע ברידער.

און איין מאָל האָט זיך אין שטעטל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די „רויטע“ קומען אָן. מענטשן האָבן שוין געזען זייערע ערשטע פּאַטרולן אַריינקומען אין שטעטל. די צעטומלטע יידישע באַפעלקערונג האָט איצט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן — פרייען זיך, צי שרעקן זיך. אָבער, אַז מענטשן האָבן נאָכדעם די „רויטע“ אַרומגערינגלט אויפן מאַרק־פּלאַץ, האָבן געזען, אַז זיי לאָזן זיךריידן, האָט מען שוין געוואוסט, אַז זיי זיינען אַריינגעקומען ווי פריינט. צווישן זיי האָט מען אויך געזען יידישע יונגע־לייט, וואָס איבער זייערע פּלייצעס זיינען געווען אַריבערגעוואָרפן ביקסן און וואָס זיינען געווען אַרומגעגאַרטלט מיט ברייטע קוילן־פּאַסן.

אין יענעם טאָג האָט מען די באַפעלקערונג פאַרזאַמלט אין דער שול. אַ רויט־אַרמייער האָט גערעדט וועגן דעם גרויסן מאַרש פון דער רעוואָלוציע, צוגעזאָגט הילף קעגן די באַנדיטן. ער האָט אויך דערציילט וועגן די גרויסע קאַמפן, וואָס די נייע מאַכט האָט געפירט אין אוקראַינע, אין ווייסרוסלאַנד און קעגן די „ווייסע“ אין דעם וויטן סיביר. באַלד אויפן אָרט איז אָרגאַניזירט געוואָרן די ערשטע „דרוזשינע“, וועלכע די „רויטע“ האָבן איבערגעלאָזט אַ גרויסע צאָל רעוואָלווערן, ביקסן און קוילן און אַפילו גראַנאַטן. מ'האָט אויך צווישן דער יוגנט אויסגעקליבן אין דער פירערשאַפט צוויי סטודענטן, זין פון די שטעטלשע גבירים און פינף באַלמעלאָכעס, שניידער און שוסטער־געזעלן — אַלץ יונגע בחורים. און אַז די „רויטע“ זיינען מאָרגן גאַנץ פרי אַרויס פונעם שטעטל, זיינען יידן, צום ערשטן מאָל אין לאַנגע אנגסטיקע חדשים, געבליבן מיט אַ געפיל פון זיכערקייט, פון האָפענונג אין זייערע הערצער. זיי זיינען איצט ניט געווען אַליין אויף דער וועלט, אַרומגערינגלט פון בלוטיקע שונאים. זיי האָבן געהאַט פריינט. און די מאַכט פון די פריינט איז געוואַקסן. אַט די מאַכט האָט זיך געזאָרגט וועגן זייער לעבן.

2

די „רויטע“ זיינען אַוועק, אָבער די „דרוזשינע“, וואָס זיי האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן אין שטעטל, די צענדליקער יונגע־לייט און מיידלעך און

אויך אַ סך טאַטעס פון קינדער, האָבן זיך באַלד גענומען אויסאַרבעטן זייערע פּלענער פאַר דער פאַרטיידיקונג אין פאַל פון אַ פּלוצעמדיקן אָנפאַל פון באַנדיטן. דאָס שטעטל איז איינגעטיילט געוואָרן אין סטראַטעגישע פּאָזיציעס. ס'זיינען צעשטעלט געוואָרן געהיימע פּאַטרולן אויף אַלע אַריינפיר־וועגן, אויפן מאַרק־פּלאַץ, אויף דער הויפּט־גאַס.

אין די אָוונטן האָט זיך די „דרוזשינע" פאַרזאַמלט אינעם קליינעם הייזל פון דער אלמנה, חנה טענדלער, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אין דעם ערשטן פּאָגראָם. איר איינציקער זון, מאָטל טענדלער, איז געווען אַ געזעל ביי לייזער דעם שניידער און איצט האָט ער געלעבט איינער אַליין. דאָס הייזל איז געשטאַנען אויף אַ זייטיק געסל, טיף פאַררוקט אין אַ הויף, וואָס איז געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ ברעטערנעם פּלויט. זומער האָבן אַרום דעם הייזל געבליט זון־בלומען, געוואַקסן אַלערליי קרייטעכער, וואָס חנה, די אלמנה, פלעגט פאַרזייען. איצט איז דאָס גערטנדל געווען פאַרשאָטן מיט בערגלעך שניי און דאָס הויז איז געווען פאַרזונקען טיף אין שניי ביז אַריבער איר אָויסגעקרימטן שטיינערנעם פונדאַמענט.

צו אָט דעם הייזל האָט מען געקאָנט צוקומען דורך גערטנער, דורך אַ שמאָלן זאַוואולעק, דורך אַ הינטערשטאָטישן וועגל, וואָס נאָר די נאָענטע שכנים האָבן אים איצט געקאָנט דערקענען אינעם פאַרשנייטן דרויסן, און צוקומען צום הויז פון די געהיימע פאַרזאַמלונגען פון דער זעלבסט־שוץ. דאָ, אינעם הויז, האָט מען אָוועקגעלייגט אונטער דער פּאָדלאָגע, אינעם ניט טיפן קעלער, דאָס געווער. דאָ האָט מען אויך געלערנט ווי צו באַגיין זיך מיט געווער. אין דער „דרוזשינע" זיינען געווען יונגע־לייט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט די מלחמה, און זיי האָבן געלערנט די איבעריקע ווי צו שיסן פון אַ רעוואָלווער, פון אַ ביקס, ווי צו וואַרפן אַ האַנטגראַנאַט, ער זאָל אויפרייסן. הינטער אַ פאַרריגלטער טיר און שטאַרק באַלאַדנטע פענצטער פון אינעווייניק און פון דרויסן, האָט מען זיך געגרייט צו דעם קומענדיקן אָנפאַל אויפן שטעטל. און דער אָנפאַל האָט אויף זיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטן.

אין א קאַלטן פעברואַר־אָוונט איז אין שטעטל אַריינגעפאָרן אַ גאַנצע ראָטע דעניקינצעס, רייטנדיק אויף פערד. זיי האָבן באַלד פאַרכאַפּט די דיליזשאַנס־סטאַציע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער אַנדער זייט פונעם שטעטל, שוין אַביסל אויף די אָפענע פעלדער, נאָענט ביים שליאַך,

אַריינגעשטעלט זייערע פערד אין די גראָמע שטאַלן און אַליין זיך צעשפּרייט איבערן שטעטל הוליען און שיכורן. זיי האָבן געצוואונגען די יידישע שענקער צו עפענען פאַר זיי די שענקען און די קרעמער — די קראָמען, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אָפענע רויבעריי, די פייניקונגען און שענדונגען פון יידישע פרויען. יידן האָבן זיך אָנגעהויבן באַהאַלטן אין פאַרבאַרגענע קעלערן, אויף ביידעמס, הינטער איינגעבויטע ווענטלעך. ס'האָט זיך שוין צעטראָגן איבער די דעכער דאָס געשריי און געוויין פון די געפייניקטע.

אין דרויסן איז געווען א ביטערע זאַווערוכע. ס'האָט געקערט הימל און ערד. אַן אויסשפּירער פון דער זעלבסטשוץ האָט איבערגעגעבן, אַז דער שונא האָט די גאַנצע אַמוניציע צעשטעלט אין הויף פון דער דיליזשאַנס־סטאַציע און דאָרטן איבערגעלאָזט אַ פּאָר באַוואָפנטע וועכטער צו היטן דעם הויף און די פערד אין די שטאַלן. די „דרוזשינע" האָט איצט באַדאַרפט האַנדלען שנעל. אָבער אין דער ערשטער רגע האָט מען זיך עפּעס ניט געקאָנט איינִיקן אויף דער ערשטער טאַקטיק. ס'זיינען געווען פאַרשיידענע מיינונגען. מ'האָט זיך געאַמפּערט. דער באַלעבאָס פון הייזל, דער שניידער־געזעל, מאָטל טענדלער, האָט זיך אַרויסגערוקט און געזאָגט קורץ:

— מ'דאַרף אונטערצינדן די דיליזשאַנס־סטאַציע!...

ער האָט עס געזאָגט, און זיך אַליין ווי איבערגעשראָקן פאַר זיינע פאַר־ווערטער. געבליבן שטיין אַ בלייכער, געפינטלט מיט די אויגן און ניט געוואוסט ווי צו האַלטן זיך אונטער די צענדליקער אויגן, וואָס האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

מאָטל טענדלער איז געווען אַ יונגערמאַן אַ קליינגעוויקסיקער, אַ בלייכהויטיקער און אַ דאַרער. אַלע האָבן אים אין שטעטל געקאָנט ווי אַ בחור אַ שלימזל. אין דער קינדהייט, ביז אַ יאָר צוועלף, האָט ער אַביסל אַ וואָקס געטאָן. נאָכדעם האָט זיך דאָס וואַקסן פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, און ער איז שוין אַזוי פאַרבליבן אַ קליין מענטשל מיט קורצע, קרומלעכע פיס, מיט א מיאוסן, עלטערלעכן פּנים, גאָר ניט נאָך זיינע יאָרן, ווי ביי אַן אַלטער קראַנקער קרא.

און אַז אַלע האָבן אויף אים איצט אַ קוק געטאָן, האָט זיך אין די אויגן געוואָרפן ניט אַזוי זיין קליינער וואוקס, און אַפילו ניט אַזוי די

קרענקלעכקייט פון זיין פנים, ווי די מאָדנע, כמעט מוראדיקע געפאַלנקייט, וואָס האָט פון אים אַרויסגעקוקט. אָט די געפאַלנקייט איז איצט געווען אין דעם שוואַכן קערפּער, אין דעם שיטערלעך־באַהאָרטן קאָפּ, אין די קרומלעכע פיס, אין די פינטלענדיקע, זשמורענדיקע אויגן. אַ דערשראָקן פייערל האָט איצט געציטערט אין זיינע אויגן, ווי ער וואָלט דערוואַרט, אַז אָט־אָט וועט פון ערגעץ קומען אַ זעץ איבערן פנים.

אימעצער פון די אָנפירער האָט אָבער באַנומען דעם געדאַנק און געזאָגט:

— אַ וואוילער איינפאַל. מ׳דאַרף טאַקע אָנהייבן פון דער סטאַנציע... מ׳דאַרף אונטערצינדן די סטאַנציע מיט די פערד, מיט דער אַמוניציע, — און נאָכדעם וועט שוין זיין לייכט צו שלאָגן די בעסטיעס. גאָר א וואוילער פּלאַן!

אויך די איבעריקע האָבן איינגעשטימט. דער פּלאַן איז פאַרטיק געוואָרן אין עטלעכע מינוט: אימעצער וועט אַריינדרינגען אין שטאַל פון דרויסן, פון דער זייט פון פעלד, דורך אַ פענצטער, און מיט קעראָסין אונטערצינדן דאָס היי אין די „יאַסליעס" און אַ צענדליק באַוואָפנטע „דרוזשיניקעס" וועלן דערווייל באַפאַלן די וואַך אַרום דער אַמוניציע — פון דרויסן. מ׳האָט זיך נאָר באַדאַרפט איינטיילן מיט דער אַרבעט.

מאָטל, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען, געפּילט ווי די בלוטן האָבן אַ יאָג געטאָן צום קאָפּ און דאָס האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט געזאָגט:

— איך וועל אונטערצינדן!... לאָזט מיר אונטערצינדן!

און ווידער האָבן עפּעס אַלע איינגעשטימט. באַלד האָט מען אַלץ צוגעגרייט און איינציקוייז אַרויס פונעם שטיבל אין דער שטורעמדיקער נאַכט אַריין. מ׳איז געגאַנגען איבער די פאַרשנייטע גערטנער איינער נאָכן אַנדערן, געגאַנגען און געשוויגן. די פינצטערע נאַכט האָט זיי איינגעדעקט ווי מיט טונקעלע קאָלדרעס. די זאַווערוכע האָט פאַרשאָטן זייערע טריט און זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי און דער שטאָט, ווי א וואַנט. מאָטל איז נאָכגעגאַנגען מיט זיין קעראָסין־קאַן. אין קעשענע האָט ער געטראָגן אַ פּעקל שוועבעלעך און אַ שטיקל פון אַ חלבנער ליכטל. ער האָט ניט געזען די נאַכט, ניט געפּילט די זאַווערוכע, וואָס האָט געשניטן זיין פנים, ווי מיט שאַרפע מעסער. די אויפגערעגטע בלוטן האָבן אים דערוואַרעמט. אין קאָפּ איז געווען א צעמישונג פון געדאַנקען.

עטלעכע הונדערט טריט פון דער סטאַציע האָט מען זיך אָפּגעשטעלט, איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. מאָטל האָט זיך איצט באַדאַרפט פאַרנעמען לינקס און די איבעריקע — רעכטס.

איצט איז מאָטל געווען אַליין. אַליין אין אַ פעלד פון טיפן שניי. אַליין מיט דער זאווערוכע צווישן הימל און ערד. קיין זאַך איז ניט געווען קלאָר. קלאָר איז נאָר געווען, אַז ער דאַרף דערגרייכן אַ דרויסנדיקן פענצטער פון דער גרויסער שטאַל, אַריינקריכן אינעווייניק און אונטער־צינדן דאָס היי, די ווענט...

ער איז שוין געווען נאָענט. אין דער פינצטערניש האָט ער נאָך ניט געקאָנט זען די וואַנט. אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אָנגעקומען. ער האָט מיט די אויגן געוואָלט אויפזוכן אַ פענצטער, אָבער ניט געזען. ער האָט גענומען אַרומטאַפּן די וואַנט, געקראָכן איבער די אָנגעהרובעטע שניי־בערגלעך ביי דער וואַנט און געוואָלט אָנטאַפּן אַ פענצטער. ער האָט זיך אויף אַ רגע אַפילו דערשראָקן: און ווי אַז די פענצטער זיינען איבערן ווינטער פאַרשלאָגן מיט ברעטער? אַ מוראַדיקע שרעק איז באַפאַלן זיין האַרץ. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט ער אַנידערפאַלן אינעם שניי. אַרום דער וואַנט איז געווען שטילער ווי אויפן פעלד.

מאָטל האָט אויף אַ רגע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. אָ, ער האָט נאָר באַדאַרפט אַביסל כוח, — אַז ניט — וועט ער דאָ אַנידערפאַלן אינעם שניי פון פאַרלוירנקייט און שרעק. די וואַנט איז געווען געבויט פון ציגל און איז געווען פון דרויסן אַרומגעקאַלכט מיט אַ גראָבן שיכט קאַלך, וואָס איז אין אַ סך ערטער געווען אָפּגעשיילט פון צייט. אָט די אָפּגעשיילטע ערטער האָט ער געטאַפּט, געטאַפּט...

פּלוצלינג אָנגעשטויסן זיך אָן אַ פענצטער, אָבער ס׳איז געווען נידעריקער, ווי ער האָט דערוואַרט. צוליב דעם שניי, וואָס איז לעבן דער וואַנט געלעגן זייער הויך, האָט זיך דאָס פענצטער אַראָפּגעלאָזט נידעריק און ס׳איז ניט געווען פאַרשלאָגן מיט ברעטער. ער האָט דערפילט אַ מאָדנע פרייד, פון וועלכער ס׳האָט זיך געוואָלט וויינען.

אָבער איצט האָט מען זיך באַדאַרפט איילן, כדי די שריפה זאָל צוזאַמענפאַלן מיטן אָנגריף פון די חברים, וואָס האָבן זיך געמוזט דערנענטערן פון דער צווייטער זייט סטאַציע. אויף אַ רגע האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער הערט אַ וויטן גערודער, אַן אויסגעשריי.

ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין, שטיל־וויינענדיק:

— מאַמע, מאַמע האַרציקע, אין דיין זכות... אין דיין זכות... העלף מיר, מאַמע!...

אָ, איצט איז ער שוין ניט געווען אַליין. מיט אים איז געווען די מאַמע, וואָס די רוצחים האָבן זי פאַרפייניקט און זי איז געלעגן אויפן בית־עולם טיף אונטערן שניי מיט אַלע אַנדערע קרבנות פונעם ערשטן פּאָגראָם.

מ׳האָט זיך באַדאַרפט איילן...

ער האָט אוועקגעשטעלט די קאַן מיטן קעראָסין אויפן שניי, האַרט לעבן דער וואַנט, פאַרזיכטיק אַ שטופּ געטאָן די ראָם מיט די פאַרשנייטע שויבן. עס האָט זיך אָבער ניט אַ ריר געטאָן. אפנים, עס איז געווען פאַרריגלט. ס׳איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג, ווי אַרויסשטופּן איינע פון די שייבלעך און אָנטאַפּן, פון אינעווייניק, דעם ריגל. מאָטל האָט מיטן עלנבויגן אַרויסגעשטופּט אַ שייבל. עס האָט זיך מיט אַ שוואַכן קלונג אָפּגערופן אין דער ווינטיקער נאַכט. ער האָט אַרייַנגערוקט די האַנט, אָנגעטאַפּט דעם ריגל, און די ראָם האָט זיך לייכט געעפנט.

מאָטל איז דורכגעקראָכן דורך דער עפענונג, געבליבן הענגען אויפן בויך, מיט די פיס אינעווייניק, דערלאַנגט די קאַן מיטן קעראָסין און זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, געפאַלן אין דער פינצטערקייט אַריין, ווי איז אַן אָפּגרונט. עס איז געווען טיפער, ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט. ער איז געפאַלן אויף די פיס און הענט און איז שנעל געקומען צו זיך.

דאָ איז געווען נאָך פינצטערער. אָבער די שטאַל איז געווען פול מיט לעבן. די פערד האָבן געשמאַק געכרומשקעט דאָס היי, געפורקעט מיט די נאָזלעכער; מאָטל האָט דערפילט דעם גערוך פון פערדישע קערפּערס און די וואַרעמקייט, וואָס האָט פון זיי געטראָגן, אין איינעם מיט דעם וואַרעמען גערוך פון שטאַליקן אָפּפאַל. מאָטל האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע דאָס ליכטל און אָנגעריבן אַ שוועבעלע. זיינע פינגער זיינען געווען פאַרפראָרן און געציטערט. די שוועבעלעך האָבן זיך ניט געוואָלט אָנצינדן. עס האָט געדויערט אַ מינוט ביז ס׳איז אים געלונגען איינהאַלטן דאָס פלעמל פון אַ שוועבעלע. ער האָט אָנגעצונדן דאָס ליכטל, וואָס האָט באַלויכטן אַ קליינעם שטח אַרום. ער האָט געזען: די פערד זיינען געווען צוגעבונדן צו די יאָסליעס, געמיטלעך געקייט דעם היי. אַזאַ רואיקייט איז געווען אין שטאַל, אַז ס׳האָט באַרואיקט אויך מאָטלען. ער האָט אויפגעהויבן

איבערן קאָפּ דאָס ליכטל, און אויסגעפונען, אַז ער איז לעבן דעם לייטער, וואָס האָט געפירט צו דעם „טשערדאַק" מיטן היי.

איצט האָט מען באַדאַרפט אַרויפקלעטערן איבערן לייטער צום „טשערדאַק", אויסגיסן דעם קעראָסין אַרום דער וואַנט, אַרום טויער און אונטערצינדן דאָס היי. עס איז אַלץ געווען לייכט און פּשוט. לעבן וואַנט האָט זיך מאָטל אָנגעשטויסן אָן אַ בונט צוזאַמענגעשטעלטע ביקסן מיט די באַגנעטן אַרויף, ווי אַ ריזיקער סנאָפּ שטרוי. ער האָט אַ גאָס געטאָן קעראָסין אויף די ביקסן און גענומען קלעטערן איבערן לייטער צום היי.

ער האָט באַגאָסן מיטן קעראָסין דאָס היי, די וואַנט, אַ פּליוכע געטאָן אויף דער סטעליע, און שטייענדיק אויבן, איבער דער עפענונג, אַריבער די יאַסליעס, אַ גאָס געטאָן קעראָסין אויך אויף זיי. ווען די קאַן איז געוואָרן אין גאַנצן ליידיק — צוגעלייגט דאָס קליינע פלעמל פונעם ליכטל צום היי. עס האָט זיך אָנגעצונדן אַ קליינער געלבלעכער פלאַם, איז זיך אַדורכגעלאָפן איבער די טרוקענע שפּיצן פונעם היי און זיך גענומען איינגראָבן טיפער אין דעם היי. מאָטל האָט נאָך עטלעכע מאָל אַ טונק געטאָן דאָס ליכטל אינעם היי, וואו ס'האָט נאָך ניט געברענט און גענומען אַראָפּלאָזן זיך איבערן לייטער צוריק אין שטאַל אַריין. אונטער די פיס האָט ער געפילט דעם פריש־אויסגעבעטן שטרוי, האָט ער צונויפגעשאַרט מיטן פוס אַ קופּע און אויך זי אונטערגעצונדן. אין איין רגע האָט אַ מוראדיקער פלאַם אַ לעק געטאָן די מיט קעראָסין פאַרשפּריצטע וואַנט און דעם טויער און זיך שיר ניט אָנגעכאַפּט אָן מאָטלס קליידער. מאָטל איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט. אַ שאַרפער, טערפּקער ריח פון סמאָלינעס האָט זיך צעשפּרייט אין איינעם מיטן רויך און צוזאַמענגעוואָרגן מאָטלס גאָרגל, און מאָטל האָט איצט באַמערקט די צעשראָקענע פערד מיט די אָנגעשפּיצטע אויערן, וואָס האָבן גענומען אַרומטאַנצן אין גרויסער אומרואיקייט מיט די הינ־טערשטע פיס, רייסן זיך מיט די צוגעבונדענע קעפּ פון די יאַסליעס. אייניקע האָבן זיך אָפּגעריסן, געשטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס מיט אַ מוראדיקן געהירזש און געקראָכן איינער איבערן אַנדערן, געקראָכן אויף די ווענט מיט די פאָדערשטע פיס. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ האָט דאָ גענומען פאַלן און איינפאַלן פון דעם מעכטיקן פערדישן אָנשפּאַר, פון ווילדן פאַרטויטלעכן שרעק. ער איז צוגעלאָפן צום אָפענעם פענצטער, אַרויפגעקלעטערט, און מיטן קאָפּ אַראָפּ אַרויסגעפאַלן אינדרויסן, ביי

דער וואַנט, אין טיפן שניי, און געבליבן ליגן אַ פאַרטשאַדעטער, אָן באַוועגונג און אָן שרעק, ניט געהערט ווי איבער אים, איבער דעם ברענענדיקן שטאַל, איז אָנגעגאַנגען אַ שיסעריי. די „דרוזשינע" האָט באַשאָסן די וועכטער. ווען מאָטל איז געקומען צו זיך, האָט ער געהערט דעם מוראדיקן געהירזש און געקלאַפּ פון די קאָפּיטעס הינטער דער וואַנט פון די ווילד־געוואָרענע פערד. ער האָט אויך געזען דעם געדיכטן רויך, וואָס האָט זיך מיטן פלאַם אינאיינעם דורכגעריסן צום אָפענעם פענצטער איבער אים און שיר ניט אַ לעק געטאָן מיט דער פייערדיקער צונג זיין פּנים. צווישן הימל און ערד איז געוועזן דער געוואַי פון שׂרפה און שטורעם, וואָס האָט צעשאָטן איבער אים הויפנס שניי און פליענדיקע פונקען.

פלוצלינג איז מיט אַ מוראדיקן קראַך איינגעפאַלן דער דאַך. די פלאַמען האָבן מיט אימפּעט אַ שפּאַר געטאָן צום הימל. אַרום איז געוואָרן ליכטיק.

מאָטל האָט זיך מיט די לעצטע כּוחות אַ ריס געטאָן פון דער וואַנט, געלאָפן און אומגעפאַלן אינעם שניי, אויפגעשטאַנען און ווידער געלאָפן, און ניט אין דער ריכטונג פונעם שטעטל, נאָר צום וועלדל, וואָס איז געשטאַנען ביים סוף פון פעלד. געקראָכן איבערן טיפן שניי, געקלעטערט אויף שנייאיקע בערגלעך און יעדע עטלעכע מינוט געפאַלן. אויפגעהויבן זיך און ווידער געלאָפן, געלאָפן ווי אַ דערשראָקענע חיה. ער האָט גערעדט צו דער מאַמען עפּעס גאָר אַזוי ווי זי וואָלט דאָ מיט אים אין איינעם געלאָפן איבערן שניי. דער ווינט און דער שניי האָבן געוואָרגן דעם גאָרגל.

ער איז געלאָפן און די זאַווערוכע האָט געשמיסן איבערן קליינעם אויסגעמאַטערטן קערפּער מיט פיינלעכע בייטשן און געיאָגט פאָרויס, פאָרויס און פאָרוויַיט הינטער אים זיינע טריט.

דער וואַלד איז ניט געווען וויַיט. אָבער דערגרייכן צו אים איז איצט געווען שווער. האָט געדויערט זייער לאַנג. און אַז ער האָט דערגרייכט דעם ערשטן קוסט, וואָס האָט מיט זיינע נאַקעטע שפּיצן אַרויסגעשטעקט פון שניי, האָט ער זיך אָן אים אָנגעקלאַמערט מיט די פאַרגליווערטע פינגער, ווי פאַר אַ לעצטער רעטונג, און צום ערשטן מאָל אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג פון שטעטל און צו דער ברענענדיקער דיליזשאַנס־סטאַציע. ביים ראַנד פון שטעטל האָט געברענט דער הימל אין אַ העלישן פייער.

הינטער אים האָט געוואָיעט דער ווינט אין די צווייגן פוןביימער. פון שטאָט האָט זיך איצט קלאָר דערטראָגן אַ שיסעריי און אַ געשריי. אָט האָבן זיי זיך פאַרשטאַרקט און אָט זיינען זיי אָפּגעשטאָרבן, ווי צעריסענע פון שטורעם. די קעלט האָט ווידער צונויפגעשמידט זיינע דאַרע ביינער מיט אייזיקע רייפן. ס׳האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. נאָך אַ מינוט, און ער וועט אַנידערפאַלן און אויסגיין, אַ פאַרווייטער מיט שניי.

ניין, מאָטל האָט ניט געוואָלט שטאַרבן. ער האָט געמוזט קומען אַהיים, און ס׳איז גאָר ניט געווען קיין גרעסער גליק, ווי קומען צוריק אין שטאָט און ערשט נאָכדעם אַנידערפאַלן לעבן אַ מענטשלעכער שוועל און שטאַרבן. און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן גיין צום שטעטל. ער איז געקראָכן, ווי אַ חיה אויף אַלע פיר.

און אַזוי איז ער דורך די גערטנער אָנגעקומען ביז דער שוועל פון זיין הייזל און איז טאַקע דאָ, ביי דער שוועל, אַנידערגעפאַלן און פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין, געבליבן ליגן צונויפגעדרייט, ווי אַ פאַרשנייט חיהלע.

ערשט שפּעטער, ווען מיטגלידער פון דער דרוזשינע האָבן זיך אומגעקערט אין שטיבל, באַלאָדענע מיט געווער, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אָן מאָטלס קערפּער. מ׳האָט אים אַריינגעטראָגן אין שטוב און שוין געמיינט, אַז ער איז טויט. חברה האָט זיך אַ לאַנגע צייט געעסקט אַרום מאָטלען, געריבן אים די הענט און פיס מיט שניי, געאַרבעט מיט די הענט און פיס, ווי ס׳ווערט געטאָן מיט אַ דערטרונקענעם, ביז מ׳האָט דערזען, אַז מאָטל לעבט און קומט ביסלעכוויז צו זיך.

אימעצער האָט זיך איינגעבויגן איבער אים און געזאָגט:

— מאָטל, מאָטל טענדער, מיר האָבן געראַטעוועט אַ שטאָט מיט יידן... דאָס איז געווען דיין פּלאַן, מאָטל... דו האָסט דורכגעפירט אַ העלדישע אַרבעט...

און אַ צווייטער האָט אונטערגעכאַפּט:

— זיי וועלן שוין אַ צענטן פאַרזאָגן צו קומען צו אונדז... מיר האָבן זיי אויסגעשאָסן, ווי הינט... זייערע פּגרים וואַלגערן זיך אויף די גאַסן... און זייער געווער איז איצט אין אונדזערע הענט... גיב אַ קוק — אַ פולע הויז!

מאָטל האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען ביקסן, רעוואָלווערן, וואָס זיינען געווען אין אומאָרדענונג אָנגעלייגט אויפן דיל.

איינער פון די סטודענטן, פּיווּל גאָלדיס, דער זון פונעם רייכן מעל־הענדלער, האָט אָנגעכאַפּט מאָטלס האַנט, האָט זי לאַנג געדריקט און געזאָגט אויף רוסיש:

— פאַר אַזעלכע, ווי דו, שטעלט מען ביי אַנדערע פעלקער מאָנומענטן און מ׳בויט אין זייער נאָמען טריאומפאַלע אַרקעס... דאָס נייע רוסלאַנד וועט דיך ניט פאַרגעסן...

מאָטל האָט ניט פאַרשטאַנען דעם סטודענטס ווערטער, ניט באַנומען זייער שייכות מיט אים, אָבער ער האָט דערפילט אַזאַ פרייד, אַז ער האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעווײנט, ווי אַ קינד. ווייל ער איז דאָך אַלע זיינע יאָרן געווען דער שוואַכסטער פון שוואַכע. ער האָט צווישן מענטשן אַלע מאָל מורא געהאַט צו מאַכן אַן איבעריקע, אַן איבערגעאיילטע באַוועגונג, ווייל יעדע ערשטע אומבאַהאָלפנקייט וואָלט גלייך אַרויסגערופן געלעכטער. צוליב דעם איז אין דער קינדהייט, ווען ער איז אָנגעקומען אַרבעטן צו לייזער דעם שניידער, אים שווער געווען צו דערלערנען די מלאכה. צוליב דעם איז אים שווער געווען צו טאָן אַ זעלבשטענדיק שטיקל אַרבעט אונטער אַ פרעמדן אויג. מ׳פלעגט ליב האָבן אַפילו פּיזיש אים צו פאַרפאָלגן. און ניט נאָר דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע מיט זייערע קינדער, נאָר אויך די אייגענע חברים־געזעלן האָבן געהאַט אַ ווילדע הנאה אָפּצוטאָן אים אַ שפּיצל.

און איצט זיינען אַרום אים געשטאַנען די העלדישסטע יונגע־לייט פון דער דרוזשינע און גערעדט וועגן אים אַזוינע רייד.

יענעם טאָג האָבן אַ סך יידן באַזוכט מאָטלס הייזל. פרויען זיינען געקומען מיט הייסן געקעכטס און האָבן אים, ווי אַ קליין קינד, געהאָדעוועט. אין הויז האָט מען געבראַכט אַלדאָס גוטס — פון שפּייז ביז אַ קלייד. דער דאָקטאָר האָט אים צוויי מאָל יענעם טאָג אונטערזוכט און געבראַכט רפואות. אויף אַלעמענס ליפּן איז געווען נאָר לויב. און ס׳איז געווען יום טוב אין שטעטל און יום טוב אין מאָטלס האַרצן.

עטלעכע פרויען אין פאַטשיילעס אויף זייערע קעפּ האָבן אַרומגעפּאַדיעט אַרום מאָטלען און ניט פאַרגעסן אַ זאָג צו טאָן:

— אוי, דיין מאַמע, די אַלמנה זאָל כאָטש פאַר דיר זיין אַ גוטע בעטערין!... גאָט זאָל זיך אויף דיר דערבאַרעמען, רבונו של עולם!...

3

איבער גאַנץ אוקראַינע האָבן נאָך אַלץ געבושעוועט באַנדיטן און ווייסגוואַרדייער. יידיש לעבן איז געווען הפקר. פון הונדערטער שטעט און שטעטלעך זיינען אָנגעקומען מוראדיקע ידיעות פון פּאָגראָמען. מ'האָט אויך דערציילט וועגן דער גרויסער העלדישקייט פון דער יידישער זעלבסטשוץ, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אַנטקעגנצושטעלן זיך דעם שונא. די מענטשן האָבן אויך דערציילט וועגן די באָלשעוויקעס און וועגן דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט זיך איצט אויף הונדערטער פראָנטן געשלאָגן מיט די באַנדיטן, מיט די „ווייסע". אין איינעם מיט שרעק איז אויך אויפגעקומען האָפענונג. יידן האָבן זיך געשראָקן און אויך געהאָפט. ווייל אָט איז שוין ערגעץ ווייט, אין מאָסקווע, אויפגעשטאַנען אַ נייע מאַכט, וואָס וועט קומען און איינשטעלן אָרדענונג.

פונקט אין יענער צייט איז אָנגעקומען מאָטלען אַ בריוו פון אַמעריקע. אַ בריוו פון אַ שוועסטערקינד, אַ מיידל, וואָס איז נאָך מיט יאָרן צוריק אַוועק קיין אַמעריקע און איז פאַרלוירנגעגאַנגען ערגעץ אין ניו־יאָרק. איצט האָט זי אויסגעלייענט פון די יידישע צייטונגען דעם נאָמען פון איר אייגענעם שטעטל און וועגן דעם פּאָגראָם, וואָס איז דאָרטן פאָרגעקומען, האָט זי זיך אויסגעוויינט און אָנגעשריבן אַ בריוו.

אויף דעם בריוו האָט מאָטל באַלד געענטפערט. ער האָט געשריבן וועגן דעם טראַגישן טויט פון דער מאַמען, וועגן די געשעענישן אינעם שטעטל, וועגן נאָענטער און ווייטער משפחה, וואָס איז נאָך געווען אין שטעטל און אין די אַרומיקע שטעטלעך און ניט פאַרגעסן דערביי אַריינ־צוּוואַרפן אַ וואָרט וועגן אַ מעגלעכקייט פאַר איר אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע, ווייל אָט איז ער דאָך סיי־ווי־סיי געבליבן „איינער אַליין, ווי אַ שטיין". דערביי האָט ער צוגעגעבן: „ווען איך וועל בשלום אָנקומען קיין אַמעריקע און אָנהייבן צו פאַרדינען, וועל איך דיר אָפּצאָלן מיט פּראָצענט פאַר דיין טובה און פאַר דיין גוטהאַרציקייט און וועל אייביק ניט פאַרגעסן, וואָס דו האָסט ניט פאַרלאָזן אין גרויסער נויט און עלנטקייט דיין שוועסטערקינד, מאָטל טענדלער, וואָס גאַרט פון דיר אין גיכן צו הערן אַ בשורה טובה".

אַמעריקע. דאָס איז געווען די האָפענונג פון אַלעמען, וואָס האָט

אימעצן געהאַט אין יענעם ווייטן לאַנד. מ׳האָט זיך אָנדערציילט וואונדער־לעכע מעשיות וועגן אָט דעם לאַנד. דערפאַר האָט זיך דאָס שטעטל געפרייט מיט מאָטלס האָפענונג אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע. און נאָך איידער מאָטל האָט נאָך געקראָגן אַן ענטפער פון זיין קוזינע, האָט שוין דאָס שטעטל איינגעלייגט וועלטן, ער זאָל פריער חתונה האָבן.

און אַז דאָס שטעטל האָט אַזוי געוואָלט, האָט קיין זאַך ניט געהאָלפן. דאָס מיידל, מיט וועלכער מ׳האָט אים חתונה געמאַכט איז געווען אַ פאַרזעסן מיידל, וואָס האָט געדינט אין הויז פונעם רייכן מעל־סוחר ברוך גאָלדיס. דאָס האָט זיין זון, פייוול גאָלדיס, וואָס איז גע־ווען אַ מיטגליד פון דער דרוזשינע, געזאָגט וועגן מאָטלען, אַז „ביי אַנדערע פעלקער וואָלט מען אים געשטעלט אַ מאָנומענט און אויפגע־בויט אַ טריאומפאַלע אַרקע...". זי איז געווען אַ שווערלייביקע, מיט אומגעלומפּערטע גלידער. און פאַרוואָס ער, מאָטל, אַזאַ קליינגעוויקסיקער און דאַרער, מיט די קורצע, קרומלעכע פיס, האָט באַדאַרפט חתונה האָבן גראָד מיט אַזאַ ווייב האָט ער ניט געקאָנט פאַרשטיין. אָבער אַנדערע האָבן זי פאַר אים אויסגעקליבן, געפירט אים מיט איר אונטער דער חופּה און באַשטימט זי זאָל זיין זיין ווייב.

מאָטל האָט דאָס ווייב באַלד פיינט באַקומען. ס׳איז שוין אָבער געווען פאַרפאַלן. דאָס שטעטל, וואָס האָט זיך אַזוי וואַרעם אַריינגעלייגט אינעם שידוך, האָט זיך איצט געמיט מיט אַלע כוחות, ער זאָל מיטן ווייב וואָס שנעלער אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, ווי ס׳וואָלט דעם גאַנצן שטעטל געגאַנגען אין לעבן וואָס שנעלער פטור צו ווערן פונעם פּאָרל. ווייטע קרובים האָבן זיך געלאָזט קאָסטן געלט. אָרעמע שכנים האָבן זיך צונויפ־געלייגט, אַבי וואָס שנעלער צוזאַמענצוקלייבן אויף הוצאות.

און באַלד איז זיין ווייב דאָבע פאַרגאַנגען אין טראָגן. דער גרויסער קערפּער אירער איז עפּעס ווי געשוואָלן געוואָרן. אירע אויגן זיינען פאַרגרעסערט געוואָרן און האָבן מאָדנע געגלאָצט פון די אויגנלעכער, ווי פון רוגזה.

און איין אינדערפרי איז אָנגעקומען אַ רעגיסטרירטער פּאַקעט מיט די שיפסקאַרטן פון אַמעריקע. מאָטלען האָט שטאַרק וויי געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט באַדאַרפט איבערלאָזן זיין שטעטל, וואו ער איז געבוירן געוואָרן און אָפּגעלעבט אַלע זיינע יאָרן. דאָ האָט באַדאַרפט בלייבן דער

קבר פונעם טאַטן און דער מאַמען, וואָס איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן פאַרוואַקסן מיט גראָז.

דאָס קליינע הייזל זיינס איז ווידער, ווי בעת דער „דרושינע", געוואָרן פול מיט מענטשן. שכנים זיינען געקומען געבן עצות, אויסוויינען זיך אַביסל און אויך שיקן אַ גרוס די אַמעריקאַנער קרובים, וואָס האָבן ערגעץ געלעבט אין שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר. אין טאָג פון אַוועקפאָרן האָבן אַ סך שטעטלשע מענטשן באַגלייט די אַפּרייזנדיקע, מיטן דיליזשאַנס, צו דער באַן־סטאַציע אַ צענדליק מייל ווייט. אַלע זיינען געווען איבערגעפּולט מיט ליבשאַפט, מיט גוטע ווינטשעוואַניעס. אַ סך האָבן געווישט מיט נאַסע נאָזטיכלעך די פאַרוויינטע אויגן. אויך דאָבע האָט זייער געוויינט, געטוליעט זיך מיטן אויפגעבלאָזענעם בויך צו די פּאָר נאָענטע קרובים, געווען זייער רויט אויפן פּנים, און אויך מאָטל האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן זיינע טרערן צוליב דעם, וואָס אַלע האָבן זיי באַוויינט, ווי מ'וואָלט אים באַגלייט ניט קיין אַמעריקע, נאָר צום בית עולם.

פּלוצלינג, גאָר אומדערוואַרט, און בלויז עטלעכע געציילטע מינוטן איידער די באַן איז אָנגעקומען, האָט זיך אויף דער פּלאַטפאָרמע באַוויזן פּיוול גאָלדיס, דער סטודענט. ער האָט אונטערן אָרעם געטראָגן אַ פּאָר פּעקלעך און זיך שטאַרק געאיילט צו מאָטלען. זיין פּנים איז געווען פאַרשוויצט פון גרויס איילעניש:

— כ'בין געקומען געזעגענען זיך מיט דיר. כ'האָב פאַרשפּעטיקט דעם דיליזשאַנס. קוים איינגעשמועסט דעם טאַטן, ער זאָל מיר געבן די בריטשקע... אָט איז אַ פּעקל קליידער פאַר דיר, מאָטל — דאָס איז פון מיר. ס'וועט אין וועג צוניצקומען... און דאָס איז פאַר דיר, דאָבע. די מאַמע שיקט דיר דאָ אַ פּעקל קליידלעך... און אָט דאָ האָט איר אַ שאַכטל קאָנפעקטן... און שרייבט אַמאָל אַ בריוול...

מאָטל איז געווען זייער גערירט פון פּיוול גאָלדיסעס קומען. ס'איז געווען אַ כבוד צו זען דעם גבירס זון ביי דער געזעגענונג, וואָס דאָס איז אויך געווען אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פון יענער אומפאַרגעסלעכער נאַכט בעת ער האָט אונטערגעצונדן די דיליזשאַנס־סטאַציע. ער האָט געדאַנקט פּיוול גאָלדיסן, און אויך דאָבע האָט געדאַנקט און אויפסניי זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט, ווייל אָט איז דאָך אָט דער פּיוול, אָדער פּיליפּ

לאַזאַראָוויטש, ווי מ׳האָט אים גערופן אינעם גבירישן הויז, כמעט אויס־געהאָדעוועט געוואָרן ביי איר אויף די הענט. זי איז צו זיי אין הויז אָנגע־קומען דינען, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל.

די רייזע קיין אַמעריקע אין יענער נאָך־מלחמהדיקער צייט איז געווען אַ שווערע. מ׳האָט זיך אָנגעוואַלגערט אין אומפּריינטלעכע אַזילן פאַר אָרעמע עמיגראַנטן. מ׳האָט באַדאַרפט דורכגיין מעדיצינישע אונטערזוכונגען. די אויסגעמאַטערטע קערפּערס האָבן געמוזט אַריבערטראָגן אַלערליי איינ־שפּריצונגען קעגן פּאָקן, קעגן טיף און קעגן אַנדערע מעגלעכע חולאתן און דורכמאַכן דעזינפעקציעס. אַמעריקע האָט ניט געוואָלט אַריינלאָזן צו זיך קיין קראַנקע, אומריינע, פאַרלייזיקטע מענטשן פון דער פאַראָרעמטער איירָאָפּע. דערביי האָט מאָטל אַלעמאָל געהאַט אויסצושטיין באַליידיקונגען. אַ קליינגעוויקסיקער, אַ פּיזיש־שוואַכערער פון אַנדערע, איז ער צו אַלץ צוגעקומען דער לעצטער. שטאַרקערע פלעגן אים אָפּשטייסן, ניט צולאָזן. ער איז געווען דער לעצטער ביים עסן, ביי די דאָקטוירים, אין די עמיגראַנ־טישע קאָנטאָרן, ביים איינקויפן בילעטן, ביים אַרויפשטייגן אויף באַנען און ביים פאַרנעמען פּלעצער אין די איבערגעפּולטע מיטן געפּעק וואַגאָנעס.

די עמיגראַנטן זיינען געווען מענטשן פאַריאָגטע, פאַרביטערטע, אָנגע־שראָקענע פון מלחמה און פּאָגראָמען, מענטשן מיט צעשרויפטע נערוון און צעפּייניקטע געמיטער. אָפט האָבן זיי אויף מאָטלען געוואָרפן מיט שנאהדיקע אויגן אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוואָן.

— אַזאַ באַשעפעניש!... אומעטום קריכט עס!... און דאָס־אַ פאָרט קיין אַמעריקע!...

אויך דאָבע האָט אים נישט געשאָנעוועט. זי איז אים דערגאַנגען די יאָרן. זי איז מיט קיין זאַך ניט געווען צופרידן, געשאָלטן אַמעריקע און דעם טאָג, ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַזאַ יאַזדע.

מאָטל האָט געשוויגן, אָבער אין האַרצן איז ביי אים געווען אַ שנאה צו מענטשן, אַ שנאה און אַ נעפּלדיקער געפיל פון עפּעס אַ ווייטער נקמה. דערוויל איז נאָך ניט געווען קיין כוח פאַר נקמה. פאַרקערט, ס׳איז נאָך שטענדיק געווען דער באַצווינגנדיקער, פּיינלעכער פאַרלאַנג אונטערצוגעבן זיך, איינצובויגן דעם רוקן, ווי אַ שולדיקער הונט פאַרן שטויס פון באַלעבאָס. אָבער די שנאה און דאָס געפיל פון אַ ווייטער נקמה איז געווען אין אים

טיף איינגעשלאָסן. ס׳וועט קומען אַ צייט, ס׳וועט קומען אויף זיין לעבן אַ דערליייזנדיקע שעה. ס׳וועט קומען זיין טאָג אויף דער וועלט.

4

ענדלעך איז מען אָנגעקומען אין ריגע, אַ האַפן, וואָס פון דאָרטן האָט מען געפירט עמיגראַנטן קיין אַמעריקע. דאָ האָט מען ווידער איבערגעקוקט זייערע פּאַפּירן און ווידער עקזאַמינירט זייער געזונט־צושטאַנד, און ווידער זיינען אַנטשטאַנען אַלערליי קאָמפּליקאַציעס. ביי מאַטלען האָט מען פּלוצלינג אַנטדעקט סימנים פון טראַכאָמע. עס איז אויסגעקומען צו בלייבן אין דעם ריגער אַזיל, היילן זיך ביי די קאַזיאָנע דאָקטוירים. אין דעם אַזיל האָט מען פּונקט אין יענער צייט אַנטדעקט פּאַלן פון טיפוס־קראַנקע, האָט מען אַלעמען, מענער, פרויען און קינדער אָפּגעגאָלט די קעפּ, געמאַכט איינשפּריצונגען, דעזינפעקציעס. טעג האָבן זיך ווידער געצויגן, געצויגן. און מאַטלען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער וועט שוין קיין מאָל ניט אָנקומען קיין אַמעריקע.

ערשט שפּעט אין פרילינג איז מאַטלען מיטן ווייב געלונגען אַרויף אויף דער שיף. ס׳איז געווען אַן אַלטע, פאַרזשאַווערטע שיף, וואָס האָט קורסירט צווישן ריגע און ליווערפּול און צוריק. אין ליווערפּול האָבן זיך די עמיגראַנטן באַדאַרפט אַריבערזעצן אויף אַן ענגלישער שיף, וואָס איז געשוואומען קיין ניו־יאָרק.

דער „צווישן־דעק" איז געווען ענג מיט אָרעמע עמיגראַנטן. אַלע „באַנקס" זיינען געווען פאַרנומען און איבערגעפּאַקט מיט מענער, פרויען און קליינע קינדער און מיט שווערן געפּעק. יעדע משפחה האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך וואָס מער פון זייער אָרעמקייט, פּונקט ווי אין אַמעריקע וואָלט גאָר ניט מעגלעך געווען צו קריגן אַ קישן אונטערן קאָפּ. אייניקע האָבן מיטגעשלעפּט אַלטע, אָפּגענוצטע סאַמאָוואַרן און קופּערנע פאַנען, געירשנטע פון עלטערן און זיידעס. פון דעם געפּעק, פון קינדערשע ווינדעלעך, פון אַלטע קליידער און גרויסן געדראַנג איז אין „צווישן־דעק" געווען שטיקנדיק. אומאָנגענעמע ריחות האָבן אָנגעפילט די לופט און שווער געמאַכט דאָס אָטעמען. מענטשן זיינען באַלד קראַנק געוואָרן מיט דער ים־קראַנקייט, געבראָכן ביטער־גאַל, געמאַטערט זיך מיטן טויט...

דאָבע האָט שטאַרק געליטן פון דער ים־קראַנקייט. זי האָט די גאַנצע צייט זיך געפילט שלעכט. עס האָט איר שטאַרק געאיבלט. זי האָט ניט געקאָנט עסן און טרינקען. אין די מאָמענטן פון די אָנפאַלן האָט זי פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, געשאָלטן דעם צעשראָקענעם מאָטלען מיט די ביטערסטע קללות. דער מאַן האָט אַרומגעפּאַדיעט אַרום איר.

די שיף האָט געשניטן די כוואַליעס, און עס איז גאָרניט געווען קיין סוף צו דעם ים. עס האָט זיך געדוכט, אַז די שיף וועט שוין, אָט אָזוי, שווימען און קיין מאָל צו קיין ברעג ניט אָנקומען. אַזאַ מורא איז געווען ביי אַלעמען אין האַרצן, אַז אין דער ערשטער שטורעמדיקער נאַכט, ווען די שיף האָט זיך זייער שטאַרק געוואָרפן, זיינען די עמיגראַנטן פאַרקראָכן אין צווישן־דעק, זיך געטוליעט צו די אייגענע, דערשראָקענע און פאַר־לוירענע, ווי פאַר אַ שיף־ברוך. מענטשן האָבן דערציילט אַלערליי שרעקיקע מעשיות פון מוראדיקע שיף־ברוכן. דער אָטעם פון טויט האָט געשוועבט צווישן די דערשראָקענע רייזנדיקע. די אויגן זיינען פול געווען מיט שרעק. איינער האָט אין דעם אַנדערנס אויגן געזען דעם פּנים פון טויט. יידן האָבן געזאָגט תהילים, געמורמלט אין דער שטיל אַ „שמע ישראל", און די ווייבער האָבן געבעטן גאָט אויף יידיש, מיט טרערן אין די אויגן, מיט אַ פאַרקלעמטן האַרצן. יידן האָבן ניט געוואָלט אַריינגעוואָרפן ווערן אין ים. יידן האָבן געוואָלט געבראַכט ווערן צו קבר־ישראל אויף דער יבשה, אויף אַ בית עולם, אינעם בוזעם פון דער גוטער מאַמע־ערד.

אין די זוניקע טעג פלעגט מאָטל אַרויסגיין אויפן אייבערשטן דעק, שטעלן זיך ביים באָרט פון דער שיף און קוקן אין דער ווייטער ווייט אַריין, אויף די אומענדלעכע כוואַליעס פון ים, אָן אַ סוף אין דער לענג און אָן אַ סוף אין דער ברייט. אפשר איז דאָס, וואָס איז פאַרגעקומען, נאָר געווען אַ חלום אַזאַ. אַמעריקע! וואָס האָט ער בכלל געוואוסט וועגן אַמעריקע? אַלע האָבן גערעדט וועגן אַמעריקע. אַלע האָבן זיך געיאָגט קיין אַמעריקע. און ווי אַז אַזאַ לאַנד איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט? און ווי אַז אַלץ, און אַפילו זיין שוועסטערקינד, מלכה, וואָס האָט אים געשריבן די אַלע בריוו און אַרויסגעשיקט שיפסקאַרטעס פאַר אים און פאַר דאָבען, איז נאָר אַזאַ חלום, אַ פאַרבלענדעניש, ווי אין די מעשיות, וואָס ער האָט זיך אין זיין קינדהייט אָנגעהערט אין שטעטל?

אָבער לעבן איז געווען לעבן און מענטשן זיינען געווען מענטשן. זיי

האָבן געשלאָסן באַקאַנטשאַפטן, זיך דערנענטערט איינער צום אַנדערן, געוואָרן שיף־ברידער און שיף־שוועסטער, זיך געטיילט מיט האָפענונגען, געהאָלפן איינער דעם אַנדערן, ווי נײַ־אַנטדעקטע קרובים. מענטשן האָבן זיך ביסלעכווייז באַרואיקט פון שווערע איבערלעבונגען, אָפּגעווישט פון די פּנימער אַלערליי בײַזע פּאַרדאַכטן, אָנגעהויבן צו געטרויען איינער דעם אַנדערן, אויסדערציילן אַלץ, וואָס איז געווען אויפן האַרצן. אַלע האָבן דאָך, סוף־כּל־סוף, געהאַט איין גורל. און מאָטל און דאָבע האָבן אין „צווישן־דעק״ זיך דערנענטערט צו צוויי שוועסטער, וואָס זײַנען געפאָרן קיין אַמעריקע צו זייערער אַ מומען, אַן אלמנה. זיי זײַנען געפאָרן פון זייער קליינעם פּוילישן שטעטל צו זוכן אַרבעט און גליק. זיי זײַנען נאָך געווען יונגע מיידלעך. טייערע היימישע מיידלעך. די עלטערע, ברײַנדל, איז געווען ניט הויך געוואַקסן, דיקלעך געבויט, מיט אַ רונדן פּנים און טיף־שוואַרצע אויגן. די אַנדערע, לייטשע, איז געווען העכער פון דער שוועסטער, שלאַנקער, און געהאַט פריילעכע, לאַכנדיקע אויגן. צוויי שוועסטער וואָס זײַנען ניט ענלעך געווען איינע אויף דער אַנדערער, ניט אין אויסזען און ניט אין דער באַנעמונג.

אין די אָוונטן פלעגט מען זיך טרעפן אויף דער אייבערשטער דעק. די מיידלעך האָבן דאָן דערציילט וועגן זייער לעבן אינעם שטעטל אין פּוילן, מאָטל מיט דאָבען — וועגן זייער שטעטל אין אוקראַינע. און ביידע שטעטלעך זײַנען געווען ווײַט. און מען האָט אויך דערציילט וועגן די נאָענטע, צו וועלכע מ׳איז געפאָרן עבר־לים. מאָטל האָט פּרובירט דערציילן וועגן מלכהן, וועלכע ער האָט קוים געדענקט פון זײַן קינדהייט. זי איז געווען אַ יתומה, געוואָלגערט זיך בײַ קרובים, ביז גאָט האָט איר געהאָלפן און זי איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. ריידנדיק וועגן דער אומבאַקאַנטער קרובה, איז פאַר אים אַליין איר געשטאַלט אויסגעוואַקסן, געוואָרן לעבעדיק און פון דעם איז געווען גוט און אומעטיק. אויך די שוועסטערס האָבן דערציילט וועגן דער מומען, וועלכע זיי האָבן אויך כּמעט ניט געקענט, און זיי איז אויך געווען פון דעם גוט און אומעטיק.

5

ערשט אויפן זעכצנטן טאָג — ס׳איז געווען אַ פרײַטיק פאַרטאָג, — האָט זיך אויף דער שיף פאַנאַנדערגעטראָגן דער קלאַנג, אַז מ׳דערנענטערט

זיך צו די ברעגן פון אַמעריקע. אייניקע האָבן שוין געזען די שפּיצן פון די „הימלקראַצערס״ און פון דעם פרימאָרגנדיקן נעפּל האָט אַרויסגעשטאַרצט די „סטאַטוע פון פרייהייט״, מיט אַ פאַקל אין דער האַנט. ס׳איז געוואָרן אַ מהומה. פאַרשלאָפענע מענטשן, ניט אינגאַנצן אָנגעטאָענע, זיינען געלאָפן איבער די אייזערנע טרעפּלעך פון אונטן, פונעם „צווישן־דעק״, אויבן, אַ קוק צו טאָן אויף אַמעריקע.

ווען מאָטל מיט דאָבען האָבן זיך דערקליבן אויבן, האָבן זיי דאָרטן געטראָפן די צוויי שוועסטער, בריינדלען און לייטשען, וואָס זיינען געשטאַנען ביים פאַרענטש און אָנגעוויזן מיט אויסגעשטרעקטע פינגער צו אַ מאָדנער געשטאַלט, וואָס איז לאַנגזאַם געקראָכן פון דער נעפּלדיקייט אַרויס. יאָ, מ׳האָט שוין געזען די „סטאַטוע פון פרייהייט״! מ׳איז געווען אין אַמעריקע! און נאָך ווייטער האָט מען שוין געקאָנט אויסטיילן די געביידעס מיט די הויכע טורעמס, און דאָס איז געווען ניו־יאָרק. איבער דער שטאָט האָבן געפלאַטערט, ווי דינע, זיידענע פאָנען פון אַ ווייסן זייד, די פרימאָרגנדיקע וואָלקנס אַנטקעגן די ערשטע שטראַלן פון טאָג און זון. אין עטלעכע מינוטן אַרום איז אַרויסגעשוואומען די שטאָט, ווי אַן אונטערגעצונדענע אין דער אויפגייענדיקער זון, געשוואומען אַנטקעגן דער שיף...

דער גאַנצער ניו־יאָרקער ברעג האָט זיך געררויכערט מיט פאַרשווינ־דנדיקן נעפּל, מיט קוימענס פון שיפן און שיפלעך. אַ ווייטער און נאָענטער געשריי פון סירענעס האָט געשניטן די לופט, ווי ער וואָלט אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון זייער שיף. פון דעם איז ביי אַלעמען אויף די הערצער געווען אַ פרייד און אַ טרויער געמישט אין איינעם. אַמעריקע איז אויפגעגאַנגען אין איינעם מיט דער זון, אויסגעטיילט זיך פון נאַכטיקן נעבל, ווי אַ וואונדער־לעכער שלאָס מיט הויכע שפּיצן פון טורעמס, וואָס האָבן זיך געשפּיזלט ביז צו די הימלען.

מענטשן האָבן זיך אין איילעניש אַ לאָז געטאָן צו זייער געפּעק. מאַמעס האָבן אָנגעטאָן זייערע קינדער, זיך געאיילט, ווי מורא געהאַט צו פאַר־שפּעטיקן. אָבער די שיף האָט זיך נאָך ניט געאיילט אַרונטערצולאָזן אירע וואַנדערער. מ׳האָט נאָך באַדאַרפט דורכגיין אַ קאַראַנטין, קאָנטראָלירן די דאָקומענטן, נאָך אַ מאָל עקזאַמענירן יעדן פּאַסאַזשיר באַזונדער. אַ שלעפּ־שיפל איז צוגעשוואומען. אַ היפּשע צאָל באַאַמטע אין אוניפאָרמען האָט באַטראָטן די שיף, אויסגעשטעלט די בלייכע מענטשן אין לאַנגע רייען,

און ערשט נאָך לאַנגע שעה'ן פון נייע מאַטערנישן און שרעק, אַרויסגעלאָזט זיי אין עליס־איילענד, וואָס אימיגראַנטן האָבן גערופן „קעסל־גאָרדן".

דאָ האָט מען ערשט צוגעלאָזן די קרובים. איינציקווייז זיינען די שיפברידער און שיפשוועסטער פאַרשוואונדן הינטער אַ דראָטענער אָפּצאַמונג. אין דער צעטומלעניש האָבן מאָטל און דאָבע פאַרלוירן די צוויי שוועסטער. זיי האָבן זיי מיט די אויגן געזוכט צווישן די הונדערטער מענטשן און ניט געפונען. ס'איז שוין ניט געווען קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיי, ווייל אָט האָט זיי שוין געפונען זייער קרובה, מלכה.

פאַר זיי איז געשטאַנען אַ מיידל, ניט גאָר קיין יונגע, אין העלע זומערדיקע קליידער, מיט אַ ברייטן, שטרויענעם הוט איבערן קאָפּ און צו זיי געזאָגט:

— דאָס זייט איר מאָטל און דאָבע טענדלער?... נו, אָט זייט איר שוין אין אַמעריקע...

און איידער זיי האָבן צייט געהאַט אויף איר גוט אַ קוק צו טאָן, האָט זי זיך מיט זיי אַרומגעכאַפּט, זיך צעקושט פריער מיט דאָבען און נאָכדעם — מיט מאָטלען, אַ כאַפּ געטאָן אַ פּעקל און געלאָזט זיך גיין:

— נו, קומט... גאָט צו דאַנקען, איר זייט אָנגעקומען...

שווייגנדיק זיינען זיי נאָכגעגאַנגען דעם מיידל, נאָכגעגאַנגען מיט די פּעקלעך דערשראָקענע און דערפרייטע, וואָס מלכה איז געווען אי פרעמד, אי נאָענט.

מ'איז געגאַנגען איבער אַ לאַנגן קאָרידאָר, וואָס האָט געפירט צום פּיער. מלכה האָט יעדע רגע אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו די גרינע, געשמייכלט און צוגעוואָרפן אַ פריינטלעך וואָרט, כדי זיי צו דערמונטערן, אָבער אין זיך האָט זי געטראָגן דעם מאָדנעם איינדרוק, וואָס זי האָט געקראָגן ביים ערשטן בליק אויף אירע געסט. ס'איז געווען אַ מאָדנע פּאָרל: מאָטל אַזאַ קליינגעוויקסיקער, אויסגעדאַרטער מיט דינע קרומלעכע פיס און ניט גאָר קיין שיינעם פּנים און דאָבע, אַ צעוואָקסענע יידענע, שוין כמעט אויף דער צייט, מיט אַ רויטן, באַפּלעקטן פּנים. דאָס זיינען געווען אירע „גרינע", וועלכע זי האָט איצט באַדאַרפט ברענגען צו זיך און זיי פאַרזאָרגן מיט „אַ לעבן" אין אַמעריקע.

אויפן שיפל, וואָס האָט זיי געפירט, מיט אַנדערע אימיגראַנטן, צום ניו־יאָרקער ברעג, האָט זי צו זיי געזאָגט:

— נו, אַט זיינען מיר שוין אין אַמעריקע... נישקשה, איר וועט דאָ אַרבעטן און מאַכן אַ לעבן... נאָר ניט געזאָרגט!

און ס'איז געווען, ווי זי וואָלט באַרואיקט ניט אַזוי דאָס שווייגנדיקע פּאָרל, ווי זיך אַליין, ווייל אויף איר איז געפאַלן אַ גרויסע זאָרג.

אַרום זיינען געשטאַנען אַ סך מיטרייזנדיקע, באַקאַנטע פּנימער, וואָס מ'האָט געזען אויף דער שיף, מיט זייערע קרובים. אָבער איצט זיינען אַלע שוין געווען ווי פרעמדע. מאָטל האָט געפּרואווט מיט די אויגן אויפזוכן די צוויי שוועסטער, אָבער זיי זיינען דאָ ניט געווען.

און נאָכדעם איז מען געפאָרן מיטן „עלעוועיטעד" איבער דער דריטער עוועניו און אָנגעקומען אויף טשערי סטריט. דאָס הויז, וואו מלכה האָט געוואוינט, איז געווען אַן אַלט פינפשטאָקיק טענעמענט־הויז פון טונקל־רויטן ציגל. זי האָט געוואוינט אין אַ צימער ביי אַן אַרבעטער־פּאָר־פּאָלק, קינדערלאָזע מענטשן. זי איז ביי זיי געווען ווי אַן אייגענע, און דערפאַר האָבן זיי באַגעגנט מלכהס קרובים אויך ווי אייגענע. מ'האָט זיי אָפּגעגעבן אַ באַזונדער צימער מיט אַ ברייטן, מעשענעם בעט, וואָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע אויף דער איסט־סייד. די ווענט פונעם צימער אויסגעקלעפּט מיט טאַפּעטן, וואָס זיינען שוין געווען אַלט, ערטערווייז אָפּגעריסן און שטאַרק פאַרפלעקט פון וואַנצן, פון פליגן־אָפּפאַל, פונעם איינגעגעסענעם שטויב און פון אַלטקייט. קוקנדיק אויף די ווענט, האָט זיך מאָטל דערמאָנט וועגן זיין שטיבל אין אוקראַינע. די מאַמע זיינע פלעגט יעדן ערב־פּסח גוט אָפּווייסן, עפענען טיר און פענצטער, אַז דער זוניקער דרויסן זאָל זיי אויסטריקענען. פון דעם האָט וואָכן־לאַנג געשמעקט אין הויז מיט ריינקייט... איצט איז אין דער קליינער דירה געווען ענג, ווי די צוויי צוגעקומענע מענטשן וואָלטן איבערפולט די צימערן. מאָטל האָט זיך צוליב דעם געפילט שולדיק, פאַר אַלץ געדאַנקט.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, אַ גרויסן דאַנק...

און אויך דאָבע האָט פאַר אַלץ געדאַנקט, אויף איר אייגענעם שטייגער:

— אַ דאַנק, — פריער גאָט דערנאָך איר...

די באַלעבאַטים פון הויז זיינען ניט געווען קיין פרומע מענטשן, אָבער אַזוי ווי ס'איז געווען פרייטיק צו נאַכט, האָט מען געגעסן אַ שבתדיקע וועטשערע. ס'איז געווען פיש און פלייש און אַ געפלאָכטענע חלה האָט

באַפּוצט דעם טיש. נאָך דער וועטשערע האָט מען זיך אָוועקגעזעצט שמועסן וועגן „דער אַלטער היים" און וועגן אַמעריקע. מלכה האָט געוואָלט וויסן וועגן שטעטל, וועגן אירע קרובים, וועגן מענטשן, וואָס זי האָט נאָך געדענקט. ס'זיינען אויפגעשוואומען פאַר די אויגן מענטשן, יעדער מענטש מיט זיין געשטאַלט, מיט זיין מאָדנעם נאָמען: „משה חייקל־דוואָשעס", מענדל דער וואַסערפירער, זרח דער ליפּעראַנט, דער גביר גאָלדיס, דער מעל־הענדלער... אָט די אַלע נעמען, וואָס מלכה האָט אויפגעמישט אין זכרון, זיינען איצט געווען אַלטע לייט, זייערע קינדער האָבן שוין אַליין געהאַט קינדער. און אַ סך יונגע לייט און מיידלעך זיינען געפאַלן אין דער מלחמה און פון די פּאָגראָמטשיקעס. אייניקע, עלטערע און ייִנגערע, זיינען געשטאָרבן פון קראַנקייטן, פון הונגער, פון עפּידעמיעס און אויך אין דער צייט פון די באַנדיטישע אָנפאַלן...

מלכה האָט געפרעגט און מאָטל מיט דאָבען האָבן געענטפערט. אויף מלכהס פּנים איז געווען אויסגעלייגט אַזאַ אומעט, און אויך די „גרינע" זיינען געווען פאַראומערט, ווי דאָס לעבן, וועגן וועלכן זיי האָבן איצט דערציילט, אויך פאַר זיי איז עס שוין געווען אַ ווייטע פאַרגאַנגענ־הייט. נאָכדעם האָט שוין אויך מלכה דערציילט וועגן איר לעבן אין אַמעריקע. אירע ערשטע „גרינע" יאָרן אין די שעפּער, אַן עלנט מיידל, איינע אַליין, „ווי אַ שטיין"... די שעפּער זיינען נאָך געווען „סוועט־שאַפּן", אוי, איז דאָס לעבן דאָ געווען שווער!.... איצט איז אַ סך בעסער. מאָטל איז געקומען אין אַ בעסערער צייט. און נאָכדעם האָבן אויך די באַלעבאַטים פון הויז דערציילט וועגן זייער קומען „אינעם גאָלדענעם לאַנד", ווי זיי האָבן זיך דאָ אָנגעפּלאָגט ביז מ'האָט זיך צוגעוואוינט און צום סוף, ווי מלכה, אַריינגעוואָרפן אַ טרייסטוואָרט, אַז די צייטן זיינען שוין איצט אַנדערע, אַן אַרבעטער, אַפילו אַ גרינער, קאָן דאָ „מאַכן אַ לעבן". מאָטל האָט באַמערקט, אַז אויף מלכהס פּנים און אויף די פּנימער פון די באַלע־באַטים איז געווען אַ טרויעריקער שמייכל.

און אַזוי איז מען אַריבערגעגאַנגען צו באַריידן אויך מאָטלס קומענ־דיקן טאָג אין אַמעריקע. ס'האָט גערעדט מלכה און ס'האָט גערעדט דאָס פּאָרפאָלק. אין זייערע רייד האָבן זיי אַריינגעוואָרפן פרעמדע ווערטער און אויסדרוקן, אָבער זייער זין האָט מאָטל אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך צוגע־הערט און געשוויגן. דאָ האָט מען באַדאַרפט אַרבעטן. שווער אַרבעטן. אין

אַמעריקע איז יעדערער געווען פאַר זיך. דאָ איז ניטאָ די „יוראָפּישע" פריינטשאַפט און די „יוראָפּישע" קרובהשאַפט. דאָ גילטן אַזוינע ווערטלעך, ווי „איטש מען פאַר הימסעלף" און „העלפּ יור סעלף". און דאָס ווערטל „טיים איז מאָני" האָט געפאָדערט אויסרעכענונג, ווייל אַ מינוט פאַרלירן ביי דער אַרבעט האָט געמיינט פאַרלירן געלט. און „מעיק די בעסט אָוו איט" האָט זיך באַצויגן צו אחריות, וואָס אַמעריקע האָט אַרויפגעלייגט אויפן מענטשלעכן לעבן.

אָבער דערפאַר האָט זיך דאָ יעדער איינער געקאָנט „אַרויפאַרבעטן". אין אַמעריקע האָט אַן אַרבעטער געקאָנט איבערנאַכט ווערן אַן „אַלרייטניק". אַן אַרבעטער האָט געקאָנט „אָפּסייפן" געלט און קויפן אַ „סטאָרקע", אָדער עפענען אַ שאַפּ און ווערן אַ „מאַנופעקטשורער". אָט זיינען דאָך זייערע אייגענע „באָסעס" אַמאָל געווען אַרבעטער, געשקלאַפט אין „סוועט-שעפּער" און איצט זיינען זיי שוין גבירים. יאָ, אין אַמעריקע האָט יעדערער געקאָנט „מאַכן גוט"...

און אַזוי ריידנדיק, האָט מלכה שוין אויך ניט פאַרגעסן צו זאָגן מאָטלען, אַז זי האָט שוין גערעדט מיטן „באָס" און, אַז זי וועט אים מאָנטיק „אַרויפנעמען" אין שאָפּ. דער „באָס" און דער „פאָרמאַן" האָבן געזאָגט, אַז ס'איז „אַלרייט". זאָל ער זיך נאָר ניט שרעקן, ווייל אָט איז ער דאָך געווען אַ בעל-מלאכה פון דער היים, נישקשה, ער וועט שוין מאַכן אַ לעבן !...

דאָבע איז געזעסן און געשוויגן. וועגן איר, וועגן איר לעבן אין אַמעריקע, האָט קיינער ניט דערמאָנט מיט קיין וואָרט. זי האָט ניט געקאָנט ניט לייענען און ניט שרייבן. ניט געהאַט קיין מלאכה אין דער האַנט. זי האָט אפילו ניט געוואוסט ווי צו ריידן מיט מענטשן. געווען אַלע יאָרן אַ דינסטמיידל ביי פרעמדע. אויסגעלעבט אירע יאָרן אין קיך. געוואַשן פאָדלאָגעס, געראַמט, געשלאָפן אויף אַ באַנק אין דער קיך. און דאָ איז זי גאָר געווען „אויף דער צייט"...

זי האָט געדאַנקט דעם באַלעבאָס, דער באַלעבאָסטע און אַלעמען, און ס'איז געווען ווי נאָר אָט די עטלעכע ווערטער זיינען איר פאַרבליבן אין איר וואָרט-אוצר. מלכה האָט איר צוגעוואָרפן אַ פּאָר גוטע ווערטער:

— און איר, דאָבע, דאַרפט זיך ניט זאָרגן. אַמעריקע האָט אַריינגענומען מיליאָנען מענטשן. די „יוראָפּישע" גליקן, אומשטיינס-געזאָגט, וואָס

איר קאָנט דאָ פאַרלירן... ווי נאָר אייער מאַן וועט אָנהייבן אַרבעטן, וועלן מיר זוכן אַ דירה. איר וועט האָבן אַן אייגענע היים... „פאָרניטשור„ וועלן מיר קריגן אין אַ „סעקאָנד־ענד סטאָר" ביליק... איר וועט זען, איר וועט זיך דאָ שנעל „אויסגרינען"...

און אַז מלכה האָט געדעדט וועגן „אויסגרינען זיך", האָט זי זיך אויך דערמאָנט, אַז מאָטל דאַרף האָבן נייע קליידער, אַן אַמעריקאַנער „סוט". מאָרגן, נאָך דער אַרבעט וועט זי מיט אים גיין אין אַ „קלאָדינג־סטאָר" אויף סטענטאָן סטריט און קויפן אים אַ „סוט" און אַ „קאָאָט„ און אַ פּאָר אַמעריקאַנער „שורטס"... גראָד איצט זיינען גרויסע „סעילס".

— אין אַמעריקע איז בעסער, אַז מ'ווייסט ניט, אַז מ'איז אַ „גרינער"... און אויך אייער נאָמען... מ'דאַרף אויך דעם נאָמען בייטן. דער נאָמען מאָטל איז גוט געווען פאַר יוראָפּ, אָבער דאָ וואָלט גוט געווען מעקס... מעקס טענדלער!

קעגן דעם נייעם נאָמען האָט מאָטל ניט געקעמפט. אָבער פאַר זיינע קליידער האָט ער זיך פּרובירט איינשטעלן:

— סטייטש, ס'זיינען דאָך נאָך געווען כמעט נייע קליידער... אָט דעם „קאָסטיום", וואָס ער טראָגט, האָט אים דער סטודענט פּיווול גאָלדיס, דעם גבירס זינדל, געבראַכט צום וואָקזאַל... מ'קאָן נאָך דעם קאָסטיום טראָגן און טראָגן...

יענע נאַכט אין אַמעריקע איז מען געגאַנגען שפּעט שלאָפן. אָבער איינשלאָפן האָט מען לאַנג ניט געקאָנט. יעדע רגע האָט מען געהערט קלאַנגען. די „עלעוועיטעד"־באַנען, וואָס זיינען דאָ ניט ווייט פאַרבייגע־לאָפן האָבן אויפגעציטערט דאָס טענעמענט־הויז. ס'האָט זיך געהערט אַ געבראַזג פון וועגענער, פון אויטאָמאָבילן, אויסגעשרייען פון מענטשן, אַ קלאַפּן פון טירן, פון פענצטער. דערצו איז אינעם קליינעם צימער געווען זייער שטיקיק צוליב דער זומערדיקער היץ, צוליב דער אומריינער לופט, וואָס איז געקראָכן דורכן איינציקן אָפענעם פענצטער.

6

מאָנטיק גאַנץ־פרי איז מאָטל מיט מלכהן געגאַנגען איבער דער פרי־מאָרגנדיקער גאַס. דאָס מיידל איז געגאַנגען שווייגנדיק. זי איז געווען

פאַרזאָרגט. דאָס האָט מאָטל געזען. אָבער ווי נאָר זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, האָט זיך איר פּנים צעשמייכלט מיט אַ סך פריינטלעכקייט, ווי זי וואָלט מיט דעם געזאָגט: נישקשה, ס׳וועט שוין זיין גוט... ניט געזאָרגט!

אָבער מאָטלען איז געווען שווער אויפן האַרצן. אין די פּיס איז אים אַריינגעפאַלן אַזאַ מאָדנע שוואַכקייט, אַז ער האָט זיי קוים געשלעפּט. אין אים איז געווען אַזאַ מורא, ווי מ׳וואָלט אים געפירט צו דער עקדה. אָט אַזוי האָט ער געפילט מיט יאָרן צוריק, ווען זיין מאַמע, די אלמנה, האָט אים צום ערשטן מאָל געפירט צו גייזער דעם שנײַדער לערנען די מלאכה.

ס׳איז געווען דאָס זעלביקע, נאָר איצט האָט אים, אַנשטאָט דער מאַמען, געפירט מלכה. די טראָטוואַרן זיינען שוואַרץ געווען פון איילנדיקע מענטשן. אַלע האָבן זיך געיאָגט צו דער אַרבעט. פון יעדן הויז, פון יעדער גאַס האָבן זיך שטראָמען מענטשן צונויפגעגאָסן אין איין שטראָם. אַלע האָבן זיך געאיילט צו די טראַמווייען, צו די באַנען. מאָטל האָט נאָך אַזוי פיל מענטשן אין זיין לעבן ניט געזען. מלכה האָט אים געזאָגט, אַז דאָס גייט ניו־יאָרק צו דער אַרבעט און צו זיינע „ביזנעס".

מ׳איז געגאַנגען לאַנג, איבערגעשניטן גאַסן און עוועניוס, ביז מ׳איז אָנגעקומען צו אַן אַלטער געבײַדע און אויפגעהויבן זיך איבער שטיינערנע טרעפּ אויפן דריטן שטאָק. דער שאַפּ איז געווען ניט קיין גרויסער. אַ פּאָר צענדליק מאַשינען זיינען געשטאַנען אין צוויי רייען, ביידע רייען נאָענט איינע צו דער אַנדערער, אין סאַמע מיטן פונעם ברייטן און היפּשלעך לאַנגן „לאָפט". אַרום די ווענט זיינען געווען לאַנגע טישן, די וואַרשטאַטן, אויף וועלכע ס׳האָבן זיך געבערגלט געוויקלטע און צעוויקלטע שטאָפן פון אַלערליי קאָלירן, פאַרטיקע און נאָך ניט פאַרטיקע מאַטעריאַלן. אין די ווינקלען זיינען געשטאַנען די „פיגורן", מאַנעקענען פון אַלערליי גרויס און אַ היפּשע צאָל פּרויען־ביוסטן פון דראָטן און לייוונט.

דאָ האָט מען געניית ביליקע הויז־קליידלעך. מלכה האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אַ שאַפּ פון „ביליקע טרייד", און די אַרבעטער האָבן באַדאַרפט היפּשלעך „אַריינשיסן", כּדי צו „מאַכן אַ פּאָר סענט".

אין שאַפּ איז נאָך געווען טונקל, נאָך ניט אַלע לעמפּלעך האָט מען אָנגעצונדן. עטלעכע אַרבעטער, וואָס זיינען געקומען פאַרפרי, האָבן זיך געפּאָרעט מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל אַרום זייערע מאַשינען, גערעדט צווישן זיך מיט אָפּגעריסענע ווערטער. אַ פרימאָרגנדיקע שטילקייט האָט

אַנגעפילט דעם „לאָפּט‟, ווי דער שאַפּ וואָלט זיך נאָך ניט געוואָלט אויפכאַפּן פון אַ זיסן, נאַכטיקן שלאָף און זיך צוריקקערן צום נעכטיקן טומל.

אַ מאַן, וואָס האָט באַמערקט מלכהן מיט מאָטלען, האָט הויך אַ זאָג געטאָן צו איר:

— האַלאָ, מאַלי! איך זע, דו האָסט אַרויפגעבראַכט דיין „גרינעם‟... זאָל זיין אין אַ גוטער שעה!... אָל־רייט, לאָמיר אים אָנקוקן, דעם לאַנדסמאַן...

ער איז צוגעקומען צו מאָטלען, אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אים אָנגעקוקט מיט נייגיר, אָפּגעמאָסטן אים פון קאָפּ ביז די פיס.

— אַזוי, אַזוי... הייסט עס, אָט דאָס איז דיין גרינער, מאַלי...

אַן אַנדערער, וואָס איז אויך צוגעקומען און דערלאַנגט מאָטלען אַ האַנט, האָט געזאָגט:

— נו, נו... זיינען מיר, הייסט עס, אין אַמעריקע... יאָ!

אַ זאָג געטאָן און באַלד אַוועק צו זיין מאַשין, וואָס דאָס האָט באַדאַרפט הייסן, אַז מאָטל האָט אויף אים געמאַכט אַ קנאַפּן איינדרוק.

אָבער דער ערשטער, אַפּנים אַ פריינטלעכער מענטש, איז געבליבן און אַ פרעג געטאָן מאָטלען:

— —איז ווי „גלייכט‟ איר עפּעס אונדזער אַמעריקע? אַ פיין לענדעלע, די אַמעריטשקע אונדזערע, אַזאַ יאָר אויף קאָלומבוסן!...

און ער האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט.

מאָטל איז געשטאַנען פאַרלוירן און פאַרשעמט און ניט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיק וואָרט צו זאָגן. געשמייכלט, און געוואַרט, אַז מלכה זאָל אים אַרויסנעמען פון דער פאַרלעגנהייט.

אין דער מינוט האָט זיך פון אַ קליין טירל, הינטער אַ ברעטענער אָפּצאַמונג, אַרויסגערוקט אַ ייד מיט אַ יאַרמלקע אויפן פליכעוואַטן קאָפּ און אין זשילעט איבער דער ווייסער העמד, און איז מיט שנעלע טריט צוגעגאַנגען, אָן ווערטער באַקוקט מאָטלען איין מאָל און אַ צווייט מאָל, און ענדלעך געזאָגט צו מלכהן:

— דאָס איז, הייסט עס, דיין „גרינער‟?... כ׳מע!... און וואָס וועלן מיר מיט אים דאָ קאָנען טאָן?...

מלכה האָט געזאָגט צו מאָטלען:

— דאָס איז מיסטער מעקלער... אונדזער באָס.

מאָטל האָט ווידער ניט געפונען קיין וואָרט צו זאָגן, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז עפּעס האָט מען געמוזט זאָגן. דעם באָס האָט אָבער ווייניק געאַרט, וואָס יענער שוויגט. ער איז געשטאַנען, געקראַצט זיך אונטער דער יאַרמלקע, געוואָרפן אויף מאָטלען זיינע בליקן און באַלד זיי אָפּגעפירט אַן אַ זייט.

אָבער דאָ האָט שוין מלכה געזאָגט:

— מיסטער מעקלער, דער מאַן איז אַ שניידער פון דער היים... אַן „עקספּיריענסט הענד"... גיט אים אַ „טשענס"... גיט אים איין „טרייעל" און איר וועט זען וואָס פאַר אַן אַרבעטער ער איז... ער איז אַ „פעמילי־מען". אַ „סטעדי" האַנט... גיט אַ מאַן אַ „טשענס", מיסטער מעקלער.

אין אירע ווערטער זיינען געווען געבעט און רחמנות צו מאָטלען.

דער באָס איז גראָד געשטאַנען אַ קאַלטער און אַ פרעמדלעכער. צום סוף האָט ער געזאָגט:

— נו, זאָג אַליין, מאַלי, ביסט דאָך ניט קיין גרינע, — וואָס קאָן ביי מיר אַ זאַ מאַן טאָן? ווייסט דאָך, ביי אונדז דאַרף מען קאָנען אַריינשיסן... ניין שעה אַ טאָג דאַרף מען שיסן... און וואָס ער איז אַ שניידער פון דער היים — דאָס איז בלאָטע. מיר נייען ניט קיין גאַרניטערס, מיר נייען „האַוז־דרעסעס"... אונדזער „ליין" איז אַן אַנדערער... ס'איז „מאָסל"־אַרבעט...

אין דער רגע האָט זיך פון ערגעץ, פון אַ פינצטערן ווינקל, אַרויסגערוקט דער פאָרמאַן. ער איז געווען אַ קליינגעוואוקסיקער, אָבער אַ פּלייציק מענטשל מיט אַ גרויען פּנים און מיט גרינע, קליינע אויגן, וואָס האָבן באַלד דורכגעשטאָכן מאָטלען ווי מיט שאַרפע נאָדלען און אָפּגעמאָסטן אים מיט אַן אָפענער גרינגשעצונג:

— מיסטער מעקלער, איך האָב אַן „איידיע". גיט אים אַ „טשענס" אויף די „בעלטס". „יו קענט גאָ ראָנג", מיסטער מעקלער. „וואָט דו יו סעי?".

אָבער דאָ האָט זיך ווידער מלכה אַריינגעמישט:

— מיסטער מעקלער, ער איז אַ "פעמילי־מען". וואָס קאָן ער אויסמאַכן אויף די „בעלטס?" און זיין ווייב איז אים אויף דער צייט... אין אַ וואָך אַרום וועט זי זיך דאַרפן אָוועקלייגן אין קימפעט!

מיסטער מעקלער האָט ווידער אַ קראַץ געטאָן היטנערן אויער:

— בין איך שולדיק, וואָס די ווייב זיינע איז אים אויף דער צייט?

מאָטל איז געשטאַנען מיט אַ געפּאַלענעם געמיט און זיך געפילט ווי אַ קליין קינד, וואָס דערוואַקסענע האָבן איצט באַדאַרפט באַשטימען זיין גורל. ער האָט געפילט, אַז ער האָט באַדאַרפט עפּעס זאָגן, אָבער ניט געקאָנט אַריינמישן זיך.

ס'האָט ניט געהאָלפן. ער האָט געמוזט בלייבן ביי די „בעלטס". דער פאָרמאַן האָט אים צוגעפירט צו אַ מאַשין, ביים סאַמע סוף פון דער ריי. אליין אַוועקגעזעצט זיך, כדי צו ווייזן, ווי מאָטל האָט באַדאַרפט זיצן, ווי צו „לאָזן" די מאַשין. מלכה איז דערביי געשטאַנען און אַז דער פאָרמאַן איז אַוועק, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט און געלערנט, ווי אַ מאַמע לערנט אַ קינד זיין ערשטן טראָט צו מאַכן.

דערווייל זיינען שוין אָנגעקומען אַלע אַרבעטער, איניקע זיינען צוגעקומען באַקענען זיך מיטן „גרינעם" און איניקע האָבן זיך באַלד אַוועקגעזעצט ביי זייערע מאַשינען. דער פאָרמאַן האָט אַ בויג געטאָן אַ הענטל ביים מאָטאָר. דער מאָטאָר האָט געענטפערט מיט אַן אויסגעצויגענעם, טרויעריקן ריטש און באַלד האָבן די רימענע פאַסן אָנגעהויבן זיך צו יאָגן און דרייען זיך איבער די וואַלצן אין אַ ווילדן געיעג. אַ צענדליק מאַשינען האָבן באַלד אָפּגעענטפערט מיט אַן אייגענעם געשריי, מיט אַ גערודער, און אַלץ אין שאַפּ האָט זיך גענומען דרייען, שרייען און פאַרשרייען דעם נייעם טאָג.

אַז מאָטל האָט זיך אויסגעלערנט די געזעצן פון דער מאַשין, איז שוין די אַרבעט געווען לייכט. די צרה איז נאָר געווען, וואָס דער פאָרמאַן פלעגט אָפט צוקומען צו אים, אַריינגעמען אַ „בעלט" אין דער האנט, באַקוקן און געפינען אַ חסרון. דאָ איז דער „סטיטש" געווען צו קורץ און דאָ צו לאַנג. דאָ איז דער זוים געדווען צו שמאָל און דאָ — צו ברייט.

— אַי, אַ גרינער בלייבט אַ גרינער... טו אַ קוק, פורצע! זאָגסט דאָך, אַז ביסט אַ שניידער פון דער היים... אָל־רייט! גיב אַ קוק... דאָ, ברודערקע, דאַרף מען אַ פּערפעקט דזשאָב, אַז ניט פליסטו אויף צוויי שפּענדלעך...

מאָטל האָט געזען: דער פאָרמאַן איז געווען אַ רשע, און ער האָט אים שטאַרק פיינט באַקומען. אָבער ער האָט געשוויגן און שטום געפינטלט מיט די אויגן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַ זעץ.

איצט זיינען אַלע אַרבעטער געווען פאַר זיך. קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. נאָר מלכה פלעגט פון צייט צו צייט צוקומען

צו אים, זאָגן אים אַ גוט וואָרט פון דערמוטיקונג. מיט יעדער שעה איז זי געוואָרן בלייכער, די אויגן אירע — איינגעפאַלענער. זי איז געוואָרן עלטער. און אויך די אַרבעטער זיינען דערביי געווען אַריינגעטאָן אין דער מאַשין, ווי די מאַשין וואָלט ביסלעכווייז אויסגעזויגן פון זיי דאָס בלוט, וואָס זיי האָבן איבערנאַכט אין זייערע היימען אָנגעזאַמלט.

מיטאָגצייט, ווען די מאַשינען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיך די אַרבעטער צעשאָטן איבער די ווינקלען איבערצובייסן. מ'האָט זיך צוגע־כאַפּט צו די „לאָנטשעס", איינגעפּאַקטע אין פּאַפּירענע זעקלעך. אויך ער מיט מלכהן האָבן געגעסן. און איידער וואָס־ווען, האָט שוין ווידער דער מאָטאָר אַ ריטשע געטאָן, און ווידער זיינען מענטשן איינגעהויקערטע ביי דער מאַשין געזעסן, אַרויסגעיאָגט פון זיך די כוחות. און ער איז אויך געוואָרן מידער און מידער. און דאָס איז געווען זיין ערשטער טאָג אין אַן אַמעריקאַנער שאָפּ.

גייענדיק אַהיים, האָט אים מלכה פּרובירט טרייסטן:

— דער ערשטער טאָג אין שאָפּ איז אַלע מאָל דער שווערסטער... אָבער ניט געזאָרגט, — מ'ווועט מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע...

מאָטל האָט געשוויגן.

ביינאַכט, ווען ער איז געלעגן אין בעט, האָט ער ניט געקאָנט איינשלאָפן.

קאַפּיטל צוויי

מלכה

1

מלכה איז געווען אַ מיידל פון עטלעכע און דרייסיק יאָר. זי איז ניט געווען קיין צו שיינע, אָבער קיין מיאוסע איז זי ניט געווען. צייטנווייז, ווען זי איז געווען אויסגערוט און אין אַ גוטער שטימונג, האָט זי אויסגעזען אַפּילו חנעוודיק. אירע שוואַרצע האָר האָבן רייך ארומגעראַמט איר בלייכלעכן פּנים און האָבן צוגעגעבן כאַראַקטער איר לענגלעכער נאָז. אירע ברוינע, מילדע אויגן האָבן דערציילט פון גוטסקייט, פון פרוילעכער וואָרעמקייט און באַהאַלטענעם טרויער. אַ שלאַנקע, העכער פון מיטעלן וואוקס, אויסגעפּוצט אין אַ יומטובדיקן קלייד, האָט זי געקאָנט אויסזען מער ווי אַן עלטער מיידל פון דער קינסטלערישער אינטעליגענץ, ווי אַ פּשוטע שאַפּ־אַרבעטאָרין. נאָר די שטענדיקע זאָרגעוודיקייט און לאַנגע יאָרן ביי דער אַרבעט האָבן ווי אויסגעזויגן די באַזונדערע שיינקייט פון אירע גלידער און אויסגעלייגט אַרום אירע קין־באַקן קנייטשן און טיפער געמאַכט די דינע לאַך־קנייטשעלעך אַרום די אויגן.

אין דער היים, אינעם שטעטל, איז זי געווען אַ קיילעכדיקע יתומה. זי האָט זיך געהאָדעוועט ביי דער באָבען אין הויז. ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט מען זי אָוועקגעגעבן אַרבעטן צו אַ מאָדיסטקע. שפּעטער איז זי אָוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, און דאָ זיינען די יאָרן אָוועקגעגאַנגען צווישן אַרבעט אין „סלעק", און דער זאָרג וועגן דער אַלטער באָבען, וועמען זי האָט באַדאַרפט שיקן הילף. די יאָרן זיינען צעריבן געוואָרן. בחורים האָבן זיך צו איר געשדכנט, אָבער זיי זיינען געווען ניט איר „טיפּ", ווי

מ׳זאָגט אין אַמעריקע. און אַזוי אַרום איז זי שוין דערווייל געוואָרן אַן „אַלטע מויד״. די אַלטמוידישקייט האָט זיך אויסגעלייגט אויף איר פּנים און אויף איר פיגור, און בחורים האָבן זיך אויף איר אויפגעהערט אַרומצוקוקן, און פרויען האָבן זי אָנגעהויבן צו באַדויערן, איינגערעדט איר צו „באַלאַנגען״ ערגעץ, צו אַ „סאָסייעטי״, צו אַ „ברענטש״, גיין אָפטער צו די פאַרשיידענע באַלס פון אַלערליי לאַנדסמאַנשאַפטן, באַזוכן „ביוטי־פּאַרלאָרס״.

אין יענער צייט — ס׳איז געווען אין מיטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָט זיך אין אַמעריקע פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע הילף־אַרבעט פאַר די מלחמה־קרבנות, די „פּיפּלס רעליף״. מלכה האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, אַוועקגעגעבן איר גאַנצע פרייע צייט. ס׳איז געווען אַ גרויסע אַרבעט פאַר יידן אין „דער אַלטער היים״, קרבנות פון דער מלחמה. אירע זונטיקס פלעגט זי אַוועקגעבן אויף קלעטערן אויף די טרעפּ פון טענעמענט־הייזער, קלאַפּן אין טירן, זאַמלען „ניקלס״ און „דיימס״. אין דער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען מענער און פרויען, מערסטנס פאַרהייראַטע, און אויך מיידלעך, אַזעלכע ווי זי, אַרבעטער־מיידלעך, און בחורים, שאָפּ־אַרבעטער, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער צייט פאַרן „פּיפּלס רעליף״. די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן רעאָרגאַניזירט די הילף־אַרבעט אויף אַ לאָקאַלן אופן, און מלכה איז אַריין אין דער לאַנדסמאַנשאַפט פונעם אייגענעם שטעטל. דאָרטן זיינען געווען מערסטנס פאַרהייראַטע מענער און פרויען און עלטערע מענטשן.

אין שאָפּ האָבן אַרבעטער זי אָנגעהויבן צו באַדויערן:

— אַזאַ טייער מיידל, און קאָן זיך ניט געפינען קיין מאַן... אַ שאָד!

און איר אַליין האָט מען שוין אָפן גענומען אויפוואַרפן איר אַלט־מוידישקייט:

— ווי לאַנג וועסטו דאָ מיט אונדז פינצטערן, מלכה? וועסט ניט יינגער... די יאָרן לויפן... האָב חתונה, האָב קינדער... וועסט זיין פאַר זיך אַ באַלעבאָסטע.

די פרויען וואָס האָבן מיט איר געקענט אינטימערריידן וועגן דעם ענין, האָבן מיט איר שטענדיק איינגעטענהט:

— אוי, מלכהלע, וועסט, חלילה, פאַרזעסן ווערן. זיי ניט איבערקלייבע־ריש, מלכה. אַלע מענער זיינען איין שוואַרץ־יאָר! מ׳ווערט צו זיי צוגע־

וואוינט, און מ׳לעבט אָפּ אַ לעבן. און ליבע? ס׳איז „נאָנסענס!... ליבע — שמיבע — מ׳האָט אַ מאַן און אַ היים און קינדער — און אָט האָסטו דיר די גאַנצע ליבע...

איין מאָל איז דער באָס אַליין, מיסטער מעקלער, צו איר צוגעשטאַנען מיט אַ שידוך, ממש אַ „שמאַלץ־גרוב״. ס׳איז געווען באַלד נאָכדעם ווי מאָטל מיט דאָבען זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע. ער האָט פאַר איר געהאָט אַ שידוך — אַן אַנטיק! אַ רייכער עלטערער בחור, אַ „בעטשלאָר״, אַן אייגנטימער פון „פּאָון־שאָפּ״ אויף דער באָוערי, מיט אַן אייגן הויז, מיט געשעפטן, מיט אַ פעטן באַנק־ביכל...

פון אָנהייב האָט זיך דער שידוך טאַקע געלייגט אויפן שכל. איר אַליין האָט זיך צייטנווייז געדוכט, אַז ס׳איז גאָר ניט געווען קיין אַנדער גליק אויף דער וועלט אויסער רייכקייט. אָבער שפּעטער האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דער „בעטשלאָר״ האָט מיט זיך געהאַט אַ ברודער, אַ ייִנגערן פון זיך, און דער ברודער איז געווען אַ בלינדער פון געבורט, וואָס האָט באַדאַרפט, לויט דער צוואה פון זייער פאַרשטאָרבענעם פאָטער, וואוינען אין הויז און אויסגעהאַלטן ווערן פון זיין עלטערן ברודער ביזן טויט. און כאָטש דער בלינדער האָט ניט געהאַט קיין חלק אינעם אָנגעזאַמלטן פאַרמעגן און זיך ניט געמישט אין די געשעפטן, האָט אָבער מלכה געזען די גרעסטע שטער גאָר אין דעם ברודער. ס׳איז געווען ווי זי וואָלט באַדאַרפט הייראַטן ניט נאָר מיט איר צוקונפטיקן מאַן, נאָר אויך מיט זיין בלינדן ברודער, זאָרגן וועגן זיין וואוילזיין, וואוינען מיט אים אין הויז, ווערן אַ מאַמע פון אַן אומגליקלעכן דערוואַקסענעם מענטשן...

מלכה האָט זיך דערפאַר געוואַקלט. לאַנג אַפילו ניט געוואָלט איינגיין אויף אַ „זעעניש״, אָפּגעלייגט, געזוכט תירוצים. און וויפל דער באָס, מיסטער מעקלער, האָט מיט איר ניט איינגעטענהט, געבראַכט עדות, אַז נאָר דער „חתן״, משה זעליג, איז דער גאַנצער באַלעבאָס פונעם פאַרמעגן, האָט עס ניט געהאָלפן.

די צייט איז געגאַנגען, און דער באָס האָט איר איין מאָל אָפּן אַ זאָג געטאָן:

— געדענק, מאַלי, וועסט דורכלאָזן אַזאַ „טשענס״ — וועט דיר זאָרגן וועגן דעם, וועסט דעם „טשענס״ פאַרלירן, וועסטו אים פאַרלירן אויף

אייביק... ס'אַמעריקע. דאָ קוקט מען אַרויס אויף אַזעלכע שידוכים. ניט דו — וועט זיין אַן אַנדערע, און זיי ניט ברוגז, וואָס איכל דיר זאָגן, מאַלי, ער איז טאַקע אַ בעטשלאָר, אָבער, צווישן אונדז גערעדט, ביסטו דאָך שוין אויך ניט קיין „טשיקן"...

מלכה האָט ענדלעך איינגעשטימט אויף אַ „זעעניש".

דער חתן איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק, און אפילו אויסגעזען עלטער פון זיינע יאָרן. אויפן קאָפּ האָבן זיך ביי אים די שיטערע האָר היפּשלעך געגרויט, געווען אַ געזעצטער מענטש און דערצו — אַ שווייגער. און ווי מלכה האָט אים דערזען, האָט זי דערפילט צו אים אַ פרעמדקייט. ניין, ער איז ניט דער מאַן, וועגן וועמען זי האָט געטרוימט דורך אירע מיידלשע יאָרן. איר האָט זיך געוואָלט טאַקע דאָ, ביי דער „זעעניש" מאַכן אַ סוף צום שידוך. אָבער משה זעליג איז באַשטאַנען צו טרעפן זיך מיט איר נאָך אַ מאָל אויפן צווייטן טאָג. און דעם צווייטן טאָג איז ער געווען אַ סך באַריידעוודיקער. ער האָט איר דערציילט וועגן זיינע געשעפטן, וואָס זיינען געגאַנגען „באַרג־אַרויף", וועגן דעם פּאַאון־שאַפּ אויף באַוערי און וועגן פּלענער צו עפענען אַ צווייט געשעפט אויף דער זעקסטער עוועניו און האָט אפילו ניט פאַרגעסן צו זאָגן, אַז זיין ברודער האָט קיין שום שייכות ניט מיט זיינע געשעפטן. אַלץ געהערט צו אים אַליין — דאָס הויז, די קראָם, דאָס געלט — אַלץ איז זיינס. גערעדט האָט ער ווי אַ געשעפטסמאַן, וואָס וויל גוט פאַרקויפן זיין סחורה.

און כאָטש מלכה האָט ניט געקאָנט אָפּשאַצן זיין רייכקייט און וואָס פאַר אַ ווירקונג די רייכקייט וועט האָבן אויף איר לעבן, האָט אָבער די בלויזע אילוזיע פון אַן אַרבעטער־מיידל צו באַפרייען זיך פון שאַפּ, פון באָס און דערביי דערגרייכן אַביסל לוקסוס אין לעבן, זי אַ לאַק געטאָן. און נאָך דער דריטער זעעניש מיט אים, איז שוין פאַרביידן געוואָרן קלאָר — דער שידוך איז אַ שידוך.

מלכה איז געוואָרן אַ כלה. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אַ שבת נאָכמיטאָג, האָט דער שאַפּ דורכגעפירט אַ פריילעכע זעעניש מיט איר. די אַרבעטער האָבן זיך צונויפגעלייגט, — ווער אַ קוואָדער, ווער אַ האַלבן דאָלער, — געקויפט דער כלה אַ מתנה און געשטעלט בראָנפן מיט צובייסן. אויך דער באָס האָט איר געשענקט אַ קלייד פון זיין „בעסטן סטאָק" און צוגעטראָגן

אַ גאַלאָן ווײַן צו דער שמחה. מ׳האָט געטרונקען און צוגעביסן און געוואונטשן מלכהן גליק. די פרויען האָבן זי געקושט און אַרויסגעלאָזט אַ טרער צוליב דער שיידונג. יעדער איינער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן און ווינטשן:

— זײַ גליקלעך און גאָט זאָל דיר געבן גוטע קינדער...

— פאַרגעס ניט אָן אונדז, מאַלי. קום אַמאָל אַרויף אין שאָפּ... וועסט רײַך ווערן, וועסטו אינגאַנצן פאַרגעסן ווי מיר שקלאַפן דאָ...

און אויך די פּאָר קריסטלעכע אַרבעטער האָבן צוגעוואונטשן:

— לאָטס אָוו לאַק, מאַלי. לאָטס אָוו לאַק!...

און דער באָס, מיסטער מעקלער, אַ געריכטער פון דער געזעגעניש, האָט געזאָגט:

— אַ שאָד דיך צו פאַרלירן, מאַלי, — ביסט געווען אַ גוטע „האַנט״...

מלכהס אויגן זײַנען רויט געווען פון וויינען. אויף יעדן גוטן וואָרט האָט זיך איר איצט געוואָלט וויינען. זי איז געווען אויסגעמאַטערט פון שלאָף־לאָזע נעכט און איבערטראַכטענישן. אירע ליפּן האָבן געציטערט. אַלע האָבן געזען, אַז מלכה איז ניט געגאַנגען צו איר הייראַט אַ גליקלעכע.

מאָטל איז אויך געווען זייער גערירט. ס׳איז געווען ווי אַן אייגענע שוועסטער פאַרלאָזט די משפּחה און גייט ערגעץ אַוועק אין דער פרעמד. מלכה האָט צו אים געזאָגט:

— און איר, מאַקס, זאָלט מיט דאָבען קומען אָפּט מיך זען... אַמאָל אין אַ זונטיק — קומט צו פאָרן מיט דער באַן. ווערט ניט פאַרפרעמדט... דאָ אין אַמעריקע — ווי עפּעס־וואָס, און מ׳ווערט שוין פאַרפרעמדט...

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען דורכגעפירט די באַשיידענע חתונה־צערעמאָניע אין הויז פון אַ רעווערענד. ס׳זײַנען זיך צוזאַמענגעקומען עטלעכע קרובים פונעם חתנס צד און דעם חתנס ברודער, ברוך, אַ הויכער, דאַרער מאַן מיט אַ בלייכן פּנים און אויגן פון גאָלע ווייסלען, ווען מלכה האָט געטראָפן צום ערשטן מאָל. ס׳איז געקומען מיסטער מעקלער און מאָטל מיט דאָבען — פון דער כלהס צד. און נאָך דער צערעמאָניע און דעם ביסל כיבוד, וואָס מ׳האָט געשטעלט פאַר די געסט, איז מען זיך באַלד פאַנאַנדערגעגאַנגען.

מלכה איז געבליבן מיט איר מאַן און מיט זײַן בלינדן ברודער. אָבער אויך זיי זײַנען באַלד אַרויס אין דרויסן. און מלכה האָט צום ערשטן מאָל

דערזען, ווי משה האָט אָנגענומען זיין ברודער מיט אַ לייכטן באַריר אונטערן אָרעם און איז מיט אים אַוועק פאַרויס, איבערלאָזנדיק זי פון הינטן, ניט זאָגנדיק איר קיין וואָרט. אויף דעם רעכטן אָרעם פונעם בלינדן איז געהאָנגען זיין שטעקן און געוויגט זיך מיט יעדן טראָט. זי איז נאָכגעגאַנגען. זי האָט זיך דערפילט איינזאַם. אָט ערשט, מיט אַ האַלבער שעה צוריק, האָט מען דורכגעפירט איבער איר אַ ריטואַל, און אָט איז זי שוין געגאַנגען מיט צוויי פרעמדע מענער איבער דער גאַס, און ביידע מענער וועלן פון איצט אָן זיין פאַרבונדן מיט איר לעבן, ווערן אייגענע. איינער איז געווען איר מאַן און דער צווייטער — איר שוואָגער, אָבער ביידע זיינען פאַר איר געווען גלייך פרעמדע. די צוויי מענער זיינען געגאַנגען פאָרויס און זי האָט זיי נאָכגעפאָלגט. אַזוי איז מען אַריין אין דער באַן, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק. די באַן האָט מיט אַ טומל און געבראַזג זיך געיאָגט דורך די געדערים פון דער ערד. איז מען געזעסן און געשוויגן. די רייזע האָט געדויערט אַ גאַנצע שעה. מלכה האָט עטלעכע מאָל, ווי אין פאַרצווייפלונג, געוואָלט אויסגעפינען דעם מאַנס אויגן, אַריינקוקן אין זיין פנים און געפינען אויף אים אַ וואַרעמען שמייכל, אַ בליק פון דערמוטיקונג און טרייסט, ווייל אָט איז זי דאָך מיט אים געפאָרן צו אַן אומבאַקאַנט לעבן, געפאָרן לעבן אונטער זיין שוץ. אָבער ער האָט געשוויגן, געקוקט פאָרויס און געשוויגן, און אַז זייערע אויגן האָבן זיך ענדלעך צונויפגעטראָפן, האָט זי אין זיינע אויגן קיין זאַך ניט אָנגעטראָפן, אַחוץ גלייכגילטיקע פרעמדקייט.

ניין, ער איז ניט געווען דער מאַן וועמען זי וועט קאָנען ליב האָבן און האַלטן טייער. און דער שוואָגער אירער, וואָס איז ער פאַר אַ מענטש? און די היים, וואוהין זי האָט איצט באַדאַרפט אָנקומען? זי האָט נאָך אַ מאָל פרובירט געפינען דעם מאַנס אויגן. איצט, האָט זיך איר געדוכט, האָט זי באַמערקט אַן אויסדרוק פון נאָענטקייט אין זיין בליק. זי האָט שטאַרק געוואָלט איינהאַלטן אָט דעם אויסדרוק, האָט זי אַ שמייכל געטאָן. דאָס מאָל האָט ער איר אָפּגעענטפערט מיט אַ קורצן שמייכל, אַ בויג געטאָן צו איר דעם קאָפּ, ווי אַן עלטערער צו אַ קינד, און געזאָגט:

— דו מוזט זיין זייער מיד. אָט באַלד וועלן מיר אָנקומען... בלויז נאָך דריי סטאַציעס, וועלן מיר שוין זיין אין דער היים.

פון די עטלעכע ווערטער איז איר לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. איצט האָט איר נאָר פאַרדראָסן וואָס ער האָט די גאַנצע צייט ניט אויס־גערעדט קיין וואָרט מיטן בלינדן. אַזאַ אומגליקלעכער מענטש איז געווען דער בלינדער און זיין אייגענער ברודער, און דאָך האָט ער צו אים ניט אויסגערעדט קיין וואָרט, — ניט פריער, ווען ער האָט אים געפירט אונטערן אָרעם צו דער סטאַציע, און ניט דעם גאַנצן וועג. אפשר האָט ער מיט איר אויך ניט גערעדט צוליב דער אָנוועזנקייט פונעם ברודער...

עס זיינען איר געקומען פאַרדאַכטן און פאַרויסגעפילן, וואָס האָבן באַשווערט דאָס געמיט. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער לעצטער סטאַציע. זיי זיינען אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע און גענומען זיך לאַנגזאַם אַראָפּלאָזן פון די טרעפּ. ווידער איז משה מיטן בלינדן געגאַנגען פאָרויס, און זי איז זיי נאָכגעגאַנגען. מלכה האָט דערזען, אַז ס׳איז געווען עק שטאָט. ווייטע פינצטערע שטרעקעס זיינען באַצייכנט געוואָרן מיט זעלטענע פאַראיינזאַמטע לאָמפּן, מיט טונקעלן ליכט אין פענצטער פון צעוואָרפענע הייזער. און דאָ, אַרום דער סטאַציע, זיינען געווען עטלעכע צוויי־שטאָקיקע געביידעס. אויבן זיינען געווען וואוינונגען און אונטן אַלערליי קראָמען און סטאָרקעס.

פון דער סטאַציע האָט זיך משה מיטן בלינדן אַ קער געטאָן רעכטס, אויף אַ שמאָלן טראָטואַר, וואָס האָט זיך געצויגן ביי דער זייט פון אַ ברייטן וועג, באַשאָטן מיט דיקן זאַמד. איצט איז דער וועג געלאָפן אין דער פינצטערקייט אַריין, באַלויכטן מיט שיטערע לאָמטערנעס.

דער שמאָלער טראָטואַר איז געווען גענוג נאָר פאַר צוויי מענטשן צו גיין, איז מלכהן ווידער אויסגעקומען צו גיין פון הינטן.

באַלד זיינען די צוויי מענער אַראָפּ פון טראָטואַר און זיינען אַוועק מיט אַ שמאָלער סטעשקע צווישן גראָז און דאָ דערביי איז שוין געווען דאָס גרויסע הויז, אַרומגענומען פון דריי זייטן מיט אַ ברייטן גאַניק, וואָס איז געלעגן נידעריק צו דער ערד.

דער גאַסן־לאָמפּ, וואָס איז היפּשלעך ווייט געשטאַנען, האָט מיט זיין ליכט קוים באַלויכטן די אויסערלעכע קאָנטורן פונעם הויז. די פינצטערע פענצטער פונעם ערשטן און צווייטן שטאָק און, באַזונדערס, פונעם „אטיק״, האָבן אַ וויי געטאָן אויף מלכהס האַרץ מיט פרעמדקייט און מורא.

אַט דאָ הינטער די פענצטער וועט זי דאַרפן לעבן מיט די צוויי פרעמדע מענטשן, וואָס איינער פון זיי איז איר מאַן.

אַז מ׳איז אַריין אינעווייניק, און משה האָט אָנגעצונדן ליכט אינעם גראמען קאָרידאָר, האָט זי דערזען אין אַ ווינקל איר טראָנק, וואָס מ׳האָט אינדערפרי אַהער איבערגעשיקט. אין טראָנק איז געווען דאָס גאַנצע רייכקייט אירע, די גאַנצע חתונה־גאַרדעראָבע, וואָס זי האָט אָנגעגרייט. אין אים זיינען אויך געווען די בילדער פון נאָענטע און בריוו פון דער היים, אַ פּאָר ביכלעך, וועלכע זי האָט געהאַלטן טייער צוליב זייער אינהאַלט און אַ סך אַנדערע קלייניקייטן, וואָס אַ מענטש וויל זיי אָנהאַלטן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

און דאָס וואָס דער טראָנק איז שוין דאָ געווען און ווי געוואַרט אויף איר קומען, האָט זי דערמונטערט. זי איז שוין ניט געווען איינע אַליין אין אַט דער פרעמדער וועלט. זי האָט זיך מיט אים דערפרייט, ווי מיט אַ נאָענטן, מיט איר טראָנק. משה איז געגאַנגען ווייטער, אָנגעצונדן ליכט אין יעדן צימער. דאָס קאַרגע ליכט פון די איינצלנע לעמפּלעך האָבן שוואַך באַלויכטן די גרויסע צימערן. מלכה האָט שוין געזען: קיין מעבל איז אין די צימערן כמעט ווי ניט געווען. דאָ און דאָרט איז ביי דער וואַנט געשטאַנען אַן אַלט שטיקל מעבל, ווי צופעליק אַוועקגעשטעלט.

אַ באַפרייטער פון משהס האַנט, איז איצט דער בלינדער אַוועק איבער די צימערן אַליין, קלאַפּנדיק מיטן שטעקן איבערן דיל, ווי טאַפּנדיק דעם וועג, און איז באַלד פאַרשוואונדן אין דער פינצטערקייט פון די אומבאַקאַנטע צימערן.

משה האָט געזאָגט:

— נו, נעם אַראָפּ דעם מאַנטל. מיר זיינען אין דער היים... און קום, איך וועל דיר ווייזן ס׳הויז...

זי האָט אַראָפּגענומען פון זיך דעם לייכטן זומערדיקן מאַנטל און אַוועקגעלייגט אויפן ערשטן שטיקל מעבל, וואָס זי האָט דערזען. דאָס שטיקל מעבל איז געווען שטאַרק פאַרשטויבט. משה איז פּלוצלינג געוואָרן באַריידעוודיק:

— אונדזער הויז איז געבויט אין קאָלאָניאַלן סטיל... אַזעלכע הייזער האָט מען דאָ אין אַמעריקע געבויט נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק, ווען די ערשטע „סעטלערס" זיינען אַהער געקומען... מיר האָבן דאָ פופצן רומס. אַכט אונטן, פינף אויבן און נאָך צוויי אין דעם אטיק... פלענטי רומס.

משה האָט אַ לאַך געטאָן, און אויף זיין פנים האָט זיך צעשפּרייט אַ צופרידנקייט. מלכה האָט געזען אַז ער איז שטאָלץ מיטן הויז. זי איז נאָכגעגאַנגען פון צימער צו צימער. אין איינִיקע צימערן זיינען געשטאַנען שטיקלעך מעבל. אַ מאָדנע הויז איז דאָס געווען, וואו מאַנצבילן האָבן געוואוינט שוין יאָרן, אַ פאַרלאָזט הויז אָן דעם באַריר פון אַ פרויען־האַנט.

אויפן צווייטן שטאָק איז געווען דער שלאָפצימער. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ ברייט, הילצערן בעט, איבערגעדעקט מיט אַ צודעק פון אַ טונקעלן קאָליר, מיט ברוינע אוזאָרן, איינגעוועבט אין דעם גראָבן, שווערן געוואַנט. דאָס בעט איז געווען געמאַכט אין אַ שווערן אַלטפרענקישן סטיל, מיט הויכן געשניצטן צוקאָפּנס, וואָס האָט זיך געהויבן כמעט ביזן באַלקן מיט קלויסטערדיקע שפּיצן. דאָס איז געווען דאָס בעט און דער שלאָפצימער. אַ מורא האָט אַ ריר געטאָן איר האַרץ.

— דאָס בעט איז אַן אַנטיק... כ'ווייס ניט, צי דו ביסט אַ מבין אויף די זאַכן. כ'האָב עס געקראָגן ביי מיינעם אַ באַקאַנטן „דילער". וואָלסט געקענט לעבן אַ גאַנץ יאָר פאַרן געלט, וואָס ס'איז ווערט... און דאָ האָסטו אַ „דרעסער" פאַר דיינע זאַכן...

ער איז צוגעגאַנגען צו אַן אַלטער קאָמאָדע, אַרויסגעשלעפּט עטלעכע קעסטלעך, צו ווייזן איר, אַז זיי זיינען ליידיק. מלכה איז צוגעגאַנגען צו אַ שאַפע, געעפנט די טיר, אַריינגעקוקט. דאָרטן זיינען געהאַנגען עטלעכע היפּשלעך אָפּגעטראָגענע אנצוגן און אַ ווינטער־מאַנטל. אַ שאַרפער ריח פון נאַפטאַלין און שימל האָבן אַ זעץ געטאָן אויף איר.

דאָס הויז איז טאַקע געווען גרויס און גראַם, און צימערן זיינען דאָ געווען אַ סך. אויף אַלץ איז געלעגן דער אומעט פון אַלטקייט. אפילו די טאַפּעטן אויף די ווענט זיינען געווען אָפּגעבליאַקעוועט, פאַרשטויבט און ערטערווייז אָפּגעשטאַנען פון דער וואַנט ווי אָנגעבלאָזענע באַלאָנען.

און דאָס איז געווען דאָס הויז, וואו זי וועט דאַרפן לעבן. ס'איז שווער געווען צו טראַכטן וועגן דעם. ס'האָט זיך געוואָלט פאַרגעסן אין אַלץ און

אַוועקגעבן זיך דעם אומפֿאַרמיידלעכן, ווי מ׳גיט זיך אַוועק דעם טויט. ס׳איז שווער געווען אָפּנאַרן דאָס געמיט און ס׳איז שוין איבעריק געווען איצט צו זוכן אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַרן גורל, וואָס זי האָט אויף זיך גענומען. אפשר שפּעטער. שפּעטער וועט אפשר קומען אַ קינד און וועט אַלץ פֿאַר־ענטפֿערן. שפּעטער וועט אפשר זיין אַ נס. אָבער איצט האָט מען באַדאַרפֿט אָננעמען דעם גורל און אונטערגעבן זיך.

קאַפּיטל דריי

מאָטל טענדלער גרינט זיך אויס

1

מאָטל טענדלער, אָדער מאַקס, ווי אַלע האָבן אים איצט גערופֿן, האָט זיך ביסלעכווייז אויסגעגרינט. ער האָט שוין געוואוסט אַ סך זאַכן פֿונעם אַמעריקאַנער לעבן. ער איז געווען היימיש אויף דער איסט־סייד, וואו ער האָט געוואוינט מיט דאָבען, אין אַ קליינעם, ענגן אַפּאַרטמענט, אין אַ טענע־מענט־הויז, און איז שוין געווען גוט באַקאַנט מיטן „נאָדל־טרייד מאַרקעט". ער האָט שוין געקאָנט אָנרופֿן אַ צאָל שעפּער פֿון זיין טרייד און זיך פֿאַנאַנדערגעקליבן אין פּשוטע יוניאָן־פּראָבלעמען. און דערפֿאַר, אַז אין זיין אייגענעם שאַפּ איז איין מאָל אָנגעקומען אַ גרויסע „סלעק", האָט ער פֿאַר זיך אויסגעפֿונען אַ יוניאָן־שאַפּ און איז טאַקע באַלד אַריין אין דער יוניאָן. ס׳איז אים ניט לייכט אָנגעקומען. נאָך אַלערליי פּלאָגענישן איז ער ענדלעך אָנגענומען געוואָרן און געקראָגן זיין יוניאָן־ביכל. אָבער אויך דאָס האָט ניט איבעריקס געהאָלפֿן. ווייל דאָ זיינען אויך געווען שטאַרקע און שוואַכע. און ער איז געווען צווישן די „שוואַכע".

צו לאַנג צו האַלטן זיך אין אַ שאַפּ איז מאַקסן ניט געלונגען. די באָסעס און די פֿאָרלייט האָבן געפֿונען אַן אויסוועג ווי פּטור צו ווערן פֿון אים. און אויך די יוניאָן איז אים ניט אַלע מאָל געקומען צו הילף. און ס׳איז שוין אויסגעקומען, אַז אין סלעק איז ער געווען דער ערשטער צו „גיין" און אין „ביזי" — דער לעצטער צו קריגן אַרבעט. ס׳איז אויסגעקו־מען צו לעבן אין דחקות. פֿאַרלירן אַ דזשאָב איז געווען אַ גרויסער אומגליק. און נאָך מער האָט מאַקס מורא געהאַט פֿאַר אַ שטרייק. אַ שטרייק איז געווען

ערגער פון סלעק. יעדער שטרייק איז עפּעס געווען ווי אַ קאַטאַסטראָפע. מאַטל האָט זיך איינגעלעבט מיטן מאַשין־גערויש — טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך, יאָר נאָך יאָר. ער און די ניי־מאַשין זיינען געוואָרן איין גוף און איין נשמה. ער האָט געהויערט איבער איר, געקאָרמעט זי מיט שטיקער וואַרע און זי האָט זיי געשלונגען מיט אַ ריטשען, מיט אַ זשיפּען פון אַ שלאַנג, וואָס איר שאַרפער צינגל האָט געשטאָכן, געשטאָכן אָן אויפהער, און אַריינגעשטאָכן אין איין פּינטל פון זיין האַרצן אַ פּיינלעכע נאָגעניש. מענטשן זיינען געזעסן אין רייען רעכטס און לינקס און אַנטקעגן אים — פרעמדע מענטשן. יעדער איז געווען פאַר זיך. יעדער האָט זיך געקאָכט אין זיין אייגענעם זאָפט, זיך געווייקט אינעם אייגענעם שוויס, געיאָגט זיך אָן אויפהער און ניט געוואוסט וואוהין און נאָך וואָס. אַרבעטן ביי דער מאַשין האָט געמיינט „שיסן". און אַלע האָבן באַדאַרפט „אַריינשיסן" וואָס־מער. אין דרויסן האָט געמעגט זיין הייס, די זון האָט געמעגט שיינען, אָבער דאָס אַלץ איז ניט געווען רעאַל און האָט ניט געהאַט קיין שייכות צום שאָפּ און צו די מענטשן. רעאַל איז געווען נאָר דאָס שאָפּ־לעבן. שנאַהדיקע אויגן האָבן געוואָרפן פאַרדאַכט אויפן שכן: וויפל האָט יענער שוין אַריינגעיאָגט? וויפל איז נאָך געבליבן יענעם צו דעריאָגן? און ווער וועט קריגן דעם נעקסטן באַנדל — איך אָדער ער? עס זאָל זיך כאָטש ניט אָפּשטעלן די מאַשין. עס זאָל זיך כאָטש ניט איבעררייסן דער פאָדעם. גאָט, גאָט! נאָך אַ פעני און נאָך אַ פעני — איז צוויי פעניס. זיבן סענט און נאָך זיבן סענט און נאָך און נאָך! וועט עס כאָטש זיין אַזוי פיל ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן? ווי פאַראַכטאָגן? וועט מען די וואָך „אויסשיסן" אַ לעבן? און וואָס וועט זיין קומענדיקע וואָך? וועט דער באָס אַריינקריגן אַ נייעם אָרדער? דער באָס האָט זיך איינגעשפּאַרט אין אָפּיס מיט עפּעס אַ מענטשן — האָט עס געמיינט אַ נייער אָרדער? וועט מען שניידן וואַרע? וועט מען „אָפּלייגן" הענט? גאָט, עס זאָל כאָטש ניט קומען צו „סלעק"!

ניין, אַמעריקע איז ניט געווען קיין לאַנד פון מילך מיט האָניק. קיין בולקעלעך זיינען דאָ ניט געוואַקסן אויף דיביימער. אַ מענטש האָט דאָ באַדאַרפט אַרבעטן. און דער „סוועט־שאָפּ" איז נאָך דאָ ניט פאַרשוואונדן. עס זיינען שוין געווען יוניאָן־שעפער מיט גוטע „קאָנדישאָנס", אָבער אומעטום איז נאָך געווען דער באָס — אַ באָס, און דער פאָרמאַן — אַ פאָרמאַן.

מאַקס האָט זיך באַקענט נעענטער מיטן לעבן אין אַמעריקע. מענטשן

האָבן גערעדט יידיש, אָבער דער יידיש איז געווען אַ געמיש פון אַלערליי דיאַלעקטן, אַן איבערגעמישטער מיט ענגליש. יידן האָבן געהאַנדלט און געוואַנדלט, געקאָכט די זעלביקע מאכלים, ווי אין דער אַלטער היים, און אַ סך זיינען דאָ געווען פרום, געגאַנגען אין שול דאַווענען, אָבער זייערע קינדער האָבן גערעדט ענגליש. עלטערן און קינדער האָבן גערעדט אויף פאַרשיידענע שפראַכן. אַ מאַמע האָט גערעדט צו איר קינד אויף יידיש, און דאָס קינד האָט געענטפערט אויף ענגליש. און וואָס איז געווען טייער די עלטערן, איז געווען פרעמד און אַמאָל פיינטלעך די קינדער. יידן האָבן געבענקט נאָך דער „אַלטער היים״, האָבן דערציילט איינער דעם אַנדערן מעשיות פון דער „אַלטער היים״, אַלץ אַרום האָט דערמאָנט וועגן „דער היים״. די יידישע צייטונגען האָבן דערציילט פון „דאָרטן״, האָבן געדרוקט ראָמאַנען און דערציילונגען פון „דאָרטן״ און דיכטער האָבן געשריבן לידער וועגן דעם לעבן אויף „יענער זייט ים״. אין יידישן טעאַטער האָט מען געגעבן פאָרשטעלונגען וועגן דעם לעבן פון אַמאָל. מענטשן האָבן אויף טויזנטער אופנים אויסגעדריקט זייער בענקשאַפט נאָך זייער שטעטל, נאָך דעם שטעטלשן חזן, נאָך די שטעטלשע שבתים און יום טובים, נאָך דעם פויער און נאָכן שבת־גוי. „איך בענק אַהיים״ — איז געווען דאָס ליד פון אַלעמען. „איך בענק נאָך בעסאַראַביע״, „דאָס שטעטעלע בעלז״ — אַלץ האָט געוויינט און געקלאָגט און געבענקט, אין דער היים און אין שאַפּ, דורך פּיאַנאָ און פידל, דורך פאָנאָגראַף און דורכן חתונה־ליד האָט מען געזונגען וועגן דער אַלטער היים. אָבער קינדער האָבן פאַרהילכט אַלע לידער מיט זייער אייגענעם „רעג־טיים סאָנג״ און מיט דעם נייעם, אויפקומענדיקן „דזשאַז״־ליד — די סענטימענטאַלע ראָמאַנטיק פון „אַמאָל״ און „היים״. — און דאָס איז געווען אַמעריקע.

און איבער דעם איז געווען דער גרויסער דראַנג „אַרויפצואַרבעטן זיך״. אַן אַרבעטער האָט געשפּאָרט אַ פּעני צו אַ פּעני, כדי „אַרויסצורייסן זיך״ פון שאַפּ און עפענען „אַ סטאָרקע״. קויפן אַ קענדי־סטאָר, אַ גראָסערי, עפענען אַ שאַפּקע, אַריינגיין אין „ביזנעס״ האָט געלאָקט און איז געוואָרן די האָפענונג פון טויזנטער. ווייל אָט האָט שוין איין לאַנדסמאַן זיך געקויפט אַ סטאָרקע און אַ צווייטער לאַנדסמאַן האָט געעפנט אַ שאַפּקע און אַ דריטער — אַ קליידער־געשעפט. מענטשן האָבן זיך „אַרויפגעאַרבעט״, זיינען רייך געוואָרן. און דער באָדן אין אַמעריקע איז געווען אַ רייכער.

אוצרות זיינען דאָ פאַרבאַהאלטן. מ׳האָט נאָר באַדאַרפט דעם באָדן אויפ־גראָבן, און עס װעלן זיך עפענען נײַע קװאַלן פון פּרנסה. מען האָט נאָר ניט באַדאַרפט זײַן קיין „יאָלד" און קיין װיסטער „גרין־האָרן".

אַמעריקע! עס איז דאָ געװען אַזאַ רחבות! ס׳זיינען געװען גרויסע שטעט, ריזיקע שטעט אין אַלע װינקלען פונעם לאַנד, אין „דער איסט" און אין „דער װעסט". עס זײַנען געװען הונדערטער קאָמוניקאַציע־צענטערן. שטעט און מינען און פאַבריקן האָבן צוזאַמענגעבראַכט פון דער גאַנצער װעלט מענטשן, און די מענטשן האָבן דאָ געזוכט „זייער גליק". אין דער ערד זײַנען דאָ געװען אוצרות, און די ערד איז נאָך אין אַ סך ערטער אַפילו ניט אויפגעקראַצט געװאָרן. אין דער „מידל־װעסט" זײַנען אויפּ־געקומען נײַע שטעט און צענטערן פון פּרנסה, און װײַטער — פון קאָלאָראַדאָ ביז לאָס אַנדזשעלעס, און אין „דער סאַאוט", אין דעם „שװאַרצן פּאַס", װאו ס׳האָט געלעבט דאָס פּילמיליאָניקע נעגער־פאָלק. מ׳האָט נאָר באַ־דאַרפט קומען און צולייגן אַ האַנט און אַביסל קאָפּ, און מ׳האָט געקאָנט „שאַרן גאָלד". און דער, װאָס איז אַװעק פון דער „איסט־סייד", פון די שמאָלע „גרינע" געסלעך מיט דער גרויער אָרעמקייט פון דער „היימישער" קליין־שטאָט, האָט זיך שנעל „אַרויפגעאַרבעט". ס׳איז געװען אַ לאַנד פאַר דעם מוטיקן, פאַר דעם, װאָס האָט געהאַט אַן אונטערנעמונגס־„אָדערל" און געװאָלט „קלעטערן". יידן זײַנען געקראָכן פריער צו די „הויכע פענצ־טער" פון ריװערסייד־דרייװ און נאָכדעם צו די „הויכע פענצטער" פון פּאַרק עװעניו און װײַטער — צו אַן עסטייט אין לאָנג איילאַנד און אין קאָנעקטיקוט.

די גרויסע מערהייט יידן איז אָבער געבליבן אונטן, טיף ביים פוס פון באַרג. די, װאָס זײַנען געװען „אויפן באַרג" האָבן זיי ניט געלאָזט קלעטערן, געשטויסן זיי מיט די פיס צוריק אין טאָל אַרײַן. מאָטל טענדלער איז געבליבן אין טאָל. אַרום אים איז געװען דאָס פינצטערע קליין־לעבן פון דער איסט־סייד. אין די ענגע טענעמענט־הייזער איז ניט געװען קיין לופט פאַר די אויסגעמאַטערטע לונגען. עס איז געװען ענג אין דער היים און ענג אין שאַפּ. מענטשן האָבן זיך געריסן פאַרן שטיקל לעבן אויף דער װעלט. אין סאָבװעי האָט מען זיך געריסן פאַר אַ זיץ־פּלאַץ און אין שאַפּ — פאַר אַ באַנדל אַרבעט. און דער שטאַרקערער האָט טריאומפירט. אַן ערלע־כער אַרבעטער האָט ניט געקאָנט זײַן זיכער מיטן לעבן. מ׳האָט אים

געצוואונגען צו בויגן דעם רוקן, זאָגן ליגן און חנפנען. און אַלע מאָל איז געווען די מורא פאַרן שטיקל ברויט. אַזאַ מורא פאַרן שטיקל ברויט האָט מאָטל נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ניט דורכגעלעבט.

די אַרבעטער האָבן דאָ געקעמפט, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין יוניאָנס. און די באָסעס האָבן זיך אויך אָרגאַניזירט אין „אַסאָסיאיישאָנס", האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט „סטודזשעס", מיט אַרבעטער־פאַררעטער, מיט „גענגסטערס", מיט „שטאַרקע", מיט „גאָרילאַס". אין די גרויסע שטרייקן זיינען אַרבעטער געשלאָגן געוואָרן מיט אייזערנע רערן, מיט „בלעק־דזשעקס". און דאָס געזעץ איז אַלע מאָל געווען אויף דער זייט פון די באָסעס, פון די רייכע, פון די מעכטיקע אין לאַנד.

דאָס איז געווען אַמעריקע.

2

די אַמעריקע פון דער „איסט־סייד", וואו מאַקס טענדלער מיט זיין ווייב, מיט דאָבען, האָבן געלעבט איז געווען אַ היימישע, אַ קליינשטעטל־דיקע. די מענטשן זיינען דאָ געווען פון דער „אַלטער היים", פון דער „אָלד קאַנטרי", ווי זייערע קינדער האָבן זיי גערופן. ס'איז געווען ווי מ'וואָלט צוזאַמענגעהרובעט אַ סך שטעטלעך, האַרט איינס לעבן אַנדערן — אוקראַאינישע, ליטווישע, גאַליציאַנער, ווייס־רוסישע — און אָט די צוזאַמענ־מישונג אָנגערופן מיטן נאָמען איסט־סייד. חדרים, שולן און בתי־מדרשים, שדכנים, ישיבות, תלמוד־תורות. אַלע לאַנדסלייט האָבן געהאַט אייגענע חברות, שולעכלעך, שטיבלעך. אָבער אַלע האָבן מחלל־שבת געווען, גע־אַרבעט און געטאָן ביזנעס אום שבת און יום טוב, און דאַוונערס און שומרי־שבתניקעס זיינען געווען ווייניק. פונדעסטוועגן האָט נאָך פרומקייט געלעבט אין די מערסטע היימען. ס'איז נאָך געווען די מורא פאַר גאָט, און פרייטיק האָבן ווייבער געצונדן ליכט און אָנגעגרייט פאַר זייערע מענער און קינדער אַ טראַדיציאָנעלע וועטשערע, מיט פיש און עוף און חלות. און אַז ס'פלעגן אָנקומען די פאַרכטיקע טעג, ראש השנה און יום כיפור, זיינען אַלע יידן געגאַנגען אין שול מיט מחזורים און טליתים אונטער די אָרעמס, מ'איז געגאַנגען אין שול אַריין תפילה טאָן און אויסבעטן אַ גוט יאָר. פאַר די ימים נוראים פלעגן אויף דער איסט־סייד אויסוואַקסן הונדערטער נייע

געבעט־הייזער, אין טעאַטערן, אין מואווי־הייזער, אין לײדיקע לאָפּטס און אַפּילו אין גאַראַזשן און פערד־שטאַלן פלעגט מען אויסשטעלן בענק און שטולן, אַריינשטעלן אַן ארון־קודש מיט אַ ספר־תורה, מיט עפּעס אַ חזן. יידן פלעגן קויפן „טיקעטס" פאַר זיך און פאַר זייערע ווייבער. „מאשרום שולן" האָט מען זיי גערופן, ווייל זיי פלעגן פאַר די יום טובים זיך פאַרמערן ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן.

און אויך מאָטל, וואָס האָט זיין פרומקייט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היים, איז דאָ געווען פרום אויפן אַמעריקאַנער שטייגער. ניט קאָנענדיק זיך אויסלעבן אין דער פרומקייט אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן, האָט ער אָבער געוואַרט אויף די ימים נוראים מיט אַ ציטער אין האַרצן. און אַז די „טעג" פלעגן אָנקומען, פלעגט ער נעמען זיין עלטערן יינגל, יאַנקעלען, פאַר אַ הענטל און גיין פאַרפרי אין שול, מיט האַרץ געזאָגט תפילות, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, און אַפילו אויסוויינען אַמאָל זיין פאַרביטערט האַרץ איבער דעם מיטגעבראַכטן פון דער היים אַלטן, היפּ־שלעך פאַרשמאָלצענעם מחזור.

מאָטל איז אין דער פריער קינדהייט געווען פרום. ס'האָט אים געצויגן צו גאָט און צו פרומער הכנעה. גאָט — איז געווען שוץ. גאָט איז געווען גייסטיקע דערלייזונג. ער פלעגט, נאָך זייענדיק אַ חדר־יינגל, ליב האָבן צו פאַרברענגען אין די אָוונטן, צווישן מנחה און מעריב, אין שול, וואו עלטערע יידן פאַרבלייבן ביז שפּעט נאָך מעריב, זיצן אויף די לאַנגע בענק אַרום דער הרובע, וואַרעמען זיך און דערציילן וואונדערלעכע מעשיות וועגן רוחות, און להבדיל, וועגן גרויסע צדיקים און בעל־מופתים, וועגן קאַליקעס און בעטלער, וואָס זיינען געווען פון די ל"ו.

ניט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט מאָטל זיך פאַרקניפּט מיטן לעבן פון אָט די וואָגלענדיקע קאַליקעס, אַריינגעוועבט זיין דין לעבן־פעדעמל אין דעם וואונדערלעכן געוועב פון די מעשיות און געחלומט וועגן דעם גרויסן נס פון אייגענער פאַרוואַנדלונג. ער, דער שוואַכסטער פון די שוואַכע, דער געפּאַלנסטער פון אַלע געפּאַלענע, וועט פלוצלינג ווערן אַ גיבור און בעל־מופת.

די אַמעריקאַנער שול איז ניט געווען ווי יענע שטעטלשע שול, וואָס מאָטל האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן. יענע שול איז געווען אַ הילצערנע, אַן אַלטע. די ברעוונעס אַרום איר פונדאַמענט זיינען געווען אונטערגעפוילט,

האָבן זיך געקרישלט אין א טרוקענעם, געלבלעכן האַלץ־שטויב. די ברעטער, מיט וועלכע מ׳האָט זי נאָך מיט אַ סך יאָרן צוריק „אַרומגעניייט״, זיינען שוין געווען אַרומגעוואַקסן מיט מאָך און שימל. אין שול איז אַפילו אין די ליכטיקע טעג געווען טונקל. ס׳איז געווען סוד אינעם ארון־קודש און סוד איז געווען אין זיין יעדן ווינקל. מ׳פלעגט זאָגן, אַז אין די נעכט הערט מען אין שול אַ געוויין און אַ געיאָמער, אַז מתים קומען פון בית־עולם, רייסן זיך צום ארון־קודש, צו די ספר־תורות... און נאָר ווען דער ערשטער האָן גיט אַ קריי צעלויפן זיי זיך אַלע אין זייער רו אַריין... דאָ איז געווען אַן אַנדער שול. פונדעסטוועגן פלעגט אים אויך ציען אין שול. אַפילו אינדערוואָכן, ווען ער פלעגט פאַרבייגיין א שול, פלעגט אים עפּעס אַ ציַ טאָן אַהין, ווייל דאָרטן האָט מען ווידער אַ מאָל, ווי אין שאָפּ, ווי אויף דער גאַס, ווי אינעם טענעמענט, געקאָנט אַנטרעפן די „היימישע״ סביבה, וואָס איז געווען איינגעבאַקן אין האַרצן צוליב אַזוי פיל געוואוינהייטן, דערינערונגען. און דאָרטן האָט מען געקאָנט צוריקברענגען אַלץ, וואָס איז געווען און אַנטקעגנשטעלן דער ווירקלעכקייט. מ׳האָט געקאָנט „באַ־ריידן״ אַמעריקע, ווייל אַלץ, וואָס „דאָ״ — איז געווען שלעכט. גוט איז געווען נאָר דאָס „יוראָפּישע״. אין יוראָפּ איז די שפּייז געווען בעסער, דאָס געוואַנט פון קליידער איז געווען „קרעפּקער״. די דירות זיינען דאָ געווען ענג און פינצטער. אין אַלץ האָט דאָ געשטעקט „אַמעריטשקע גנב״, דער אַמעריקאַנער בלאָף. אַלץ איז דאָ געווען ווי אויף אַ ווייל. דאָס לעבן האָט זיך געביטן פון יאָר צו יאָר, געלאָפן אין מוראדיקן קאַוואַלקאַד. מענטשן האָבן דאָ זייער אָפט געביטן דירות און מעבל און געגנטן, און אַרבעטער האָבן אָפט געביטן שעפּער, דזשאבס און „טריידס״. אָט זיינען מענטשן געווען „איסטסיידער״, און אָט זיינען זיי שוין געווען אין ברוקלין, אין בראָנזוויל, אין די בראָנקס, אָדער ערגעץ העכער, אפּטאון. דאָס לעבן איז ניט געווען זיכער, שטאַנדהאַפטיק און ערלעך. ס׳איז ניט געווען קיין לאַנד, נאָר „קאָלומבוסעס מדינה״, „אַ קלאָג אויף אים״...

און ווי אימפּעטיק ס׳איז געווען דאָס אַמעריקאַנער לעבן, אַזוי אימ־פּעטיק זיינען דאָ פאַרלאָפן די ערשטע אַכט־ניין יאָר פון מאַקס טענדלערס גרינע יאָרן. אין הויז זיינען שוין געווען דריי קינדער. יאַנקעלען איז שוין געגאַנגען דאָס ניינטע יאָר. פריידעלע, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט צוויי יאָר שפּעטער, איז שוין אויך געווען אַ היפּש מיידעלע, וואָס איז שוין

געגאַנגען אין סקול. נאָך אַ קינד איז ביי אים געבוירן געוואָרן און איז באַלד נאָכן געבורט געשטאָרבן, און זיין קליין קבֿרל אויף דער „סעמע־טערי" האָט ווי באַצייכנט אַ נייע איינגעוואָרצלטקייט אין דער אַמע־ריקאַנער ערד. און דאָס קלענערע קינד, אַ קרענקלעך ייִנגעלע, איז נאָך געווען אַ „בעיבי".

אין הויז האָט מיט זיי געוואוינט די ביטערע אָרעמקייט. די קינדער האָבן באַדאַרפט שיכלעך און קליידער. דאַבע האָט באַדאַרפט שיך און קליידער. רענט האָט מען באַדאַרפט צאָלן יעדן חודש. און עסן האָבן אויף מאַקסעס קליינע פאַרדינסטן באַדאַרפט פינף נפשות. דערצו האָט נאָך דאָס קלענערע קינד באַדאַרפט שטענדיק אַ דאָקטאָר. כמעט פון געבורט־אָן האָט דאָס קינד געקראָגן אַן אויפגעבלאָזן בייכל און ווייכע ביינדלעך. מיט זיין גרויסן קאָפּ און די דינע פיסלעך האָט עס אויס־געזען ווי אַ מאָדנע חיהלע, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו ציען זיין קרענקלעכן געוויין. דורך טאָג און דורך נאַכט האָט דאָס קינד געצויגן דעם ביטערן געיאָמער און ניט געוואָלט שטאַרבן.

מאַקס פלעגט קומען פון דער אַרבעט אַן אויסגעמאַטערטער און טרעפן דאָס ווייב אין אַן אויפגערעגטער שטימונג, אַ בייזע און אַן אומגעדולדיקע. זי איז שטענדיק געווען פאַרביטערט קעגן די קינדער, קעגן דעם מאַן, קעגן אַמעריקע.

— אַז אויסגעקאָרניעט האָט געמעגט ווערן זיין אַמעריטשקע, אײדער איך האָב זי דערקענט!... אין דער היים האָט מען אַמאָל געקענט איבערלאָזן אַ קינד ביי שכנים. ס׳קינד רייסט מיר אָפּ אַ גאַנצן טאָג די הענט.

און אַז דאָס קינד האָט נאָך דערביי געוויינט, פלעגט זי אויף אים אָנשרייען:

— זיי שטיל, אומגליק מיינער! אַמעריקאַנער גליקן, אַ קלאָג אויף דיין גאַנץ אַמעריקע! אַ לענדעלע האָט גאָט אויסגעטראַכט! זיי שטיל! שאַראַפּ!...

איר שווערע האַנט פלעגט אַוועקלייגן הילכיקע פּעטש אויפן קינדס הינטן. דאָס קינד פלעגט גרין ווערן פון פאַרשטיקטן אָטעם. די מאַמע פלעגט שוין אַ וואָרף טאָן דאָס פאַרחלשטע קינד, ווי מ׳גיט אַ וואָרף אַ שמאַטע, אויף די הענט פונעם מאַן און נעמען צוגרייטן דאָס עסן. נאָך

וועטשערע איז שוין דאָס קלענערע קינד ניט אַראָפּ פון מאַקס הענט. זיינע אויגן האָבן זיך געקלעפּט פון מידקייט. אַפילו אין די נעכט איז ניט געווען קיין רו. אַ גאַנצע נאַכט האָט דאָס קינד געצויגן זיין ביטערן געוויין.

די איינציקע פאַרווײַלונג איז געווען די צייטונג. אין אַמעריקע האָט זיך מאַקס אויסגעלערנט צו לייענען אַ יידישע צייטונג, וואָס איז פול געווען מיט טשיקאַווע פּאַסירונגען, וועלכע זיינען פאַרלאָפן מיט מענטשן, מיט אמתע מענטשן. אין צייטונג האָט מען געקאָנט געפינען נייס פון דער אַלטער היים. עס זיינען דאָ פאָרגעקומען גרויסע רויבערייען, אַלערליי „רעקעטס" און שוידערלעכע מאָרדן, וואָס האָבן געגליווערט די בלוטן. די צייטונג האָט אויך געהאַט באַזונדערע אָפּטיילונגען, אין וועלכע עס זיינען דערציילט געוואָרן וועגן פאַמיליע־און־ליבע טראַגעדיעס, מיט אַ צומיש פון זנות. אָפּשיילעכע אינטריגעס פון אומגליקלעכע הייראַטס־לעבנס זיינען צעשמירט געוואָרן אויף גאַנצע זייטלעך. דאָס אלץ איז געווען אַ רייצנדיקער שטאָף, וואָס האָט אינטריגירט און גערעגט אונטערדריקטע געפילן. די צייטונג האָט אויך געדרוקט עטלעכע „ראָמאַנען", וואָס האָבן זיך געצויגן גאַנצע חדשים און בחייט געעפנט די שלאָפּצימערן פון פרעמדע מענטשן, גערייצט די פאַנטאַזיע און די געפילן מיט נאַקעטקייט. אין דער צייטונג האָט מאַקס אויך געקאָנט געפינען אַן אָפּטיילונג, אין וועלכער אַלערליי אומגליקלעכע מענטשן האָבן געעפנט זייערע הערצער פאַרן „ווערטן הער רעדאַקטאָר" וועגן זייערע פערזענלעכע איבערלעבונגען, טראַגעדיעס און געבעטן עצות, אַ וואָרט פון טרייסט. די פרעמדע לעבנס האָבן אָפּט דערלייכטערט און אָפּגעווענדט אייגענע צרות און אַמאָל, פאַרקערט, נאָך שטאַרקער דערמאָנט און פאַרטיפט די אייגענע ווייטיקן. ס'האָט ניט איין מאָל פּאַסירט, אַז ווען דער פרעמדער האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט, ווי אַ קראַנקער פאַרן דאָקטאָר, און אַנטפּלעקט זיינע וואונדן און זיין נאַקעטע נשמה פאַרן „ווערטן רעדאַקטאָר", האָט זיך מאַקסן געדוכט, אַז דאָס איז ער אַליין, מאַקס, וואָס בעט רחמים: גיט אַן עצה... ער האָט געקענט אַזעלכע בריוו לייענען און אַפילו אַרויסלאָזן אַ טרער; אַ געריירטער פון פרעמדן צער, האָט ער זיך אָפּט געוואָלט אויך טיילן מיט דאָבען, וואָס האָט ניט געקאָנט לייענען. ס'פלעגט אים אין אַזאַ מאָמענט אַרומנעמען אַ וואַרעם

געפיל צו זיין ווייב און ס'האָט זיך אים געוואָלט אויך זי אַריינפירן אין דער ספערע פון זיינע איבערלעבענישן. פלעגט ער זאָגן:

— אַי, אַי, אַי... וואָס ס'קאָן זיך דיר פאַרלויפן אויף דער וועלט!... ס'אַ וועלטעלע דאָס איז!... כ'זאָג דיר, וואָס־וואָס, אָבער צרות פעלט ניט אויף דער וועלט...

דאָבע, וואָס האָט גוט געקענט איר מאַן און זיינע סענטימענטן, האָט שוין געוואוסט, אַז איר מאַן איז שוין ווידער אונטער עפּעס אַ פרישן איינדרוק פונעם „פּעיפּער" און זי פלעגט אין פאַרויס, אַביסל אומ־פריינדלעך, זיך אָפּרופן:

— שוין ווידער עפּעס אַ בריוול פון אַן אלמנה, צי אַן אלמן?... מענטשן האָבן ניט וואָס צו טאָן, שרייבן זיי בריוולעך... אַז ניט — גלויב איך זיי אַ וואָרט? ס'אַלץ אויסגעטראַכטע מעשות.

— וואָס עפּעס אויסגעטראַכטע? אַז ס'טוט וויי, ווילט זיך אַראָפּ־ריידן פונעם הארצן... אָט איז דאָ אַ פרוי... זי שרייבט זיך אונטער „די אומגליקלעכע אלמנה". האָט אַליין מיט די אייגענע הענט אַוועקגעטריבן איר מאַן אין דער ערד אַריין, און איצט וויינט זי און קלאָגט אויף אירע יאָרן און טעג...

דאָבע האָט זיך נאָך אַזאַ באַמערקונג געפילט פּערזענלעך אָנגעגריפן, ווי זי אַליין וואָלט געווען „פון יענע ווייבער", און זיך אָפּגערופן:

— וואָס דען זאָל אַ ווייב טאָן, אַז זי האָט אַ מאַן אַ שלימזל?

— און אַריינטרייבן אַ מאַן אין קבר אַריין איז בעסער?

— און פלאָגן זיך מיט אַ מאַן אַלע יאָרן איז בעסער?

זייער אָפט פלעגט זיך פאַרקניפּן אַ ביטערע קריגעריי. פרעמדע צרות זיינען פאַרביטן געוואָרן מיט אייגענע, געוואָרן אַ שפּיגל פון אייגענע איבערלעבענישן. איין אַרויסגעזאָגט וואָרט פלעגט ברענגען אַ סך אַנדערע. ס'פלעגן קומען צו אַ נייעם אויסדרוק שוין לאַנג פאַרגעסענע קריוודעס. מאַן און ווייב פלעגן וואַרפן אין פּנים איינער דעם אַנדערן באַשולדי־קונגען און זידלערייען,ביידע האָבן פּרובירט אויפזוכן אין זייער וואָקאַ־בולאַר די גרויזאַמסטע ווערטער, וואָס זאָלן פּייניקן טיף און דויערהאַפט. שנאה פלעגט אויפשטיין קעגן שנאה.

מאַקס האָט ניט איבעריק ליב געהאַט זיין ווייב. זי איז געווען פיזיש שטאַרקער און גרעסער פון אים. לעבן איר איז ער געווען קליין

און שוואַך. ער האָט פאַר איר פּיזיש מורא געהאַט. זי איז געווען איבער אים מיט איר שווערלייביקייט, מיט איר זיכערקייט. דערצו האָט זי ליב געהאַט אויסצולאָכן דווקא זיינע פּיזישע שוואַכקייטן.

— אוי, גאַטעניו! אַ טשוועקל קאָן עס ניט אַריינקלאַפּן... און דאָס רופט זיך — מאַן...

אין מיטן פון שנאה, ראַנגלענישן, זאָרגן און אומגליקן זיינען געבוירן געוואָרן און געוואַקסן די קינדער. יאַנקעלע איז געגאַנגען אין סקול און זיך געלערנט גוט, געבראַכט גוטע צייכנס. פריידעלע איז געגאַנגען אין סקול און אויך געלערנט גוט. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט ענגליש און האָבן אַריינגעבראַכט אין הויז אַריין די ענגלישע שפּראַך. פריער האָבן זיי צווישן זיך גערעדט ענגליש און צו די עלטערן — יידיש, אָבער שפּעטער, ווען די עלטערן האָבן שוין אַליין בעסער פאַרשטאַנען ענגליש, האָבן זיי אויך צו זיי זיך געווענדט אין ענגליש. אָבער די עלטערן האָבן זיי סיי ווי געענטפערט אויף יידיש. אמת, אין זייער יידיש איז שוין געווען אַ צומיש פון אַ פאַר־גרייזטן ענגליש. אַ טיש איז ביי זיי געוואָרן „טעיבל״, אַ שטול — „טשער״, אַ פענצטער — „ווינדע״, צימערן — „רומס״, און אַזוי האָבן הונדערטער פרעמדע ווערטער אַרויסגעשטויסן די היימישע, אייגענע ווערטער און פאַרנומען זייער אָרט.

מיט אָט די נייע ווערטער האָט מען איינגעקויפט אין דער גראָסערי, אויף די איסט־סיידער „פושקאַרדס״, פאַרבונדן געשפּרעכן מיט שכנים, מיט אויפגעצויכטע לאַנדסלייט, מיט סתם מענטשן, און די ווערטער האָבן אויך געקאָנט באַדייטן, אַז מען איז שוין ניט געווען קיין „גרינער״, וואָס איז נאָר וואָס „אַראָפּ פון דער שיף״.

דאָס לעבן איז געווען שווער, אָבער מ׳האָט געלעבט. די אַרבעט איז געווען שווער, אָבער מ׳האָט געאַרבעט. ס׳איז געווען אַ טרייסט און אַ האָפע־נונג: די קינדער וועלן זיין „מענטשן״, גלייך מיט אַלעמען. וואָס די גרינע טאַטעס האָבן ניט געקאָנט דערגרייכן, האָבן דערגרייכט זייערע קינדער. ביי אָרעמע אַרבעטער זיינען דאָ אויסגעוואַקסן קינדער דאָקטוירים, לאַיערס, דענטיסטן אָדער אַנדערע „פּראָפעשאַנאַלס״, וואָס האָבן געעפנט זייערע אָפיסעס אפּטאַון, אויף דער „וועסט־סייד״, אַרום סענטראַל־פּאַרק, אָדער אין די בראָנקס, אויף דער גרענד קאָנקורס. מ׳האָט נאָר באַדאַרפט האָבן געדולד און אויסדויער — אַמעריקע וועט באַצאָלן כפל כפלים.

קאַפּיטל פיר

מלכה און דער בלינדער ברוך

1

דאָס גרויסע הויז, וואו מלכה האָט געלעבט, איז געשטאַנען אויף אַ פּאַרוואָרפענער גאַס, ווייט אויפן עק פון שטאָט, דאָרטן, וואו ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט די שטאָט און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן הינטערשטאָטישע לאַנדשאַפטן מיט ברייטע וועגן, מיט צעוואָרפענע „מענשאַנס" איבער הויכקייט פון בערג און בערגלעך.

פון איין זייט פונעם הויז, צו דרום, האָט זיך דערהויבן די גרויסע שטאָט מיט די אומענדלעכע בערג פון קונציק־אָנגעהויבעטע געביידעס און טורעמס. עס האָט זיך דערטראָגן אַ ווייטער ברומען פון סירענעס און אַ געדודער פון לויפנדיקע עלעוועיטעד־באַנען צו דער לעצטער סטאַציע פון דער שטאָטישער באַן־ליניע. פון דער צווייטער זייט האָבן זיך שוין געשפּרייט פּאַרלאָזטע טאָליקע און בערגיקע שטחים מיט הויכע, טרוקענע גראָזן און ווילדע געוויקסן, וואָס האָבן זיך נאָך געדיכטער געפלאָכטן אַרום די אָפּטע ראַווינעס, אַרום בערג פון אַלערליי הינטערשטאָטישן אָפּפאַל. דאָ און דאָרטן זיינען געווען צעוואָרפן האַלב־איינגעפאַלענע „שעקס", צייט־ווייליק־איפּגעשטעלטע הייזלעך, פּאַרלאָזטע, ווי איינצלנע איבערגעבליבענע מצבות פון אַן אַלטן, צעשטערטן בית־עלמין. אָבער אַביסל ווייטער, איבער די העכערע פליינען, האָבן זיך שוין דערהייבן פּרעכטיקע וואוינונגען, אַרומגעוואַקסענע מיט הויכעביימער, מיט קונציקע שראָבערי־געוויקסן.

אין די זומערדיקע פרימאָרגנס, ווען די זון האָט געוואָרפן זייטיקע שטראַלן אויף די אַרומיקע בערגלעך, האָט מען פון די גרויסע אַלטפּרענ־

קישע פענצטער פונעם הויז געקאָנט זען, ווי עס לויפן הין און צוריק, איילנדיקע אויטאָמאָבילן איבער די ברייטע וועגן, וואָס זיינען זיך פון דער שטאָט פאַנאַנדערגעלאָפן אין עטלעכע ריכטונגען. די אויטאָמאָבילן האָבן געגלימערט קעגן דער זון, געוואָרפן בליציקע שטראַלן צו די הימלען און באַוועגט זיך אָן אויפהער.

דאָס צוויי־שטאָקיק הויז איז געווען גרויס, און דאָס הויזגעזינד — קליין: משה און ברוך זעליג און משהס ווייב — מלכה. דריי מענטשן.

דאָס הויז איז געווען צו גרויס פאַר דער קליינער פאַמיליע. די פופצן גרויסע צימערן — אכט אונטן און פינף אויבן און צוויי איבערן צווייטן שטאָק — האָבן געשריען מיט ליידיקייט און זיינען פול געווען מיט אומעט, בענקשאַפט נאָך מענטשלעכע רייד, נאָך לעבעדיקע קלאַנגען, נאָך קינדערשן געלעכטער. דאָס ביסל לעבן, וואָס די דריי מענטשן האָבן אַריינגעבראַכט אינעם גרויסן הויז, האָט ניט געקענט אַרויסטרייבן די טויטלעכע שטילקייט און אומעט צווישן די ליידיקע ווענט. יעדער צימער איז געווען אויסגע־מעבלירט בלויז מיט געציילטע שטיקער מעבל, וואָס מ׳האָט מיט יאָרן צוריק אַריינגעשטעלט, און די ווענט זיינען געווען ליידיקע, ניט באַהאָנגענע, מיט קיין זאַך ניט באַצירטע. און נאָר אין דעם גרויסן עס־צימער, אונטן, איז געהאנגען אויף דער וואנט אַן אַלט פאַרשימלט פאַמיליען־בילד פון די זעליקס, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַלטקייט, אין ווייטער פאַרגאַנגענהייט, אין צייטן, וואָס זיינען אַוועק.

דער אַלטער זעליג, משהס פאָטער, האָט דאָס הויז מיט אַ סך יאָרן צוריק אָפּגעקויפט, האַלב־אומזיסט, פון אַן אַלטן אירלענדישן פּאָרפאָלק, וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן שטאַרבן אין זייער היימלאַנד, אין אירלאַנד. די שטאָט איז נאָך דאַן געווען ווייט. מ׳האָט געקאָנט אַהין אָנקומען אויף פערד און וואָגן איבער שמאָלע שטויביקע וועגן, און יעדע נסיעה האָט גענומען אַ טאָג. איצט האָט זיך אָבער די שטאָט צוגערוקט נאָענט. ריזיקע אַפּאַרטאַמענט־הייזער זיינען אַרויסגעוואַקסן און זיך דערהויבן אויף די פעלדזיקע בערגלעך. ברייטע גאַסן זיינען דורכגעשניטן געוואָרן אין דער לענג, אין דער ברייט. די שטאָט איז צוגעלאָפן אָט־אָט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען, און דער גערודער פון אויפגעריסענע פעלזן, דאָס שטענדיקע דרילעווען פון „רימערס״ און „דריל־פּרעסן״ האָט ניט אויפגעהערט צו טראָגן זיך איבערן הויז און דערמאָנען, אַז דאָרט, וואו עס זיינען געווען ווילד־

באַוואַקסענע שטרעקעס, וועלן אויפשטיין ריזיקע געביידעס און עס וועלן זיך אויסלייגן געדיכטע מענטשלעכע ישובים. פון דעם איז געוואַקסן דאָס ווערט פונעם הויז און פון דעם ברייטן „לאט”, אויף וועלכן דאָס הויז איז געשטאַנען.

דאָס הויז איז געווען צו גרויס פאַר די דריי מענטשן. און משה און מלכה האָבן קיין קינדער ניט געהאַט. זיי האָבן אויפגעגעבן די האָפענונג צו האָבן קינדער. יאָר נאָך יאָר איז דער אומעט געוואַקסן און די האָפענונג־לאָזיקייט איז געוואַקסן, איז אַריינגעדרונגען טיף אין די לעבנס פון די מענטשן, און נאָר, ווען די זון־פלעקן פון דער פרימאָרגנדיקער זון פלעגן זיך אַריינרייסן דורך די ברייטע פענצטער און באַפאַרבן אויף אַ קורצער צייט די עטלעכע שטיקער מעבל אין גאָלד, פלעגט לייכטער ווערן אַריבערצו־טראָגן דעם אומעט.

און מלכה, וואָס איז דורכן טאָג געווען פאַרנומען מיט דער באַלע־באַטישקייט, געקאָכט פאַר די צוויי מענער, פאַרריכט די וועש און די בגדים זייערע, געראַמט און אָפּגעווישט דעם שטויב, זי האָט מיט אַן איינגעבוירענער פעאיקייט, אַרומגעשפּרייזט איבער די צימערן, ניט צעשטערנדיק זייער רואיקייט, זייער דרימלענדיקן אומעט. די דילן האָבן זיך עפּעס ווי ניט אָפּגערופן אויף די טריט פון אירע פיס, און עס איז געווען ווי אַ שאָטן וואָלט אַרומגעגאַנגען איבערן הויז, אַרומגעווישט דעם שטויב, פאַרבעט די בעטן און צוגעגרייט שטילערהייט אין קיך דאָס עסן. און אַזוי געוואוינט זיינען שוין געווען די זאַכן צו דעם באַריר פון אירע הענט, אַז זיי האָבן זיך אַוועקגעגעבן הכנעהדיק דעם שטילן ווילן פון אירע דינע פינגער. אַ רוק פון אַ שטול האָט אָפּגעהילכט בייז און פאַרעקשנט. אַ טראָט פון אַ קנאַפּל איבערן דיל האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ באַזונדער האַרטקייט און אומהיימלעכן געקלאַפּ און אָפּגעציילט מיט פרעמדקייט דעם מענטשנס באַוועגונגען אין דעם גרויסן הויז, ביים עק פון דער שטאָט.

עס האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן אָט דאָס הויז קיין פרעמדע מענטש־לעכע שטימען און רייד.

אַז אַלץ אין הויז איז שוין געווען אָפּגעטאָן, האָט זיך מלכה ליב געהאַט אַוועקצוזעצן ביים פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו די ווייטע האָריזאָנטן, לייענען אַ צייטונג, אָדער אַ בוך, קוקן אין דער ווייטקייט און טראַכטן טרויעריקע געדאַנקען וועגן איר לעבן, וואָס איז געווען אָפּגעריסן

פון דער וועלט. די וועלט איז געווען נאָענט און די וועלט איז געווען ווייט. מלכה האָט דאָ געלעבט אינעם גרויסן הויז איינע אַליין, צווישן די צוויי ברידער, פון וועלכע איינער, משה, איז געווען איר מאַן, און דער צווייטער, ברוך, אַ בלינדער פון געבורט, איז גאַנצע טעג געזעסן אין דעם ווייטסטן צימער, צום הויף־צו, און געטראַכט זיינע אייגענע אומבאַקאַנטע טראַכטענישן.

די ביכער האָבן דערציילט לאַנגע געשיכטעס וועגן אַ פרעמדן לעבן. די צייטונגען האָבן דערציילט פון אַ לעבן, וואָס איז געווען אין דער גרויסער שטאָט. אָבער דאָס איז געווען ווייט. זייער ווייט. זי האָט אַמאָל געלעבט אין דער שטאָט. געאַרבעט אין אַ שאָפּ. נאָכדעם האָט זי חתונה געהאַט מיט משהן. משה איז געווען פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט אין זיין געשעפט, אין דעם „פּאון און לאָאַן־שאָפּ" אויף דער באוערי, געטאָן זיינע געשעפטן, ווי אַן איינגעשלאָסענער אין זיין אייגענער וועלט, וואָס איז געווען פרעמד און סודותדיק. אַרום ניין אַזייגער אין אָוונט פלעגט זי דערהערן זיינע טריט אין קאָרידאָר — און קומען אים אַנטקעגן מיט אַ שווייגנדיקער באַגריסונג. שוין יאָרן אַזוי. יעדן טאָג אַזוי. אין דער שטיל־קייט פון אָוונט פלעגט אַ קלונג טאָן דער שלאָס און שליסל אין דער טיר און אויפשרעקן אויף אַ רגע די שטילקייט אין די צימערן. מלכה פלעגט גלייך אַרויסגיין אַנטקעגן, און באַלד זיך אומקערן צוריק אין קיך צוגרייטן די וועטשערע.

דער מאַן פלעגט אַריינקומען נאָך איר אַ שווייגנדיקער. דאָרטן, אינעם וויטן צימער, איז געזעסן איינגעשפּאַרט זיין ברודער, ברוך. און זיין ווייב איז אַלע מאָל געווען מיט אים אין הויז, געגעבן אים עסן און טרינקען, געראַמט זיין צימער, און ווער האָט געקאָנט וויסן, ווי זיי האָבן דאָ צווישן זיך געלעבט? פאַרבאָרגענע פאַרדאַכטן האָבן גענאָגט דאָס האַרץ, ניט אַרויסגעזאָגטע, אָן אויסדרוק, האָבן זיי שווער געמאַכט די טעג פון זיין לעבן. אָ, ער האָט אַזוי געוואָלט דעם טויט פון זיין אייגענעם ברודער! אַלע מאָל האָט ער געוואָלט יענעמס טויט. אָבער דער בלינדער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן. ער האָט ניט געוואָלט שטאַרבן!

מלכה פלעגט בלייבן פאַרענדיקן די צוגרייטונגען צו דער וועטשערע, און משה פלעגט אַוועקגיין נאָך דעם בלינדן. ער פלעגט זיך שטעלן ביי יענעמס טיר און זאָגן:

— ברוך.

אין ברוכס צימער איז אין די אונטן געווען פינצטער. דער בלינדער האָט ניט באַדאַרפט קיין ליכט. משה האָט זיך אָנגעשטרענגט אויסצוטיילן דעם ברודער פון דער פינצטערניש, כדי צו פילן אין וועלכער ריכטונג צו ווענדן זיין קול. אין צימער איז געשטאַנען אַ געדיכטע, אומבאַוועגלעכע פינצטערניש, אַזוי ענלעך איז דער בלינדער געווען צו דער פינצטערניש, אַז אים איז עס קיין מאָל ניט געלונגען. דערצו האָט נאָך דער בלינדער ניט ליב געהאַט משהן און זיך ניט אַלע מאָל גלייך אָפּגערופן. ס׳פלעגט געדויערן אַ לאַנגע רגע ביז ער פלעגט ענטפערן, און משה האָט שוין נאָך אַ מאָל געמוזט זאָגן:

— ברוך! ביסט דאָ?

— דאָ!

— קום עסן וועטשערע.

דער בלינדער פלעגט ניט ענטפערן. ער פלעגט זיך ניט אַ ריר טאָן פונעם אָרט. ערשט אַ ווײַלע שפּעטער, פלעגט ער זיך לאַנגזאַם אויפהייבן, אָנטאַפּן דעם שטעקן ביי דער וואַנט און שווער אַוועקוואַקלען צו דער טיר. זיין שטעקן האָט געקלאַפּט אומהיימלעך אין אויפגעוועקטן צימער, אָפּגעהילכט איבערן דיל און איבער די זאַכן אַרום. אַמאָל פלעגט אויך טרעפן, אַז משה אַליין פלעגט העלפן דעם בלינדן צוקומען צום עס־צימער. פלעגט אים לייכט אָננעמען ביים אָרעם און פירן, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז דער בלינדער ווייס אַליין גוט דעם וועג און עס איז אים זייער גוט באַקאַנט יעדעס ווינקעלע אין הויז און אַלע טירן און דורכגאַנגען. ביידע האָבן דאַן אויסגעזען ווי צוויי סודותדיקע וועזנס, דורך אַ פינצטערן לאַבירינט פון צימערן, קריכן דורך פינצטערע עפענונגען פון טירן צו עפּעס אַ ווייטן ליכט, וואָס האָט זיך דורכגעריסן פון קיך־טיר.

ביים עסן זיינען אַלע געווען שווייגנדיקע, אָדער גערעדט קורצע, אָפּגעריסענע רייד און אַמאָל אינגאַנצן ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. און נאָר דאָס געשיר, די לעפל, גאָפּל און מעסער האָבן אָפּגעקלונגען אין דעם שווייגנדיקן צימער. עס איז געווען אַזוי, ווי דאָס געשיר, די לעפל, גאָפּל און מעסער — און ניט די מענטשן ביים טיש האָבן אָפּגעריכט די וועטשערע. משה האָט געגעסן לאַנגזאַם. ניט געקוקט אויפן ווייב, ניט געקוקט אויפן ברודער, נאָר פאַרעקשנט געשוויגן, ווי איינער, וואָס ווייס,

אַז אָרום איז קיינער ניטאָ. אָבער אין זיין האַלטונג איז געווען שטרענגקייט און בייזע מחשבה, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס באַהאַלט אויס אַ סוד.

נאָכדעם פלעגט זיך דער בלינדער אויפהייבן און אָוועקוואַקלען צו זיך. און אַלע מאָל איז אין זיין אָוועקגיין געווען פרעמדקייט און אַ שטילער פּראָטעסט, וואָס האָט משהן און אויך מלכהן איבערגעלאָזט אין אַ שטימונג פון פאַרדראָס, אין אַ פאַרלעגנהייט, וואָס האָט ניט געקאָנט געפינען קיין אָפענעם אויסדרוק. נאָר איין מאָל האָט משה נאָך דעם ברודערס אַוועקגיין אַ זאָג געטאָן צום ווייב:

— אַזאַ באַשעפעניש... קיין זאַך גייט אים ניט אָן. זיצט זיך דאָרט און פוילט... כע!...

מלכה האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן בלינדן, געזאָגט:

— רייד ניט אַזוי. וואָס זאָל אַ בלינדער טאָן? איך זאָג דיר, משה, ביסט ניט גערעכט צו ברוכן. ער איז אַ געשטראָפטער פון גאָט. וואָס טשעפּעסטו זיך צו אים? האָסט ניט קיין רחמנות אויף אים, משה...

דער מאָן האָט אָפּגעשוויגן. אָבער אין זיין וועזן האָט זיך אָנגעצונדן אַ שנאה.

איין מאָל האָט משה געזאָגט צום ווייב, אפשר צום ערשטן מאָל אין יאָרן:

— די צייטן ווערן ערגער. עס רוקט זיך אָן אַ קריזיס. מענטשן שפּעקולירן, ווי משוגענע. וועסט זען, מ׳וועט ברעכן האַלדז און נאַקן...

ער האָט עס געזאָגט צו איר און צו זיך. מער צו זיך, ווי צו איר. ווייל וואָס האָט זי דען געוואוסט פון זיינע געשעפטן? וואָס האָט דען אימעצער געוואוסט אינעם הויז וועגן זיינע געשעפטן?

זי האָט אָפּגעשוויגן. איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, געזעסן שווער אין זיין שטול, געטראַכט זיינע אייגענע געדאַנקען, געווען אַ ווייטער און אַ פרעמדער.

2

דאָס געשעפט, אַן אַלטער לאָמבאַרד און אַ ליי־קאַסע, ווי דאָס הויז, איז געווען אַ ירושה פון דעם אַלטן זעליג. די ירושה איז געווען ביידנס — משהס און ברוכס. אָבער צוליב ברוכס בלינדקייט איז משה געוואָרן דער

גאַנצער באַלעבאָס. קיינער אין הויז האָט ניט געוואוסט וועגן די געשעפטן. משה האָט ניט ליב געהאַט צו טיילן זיך מיט די היימישע, ניט מיט די גוטע און ניט מיט די שלעכטע געשעפטן. דאָס געשעפט האָט זיך געהאַלטן אויף הונדערטער פרעמדע סודות, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין יעדן באַזונדערן חפץ. הינטער יעדן חפץ איז געווען אַ לעבן, וואָס איז געווען פרעמד מיט פרעמדקייטן, וואָס האָט דערציילט וועגן מענטשלעכער טראַגיק, וועגן אומרעכט און וועגן באַטרוג. די מענטשן, וואָס האָבן געבראַכט די חפצים האָבן געטראָגן פאַרצווייפלונג און שנאה אין זייערע אויגן, האָבן געקוקט אויף משהן, ווי אויף אַן אָפּנאַרער, אַ באַטריגער, וואָס האָט שווערער און ביטערער געמאַכט זייער לעבן. אין משך פון די אַלע יאָרן האָט זיך משה אויסגעלערנט צו באַגעגענען די שנאהדיקע אויגן מיט אייגענער שווייגנדיקער שנאה.

מלכהן האָט משה ליב געהאַט. ליב געהאַט מיט זיין אייגענער, קיינמאָל אין פולער מאָס ניט אויסגעדריקטער ליבשאַפט. יאָרן האָבן זיי צוזאַמענגע־בונדן דורך עפּעס אַ מאָדנע גורלדיקייט, דורך דעם שטילן אָפּמאַך פון דריי מענטשן צו לעבן אין איין הויז, צו טראָגן ביז אין טויט אַריין זייער גורל. דער בלינדער האָט געטראָגן זיין בלינדקייט און מלכה האָט געטראָגן איר פאַרהייראַט לעבן, ווי אַן אייביקע גאָב, וואָס האָט פון זיך ניט געקאָנט אַראָפּגעוואָרפן ווערן; און משה האָט מיט גרייטקייט געטראָגן די שולדיקייט פאַר קינדערלאָזיקייט און די ביטערע פאַרדאַכטן, וואָס האָבן ניט געלאָזט רוען דורך די לאַנגע טעג אין זיין געשעפט, געטראָגן מיט עקשנות, ווי אַן אורטייל פונעם לעבן.

משה האָט געהאַט אַ סך געלט. זיין רייכקייט איז געוואַקסן. זיין געשעפט האָט אָנגעהורבעט אַ סך ווערטפולע חפצים. דאָס געלט איז געוואַקסן אין באַנק. די סטאַקס, וואָס ער האָט מיטן געלט איינגעקויפט אין וואָל־סטריט, זיינען געוואַקסן און אויך דאָס ריעל־עסטייט, אין וועלכן ער האָט דורך די יאָרן אַריינגעלייגט אַ סך טויזנטער, האָט זיך שטאַרק געהויבן. געלט האָט ניט אויפגעהערט צו שטראָמען דורך אַלערליי קאַנאַלן. און געלט איז געווען — זיכערקייט. געלט איז געווען — מאַכט. דערצו זיינען געווען אַ סך וועגן צו פאַרגרעסערן זיין רייכקייט. **אין לאַנד איז געווען אַ פּראָספּעריטי.** פון איין עק פונעם גרויסן לאַנד ביזן צווייטן זיינען אָנגעגאַנגען ריזיקע ספּעקולאַציעס מיט לאַנד, מיט געלט, מיט הייזער. אין „בום" האָט

פאַרביטן אַ צווייטן. באַנק־הייזער זיינען געוואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. מיליאָנערן זיינען אויפגעקומען איבער־נאַכט. קרעמער, פּראָפעסיאָנאַלן און מענטשן מיט אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס זיינען מיט אַ מאָל רייך געוואָרן, האָבן פאַרמאָגט טייערע אויטאָמאָבילן, זומער־פּלעצער, פּרעכטיקע הייזער הינטערן שטאָט. אַפילו אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט שכל אַריין אין „ביזנעס", האָבן אָנגעהויבן אַליין „מאַנופעקטשורן", געעפנט אַ שאַפּקע, זיינען געוואָרן רייך.

אַמאָל האָט משה געהאַלטן זיין געלט אין באַנק, נאָכדעם האָט ער עס אויסגעליען אויף „מאָרגעדזשעס", איינגעקויפט „פּראָפּערטיס" און שפּעטער איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין וואָל־סטריט־ספּעקולאַציעס. וואָל־סטריט איז דאַן געוואָרן זיין גרעסטע קאָרט. אַלץ איז דאָ געגאַנגען מיט אַ שנעלן טעמפּאָ. די אַקציעס זיינען ממש פאַר די אויגן געוואַקסן. אין דעם איז נאָך געווען אויך אַ פאַרגעניגן. ס'איז נישט געווען סתם ביזנעס. אין דעם איז געווען אַ קאָמפּליצירטער שפּיל. ס'איז געווען דער גענוס פון ריזיקע, פון שטייגן און פון פאַלן. ס'איז אין דעם געווען געוואַגטקייט. דערווייל איז נאָך אַלץ געגאַנגען אַרויף, אַרויף. און משה זעליגס רייכקייט איז געשטיגן. יעדן טאָג האָבן די צייטונגען און ראַדיאָס פאַנאַנדערגעשריען דעם וואוקס פון אַלערליי אַקציעס, און אין דעם געשריי האָט משה געקאָנט הערן דעם געשריי פון זיין אייגענער רייכקייט. אינעם קליינעם קאַמערל פון זיין פּאַון־שאַפּ זיינען אין ענגקייט געזעסן צוויי מיידלעך, בוכהאַלטערינס, וואָס האָבן פאַרשריבן און טאַבולירט דעם וואוקס פון זיינע געשעפטן.

דער לאָמבאַרד איז נאָך אַלץ פאַרבליבן דער פונדאַמענט פון זיינע געשעפטן, דער פונדאַמענט פון זיין לעבן. דאָס איז געווען די היים. די טויזנטער פאַרשטויבטע חפצים, די גרויסע אָנגעהרובעטקייט פון אַלטוואַרג איז געווען זיין קאַלירפול קעניגרייך. דאָ זיינען געווען זיינע קונדן, באַקאַנטע מענטשן, מענער און פרויען, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער וועג אין לעבן, און האָבן שוין אים קיינמאָל צוריק ניט געפונען. אָבער דער וועג צו משהס לאָמבאַרד איז פאַר אַלעמען געווען אָפן. די שוועל פון זיין לייַ־קאַסע איז געווען זייער צייטווייליקע רעטונג אין מדבר פון לעבן. זיי זיינען געווען פריינטלעכע שונאים, וואָס פלעגן אָוועקגעבן משהן, ווי אַ שטרענגן גאָט, זייערע טייערסטע זאַכן פאַר אַ קורץ־דויערנדיקן ביסל

גליק, פאַר אַ שטרויעלע, אויף וועלכן מ׳האָט זיך געמוזט ראַטעווען. איינער האָט געזוכט צו שטילן דעם הונגער און אַ צווייטער — באַצאָלן רענט פאַרן צימער, פון וועלכן מ׳האָט געדראָט אַרויסצוואַרפן אויף דער גאַס, און דער דריטער איז געווען קראַנק, און דער פערטער האָט זיך געקאָר־טשעט פון אַלקאָהאָליזם, געזוכט מיטן ביטערן טראָפּן איינצושטילן אַ ברענענדיקן ווייטיק. ווילדע שיכורים, קליינע פאַרברעכער און גנבים, אויסגעלאָסענע פרויען און סתם פאַרוואָגלטע און פאַרטריבענע פּונעם לעבן פלעגן קומען אַוועקגעבן משה זעליגן זייער גאָב. און צווישן זיי זיינען אויך געווען אַלמנות און יתומים, פאַראָרעמטע, אַרבעטלאָזע מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן דעם לעצטן חפץ אויפצוהאַלטן זיך ביים לעבן. דורך די לאַנגע יאָרן אין זיין געשעפט האָט זיך משה זעליג אויסגעלערנט צו פאַרשטיין די שפּראַך פון מענטשלעכע אויגן, פון מענטשלעכע טריט, די אַריינגעבראַכטע חפצים. אַלץ האָט דערציילט וועגן לעבנס, וואָס זיינען געווען טראַגיש.

צווישן זיינע קונדן זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן ליב געהאַט צו ריידן, דערציילן זייערע צרות און טיילן זיך מיט זייערע האָפענונגען. דאָס זיינען געווען די אַלטע קונדן. זיי האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביים קאָנטער, ווי אייגענע, פאַנאַנדערוויקלען אַ לאַנגן געשפּרעך, אויסדערציילן אַ טראַגישע פּאַסירונג פון זייער לעבן, אַמאָל איבערטרייבנדיק און אַמאָל — עפּעס באַהאַלטנדיק. די רייד זייערע האָבן געקלונגען ווי פאַנטאַסטישע מעשות, אויסגעטראַכטע פון קראַנקען קאָפּ. די מענטשן זיינען מערסטנס געווען וואָגלענדיקע טרוימער, עקסטאַטיקער, שיכורים, וואָס האָבן זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין דער אַרומיקערווירקלעכקייט, געגאַנגען מיט בלינדע אויגן אַנטקעגן דעם צופאַל, אַריינגעפאַלן פון איין אומגליק אין אַ צווייטן.

אָבער די מערסטע זיינען געווען שווייגער. די מענטשן פלעגן קומען און אַוועקגיין און שוין קיינמאָל צוריק ניט קומען. זיי פלעגן פאַרשווינדן און נאָר זייערע זאַכן פלעגן בלייבן. זיי זענען געלעגן צווישן טויזנטער אַנדערע זאַכן און האָבן, ווי שאָטנס, דערמאָנט פון מענטשן, וואָס זיינען געקומען און פאַרשוואונדן אויף אייביק.

נאָך זיינען צווישן משהס קונדן געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געשיידט מיט זייערע זאַכן נאָר אונטער דרוק. זיי האָבן זיי אַוועקגעגעבן מיט אַן אָפענעם פּראָטעסט, מיט ביטערקייט. זיי האָבן זיך געאַמפּערט,

געשטעלט זיך אַנטקעגן משהן מיט פּאַראַכטונג, ווען ער האָט פּרובירט פּרייזן די זאַך זייער ביליק. ניט זעלטן פלעגט אַזאַ מענטש אַ כאַפּ טאָן זיין זאַך, מיט רוגזה אַ וואָרף טאָן משהן אין פּנים אַריין אַ ביטער וואָרט און מיט שנעלע טריט אַרויסגיין פון קראָם, מיט אַ שטאַרקן זעץ מיט דער טיר.

3

ברוך איז געבוירן געוואָרן אַ בלינדער. קיינמאָל ניט געוואוסט פון ליכטיקייט, ניט געקאָנט באַשטימען די גרענעץ פון ליכטיקייט און פינצטער־ניש. און אַלץ, וואָס ער האָט געהערט דערציילן וועגן ליכט און זונשיין איז געבליבן אויף אייביק פאַרשטעלט ווי זיין אייגענע וועלט. נאָר פון צייט צו צייט, אין באַזונדערע מאָמענטן אין זיין פריער קינדהייט, פלעגן געבוירן ווערן אין זיין מוח אומקלאָרע עמאָציאָנעלע פאַרשטעלונגען און האָבן קיינמאָל ניט אָנגענומען קיין באַשטימטע געשטאַלטונג. און ביז אין דער יוגנט איז זיין באַגריף וועגן דער וועלט בכלל און וועגן דעם שיקזאַל פון מענטשן אויף דער וועלט געווען ניט פול, צעשוואומען און די איינדרוקן, וואָס ער האָט אַרויסבאַקומען — בייטנדיקע, ווידערשפּרעכנדיקע און פאַרגייענדיקע.

און נאָר דער אויסערגעוויינלעך שאַרפער אויער האָט מיט דעם לויף פון יאָרן, אים אויסגעלערנט מיט אַ באַזונדער קראַפט און פעאיקייט באַנעמען בולט און לעבעדיק יעדן רויש און יעדן קלאַנג פון דער אַרומיקער וועלט. דאָס האָט געזעטיקט דעם הונגער פון זיין איינגעשלאָסענער נשמה און געבונדן זי מיטן לעבן.

די גאַנצע וועלט איז פול געווען מיט קלאַנגען. און דער בלינדער האָט זיך אויסגעלערנט זיצנדיק אויף זיין שטול, לעבן פענצטער, פאַנאַנדער־קלייבן זיך און פאַנאַנדערטיילן יעדן קלאַנג און שאָרך און וויסן, אָפּט מיט אַ מערקווירדיקער פּינקטלעכקייט, זייער זין און באַדייטונג. און נאָר אַדאַנק די קלאַנגען, זיינען אין זיין דמיון שטענדיק פאַררעגיסטרירט געוואָרן נייע עמאָציעס, אַזוי ווי דאָס וואָלטן געווען אומאויפהערלעכע קאַליידאָסקאָפּישע זעאונגען. די „זעאונגען" זיינען געווען אַנדערש פון די, וואָס אַ זעעוודיקער זעט פאַר זיך און אויך אַנדערש פון יענע, וואָס אַ זעעוודיקער קאָן זיך פאַרשטעלן.

עס האָט אין ברוכס לעבן פּאַסירט, אַז גאָר פּלוצלינג פלעגט זיך

אַנצינדן אין זיין מאַרך עפּעס ענלעכטס צו אַ פייערדיקן זייל. ווי פון אַ ניי־באַשאַפענער וועלט פלעגן אַרויסקומען, ווי לעבעדיקע געשטאַלטן, די „זעאונגען", פלעגן קומען און אויפפלאַמען, ווי אַ פלאַם, און ווי אַ פלאַם — אויסגעלאָשן ווערן, ניט ווערן. אַזעלכע „זעאונגען" זיינען געווען אַ גאַנץ־אַפּטע דערשיינונג אין זיין לעבן.

איינמאָל, ווען ער איז געווען אַ יינגל, האָט פּאַסירט, אַז אַזאַ זעאונג האָט געדויערט אַ לענגערע צייט. עס האָט אפשר געדויערט מיט אַ צענטל פון אַ סעקונדע לענגער ווי געוויינלעך, אָבער דאָס האָט געבראַכט דעם בלינדן אין אַ צושטאַנד פון אַ מאָדנער עקסטאַטישקייט. עס האָט זיך אים אויף אַ רגע אויסגעדוכט, אַז ער איז פּלוצלינג זעעוודיק געוואָרן און דערזען די ליכטיקע וועלט. און ווען אַלץ איז באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן האָט ער נאָך אַ לאַנגע צייט דערציילט די אַרומיקע וועגן דעם גרויסן וואונדער און אַ לאַנגע צייט ניט אויפגעהערט צו גלויבן, אַז ער האָט געזען „די ליכטיקע וועלט" און געהאַפּט אַז ווען עס איז וועט ער דערזען די וועלט אַזוי ווי אַלע מענטשן זעען זי, ווייל עפּעס ענלעכס צו דעם, וואָס אַלע רופן „וועלט" האָט ער שוין „געזען".

דער וואונדער האָט נאָך אַ מאָל ניט פּאַסירט. דער בלינדער האָט אַ לאַנגע צייט ניט אויפגעהערט צו טראָגן אין זיין האַרצן די גרויסע האָפענונג פון זיין לעבן. נאָך מער: ער האָט פּרובירט אַ סך מאָל דורך גוואַלדיקער גייסטיקער אָנשטרענגונג און דערהויבענער זעלישקייט אַרויס־רופן און אָנצינדן אין זיין דמיון נאָך אַ מאָל יענע „זעאונג", אָבער זי איז שוין קיינמאָל ניט געבוירן געוואָרן. ער איז געווען אַ האָפענונגסלאָזער בלינדער. דאָס לעבן איז געווען איין לאַנגע פינצטערע נאַכט. און נאָר דער שאַרפער אויער און דער לעבעדיקער מאַרך האָט אויסגעטיילט די פרעמדע טעג און די פרעמדע נעכט, וואָס זיינען אין אַ פיינלעכער מאָנאָטאָנקייט געקומען און געביטן איינע די אַנדערע, — ניט פאַר אים.

אין דער פריער יוגנט איז אין אים טאַקע איינמאָל געבוירן געוואָרן אַ פּראָטעסט קעגן דעם סדר פון דער איינגעשטעלטער אָרדענונג פון די זעעוודיקע, וועלכע ער, דער בלינדער, האָט באַדאַרפט אָננעמען. עס איז אים נמאס געוואָרן די שטענדיקע בייטעניש פון טעג אויף נעכט, לויט דער באַ־שטימונג פון אַנדערע. ער האָט געוואָלט איינטיילן די צייט אויף זיין אייגענעם שטייגער. איז ער אויפגעשטאַנען אין מיטן נאַכט, אָנגעטאָן די קליידער און

גענומען זיך טאָן עפּעס אַן אייגענע אַרבעט. אַרום איז געשלאָפן די וועלט. ביינאַכט איז אַלץ געווען אַנדערש. אַנדערע קלאַנגען און אַן אַנדער באַוועגונג אין לעבן פון די קלאַנגען. און אַז עס איז אָנגעקומען דער פרימאָרגן איז ווידער געוואָרן אַנדערש. עס זיינען נעענטער און לעבעדיקער געוואָרן די קלאַנגען, הילכיקער און קלאָרער. דער טאָג האָט זיך אָנגערוקט ווי אַ לעבעדיקע כוואַליע, געוועקט צו לעבן און באַוועגונג. און דער בלינדער האָט שוין דאַן פאַרשטאַנען, אַז טאָג וועט אייביק זיין — טאָג און נאַכט — נאַכט. און פון דאַן אָן האָט דער בלינדער ליב באַקומען, ניט ווייסנדיק פאַרוואָס, דעם טאָג מיט איין ליבע און די נאַכט — מיט אַן אַנדערער, און זיך איבערגעגעבן דעם איינגעשטעלטן סדר פון לעבן.

זיין לעבן איז געווען אין קלאַנגען. די גאַנצע וועלט האָט געלעבט אין קלאַנגען. די וועלט איז געווען פינצטער, אָבער זי איז געווען פול מיט דער אויפשטראַלונג פון אייביק־באַוועגנדיקע קלאַנגען, וואָס האָבן אויפ־געציטערט מיט לעבן די צעלן פון זיין קערפּער. דערצו האָט ער נאָך געהאַט די פייאיקייט אויסצוגיסן יעדן קלאַנג אין זיינע אייגענע פורעמס, שאַפן אייגענע פאָרמען, וואָס האָבן געגעבן פרייד און געצונדן די בלוטן אין רעגונג. און פון דעם איז אין אים אַליין געבוירן געוואָרן אַ ליכטיקייט, אַ קלאָרקייט פון געמיט, אַ דערהויבנקייט, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן צווישן די זעעוודיקע. אין אָט די באַזונדערע מאָמענטן האָט זיך געשפּאָלטן די טויטע וואַנט פון פינצטערניש, און די גאַנצע וועלט מיט זיין אייגן לעבן, וואָס איז געהאָנגען אייביק איבער די אייגענע אויסגעלאָשענע אָפּגרונטן, איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַ ליכט, וואָס האָט אויך ניט געהאַט קיין גלייכן צווישן די זעעוודיקע.

אויך האָט דער בלינדער ליב געהאַט צו פילן זאַכן מיט דער באַרירונג פון זיינע פינגער. אַרומטאַפּן כוואַליעדיקע, ווינקלדיקע און רונדע פיגורן אין אַלע פאָרמען, שאַרן איבער זייד, איבער סאַמעט, פילן די דינקייט פונעם סאַמעט אויף בלעטער פון רויזן. זיינע פינגער האָבן שטענדיק צו עפּעס געצויגן. לאַנגע, דינע און בלייכע, האָבן זיי געקאָנט זיך צוטוליען צו זאַכן, איינזויגן זיך אין זיי, איינטרינקען זיך, ווי עס טרינקען זיך אין פּיאַווקעס אין לעבעדיקן לייב. אַז ס׳זיינען ניט געווען ביי דער האַנט קיין נייע, נאָך ניט באַקאַנטע זאַכן, האָט ער מיט דער צייט געקראָגן די פעאיקייט צו פילן ווייטע פאָרמען. ער האָט אויך געקאָנט שאַפן, אויפוועקן צום לעבן,

שטענדיק נייע, ווייטע פאַנטאַסטישע פאָרמען פאַר זיינע צאַרט־פילנדיקע פינגער, וואָס האָבן, ווי לעבעדיקע הערצער, געבענקט נאָך ווייטער באַרירונג.

דערפאַר האָט יעדן אינדערפרי דער בלינדער ברייט געעפנט די פענצטער פון זיין צימער צו דער לעבעדיקער וועלט, פון וואַנען עס זיינען געקומען לעבעדיקע, וויברירנדיקע, פאַרטרויענדיקע קלאַנגען. און דערפאַר האָט ער ליב געהאַט, זיצנדיק ביי זיך אין צימער, געדולדיק און פלייסיק אויסצושניצן מיט אַ קליינעם מעסערל פאַרשיידענע פיגורן, די פיגורן זיינען קיינמאָל ניט ענלעך געווען צו זאַכן, וואָס זעעוודיקע מענטשן מאַכן און האָבן אין זיך אַ וועלכע ניט איז נוצלעכקייט. אָבער אַלע מאָל זיינען אָט די שניצערייען געווען דער ריינער אויסדרוק פון זיין שטענדיק זוכנדיקן מאַרך, וואָס האָט געריסן די וואַנטיקע פינצטערניש און געוועקט אַן אייגענע, אין זיך אַליין געצונדענע, ליכטיקייט.

עס איז גוט געווען צו טראַכטן. עס איז גוט געווען צו פילן די וועלט אין זיך און אויסער זיך. דערפאַר איז גאָר ניט לאַנגווייליק געווען צו זיצן אין צימער גאַנצע טעג און טראַכטן, ווייל עס זיינען נאָך געווען אין אים אַליין אַזוי פיל אומדערשעפּלעכע קוואַלן פון אייגענעם גליק, פאַר וועלכע זיין איין־איינציק לעבן איז ניט גענוג גרויס געווען, וועלכע ער האָט ניט געקאָנט אין זיך אַליין אַריינפּאַסן. אין די גאָר באַזונדערע מאָמענטן פון זיין לעבן האָט זיך אים געדוכט, אַז עס וועט ווען עס איז קומען אַ צייט, ווען ער וועט זיך אָנצינדן אין זיינעם אַן אייגענעם פייער און וועט פאַרברענט ווערן. אַזוי שאַרף האָט ער געפילט אין זיך דעם כוח פון דעם אייגענעם אויפגלי אין דער נשמה. ווייל עפּעס אַן אויסוועג האָט דאָך געמוזט קומען פון דעם סודותדיקן קוועלן פון לעבן אין זיינע גלידער. עס האָבן דאָך געמוזט געפינען זייער אויסדרוק די בענקענדיקע גלידער נאָך באַרירונג פון ליכט און ווייטע אומדערגרייכבאַרע קערפּערס.

4

אינעם גרויסן הויז מיטן בלינדן איז גאַנצע טעג געווען מלכה.

אַז צוויי מענטשן זיינען אַליין אין אַ גרויסן ליידיקן הויז, זיינען זיי געבונדן מיט שטאַרקע פעדעם. ס'רייסט זיך איינער פונעם אַנדערן און קאָן

זיך ניט אָפּרייסן. מ׳קאָן ניט אויסבאַהאַלטן און פאַרלייקענען די באַרירונג פון איינעם צו דעם אַנדערן. איינער ווערט אָנגעשטעקט מיט דער אַנוועזנדיקייט פונעם אַנדערן.

פיזיש איז מלכה די ערשטע יאָרן געווען ווייט פונעם בלינדן. זי איז זייער זעלטן געקומען צו אים אין צימער אויסצורײדן זיך. אויך ער איז זעלטן אַרויסגעגאַנגען פון זיין צימער אויפצוזוכן זי אין אַ צווייטן צימער. אָבער צווישן זייביידן איז אַלע מאָל געווען אַ שטילע, פאַרבאָרגענע פריינטשאַפט. אַ גוטסקייט האָט זיך געצויגן פון האַרצן פון איינעם צום אַנדערן און געוועקט אַ באַהאַלטענע וואַרעמקייט.

די ערשטע צייט, ווי מלכה איז אָנגעקומען אין הויז פון די זעליגס, האָט זי אפילו מורא געהאַט פאַרן בלינדן. עס האָט זיך אין איר געשראָקן דאָס האַרץ, ווען זי האָט אים געזען שפּאַנענדיק, בלינדערהייט, איבערן הויז, מיט די אויסגעלאָשענע גרויסע אויגן פאָרויס, ווי ער וואָלט ערגעץ ווייט, אַריבער אַלעמען, געזען עפּעס און אַהין געשטרעבט מיט יעדן טראָט פון זיין פוס. ביי יעדער באַגעגעניש מיט אים, האָט זי זיך אָפּגערוקט מיט האַרץ־קלאַפּעניש, אָן אַ זייט, אויסגעמיטן זיין אָנקומען, ווי אַ געפאַר, און ניט ווויסנדיק פאַרוואָס, אויסבאַהאַלטן זיך, ער זאָל ניט וויסן, אַז זי איז לעבן אים. אָבער דער בלינדער האָט שטענדיק מיט אַ וועלכן עס איז אויסדרוק באַוויזן, אַז ער ווייסט פון איר נאָענטער אַנוועזנדיקייט, און פון דעם איז געווען נאָך שרעקעדיקער די נאָענטקייט מיט אים. ווייל אָט איז ער, דאַכט זיך, געווען אַ בלינדער, האָט ניט געזען די ליכטיקע וועלט, און דאָך איז ער געווען ווי אַ זעעוודיקער, פון וועלכן מ׳האָט זיך ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן.

עס איז געווען אַ וואונדער ווי דער מענטש האָט געקענט אַזוי זיכער זיך אָריענטירן אין לעבן. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער זעט בעסער, הערט בעסער און געדענקט בעסער פון די זעעוודיקע און אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס מ׳וואָלט געקאָנט פון אים פאַרבאָרגן. פון דעם איז געוועז אַן אומהיימלעכקייט אין מלכהס האַרצן, ווען זי האָט געטראַכט פונעם בלינדן.

מלכה האָט אַ לאַנגע צייט מורא געהאַט פאַרן בלינדן. מורא געהאַט פאַר זיין שווייגן, פאַר זיין בלינדקייט.

אָבער ביסלעכווייז, מיטן גאַנג פון יאָרן, האָט זי אָנגעהויבן מערקן און פאַרשטיין די ענדערונגען אינעם בלינדן. אָט פלעגט אַרום זיינע אויגן

ווערן מיט אַ מאָל אומעטיק, ער פלעגט אַריינזינקען אין אַ שווערן שווייגן, און אָט פלעגט עפּעס באַלעבן די אויגן. אויף זייער טויטן אָפּגלאַנץ פלעגן זיך צעשפּילן לעבעדיקע שאָטנס און עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועלן זיך אין די ווייסלען אַן עפן־טאָן טונקעלע אָפּגרונטן און ער וועט זעעוודיק ווערן. די ליידן זיינע, דער ביטערער שיקזאַל פון עם מענטשן האָט אין איר געוועקט רחמנות. עס האָט זיך איר געוואָלט העלפן דעם בלינדן, פאַרלייכטערן זיינע טעג. און, אַ קינדערלאָזע, האָט זי ניט באַמערקט, ווי דער בלינדער איז מיט די יאָרן געוואָרן דער צענטער פון איר אויפמערקזאַמקייט.

מלכה איז געווען אַ גוטע. געשאָנקן פרווילעכע צערטלעכקייט. געגעבן אַ ריינע העמד און צו דער צייט. און דער בלינדער האָט אינעם אָנגעטאָענעם העמד געפילט די צאַרטע האַנט וואָס האָט עס דערלאַנגט. מלכה האָט אויסגעבעט און פאַרבעט זיין בעט יעדן טאָג. האָט דער בלינדער פון דעם ריינעם ליילעך און פון דעם וואַרעמען צודעק אַרויסגעפילט די וואַרעמקייט פון איר באַרירונג. ווען זי פלעגט קומען אויפראַמען דעם צימער, איז ער געזעסן אין זיין שטול אַ פלאַמענדיקער, אַן אָנגעשטרענגטער. איינגעהערט זיך מיט אַלע חושים אין איר יעדן ריר און טראָט. אויפגענומען יעדן שאָרך פון איר האַנט און קלייד. מיט רעגעדיקן אָטעם געצויגן אין זיך די לופט פון צימער.

מלכה האָט זייער ווייניק גערעדט:

— אַ קעלט אַביסל היינט... אפשר איז אייך קאַלט צו שלאָפן אונטער איין קאָלדרע? איך וועל אייך געבן נאָך איינע.

ער האָט געוואוסט, אַז זי פאַרשפּרייט די קאָלדרע איבער זיין בעט. אַ וואַרעם־רעגנדקער געפיל פלעגט אָנרירן זיין קערפּער, אויפוועקן דאָס האַרץ אין צאַפּל, ווי זי וואָלט אָנגערירט זיין לייב, ענטפערן דערשראָקן און נאָכגיביק:

— ניין, אַ דאַנק... און אפשר... אויב איר וועט ניט פאַרגעסן.

— וואָס הייסט פאַרגעסן? אָט גיי איך און ברענג אייך נאָך אַ קאָלדרע.

און זי פלעגט באַלד אַוועקגיין אין די אינעווייניקסטע צימערן און צוריקקערן זיך מיט אַ קאָלדרע:

— איצט וועט שוין אייך זיין וואַרעם צו שלאָפן.

און פון דעם אַליין פלעגט שוין ווערן וואַרעם אין אַלע גלידער.

און אַמאָל פלעגט זי פּלוצלינג אַריינקומען און זאָגן:

— איך האָב אויסגעבאַקן אַ לעקעך. פאַרזוכט אַ שטיקל.

דער בלינדער פלעגט פאַרזוכן און זאָגן:

— עס איז אייך געראָטן.

— ניט אַלע מאָל. אַמאָל באַקט ניט דער אויוון און היינט האָט ער גראָד געבאַקן... אָט נעמט נאָך אַ שטיקל.

ער פלעגט נעמען דעם שטיקל לעקאַך און מיט שרעק אָנרירן איר וואַרעמע האַנט. ער האָט אַזאַ האַנט ניט אָנגערירט פון קינדווייז אָן, פון דער צייט, ווען זיין מוטער האָט געלעבט. אַזאַ גוטע ווייבלעכע וואַרעמקייט, פאַר וועלכער עס איז גוט אַוועקצוגעבן דאָס לעבן. עס האָט זיך געוואָלט פאַרלענגערן די באַרירונג פון איר האַנט. צופאַלן מיט די ליפן און ריידן אַ סך גוטע רייד, אויסדריקן דאָס קוועלן פון אויפגערעגטע בלוטן, אַפילו וויינען.

און אַמאָל פלעגט אויך טרעפן, אַז זי פלעגט אַריינקומען צו אים און אָנהייבן באַקלאָגן זיך אויף זיך אַליין, אויפן מאַן און אויף דעם אומעט אין הויז. זי האָט גערעדט און דער בלינדער האָט אָפּגעענטפערט ווי אַן עכאָ.

זי פלעגט זאָגן:

— אומעטיק אין הויז. גרויסע צימערן, און ניטאָ וואוהין אַהינצוטאָן זיך.

און ער פלעגט ענטפערן:

— אַזאַ אומעט!

— און משה איז אויך אַ גאַנצן טאָג ניטאָ. אַלע מאָל פאַרזאָרגט, בייז... קומט אין אָוונט אַ מידער, רעדט ניט אויס קיין וואָרט... באַהאַלט עפּעס אויס. וויל זיך ניט טיילן מיט זיין אייגן ווייב... אָך, ברוך, ווי שווער עס איז צו זיין אַ ווייב פון אַזאַ מענטשן, ווי משה.

— יאָ, זייער שווער!

— וואָלט כאָטש געווען אַ קינד. כאָטש אַן איינציק קינד. איר זיצט גאַנצע טעג דאָ און איך זיץ דאָרטן. און אַזוי טאָג נאָך טאָג. ביידע זיצן מיר און וואַרטן.

אַזוי פלעגט זי אויסריידן זיך דאָס האַרץ. און עס איז געווען צווישן ביידן אַ נאָענטקייט, ווען דעם צווייטנס רייד זיינען געווען ווי אַ היילנדיקע רפואה אויף די רויע וואונדן. און אַז מלכה פלעגט אַנטשוויגן ווערן, האָט שוין אויך דער בלינדער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. אַלץ איז געווען צווישן

זיי אַזוי פאַרשטעלנדלעך און אַזוי האָפענונגסלאָז. מלכה פלעגט אַרויסגיין אַ דערלייכטערטע און וואַרטן אויפן אָוונט, ווען דער מאַן וועט קומען.

מלכה איז נאָך געווען אַ יונגע פרוי. ערשט אַריבער דעם אַכט־און־דרייסיקסטן יאָר. זי האָט ליב געהאַט, פאַרבאַרגענערהייט, צו חלומען, וואַרטן געדולדיק אויף אַ נס. איר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס אמתע לעבן איז נאָך אַלץ געווען פאָרויס. אין מיטן דעם נאָגנדיקן אומעט פלעגט פּאַסירן, אַז זי פלעגט פאַרגעסן די ווירקלעכקייט אינעם הויז פון איר מאַן, און דאָס לעבן מיט משהן פלעגט ווערן אינגאַנצן אַ דרויסנדיקע זאַך, וואָס האָט מיטן עצם לעבן קיין שייכות ניט געהאַט.

און וואָס מער יאָרן עס זיינען אַוועק, אַלץ דערווייטערטער איז זי געוואָרן פון משהן. ס'איז געווען אַ פרעמדקייט פון איינעם צו דעם אַנדערן. עס איז שווער געווען צו באַנעמען, וואָס עס האָט געבונדן איין מענטשן צום צווייטן. עלטער מיט גאַנצע פופצן יאָר, איז דער מאַן פלוצלינג עלטער געוואָרן מיט צענדליקער יאָרן. האָט אויפגעהערט צו ריידן גוטע רייד, צוטיילן דעם ווייב איר חלק ליבע. איינגעבויגן געוואָרן, געקראָגן אַ סך קנייטשן אויפן פנים און אַ גרויסן בלוי־ווייסן פליך אויפן קאָפּ. איז שוין אין מלכהן געשטאָרבן דאָס לעצטע ביסעלע ליבע, וואָס זי האָט מיט שווערקייט געטראָגן דורך אַלע יאָרן פון זייער פאַרהייראַט לעבן. אין האַרצן האָבן אויפגעוואַכט די כוחות פון דער פון יוגנט אָפּגעשפּאַרטער פרייד. דער קערפּער האָט געפאָדערט רעגונג. די גלידער האָבן זיך געצויגן צו דער זון און צו זעלישער ליכטיקייט.

קאַפּיטל פינף

דער קראַך

1

דאָס איז געווען אָקטאָבער פון יאָר 1929. גאַנץ פרי איז צו משהן אין פאַון־שאָפּ אַריינגעקומען אַ הויכער מאַן, מיט ברייטע דאַרע פּלייצעס און זייער גרויסע הענט. אונטערן אָרעם האָט ער געהאַט איינגעוויקלט אין צייטונג־פּאַפּיר אַ קליין פּעקל. משה האָט דעם מענטשן געקענט. ער איז שוין געווען ביי אים עטלעכע מאָל. ער האָט דאָ פאַרזעצט אַ סך הויז־זאַכן. פאַרזעצט, און קיינמאָל זיי ניט אויסגעקויפט. איצט איז ער אַריין אָן אַ באַגריסונג. אַוועקגעשטעלט זיך לעבן קאָנטער און געוואַרט. משהן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַנטקעגן אַ בלייכער, אומרואיקער פּנים מיט ברוינע אומרואיקע אויגן, וואָס זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מאָדנער טונקלקייט. אַזעלכע אויגן וואָס האָבן מיט איין מאָל דערציילט וועגן אַ ניט־דערשלאָפענער נאַכט, וועגן לעצטער געפאַלנקייט. דער מענטש האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּעקל און האָט אַרויסגעלייגט אויף דער טונקעלער צעראַטע פונעם קאָנטער אַ זייגער מיט אַ באַגילט קייטל און אַ קיילעכיק חתונה־רינגל און געזאָגט:

— אָט. וויפל איז עס ווערט?

משה האָט אַריינגענומען אין די הענט פריער דעם זייגער און נאָכדעם דאָס רינגעלע און זיי פאַרזיכטיק עקזאַמינירט. דער זייגער איז געווען אַן אַלטער, מיט אַ גרויסן „קאָפּ" פון אַן אַלטער שווייצאַרישער פירמע, און דאָס רינגעלע איז געווען אַ פּשוט רינגל פון פערצן קאַראַט גאָלד.

— ווילסט עס פאַרקויפן?

— פאַרקויפן. וויפל גיסטו?

משה האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— פינף דאָלאַר.

דער מאַן האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק און איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך. נאָכדעם האָט שוין משה באַמערקט, ווי יענעמס אויגן ווערן טונקעלער און שמעלער, צינדן זיך אָן מיט אַ קליין פייערל פון שנאה.

— פינף דאָלאַר, האַ? פינף דאָלאַר!...

— פינף דאָלאַר.

— ביסט אַ מענטש אָן אַ האַרץ און אָן אַ געוויסן.

דער מאַן האָט פאַרוויקלט ביידע זאַכן צוריק אינעם פאַפיר, אָפּגעוואַרט אַ רגע און בייז אַ וואָרף געטאָן אויף אים:

— איר זייט בלוטיקע פיאַווקעס. איך זאָג דיר: ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען מ׳וועט אייך, ווי גיפטיקע אָנוואוקסן, מיט פייער אויסברענען.

משה איז אָנגעצונדן געוואָרן און מיט שנאה אַ שליידער געטאָן:

— און דו הער אויף צו פריידיקן. קאָנסט זיך גיין אין אַן אַנדערן פאָון־שאָפּ, און ניטאָ דיר וואָס דאָ צו פריידיקן.

— איר אַלע זייט די זעלביקע בלוטזויגערס.

— גיי, זאָג איך! אַז ניט — וועל איך רופן פאָליציי.

— אַהאַ!... פאָליציי!... נאַ! גיב אַהער דיינע פאַרשאָלטענע פינף דאָלאַר.

ער האָט פלוצלינג אַ וואָרף געטאָן דאָס פעקל צוריק אויפן קאָנטער און זיך אָפּגעקערט אַ שווייגנדיקער. משה האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער קאַסע־קעסטל אַ פינפערל, אַ שליידער געטאָן אויפן קאָנטער און האָט דעם זייגער מיטן רינגל אַריינגעוואָרפן אין אַ קעסטל, הינטער דער גראַטקע.

דער מענטש איז אַרויס. ער איז ניט געווען קיין שיכור. זיינע רייד זיינען געווען בייזע, אָבער ניכטערע. און זיי זיינען עפּעס ווי געבליבן דאָ, ווי דער מענטש וואָלט זיי דאָ איבערגעלאָזן אינאיינעם מיטן זייגער און מיט דעם חתונה־רינגל. באַלד האָט זיך געעפנט די טיר, און ס׳איז אין גרויס איילעניש אַריינגעלאָפן דער שכן, אַ ייד, וואָס האָט געהאַט אַ קראָם פון מעבל. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אָפענע צייטונג און, נאָך איידער ער

האָט צייט געהאַט צוצוקומען צום קאָנטער, האָט ער שוין אויסגעשריען הויך אויפן קול:

— האָט איר געהערט? מיסטער זעליג, אַ קראַך אין וואָל־סטריט!... און נאָך וואָס פאַר אַ קראַך! איך זאָג אייך, מיסטער זעליג, מענטשן פאַלן, ווי פליגן!... עק וועלט!

משה זעליג האָט נאָך ניט פאַרשטאַנען.

— וואָס פאַר אַ קראַך? וואָס פאַר אַ פאַלן אויף אייך?

מיסטער זעליג. ס'עט זיין אַ ביטערע „דיפּרעשאַן", זאָג איך אייך. אַקציעס פאַלן, אַקציאָנערן פאַלן, אַלץ פאַלט!

— וועלכע אַקציעס פאַלן?

— אַלע אַקציעס פאַלן! אַלע!... נאַט, גיט אַ קוק אין „פּעיפּער". וואָל־סטריט פאַלט. אַלעמענס אַקציעס פאַלן. אייערע, מיינע, אַלעמענס!

משה האָט אַ וואָרף געטאָן זיין בליק אויף די גרויסע קעפּ אין דער צייטונג. עפּעס האָט זיך אַ ריס געטאָן אין זיין האַרצן. „סעקוריטיס" זיינען געפאַלן. „קאָמאָדיטיס" זיינען געפאַלן. „יוטיליטיס" זיינען געפאַלן. „אייזן" איז געפאַלן, „שטאָל" איז געפאַלן...

דער שכן האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען:

— ס'איז אַ קראַך אויף אַלע פראָנטן. ס'איז אַן אומגליק... גאַנץ ניו־יאָרק לויפט אַרום פאַרסמט. זינט 1873 איז נאָך ניט געווען אַזאַ קריזיס. גייט אַרויס אויף דער גאַס, הערט, וואָס מענטשן ריידן... וואָס זיצט איר דאָ מיט אייער אַלטוואַרג? ראַטעוועט, וואָס איר קאָנט!

משה האָט געפילט, אַז עפּעס האָט זיך פון אים אָפּגעריסן און געפאַלן, געפאַלן אין אַן אָפּגרונט אַריין. ער האָט אַרויסגעשיקט דאָס מיידל נאָך די צייטונגען. אַלע צייטונגען האָבן געהאַט איין נוסח. אַלע האָבן צעשריען דעם אומגליק!

דורכן טאָג זיינען צו אים אַריינגעקומען אַ סך מענטשן. אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם גרויסן קראַך אין וואָל־סטריט. מ'האָט פאַרויסגעזאָגט אַ ביטערע אַרבעטלאָזיקייט, אַ קריזיס, וואָס וועט אָנרירן אַלעמען. רייכע און אָרעמע וועלן ליידן. אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס לאַנד פון איין עק ביזן אַנדערן.

אין אָוונט איז משה געקומען אַהיים אַ פאַרעלטערטער. ער איז געווען גאָר אַן אַנדערער. און מלכה האָט באַלד באַמערקט די אַנדערשקייט.

— וואָס האָט פּאַסירט, משה?

משה האָט געשוויגן. ער איז זיך אין מאָדנער פאַרלוירנקייט דורכגע־גאַנגען איבערן צימער און אַוועקגעגאַנגען רופן דעם בלינדן עסן. אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען זיי ביידע אַרויסגעקומען פון דער פינצטערניש פון די צימערן — פריער דער בלינדער און נאָך אים משה — און אַוועקגעזעצט זיך צום טיש. און אַלע האָבן געגעסן שווייגנדיק, ווי אַלע מאָל. ערשט נאָכדעם האָט משה געזאָגט אין דער זייט אַריין:

— צוויי מענטשן זיצן אין הויז און וויסן גאָרניט. עס גייט אונטער אַ וועלט, און זיי זיצן, וויסן ניט...

מלכה האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט פאַרדאַכט, געזאָגט:

וועגן וואָס רעדסטו, משה?

משה האָט געשוויגן. שווער און פאַרדעכטיק געשוויגן. האָט מלכה איינגעהאַלטן, אַ פרעג געטאָן:

— זאָג קלאָר, וואָס האָט געטראָפן?

— וואָס ס'האָט געטראָפן! איך בין אומגליקלעך געוואָרן. אַלץ איז אַוועק מיטן רויך! איך האָב פאַרלוירן אַלץ, וואָס כ'האָב געהאַט, פאַרשטייסט?

ער האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן פונעם אָרט און גענומען אַרומ־שפּאַנען הין און צוריק. דער בלינדער האָט זיך אָפּגעלייגט אויפן רוקן פונעם בענקל, אָנגעשפּאַרט זיין רעכטע האַנט אויפן שטעקן און געווענדט זיין פּנים אין דער ריכטונג, וואו משה האָט אַרומגעשפּאַנט:

— המ... האָסט, הייסט עס, פאַרלוירן אַ היפּשע אַפּותיקו, משה, הא? האָסט אַפּנים געהאַט, וואָס צו פאַרלירן. האָסט אונדז ניט דערציילט, ווען דו האָסט געוואונען, דאַרפסטו אונדז ניט דערציילן, ווען דו האָסט פאַרלוירן.

פון דעם, וואָס ברוך האָט געזאָגט, האָט משהן געאַרט נאָר איין־איינציק וואָרט. דאָס וואָרט איז געווען „אונדז". ברוך האָט ניט גערעדט פון זיך אַליין.

און מלכה האָט געזאָגט:

— האָסט פון אונדז אַלץ באַהאַלטן. איך האָב אַ סך מאָל דיר געזאָגט: משה, לאָז מיך גיין אין „שאָפּ", איך וועל דיר העלפן. וואָס האָב איך דאָ צו טאָן אַ גאַנצן טאָג? וואָסי? אונדזערע קינדער לאָזן ניט, צי וואָס?...

האָסטו ניט געלאָזט. ניט געוואָלט מיך אויף דער שוועל פון „שאַפּ" אַרויפּ־לאָזן. און איצט שרייסטו!

משה האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיט כעס געזאָגט:

— כ'דאַרף ניט אייער הילף! כ'קאָן מיינע געשעפטן אַליין פירן.

— וואָס זשע מאַנסטו איצט? קיין לעבעדיקער מענטש קומט צו אונדז ניט אַריין.

משה איז ווידער אין כעס געוואָרן:

— כ'האָב דיר געזאָגט: מיינע געשעפטן קאָן איך אַליין פירן, און אייער פלאַץ איז אין דער היים.

מלכה האָט אָבער נאָך אַ סך געהאַט וואָס צו זאָגן. אַלטע טענות זיינען אַרויפגעשוואומען אויפן זכרון.

— איך האָב דיך פיל מאָל געבעטן ברענגען עפּעס אין הויז. דאָס הויז איז פּוסט. ליידיקע צימערן. ליידיקע ווענט. אַ פּוסטקע! אַז אַ מענטש קומט אַריין, איז אַ חרפּה אַנצוקוקן די פּוסטע צימערן.

— קיינער דאַרף צו דיר ניט אַריינקומען.

— אָט דאָס איז דאָך עס, וואָס איך זאָג אַלע מאָל. קיין לעבעדיקער מענטש קומט צו אונדז ניט אַריין.

— אָט באַלד וועל איך אייך דאָ ברענגען קלעזמער, זיי זאָלן אייך דאָ אַמוזירן!

דער בלינדער האָט זיך שווער אויפגעהויבן און מיט שנעלע טריט אַרויס פון צימער. מאַן און ווייב זיינען געבליבן שווייגנדיקע. אין הויז איז ווידער געוואָרן שטיל, שטיל.

2

דער גרויסער קראַך אין וואָל־סטריט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן יענעם אומפאַרגעסלעכן טאָג אין אָקטאָבער, האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, ווי אַ פינצטערע מגפה. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער גרעסטער קריזיס אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. אַמעריקע, די ריזיקע אַמעריקע, איז געווען צעטומלט און פאַרלוירן. דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען ווי אַ ריז, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ. דער ריז האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון דער נעץ, אָבער די נעץ האָט אַלץ טיפער זיך אַריינגעגעסן אין זיין לייב.

אינדוסטריעלע, פּאָליטישע און סאָציאַלע קעפּ האָבן געזוכט אַן אויס־וועג, צייטונגען און זשורנאַלן האָבן געפּרואווט געפינען אַ דערקלערונג, אַלערליי דיאַגנאָסטיקער, עקאָנאָמיסטן און סטאַטיסטיקער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן זוכן די לייזונג, אָבער אין דער זעלביקער צייט זיינען מיליאָנען אַרבעטער אַרומגעגאַנגען ליידיק, און די, וואָס האָבן נאָך געאַרבעט, האָבן געמוזט צושטימען צו פּיינלעכע שניטן אין שכירות. עס זיינען געעפנט געוואָרן פרייע קיכן פאַר די הונגעריקע און פאַרוואָגלטע. נאַקעטע מענטשן האָבן באַדאַרפט קליידער און שיך. קינדער האָבן באַדאַרפט אַ גלאָז מילך. ס'זיינען געגרינדעט געוואָרן רעליף־אָרגאַניזאַציעס. דער רויטער קרייץ און די „סאַלוועישאַן” האָט אויסגעטיילט ליידיקע געביידעס, אין וועלכע הונגעריקע און פאַרוואָגלטע האָבן געקאָנט געפינען אַ שטיקל ברויט און אַ טעלער זופּ און איבערנעכטיקן אַ נאַכט.

איבער נאַכט זיינען אויף די גאַסן פון ניו־יאָרק אויסגעוואַקסן קליינע געשטעלן, מערסטנס אויף הילצערנע קעסטלעך, אויף וועלכע אַרבעטלאָזע האָבן אויסגעלייגט עפּל צו פאַרקויפן. און פון ערגעץ אויבן, פון די רייכערע, האָט זיך געהערט דער נייער לאָזונג פון הילף און רעטונג: „עסט עפּל! עפּל איז געזונט. אַן עפּל אַ טאָג — נעמט דעם דאָקטער אַוועק!”.

די „לאָדזשינג הייזער”, וואָס די רייכע האָבן איינגעאָרדנט פאַר די אָרעמע, האָבן ניט געקאָנט אַריינגעמען די היימלאָזע. די שטאָט איז פּלוצלינג איבערגעפּולט געוואָרן מיט בעטלער. בעטלער אין די פּאַרקן, אויף די גאַסן, אויף די ראָגן — אומעטום אָפּגעריסענע, פאַרלייזיקטע, פאַרוואָרלאָזטע מענטשן.

באַנקען האָבן אָנגעהויבן קראַכן. פריער צענדליקער און נאָכדעם — הונדערטער און טויזנטער. דאָס אָרעמאַנסקע געלט, די אָפּגעשפּאָרטע פאַר דאָלאַר, פאַרדינטע מיטן שווייס און בלוט, זיינען אָפּגעווישט געוואָרן. לייקאָסעס האָבן זיך גענומען פאַרמאַכן. געשעפטן האָבן באַנקראָטירט און אָפּטע שרפות זיינען צעקלונגען געוואָרן פון לויפנדיקע פייער־לעשער וועגענער. איינגעפונדעווטע אינדוסטריען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער גאַנצער אָרגאַניזם פון אַמעריקע האָט גענומען איינשרומפּן. זייל נאָך זייל האָט גענומען איינפאַלן די גרויסע זיכערקייט פון יעדן בירגער, זיין גלויבן און זיין האָפענונג, אַז זיין אַמעריקע וועט דורכטראָגן, וועט זיך אָט באַלד אומקערן צו איר נאָרמאַלן לעבן. מיליאָנען זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק.

יעדן טאָג האָבן די צייטונגען געמאָלדן וועגן זעלבסטמאָרדן פון „די גרויסע",
די רייכע, וואָס האָבן געבראָכן האַלדז און נאַקן אין זייערע ספּעקולאַציעס.
פון אַלע זייטן האָט זיך אָנגערוקט דער מוראדיקער געשפּענסט פון הונגער.

און באַלד איז אָנגעקומען דער ווינטער. דער ערשטער ווינטער פון גרויסן קריזיס. אויף די רייכע גאַסן פון ניו־יאָרק, ווי אויף די אָרעמע, האָבן זיך באַוויזן בעטלער.

די גאַסן פון דער רייכסטער שטאָט זיינען פּלוצלינג אויסגעפּוצט געוואָרן מיט הונדערטער, טויזנטער בעטלער. מ'איז געגאַנגען איבער אַ גאַס, און אַנטקעגן פלעגן קומען די בעטלער מיט זייער שטומער דער־שלאָגנקייט.

פאַר אָט די בעטלער האָט די שטאָט־רעגירונג איינגעאָרדנט הונדערטער „פלאָפּ־־הייזער", וואו זיי פלעגן איבערשלאָפן זייערע נעכט. פאַר מענער באַזונדער און פאַר פרויען באַזונדער. און אַרום אָט די „פלאָפּ־הייזער" האָבן זיך געעסקט אַלערליי פרומע „וואוילטעטיקע" סאָסייעטיס, די „סאַל־ווײשאָן אַרמי", אַלערליי קירכן און אַ צאָל צדקה־אַנשטאַלטן, וואָס האָבן אין נאָמען פון „גאָט און מענטשלעכקייט" אויסגעטיילט אַביסל געקעכץ און אַ שטיקל ברויט פאַר דער אָרעמער מענטשהייט, פאַר די „וויניקער גליקלעכע", וואָס זיינען געוועזן קרבנות פונעם קריזיס.

אַמעריקע האָט פּלוצלינג געקראָגן אַ נײַ פּנים.

קאַפּיטל זעקס

די באַגעגעניש

דער ווינטער איז אַריבער. ס׳איז געווען זומער און ס׳איז געווען די ביטערע „סלעק“. און מאַקס טענדלער, וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט געווען אַרבעטלאָז, איז אַלע טאָג אויפגעשטאַנען אין דער פרי, ווי ער וואָלט גיין צו זיין טעגלעכער אַרבעט. אַן אַרבעטער האָט ניט געקענט זיצן אין דער היים און וואַרטן אויף נסים. ער האָט באַדאַרפט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין זיין „טרייד“, צולייגן אַן אויער צו דעם, וואָס אַרבעטער אין „מאַרקעט“ ריידן וועגן שעפּער, וועגן אויסזיכטן אויף אַרבעט און אויך וועגן דער „יוניע“, באָסעס און פאָרלייט. און אַביסל אַרבעט האָט מען געמוזט געפינען, ווייל אין הויז איז שוין ניט געווען קיין פּעני. מ׳האָט געמוזט צאָלן דירה־געלט, ווייל ס׳איז שוין געווען אַ געפאַר, אַז דער לענדלאָרד וועט „אַרויסוואַרפן“ אויף דער גאַס. דער הונגער איז שוין ממש געשטאַנען ביי דער שוועל.

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, די שטאָט האָט זיך געקאָכט אין די ליכטיקע טעג מיט זומערדיקע היצן. אַרום די ראָגן אין „מאַרקעט“ האָבן זיך גרופּירט אַרבעטער, מיט פאַרשטעקטע צייטונגען אין די קעשענעס פון די לייכטע רעקלעך. מ׳האָט זיך געהיצט, אַרומגעקריגט זיך וועגן די געשעענישן פון טאָג, וועגן די סטרייקס, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אַ סך שעפּער צוליב אַ שניט אין שכירות און צוליבן שטענדיקן שניידן די פּרייזן אויף אַרבעט. דער קריזיס האָט ניט נאָר אויפגעוועקט קאַמפן צווישן די באַלעבאַטים און אַרבעטער, נאָר אויך צווישן אַרבעטער און אַרבעטער. פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן געביטן זייערע „פּאָליסיס“. אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך ביסלעכווייז אויסגעפאָר־

מירט צוויי הויפּט־שטראָמען — אַ „לינקער" און אַ „רעכטער". אַט די שטראָמען זיינען געגאַנגען איינער קעגן דעם אַנדערן. דערפאַר האָט מען אין די שעפּער און אויף דער גאַס דיסקוטירט די קאָכעדיקע פּראָבלעמען.

מאַקס טענדלער האָט זיך צוגערוקט צו אַ רעדל אַרבעטער. דאָ האָט מען זיך זייער געהיצט, זשעסטיקולירט מיט די הענט. מאַקס האָט ניט אַלע מאָל געקאָנט פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן די שטרייקנדיקע צדדים. אַ מאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז ער איז אויף דער זייט פון איין צד און אַ מאָל, אַז ער איז גאָר מיטן צווייטן.

אין מיטן פונעם רעדל איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן און זיך מער פון אַלעמען געהיצט. מאַקס האָט דערהערט אַ באַקאַנטע אויסשפּראַך, אַן אוקראַאינער יידיש — פּונקט אַזאַ ווי מ'האָט גערעדט אין זיין שטעטל, פאַרבייטנדיק אָפט דעם פּתח אויפן קמץ: — טאַטע, וואַסער, קלאַפּ, קאַץ... מאַקס האָט זיך אַריינגערוקט צווישן די מענטשן, איינגעקוקט זיך אינעם צעהיצטן פּאַרשוין. עפּעס איז אָט דער יונגערמאַן געוועזן קענטלעך. אַ רגע זיך ניט געקאָנט דערמאָנען, וואו ער האָט אים פריער געזען. אפשר אים געטראָפן אַמאָל אין אַ שאַפּ? אפשר אין דער יוניע? מאַקס האָט דאָך איבערגעאַרבעט אין אַזוי פיל שעפּער און געטראָפן אַזוי פיל אַרבעטער. דער מענטש איז אים געווען אַזוי באַקאַנט, ממש ניט געקאָנט אָפּרייסן פון אים דעם בליק. און יענער, וואָס האָט זיך אַזוי געהיצט, האָט פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אויף מאַקסן דעם בליק. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. יענער האָט איבערגעריסן זיין היציקן געשפּרעך און מיט אַ שמייכל זיך אַ רוק געטאָן צו מאַקסן:

— דאָס ביסטו דאָך, מאָטל... גיי ווייס, אַז מיר וועלן זיך טרעפן אין ניו־יאָרק!...

מאַקסן האָט אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט אין פּנים. ער האָט דערקענט דעם סטודענט פון זיין שטעטל, דעם גבירס זונדל, פייוול גאָלדיסן, דעם פירער פון דער „דרוזשינע".

— סאַראַ באַגעגעניש!... כ'האָב פון דיר אַ סך מאָל געטראַכט דורך די יאָרן... סטייטש, דו ביזט דאָך אין נײַנצנטן יאָר אַוועק קיין אַמעריקע מיט דיין ווייב דאָבע... יאָ, וואָס מאַכט דאָבע? האָט איר קינדער? און ווי האָט איר זיך דאָ איינגעאָרדנט?... ביזט דאָך געווען אַ שניידער „אין דער היים..."

פיוול גאָלדיס האָט אים פאַרוואָרפן מיט פראַגעס, און מאַקס האָט פון איבעררעשונג, קוים געקענט ענטפערן. ביסלעכווייז האָט ער דערציילט גאָלדיסן וועגן זיין לעבן אין אַמעריקע און זיך אויך דערוואוסט פון יענעם, אַז ער איז אַהער אַנגעקומען פון פּאַריז, אַז זיינע עלטערן זיינען דערהרגעט געוואָרן אין אַ פּאָגראָם, וואָס איז פאַרגעקומען נאָך מאָטלס אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, אַז ער אַליין האָט זיך קוים געראַטעוועט — פריער אין בעסאַ־ראַביע, נאָכדעם אין רומעניע און שפּעטער אַוועקגעפאָרן קיין פראַנקרייך, וואו ער האָט געלערנט, און איצט איז ער שוין עטלעכע יאָר אין אַמעריקע.

מאַקס איז געווען זייער גערירט פון דער פלוצעמדיקער באַגעגעניש, פון די פריינטלעכע רייד, מיט וועלכע פיוול האָט אים באַגעגנט. אָבער אַז ער האָט געזען, אַז יענער דערציילט אויס זיינע איבערלעבונגען מיט אַ לייכטן געמיט, האָט ער בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— ווי, ווי, וואָס אונדזערן אַ מענטשן קאָן אויסקומען איבער־צולעבן...

— אַט זיינען ביידע אין אַמעריקע. דו ביזט אַן אַרבעטער און איך בין אַן אַרבעטער... איז ביי וואָס אַרבעטסטו?

מאָטל האָט דערציילט ווי ער האָט זיך דאָ „אַנגעפּלאָגט”, און אַט איז איצט געווען דער קריזיס, קיין אַרבעט איז ניטאָ און ס'איז ביטער... די ווייטקייט צווישן אים און פיוולען איז פאַרשוואונדן. זיי זיינען איצט געווען צוויי לאַנדסלייט, וואָס האָבן זיך געטראָפן אין אַמעריקע. מיט יעדער רגע האָט זיך מאַקס אָנגעהויבן פילן פרייער מיטן אַמאָליקן סטודענט און זינדל פון דעם גביר גאָלדיס, וואָס האָט אים אַמאָל, אין דער היים, געזאָגט, אַז פּאָר אַזעלכע ווי ער, מאָטל, „שטעלט מען אויף טריאומפאַלע ארקעס”... האָט ער טאַקע אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן יענער געשעעניש:

— איר געדענקט, מיסטער גאָלדיס, אונדזער דרוזשינע?... ווי מיר האָבן דאַן אונטערגעצונדן די דיליזשאַנס־סטאַציע און צעשאָסן די באַנ־דיטן... געווען אַ צייטעלע! און איר האָט מיך דאַן אַריינגעבראַכט קוים אַ לעבעדיקן אין שטוב אַריין...

פיוול האָט זיך זייער לעבעדיק אָפּגערופן אויף מאָטלס ווערטער:

— צי איך געדענק? ווי קאָן מען עס פאַרגעסן? דו האָסט דאָך

דעמאָלט גערעכנט דאָס שטעטל פון אַ פּאָגראָם! ס'איז געווען דיין אײַנפאַל, דיין סטראַטעגיע, אונטערצוציִנדן די דיליזשאַנס־סטאַנציע. דיין שטיקל אַרבעט וועט קיינער ניט פאַרגעסן...

פון אָט די גוטע ווערטער איז מאָטלען געווען גוט און אומעטיק. פּייוול האָט זיך באַלד גענומען איילן:

— נו, מאָטל, לאָז מיך איין צו קומען צו דיר אַהיים. איך וויל זען דאָבען און באַקענען זיך מיט אײַערע קינדער. איך דאַרף זיך טרעפן מיט אַ חבר. איז וואו וואוינט איר?

מאַקס האָט אים געזאָגט. פּייוול האָט דעם אַדרעס פאַרשריבן און צוגעגעבן:

— הייסט עס, היינטיקן זונטיק... אָפּגעמאַכט.

— ס'וועט זיין אַ גרויסער „סופּרייז" פאַר דאָבען... זעט, „דיסאַפּוינטעט" אונדז ניט!

פּייוול האָט וואַרעם געדריקט מאַקסעס האַנט און נאָך אַ מאָל צוגעזאָגט צו קומען זונטיק — אומבאַדינגט.

מאַקס איז פאַרבליבן שטיין אויפן אָרט. עטלעכע רגעס נאָכגעקוקט פּייוולען, ביז יענער איז אין גאַנצן פאַרשוואונדן. ס'איז אים געווען גוט אויפן האַרצן, ווי ער וואָלט געפונען עפּעס זייער אַ טייערע זאַך און זי באַדאַרפט ברענגען צו זיין פרוי און קינדער זיי צו דערפרייען און דערמוטיקן. ער האָט געוואוסט, אַז דאָבע וועט אויך זיין צופרידן, ווייל אָט האָט זי דאָך אָט דעם פּייוולען געקאַנט, ווען יענער איז נאָך געווען אַ קליין יינגל. ער האָט זיך אויסגעהאַדעוועט אויף אירע הענט, ווען זי איז ביי זיי אין הויז געווען אַ דינסטמיידל. ער האָט זיך אַפילו געוואָלט לאָזן גיין אַהיים, נאָר ס'איז נאָך געווען צו פרי און ער האָט נאָך באַדאַרפט באַזוכן דעם אייגענעם שאַפּ.

אין שאַפּ איז געווען שטיל און פּוסט, ווי אַלע מאָל ביי „סלעק". די מאַשינען זיינען געווען איבערגעדעקט מיט אַ טונקעלן געוואַנט. ביי די טישן זיינען געשטאַנען אַ פּאָר מענער און גערעדט צווישן זיך. פון אָפיס, אַריבערן ווענטל, האָט זיך דערטראָגן אַ געקלאַפּ פון דער שרייב־מאַשין. איינער פון די אַרבעטער האָט אים באַמערקט אַריינקומען און האָט אים אַ רוף געטאָן:

— קום אַהער, מאַקסל, לאָמיר אויף דיר אַ קוק טאָן... האָסט זיך

היפשלעך אויסגעפּאַשעט אין דער „סלעק"... גיט אַ קוק אויף זיין בייכל, אַן אמתע „קאָרפּאָרעישאַן"...

די איבעריקע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. מאַקסן האָט איצט ווייניק געאַרט דער געלעכטער. ער איז נאָך אַלץ געווען אונטערן גוטן איינדרוק פון דער באַגעגעניש און אים איז געווען פריילעך אויפן האַרצן און ס'האָט זיך געוואָלט טיילן מיט די אַרבעטער:

— כ'האָב ערשט געטראָפן מיינעם אַ לאַנדסמאַן... פון אונדזער שטעטל. געווען אַ סטודענט. שטודירט גרויסע זאַכן... און איצט איז ער גאָר אין אַמעריקע, אַן אַרבעטער.

— אַ היימישער סטודענט, זאָגסטו? ביי מיר איז פאַראַן אַ באַקאַנטע, געקומען פון מיין שטאָט. גימנאַזיסטקע געווען. כ'האָב זי דאָ אַריינגענומען אין שאָפּ. האָט זי זיך פאַרליבט אין אונדזער אונטער־קאַנטער, האָט חתונה געהאַט און איצט האָט זי קינדערלעך און ווערט געשוואָלן פון הונגער...

אַן אַנדערער האָט זיך אויך אַריינגעמישט אין די רייד:

— אויב ער איז אַן אמתער סטודענט, ווי דו זאָגסט, וועט ער לאַנג אין שאָפּ זיך ניט איינהאַלטן. וועט אַריין אין קאַלעדזש און ווערן אַן אַמע־ריקאַנער דאָקטער. איך קען אַזאַ חברה־מאַן. געפונען אַ מיידל, אַן אַרבע־טאָרין. זי זיצט, נעבעך, אַ גאַנצן טאָג אין שאָפּ און שטעפּט — און ער „סטעדיעט" אויף איר שווייס. אַז ער וועט ענדיקן אויף דאָקטער וועט ער זי מסתמא אַוועקוואַרפן. מ'האָט שוין אַזעלכע זאַכן געזען אין אַמעריקע.

מאַקסן האָט פאַרדראָסן וואָס מ'רעדט אַזוי וועגן זיין לאַנדסמאַן, דעם סטודענט פּיוזל גאָלדיסן. ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן יענעמס יחוס, וועגן אַנטייל, וואָס ער האָט גענומען אין דער שטעטלשער דרוזשינע און אויך דערציילט, ווי ער האָט אין מיטן פון אַ זאַווערוכע אונטערגעצונדן די דיליזשאַנס־סטאַציע מיט אַלץ מיט אַן אַנדער.

די מענטשן האָבן זיך צוגעהערט, געוואָרפן אויף אים איראָנישע בליקן, ווי אַזוי האָט אַזאַ קליין, דאַר מענטשל געקאָנט אַרויסווייזן אַ העלדישקייט; מאַקס האָט אין זייערע אויגן איבערגעלייענט אומצוטרוי און גרינגשעצונג, און האָט שנעל פאַרענדיקט זיין דערציילונג.

איינער פון די אַרבעטער האָט אַן צערעמאָניעס געמאַכט אַ באַמערקונג, וואָס האָט אויסגעלאָשן מאַקסעס געמיטלעכקייט:

— גיי, ווייס, אַז דו ביסט געווען אַזאַ העלדישער יונגערמאַן... און איך האָב אַלע מאָל געטראַכט, — אַז דו האָסט גאָר מורא פאַר אַ פליג...

אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. און מאַקס האָט געזען, אַז קיינער האָט אים ניט געגלויבט. ס׳איז געווען ווי אַלע מאָל. ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. אָפּגעטראָטן פון די מענטשן. צוגעגאַנגען צוליב עפּעס צו דער אייגענער, איבערגעדעקטער מאַשין, אַ ווײַלע גענישטערט אַרום איר, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און שטילערהייט זיך אַרויסגערוקט פון שאַפּ.

אין דער היים האָט זיך דאָבע זייער דערפרייט, וואָס פּייוול גאָלדיס איז אויך אין אַמעריקע און אַז ער וועט אפילו זיין זייער גאַסט. אַזאַ גאַסט! זי האָט וועגן אים געדעדט ניט ווי וועגן דעם זון פון איר באַלעבאָס, נאָר ווי וועגן אַן אייגענעם, אַ לייבלעכן קרוב. זי האָט זיך איצט דערמאָנט קלייניקייטן פון פּייוולס לעבן, נאָך פון זיינע קינדערשע יאָרן. פּלוצלונג האָבן זיך אומגעקערט צוריק די לאַנג־פאַרגעסענע בילדער פונעם שטעטל, דאָס הויז פון די גאָלדיסעס, זייער געראָטענער. זינדל פּייוול, וואָס האָט געלערנט פריער אין דער גימנאַזיע און נאָכדעם — אין אוניווערזיטעט אין דער גרויסער שטאָט, זיינע קאָניקולן אין דער היים. זי האָט אָבער ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ געבילדעטער מענטש זאָל גאָר ווערן אַ פּשוטער אַרבעטער אין אַמעריקע, ווי איר מאַן, מאַקס.

— ווײַ, ווײַ, פּייוול גאָלדיס זאָל ווערן אַן אַרבעטער, אַ דרעס־מעיקער!... וואָס דאָס לעבן קאָן מאַכן!

מאַקס האָט אָבער פאַר דעם געהאַט איין ענטפער:

— ס׳אַמעריקע, מיין ווייב. אָט דאָס איז דיר דיין אַמעריטשקע!...

וויבאַלד פּייוול איז געווען אַן אַרבעטער, האָט שוין דאָבע איצט געצויגן אויך פּראַקטישע שלוסן:

— וועסט זען, ער וועט נאָך פאַר דיר געפינען אַ דזשאָב. אַלבעטשע, ווען דו בעטסט אים היינט — געפינט ער דיר אַ דזשאָב. ביסט דאָך אָבער אַ שלימזל, האָסט מסתמא קיין איינציקן וואָרט ניט אַרויסגערעדט. איך קען דאָך דיך.

— וואָס הייסט, כ׳זאָל גלייך באַלעסטיקן אַ מענטשן. וואָס דיר קאָן איינפאַלן! גלייך באַדערן — דזשאָב, שמאָב... ווי קאָן מען עס אַזוי באַפאַלן אַ מענטשן אָט אַזוי־אָ: גיב אַ דזשאָב!...

זי איז אָבער באַשטאַנען אויף אירס:

— זאָל ער נאָר קומען, וועסטו שוין זען, אַז איך אַליין וועל מיט אים ריידן. ניטאָ וואָס צו שעמען זיך, ווען דער חלף ליגט אויפֿן האַלדז. אַזאַ מענטש קאָן אַמאָל טאָן אַ טובה איינס און צוויי...

2

פּיוול גאָלדיס האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט. זונטיק איז ער געקומען. געהאַלטן זיך ווי אַן אייגענער, פֿאַרבראַכט מיט די קינדער, אַ סך דערציילט און אַ סך אויסגעהערט פֿון די טענדלערס. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּיוול האָט געאַרבעט אין שאָפּ און דורכן ווינטער געלערנט אין די אָוונטן אין אַ קאָלעדזש.

און ס'איז אויך געווען ווי דאָבע האָט פֿאָרויסגעזאָגט: ער האָט צוגעזאָגט אַריינצונעמען מאַקסן אין זיין שאָפּ און טאַקע באַלד, אויף מאָרגן. מאָנטיק אין דער פֿרי האָט ער נאָר באַדאַרפֿט אַרויפֿגיין אין שאָפּ און נאָכפֿרעגן זיך אויף פּיוולען, און אַלץ וועט שוין זיין רעכט.

דער שאָפּ איז געווען גאָר אַן אַנדערער ווי די, וואו מאַקסן איז ביז איצט אויסגעקומען צו אַרבעטן. אַ גרויסער שאָפּ, אויף אַ צענטראַלער גאַס, אין אַ מאָדערנער געביידע מיט אַ גרויסן, גראַמען עלאָוועיטאָר, וואָס האָט אים אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק און אַרויסגעלאָזן אין אַ גראַמען קאָרידאָר. פּיוול האָט אים באַגעגנט זייער פֿריינטלעך און באַלד אַוועק צום פֿאָרמאַן, לאַנג איינגעטענהט מיט אים און געפּועלט ביי אים צו געבן מאַקסן אַ „טריייעל".

דער פֿאָרמאַן, אַ מאַן מיט אַ רויטלעכן פּנים, אַ ברייטפּלייציקער, האָט מאַקסן צוגעפֿירט צו אַ מאַשין ביים סאַמע עק פֿון דער ריי, מיט אַן אומגעדולדיקער באַוועגונג אַראָפּגעצויגן דעם צודעק, אָפּגעמאָסטן מאַקסן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס און געזאָגט:

— הער וואָס איך וועל דיר זאָגן, און פֿאַרשרייב זיך עס אויפֿן שטערן. ביי אונדז אַרבעטן דאָ די בעסטע הענט. אונדזער שאָפּ איז אַנדערש. ביי אונדז אין שאָפּ אַרבעטן נאָר גוטע אָפּערייטאָרס. פֿאַר שלעכטע הענט האָבן מיר דאָ ניט קיין פּלאַץ.

— מיר פֿאָדערן פֿון אונדזערע אַרבעטער „עקסקליוזיוו" גוטע אַרבעט. וועסטו אַרויסגעבן גוטע אַרבעט — שטיי און אַרבעט. אויב ניט, —

הייב בעסער ניט אָן. איך זאָג דיר פריער. מיר „סטענדן" ניט קיין „טשיפ וואָרקמענשיפ". ביי אונדז איז ניט ווי אין אַנדערע שעפּער — אַבי דרייען די קאַטערינקע...

אין דער רגע איז שוין גאָלדיס צוגעקומען. ער האָט אַ וואונק געטאָן פריינטלעך צו דעם אַביסל געפּאַלענעם מאַקסן, און צו דעם פאָרמאַן האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מיסטער טענדלער איז אַ שניידער פון דער היים. ער וועט זיין אַ גוטע האַנט. גיט אים נאָר אַ געלעגנהייט איינצואַרבעטן זיך דאָ.

דער פאָרמאַן האָט ביזלעך אָפּגעענטפערט:

— איך גיב אייך אַ פּעני פאַר אַלע היימישע שניידער.

פייוול האָט אָבער אים ניט געלאָזט צו־לאַנג ריידן:

— איך האָב שוין אייך געזאָגט: איך גאַראַנטיר, אַז אין מיסטער טענדלערן קריגט איר אַריין אַ גוטן אַרבעטער. זאָל ער זיך אָוועקזעצן און אַרבעטן. דער מאַן דאַרף מאַכן אַ לעבן. ער האָט אַ פרוי און קינדער צו סופּאָרטן...

און צו מאַקסן האָט ער געזאָגט:

— זעצט זיך אַוועק, און זאָל זיין מיט מזל.

מאַקס האָט זיך אַוועקגעזעצט. גאָלדיס איז אַוועק צו זיין מאַשין. דער פאָרמאַן האָט שוין איצט מער ניט גערעדט. ער האָט צוגעבראַכט אַ באַנדל. געוויזן וואָס צו טאָן. אַוועקגעגאַנגען און געקומען. פרעמדע מענטשן האָבן געוואָרפן צו אים בליקן. וואָס האָבן מענטשן וועגן אים געטראַכט? עס איז געווען אַלץ איינס. דער פאָרמאַן איז נאָך אַ מאָל צוגעקומען, געזאָגט:

— וועסט דאַרפן אַרויסגעבן בעסערע אַרבעט. פאַרשטאַנען?

מאַקס האָט פאַרשטאַנען.

דער פאָרמאַן איז אָפּטער און אָפּטער פאַרבייגעגאַנגען און עטלעכע מאָל זיך אָפּגעשטעלט עקזאַמינירן זיין אַרבעט. ביי מאַקסן האָט דערביי שטאַרקער געקלאַפּט דאָס האַרץ, און, יעדעס מאָל, ווען יענער האָט אַריינגענומען זיינע אַ שטיקל אַרבעט אין האַנט און זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף איר, האָט ער געפילט, ווי ניט אַ שטיקל וואָרע וואָלט יענער געהאַלטן אין האַנט, נאָר זיין, מאַקסעס, לעבן וואָלט געציטערט און געצאַפּלט זיך אין פיינטלעכע הענט...

פּיוול איז אויך עטלעכע מאָל דורכן טאָג צוגעלאָפן צו אים מיט אַ סך פריינטלעכקייט און געגעבן עצות. אין זיינע געציילטע ווערטער איז געווען טרייסט. ער האָט באַמערקט, אַז פּיוול איז אין שאַפּ געווען אַ וויכטיקער מענטש. אַלע זיינען דאָ מיט אים געווען אויסגעבונדן. און שוין דעם ערשטן טאָג האָט מאַקס באַמערקט, אַז פּיוול איז אויך געווען זייער אַ פאַרנומענער מענטש. מיטאָג־צייט האָט ער זיך געסודעט מיט אַרבעטער אַ פּאָר מינוט.

פאַרנאַכט, ווען מאַקס האָט זיך שוין געקליבן אַרויסצוגיין פון שאַפּ, האָט אים דער פאָרמאַן אָפּגעשטעלט:

— הער דו, ווי הייסטו דאָרטן?

מאַקס האָט זיך פאַרלוירן. יענער האָט אָפּגעמאָסטן זיין פיגור און געזאָגט שטרענג:

— איך וויל דיר זאָגן, אַז דו דאַרפסט אַרויסגעבן בעסערע אַרבעט. דאַטס־אָל.

מאַקס האָט געשוויגן. יענער האָט פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן:

— נו, און וואָס ביסטו אַזוי? מסתמא אויך אַ קאָמוניסט, ווי פּיוול, האַ? ביי אונדז זיינען דאָ אַ סך קאָמוניסטן.

דער פאָרמאַן האָט זיך אָפּגעקערט און אַוועקגעאיילט. מאַקס איז אַ ווײַלע געשטאַנען און מיט אַ שווערן געמיט זיך געלאָזט גיין אַהיים. געגאַנגען און געטראַכט פונעם שאַפּ. פון די אַרבעטער. ס׳איז געווען אַ שווערער טאָג אַרבעט. ער איז געווען אויסגעמאַטערט פיזיש און גייסטיק. די פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט.

אין דער היים האָט אים די ווייב באַגעגנט אַ שוויגנדיקע. דערלאַנגט די וועטשערע, און אַז ער האָט זיך גענומען עסן, האָט זי געזאָגט:

— אַז מ׳זוכט אַרבעט געפינט מען.

מאַקס האָט גלייך פאַרשטאַנען איר מיין און מיט ביטערקייט געענטפערט:

— הייסט עס, איך האָב פריער ניט געזוכט?... האַ? דו האָסט פאַר מיר געזוכט?

און שוין ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען דעם ביסן.

— זע, ווי דאָס האָט זיך צעשריען? טאָמער האָט ער אָפּגעאַרבעט אַ טאָג — טוט זיך פון אים... אײ־אײ־אײ! מ׳האָט אים זאַטשעפּעט!...

נאָך דער וועטשערע האָט זיך מאַקס פאַרנומען מיט די קינדער. געהאַלטן דאָס קלענערע קינד, אַרומגעטראָגן זיך מיט דעם און צוגעזונגען אַ טרויעריקן ניגון, וואָס ער האָט ניט פאַרגעסן פון זיין קינדהייט אָן.

אָבער דער שאָפּ איז שוין דעם גאַנצן אָוונט ניט אַרויס פון זיינע געדאַנקען. די רייד פונעם פאָרמאַן זיינען געלעגן שווער אויפן האַרצן.

ס'איז געווען גוט, וואָס ער האָט געקראָגן אַ דזשאָב אין אַזאַ ביטערער סלעק און ס'איז געווען שווער, ווייל דער נייער שאָפּ האָט אַנגעווייט אויף אים אַ מורא. יעדער נייער שאָפּ האָט אים געשראָקן, אָבער אין אָט דעם האָט ער געפילט ווי אין זיין ערשטן שאָפּ אין אַמעריקע, ווען דער באָס האָט אים אַריינגענומען נאָך לאַנגן אַריינטעניהן מצד מלכהן און איצט — מצד פיוולען. יענער ערשטער פאָרמאַן איז געווען אַ רשע און אויך דער איז געווען אַ רשע. מאַקס האָט געקאַנט באַלד דערקענען אַ באָס, וואָס איז אַמאָל אַליין געווען אַן אַרבעטער און האָט געקאַנט דעם פאַך ביז צו דער קלענסטער קלייניקייט, און אַ באָס, וואָס איז צופעליק אַריין אין דער „ליין" פון קליידער־מאַנופאַקטור. און אויך אַ פאָרמאַן אַ רשע האָט ער געקאַנט דערקענען פונעם ערשטן בליק.

און נאָך א זאַך האָט מאַקס טענדלער געלערנט, אַז צו אים האָט מען זיך געטשעפּעט פאַר יעדער אומפּינקטלעכקייט. דערפאַר איז ער געווען פאַרזיכטיקער ניט אַריינצופאַלן אַן איבעריקן מאָל אין די מיילער פון באָס און פאָרמאַן. ער פלעגט קומען דער ערשטער אין שאָפּ און אַוועקגיין דער לעצטער. די אַרבעטער האָבן דאָס באַמערקט און געוואָרפן אים אין פּנים אַריין זייער אָפענע פאַראַכטונג:

— בויגסט זיך אין דרייען פאַרן באָס, מאַקסל. מיינסט, אַז דער באָס וועט דיר אַ ירושה איבערלאָזן נאָך זיין פּגירה...

אָדער:

— הער, מאַקס, ביסט דאָך עפּעס אַ יוניאָן־מאַן. טאָ וואָס פויזעסטו, ווי אַ הינטל פאַרן פאָרמאַן.

אין דעם נייעם שאָפּ האָט דער באָס מאַקסן ווי ניט באַמערקט. ניט באַמערקט מאַקסעס איבערגעטריבענע איבערגעגעבנקייט און זיין הכנעה. ער האָט אים איגנאָרירט, ווי עס וואָלט געווען אונטער זיין באַסישער ווערדע צוצוגיין און ריידן מיט אים אַ פּאָר ווערטער. מיט אַנדערע אַרבעטער האָט דער באָס שטענדיק געהאַט וואָס צו ריידן. מיט אייניקע

האָט ער זיך אַפילו געקריגט, מיט מאַקסן איז אים ניט שייך געווען צו ריידן. ער האָט אַפילו ניט געדענקט זיין נאָמען. און איין מאָל, איז ער פאַרבייגעלאָפן, זיך אָפּגעשטעלט, אַזוי ווי יענער וואָלט דאָ געווען דעם ערשטן טאָג, אַ קוק געטאָן, אין איילעניש, אויף דער אַרבעט און אַ זאָג געטאָן:

— העי, דו, ווי רופט מען דיך? — זע, וואָס דו טוסט! כע!...

מאַקס האָט דערשראָקן אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, זיך צונויפגע־קאָרטשעט, ווי פאַר אַ גרויסער געפאַר, איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ווי ער וואָלט דערוואַרט אַ זעץ איבערן קאָפּ.

אָבער דער באַלעבאָס האָט אַ שטעק געטאָן דעם גראָבן פינגער אויף אַ נישטיקן דעפעקט אין דער אַרבעט און צוגעגעבן:

— זאָג מיר, דו, ווי הייסטו דאָרטן, — ביסטו אַן אַרבעטער, צי אַ פאַרשלאָפענע עיך־הרע?... זעסט ניט, וואָס דיינע הענט טוען, צי וואָס?

מאַקס האָט דערפילט די באַקאַנטע געפאַלנקייט אין אַלע אברים, ניט געקאָנט אַרויסריידן קיין וואָרט. געזעסן און געשוויגן, ווי אַ שווער־פאַראורטיילטער.

דער באַלעבאָס האָט ניט געוואַרט אויף זיין ענטפער. ער האָט אים גלייך פאַרגעסן און מיט שנעלע טריט אַוועקגעגאַנגען צו זיין אָפיס. ביי מאַקסן אָבער איז שוין אויף אַ לאַנגער צייט נאָכדעם פאַרבליבן דער ציטער אין די פיס און די שטענדיקע מורא, אַז אָט וועט דער באַלעבאָס נאָך אַ מאָל צולויפן, אָנווייזן מיטן פינגער אויף עפּעס אין זיין אַרבעט און ווידער איבערשרעקן אויף טעג און וואָכן.

אַ צווייטן מאָל האָט זיך מאַקס אָנגעשטויסן אינעם באָס אַ צייט שפּעטער. ס׳איז געווען נאָך מיטאָג. מאַקס איז שוין געווען מיד. אין אַלע גלידער האָט געגנאָגט די סוף־טאָגיקע נאָגעניש פון איבערגעאַרבעטקייט. דער ברוסט־קאַסטן האָט ווי געטאָן. די הענט האָבן זיך שווערער אָנגע־הויבן צו באַוועגן. און פונקט אין דער צייט איז לעבן אים אויסגעוואַקסן דער באָס, זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים און ווי אַ קויל אַריינגעשאָסן מאַקסן אין האַרצן אַריין:

— אַרבעט, אַרבעט! וואָס זיצסטו, ווי אַ קוואַטשקע אויף די אייער. כאַפּ זיך אויף! גיב זיך אַ ריר!

און ווידער איז אינעם באַלעבאָסעס רייד געווען עקל און פאַראַכ־

טונג צו דעם מענטשן, וואָס הייסט מאַקס טענדלער און וואָס איז אַ מצווה אים צו באַליידיקן.

אָבער אויך דאָס איז אפּנים געווען ווייניק, האָט דער באָס זיך נאָך אַ קער געטאָן צו די אַרבעטער און מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— אַזאַ באַשעפעניש!... נאָר סע שלאָפט: — ביינאַכט מיטן ווייב און בייטאָג — מיט דער אַרבעט...

די אַרבעטער האָבן זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט. און דער באָס, אַ צופרידענער פון עפעקט, וואָס זיין באַמערקונג האָט געמאַכט, איז דאָס מאָל ניט אַוועקגעגאַנגען. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו מאַקסן און האַלב אין חוזק און האַלב אין ערנסט, געפרעגט:

— ביסט טאַקע פאַרהייראַט, מאַקס?

מאַקס האָט פאַרלוירן געפינטלט מיט די אויגן, געוואָלט אַ שמייכל טאָן און ניט געקאָנט.

— האָסטו אַ ווייב?

מאַקס האָט שטיל געענטפערט:

— איך האָב.

דער באָס האָט ווידער געפרעגט:

— און וויפיל קינדער?

— דריי.

— דריי? — ביסטו דאָך אַ בריה, כ׳לעבן. ביסט דאָך אַ מזיק!

די אַרבעטער האָבן ווידער הילכיק געלאַכט. מאַקס איז געזעסן אַן אומגליקלעכער.

דער באָס איז נאָך אַלץ ניט אָפּגעטראָטן:

— און די ווייב דיינע, איז זי עפּעס אַ שיינע?

מאַקס האָט מיט ביטערער הכנעה געשמייכלט, ניט געוואוסט ווי און וואָס צו ענטפערן.

איצט האָט שוין דער באָס ניט געוואַרט אויף אַן ענטפער. אַליין געזאָגט:

— אַ, זי מוז זיכער זיין אַ שיינהייט, אַ קראַסאַוויצע...

און דאָ האָבן זיך אויך אַריינגעמישט די אַרבעטער. זיי האָבן זיך פריי געוויצלט איבער מאַקסן.

דער באָס איז אַוועק, אָבער די אַרבעטער האָבן זיך אַלץ איבער־

געוואָרפן צווישן זיך מיט וויציקע באַמערקונגען אויף מאַקסעס חשבון. מאַקס האָט ניט געענטפערט. אָבער די שנאה אין אים איז גרעסער געוואָרן. פון אָנשטרענגונג איז אַ שווייס אַרויסגעטראָטן אויף זיין פּנים. און פּלוצלינג, גאָר אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די מענטשן אַרום זיך און זיך איינגאַנצן צונויפגעקאָרטשעט און מיט אַ בייזער שטים געזאָגט:

— וועלף!

געזאָגט איין וואָרט אַזאַ, און זיך אומגעקערט צו דער אַרבעט. אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. זייער געלעכטער איז אַרויס ניט קיין גאַנצער. עפּעס האָט מען דערפילט אין אָט דעם איינציקן וואָרט, וואָס מאַקס האָט אַזוי מאָדנע אַרויסגעשריען פון זיך, אַזאַ כוח, און זיך דערפילט פון דעם פאַרלוירן. מער האָט מען זיך שוין ניט געקאָנט וויצלען. מ׳האָט זיך מיט אַ מאָדנעם ערנסט גענומען צו דער אַרבעט.

מאַקס איז פון דעם געבליבן כמעט ווי אַ באַרואיקטער. ער האָט איצט געקאָנט רואיק טראַכטן וועגן זיך און וועגן דער וועלט. עס איז אים שווער געווען צו לעבן אויף דער וועלט. עס איז מיט מענטשן אים ענג געווען. זיי האָבן ניט געלאָזט לעבן. און ס׳איז גאָר ניט געווען קיין אָרט, וואוהין פון זיי צו אַנטלויפן. ניין, ער האָט זיי אַלעמען פיינט געהאַט, די אַרבעטער און דעם פאָרמאַן און דעם באָס — אַלעמען פיינט געהאַט.

נאָך דער אַרבעט האָבן אים די אַרבעטער אַרומגערינגלט. אָבער איצט האָבן זיי שוין ניט געשפּאַסט. זיי האָבן דווקא געוואָלט ריידן מיט אים, ווי מיט אַ גלייכן. זיי האָבן זיך געפילט שולדיקע. און איינער האָט, דערמאָנענדיק דעם פריערדיקן אינצידענט, אַפילו געזאָגט:

— האָסט אים ניט באַדאַרפט פאַרשווייגן, דעם פּעמפּיק, ווען ס׳איז אויף מיר — וואָלט איך זיך ניט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע.

מאַקס האָט אַ קוק געטאָן אויף אים און נאָך ניט געקאָנט באַשטימען, צי יענער זאָגט עס אין ערנסט, צי ער שפּאַסט ווידער פון אים און אָפּגע־שוויגן.

ער האָט זיך אָפּגעקערט און געלאָזט זיך גיין אַהיים, דערוואַרטנדיק הינטער זיך אַ געלעכטער. אָבער דאָס מאָל האָט קיינער פון די אַרבעטער ניט געלאַכט.

אין דער היים האָט ער געשוויגן. אָבער אין האַרצן איז געווען אַ

געוואַלדיקער פאַרלאַנג צו טיילן זיך מיט אַ נאָענטן מענטשן, אפשר אויס־ווייַנען זיך, עפענען דאָס האַרץ און הערן אַ גוט־וואָרט, אַ טרייסט. געוואוסט, אַז מיטן ווייב איז נוצלאָז זיך צו טיילן. אָבער דער פאַרלאַנג איז געווען גרויס. האָט ער גענומען דערציילן פון זיין שאַפּ, פון דער אַרבעט, פונעם באָס און פונעם פאָרמאַן. דער פאָרמאַן איז געווען אַ שלעכטער. האָט פאַרצאַפּט זיין בלוט. אומזיסט געטשעפּעט זיך צו אים. זיין לעבן אין שאַפּ איז געווען שווער און ביטער. מאַקס האָט געשילדערט פאַרן ווייב אַ שווער בילד פון זיין לעבן אין שאַפּ. עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן פון די אייגענע רייד. אָבער זיין ווייב האָט ווייניק גערירט זיין טרויעריקע געשיכטע. זי האָט מיט אַן אומגעדולדיקן שווייגן באַגלייט זיין דערציילונג און נאָכדעם, שוין מיט אַן אייגענעם פון פריער צוגעגרייטן ענטפער, געזאָגט:

— אָט זעסטו דאָך! ביסט אַ שלימזל... ביסט דען אַ מענטש מיט מענטשן גלייך? טו אַ קוק אויף זיך. ס׳איז נאָך א וואונדער, וואָס אַ באָס נעמט דיך אין שאַפּ אַריין.

דערביי זיינען אירע אויגן געווען אָנגעגאָסן מיט פייַנטשאַפט און דאָס פּנים אויסגעקרימט מיט אַ בייזן חוזק.

דאָס האָט אים זייער דערשלאָגן. אויס! ס׳איז שוין ניט געווען מיט וועמען צו טיילן אַן אייגענעם צער! ער האָט זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט אין זיין שטול, געוואָרן נאָך קלענער און פאַרלוירן.

3

מאַקס האָט אַ סך מאָל געטראַכט: וואָס איז אַ ווייב פאַרן אַרבעטער? אַרבעטער האָבן געהאַט פרויען. אַ פרוי — דאָס איז געווען אַ טרייסט פאַר אַ שווער־אַרבעטער. אַ ווייב מיט קינדער — דאָס איז געווען די זיסע היים נאָך אַ שווערן טאָג האָרעוואַניע. אַ ווייב און אַ היים. אַ גוטע, געטרייע היים. און מאַקס האָט ניט געהאַט קיין גוטע היים. ניין, ער איז מיט זיין פרוי „אַריינגעפאַלן". ביטער אַריינגעפאַלן.

אינעם שאַפּ, וואו מאַקס האָט איצט געאַרבעט, האָבן אויך געאַרבעט אַ צענדליק פרויען, מערסטנס — מיידלעך, פינישערינס. זיי זיינען געווען פון פאַרשיידענעם עלטער. אייניקע שיין, אַנדערע — מיאוס. די מיידלעך

האָבן צוגעגעבן דעם שאַפֿ אַ געוויסן חן. זיי האָבן צוגעגעבן צום אַלגע־מיינעם לעבן אינטימיטעט, וואַרעמקייט. אויך דאָ אין שאַפֿ האָט זייער מינדערהייט געגרייצט. אויך מאַקסעס האַרץ האָט דערוואַרעמט זייער קעגנוואָרט. עס איז אים געווען אַ פֿרייד צו וואַרפֿן, בגניבה, אַ בליק אין דער ריכטונג פֿון די מיידלעך. ס׳איז גוט געווען צו פֿילן, אַז זיי זיינען דאָ צווישן דער מערהייט מענער מיט זייער אינטימיזירנדיקער וויב־לעכקייט.

אָבער אין דער פּריוואַט־געזעלשאַפֿט האָט ער באַמערקט צו זיך אַ חוזק. ער האָט געקאָנט דעם אויסדרוק אויף זייערע פּנימער, וואָס האָט ווי געטאָן און באַליידיקט. ניט איין מאָל האָט מאַקס אויפגעכאַפּט שפּאָטישע באַמערקונגען, וואָס זיינען געקומען פֿון זיי. מאַקס האָט די באַמערקונגען מער געפֿילט, ווי געהערט. זיינע אויפגערייצטע, פֿאַרשאַרפֿטע חושים האָבן אויפגעכאַפּט די באַציאונגען פֿון די אַרומיקע מיט אַלע חושים מיטאַמאָל, מיטן גאַנצן וועזן.

און נאָך מער ווי האָט געטאָן, ווען אַנדערע אַרבעטער האָבן גאַנץ אָפֿן דערלויבט זיך מיט די מיידלעך אַלערליי פֿרייקייטן. זיי האָבן צוגע־וואָרפֿן די מיידלעך קאָמפּלימענטן, געגרייצט זיך מיט זיי, באַשאַנקען זיי מיט אַלערליי אויפֿמערקזאַמקייטן. אייניקע פֿון זיי האָבן זיך אַפֿילו אַ ראַנגל געטאָן מיט די מיידלעך פֿאַר אַלעמען אין די אויגן, געקיצלט אונטער די אָרעמס, געקנייפּט זיי און ניט זעלטן — אַ קוש געטאָן, אויך צוגעוואָרפֿן צווייטייטיקע באַמערקונגען.

פֿאַר מאַקסן זיינען אוממעגלעך געווען אַזעלכע פֿרייקייטן. פֿון דער פֿריער יוגנט איז געווען אַזוי. זיינע באַקאַנטע בחורימלעך פֿון שטעטל האָבן געפֿירט באַהאַלטענע, אָדער אָפֿענע ליבעס. פֿאַרבראַכט מיט מיידלעך אין שטאָט־גאָרטן, באַהאַלטן זיך אין טונקעלע אַלייעס. אָבער מאָטלען האָבן מיידלעך ניט באַמערקט, אויסגעמיטן און אויסגעלאַכט. מיט דער צייט האָט זיך אָבער דאָך אויסגעאַרבעט אין זיין דמיון אַ געשטאַלט פֿון אַ געליבטער פֿרוי. מאָטלען האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט דערזען זיין געליבטע אַ לעבעדיקע צווישן לעבעדיקע, און זי וועט אים דערקענען און אויסדערוויילן. חלום וועט ווערןווירקלעכקייט.

איין מאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דער חלום איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. דאָס האָט פּאַסירט אינעם נייעם שאַפֿ, וואוהין פֿייוול האָט

אים אַריינגענומען. אין שאַפּ איז אָנגעקומען אַ נייע בוכהאַלטערקע. זי איז געווען אַ יונג מיידל. מאַקס האָט זי דערזען צום ערשטן מאָל שבת אין דער פרי בעת זי האָט אים, דורכן קליינעם פענצטערל אין אָפּיס, דערלאַנגט דאָס קאָנווערטל מיטן „פּעי" פאַר דער וואָך אַרבעט. ער האָט נאָך איר פּנים ניט געזען, אָבער איר ווייסע האַנט האָט אַ בלאַנק געטאָן פאַר זיינע אויגן מיט אַ ליכטיקייט פון דער הויט און איידלקייט פון די פינגער. ער האָט זיך ווי דערשראָקן און באַלד אַ הייב געטאָן די אויגן אָנצוקוקן דעם מיידלס פּנים, ווי וועלנדיק זיך אַליין איבערצייגן, אַז אַזאַ האַנט קאָן געהערן אַ מענטשן אין אַ רעאַלער געשטאַלט. אַ קוק געטאָן, און זיך דערשראָקן. יאָ. זי איז געווען אַ שיינהייט, די בוכהאַלטערקע! פון גרויס פאַרוואונדערונג האָט מאַקס דערפילט אַ פיזישן ווייטיק אין האַרצן. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געטאָן איר אין פּנים אַריין. איצט האָבן זיך זייערע אויגן באַגעגנט. בלויז אויף איין רגע האָבן זיי זיך באַגעגנט, אָבער זי האָט שוין אפּנים אויפגעכאַפּט אין זיין בליק די פאַרוואונדערונג און אַ פריינטלעכן שמייכל געטאָן. דער שמייכל האָט אים נאָך מער צעטומלט, און ער איז אָפּגעטראָטן פונעם פענצטערל אין גרויס פאַרלוירנקייט.

מאַקס האָט נאָכדעם אַ סך מאָל וועגן איר געטראַכט. און ס'איז געווען אין האַרצן אַ פאַרלאַנג זי צו זען אין איר גאַנצער געשטאַלט. די בוכהאַל־טערקע האָט זיך טאַקע פון צייט צו צייט אָנגעהויבן צו באַווייזן אין שאַפּ. זי פלעגט שנעל, ווי אַ ביסל פאַרשעמט, אונטער די בליקן פון די מענער־אַרבעטער, אַדורכלויפן „דעם פלאָר", אָפּשטעלן זיך אויף אַ רגע מיטן פאָרמאַן, אָדער לעבן אימעצנס אַ מאַשין עפּעס צו פרעגן, און באַלד זיך אַוועקלאָזן מיט די זעלביקע איילּיקע טריט צום אָפּיס. שפּעטער האָט מאַקס זי געזען אין שאַפּ אין דער באַגלייטונג פונעם באָס. דעמאָלט איז זי געווען דרייסטער. אין אירע אויגן איז ניט געווען קיין פאַרשעמטקייט. זי האָט געקוקט אויף אַלעמען, ווי זי וואָלט זיי געקענט שוין פון פריער, און מאַקס, יעדעס מאָל, ווען ער האָט זי באַמערקט אַריינקומען אין שאַפּ, פלעגט זיך דערפרייען און געפילט אַ זיסע אויפרעגונג. אַ יומטובדיקייט האָט אַ זינג געטאָן אין אים. מאָדנע איז אויך געווען, וואָס יעדעס מאָל, וואָס ער האָט זי באַגעגנט אין שאַפּ, אָדער ביים פענצטערל פון אָפּיס, האָט זי צו אים געשמייכלט. דער שמייכל האָט קיין זאַך ניט אויסגעדריקט. אָבער מאַקס האָט עס אָנגענומען ווי אַן אויסדרוק פון אַ באַזונדער

פריינטשאַפט, וואָס איז געווען נאָר פאַר אים. פון דעם איז געווען גוט צו טראַכטן און לייכט צו אַרבעטן און לעבן.

אָבער איין מאָל, ווען זי האָט זיך באַוויזן אויפן פלאָר, האָט ער זיך ניט איינגעהאַלטן, אַ קער געטאָן זיך צו אַן אַרבעטער און געזאָגט:

— אַזאַ שיינע אונדזער בוכהאַלטערקע!... אַזאַ שיין מיידל איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט...

יענער האָט אים מיט שפּאַס אַ זאָג געטאָן:

— אַהאַ, מאַקסל, ביסט דאָך אַ מבין אויף שיינע מיידלעך, ווי איך בין אַ ייד. דו האָסט שוין אויך אויף איר געוואָרפן אַן אייגל... היט זיך. דער פאָרמאַן וועט דיר נאָך אָנברעכן די ביינער... יענער כאַפּט די פּגירה נאָך איר.

די אַרויסגעזאָגטע ווערטער האָבן אויף מאַקסן אַרויפגעוואָרפן אַ טרויער. ס׳האָט פאַרדראָסן, וואָס צווישן איר און פאָרמאַן זאָל זיין עפּעס אַ שייכות. ער איז געווען די גראָבע פאַרקערפּערונג פון אַ מענטשן און זי...

אָבער שפּעטער האָט מאַקס אָנגעהויבן צו באַמערקן דעם פאָרמאַן זייער אָפט מיט דער בוכהאַלטערקע. אַמאָל האָט ער פון אָפיס געהערט אַ הילכיקן געלעכטער, און דער געלעכטער איז געקומען פון אים און פון איר. איין מאָל האָט ער באַמערקט, ווי דער פאָרמאַן האָט זי אַרומגענומען אַרום דער טאַליע און איז מיט איר געגאַנגען ביז אין אָפיס אַריין, און ווידער האָבןביידע וועגן עפּעס פריינטלעך גערעדט און געלאַכט. דאָס האָט זייער וויי געטאָן, אַזוי ווי ס׳וואָלט פאַר זיינע אויגן פאַרשוועכט געוואָרן אַ הייליקייט.

4

מאַקס האָט געטראַכט וועגן דעם שאַפּ. עס איז געווען גאָר אַן אַנדער שאַפּ. די אַרבעטער זיינען, דאַכט זיך, געווען די זעלביקע מענטשן, ווי אומעטום, וואו ער האָט פריער געאַרבעט. אויסגעהאַרעוועטע, נערוועזע מענטשן. אָבער קיין געפּאַלנקייט אין זיי איז ניט געווען. און נאָכן „באַנדל" האָט מען זיך דאָ ניט געריסן, ווי אין אַנדערע שעפּער, ניט אויסגעכאַפּט דעם ביסן פון מויל ביי דעם אַנדערן. עס זיינען ניט געווען קיין קריגע־רייען איבער אַרבעט, אויס קנאה. דערפאַר זיינען דאָ געווען קריגערייען

גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער. און אין די קריגערייען האָט זיך מאַקס אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט אָריענטירן.

מיטאָג־צייט און אין די צייטן פון „סלעק" האָבן זיך דאָ די אַרבעטער געקליבן אין גרופּעס און זיך געשפּאַרט איבער פּאָליטישע און אַרבע־טאָרישע פּראָבלעמען. מ'האָט געצויגן איינע קעגן די אַנדערע צייטונגען. מ'האָט פּאַרגלייענט ציטאַטן, געטייטלט מיט די פינגער אויף קעפּלעך אין די צייטונגען און מיט ברען פּאַרטיידיקט די אייגענע שטאַנדפּונקטן.

מאַקס פלעגט זיך צורוקן צו אַזאַ געזעמל, צולייגן אַן אויער צו זייערע אויפגערייצטע רייד. אָבער ניט אַלע מאָל האָט ער פאַרשטאַנען. און ס'איז אויסגעקומען, אַז ביידע צדדים זיינען גערעכט... פריער האָט, דאַכט זיך, איינער גערעדט לאָגיש און איבערצייגנדיק, און מאַקס איז געווען מיטן גאַנצן האַרצן פאַר זיין אַרגומענטאַציע, און אָט איז אַרויס־געקומען אַ צווייטער קעגן — און אויך דער איז געווען איבערצייגנדיק און אויך מיט דעם האָט מאַקס איינגעשטימט.

אַלע וואָס האָבן גערעדט זיינען געשטאַנען אויף דעם „סאָציאַליס־טישן שטאַנדפּונקט", און מאַקס איז געווען אַ סאָציאַליסט. מאַקס האָט געגלויבט, אַז דער סאָציאַליזם וועט באַפרייען דעם אַרבעטער. אָבער וואָס אַזוינס איז סאָציאַליזם האָט ער ניט געוואוסט. מ'האָט אים עטלעכע מאָל געגעבן צו פאַרשטיין, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געענוי ניט באַנומען די אידייע. דער סאָציאַליזם איז געווען אַ זאַך פון אַן אומקלאָרער צוקונפט. און דערפאַר טאַקע האָט זיך די אידייע אין זיין קאָפּ אידענטי־פיצירט מיט דער אידייע פון דער משיח־באַפרייאונג. און אין משיחן האָט מאַקס געגלויבט זייער שטאַרק. נאָך פון דער קינדהייט האָט ער געוואַרט אויף זיין קומען. ער האָט געמוזט קומען, ווייל ווייטער לעבן אַזוי איז געווען אוממעגלעך. דורכן גאַנצן לעבן האָט ער געגלויבט אין משיחס קומען.

אַזוי איז געווען מיטן סאָציאַליזם. ער וועט שוין קומען און באַפרייען. ווען און ווי אַזוי, — אין די זאַכן האָט זיך מאַקס ווייניק פאַנאַנדערגע־קליבן.

דאָ אין שאַפּ האָט זיך מאַקס אָנגעשטויסן אויף נאָך איין אומקלאָר־קייט: דער סאָציאַליזם איז ניט געווען דער איינציקער באַפרייער. צו אים איז נאָך צוגעקומען דער קאָמוניזם. און וועגן קאָמוניזם האָט מאַקס

געוואוסט ווייניקער ווי וועגן סאָציאַליזם. עס איז פאַר אים געווען אַ פרעמדע דערשיינונג. די „גאַנצע וועלט" איז געווען קעגן, און מאַקס איז אויך געווען קעגן.

דאָ אין שאַפּ זיינען די פראַגן פון קאָמוניזם קעגן סאָציאַליזם אַרויפ־געשוואומען אין יעדן געשפּרעך פון די אַרבעטער, אין יעדער דיסקוסיע. דאָ האָט מען וועגן דעם געשפּאַרט זיך און געשריען, אַפילו געזידלט זיך. מ׳האָט דאָ גערעדט וועגן עפּעס, וואָס ליגט נישט ערגעץ אין אַ ווייטער צוקונפט, נאָר ווי וועגן זאַכן פון איצט.

פלעגט זיך מאַקס צורוקן צו די שפּאַרנדיקע. ער האָט ווייניק פאַרשטאַנען אַזעלכע ווערטער ווי „מאַרקסיזם", „רעוויזיאָניזם", „אָפּאָר־טוניזם", „אידייען", „אידעאָלאָגיעס", „אוטאָפּיזם", „לעניניזם", „לומפּן־פּראָלעטאַריאַט" און אַנדערע. אָבער ס׳איז דאָך געלונגען אויסצוטיילן יענע, וואָס זיינען געווען סאָציאַליסטן, און ער איז געווען אינגאַנצן אויף זייער צד. און יעדעס מאָל, ווען דער קאָמוניסטישער צד האָט גענומען די אויבערהאַנט אין דער דיסקוסיע, האָט זיך מאַקסן געדוכט, אַז אָט־אָט נעמט מען אַוועק דאָס, וואָס ער האָט אַזוי טייער אָפּגעהיט אין זיין האַרצן, די האָפענונג, דאָס לעבן... ער האָט דערפאַר די קאָמוניסטן אין שאַפּ פיינט געהאַט, ניט געהאַט צו זיי קיין צוטרוי. אויסגעמיטן זיי, ווי שונאים.

און נאָך שווערער איז געווען פון דעם, וואָס גראַד זיין נאָענטסטער חבר, פּיוול גאָלדיס, איז ניט נאָר געווען אַ קאָמוניסט, נאָר אויך דער רעדל־פירער. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט געשטופּט זיין קאָמוניזם און פאַרפירט ביטערע דיסקוסיעס. ער האָט זיך געהיצט מער פון אַלעמען און צעטיילט די אַרבעטער אין צוויי פיינטלעכע לאַגערן.

אָבער אָפן אַנטקעגן פּיוולען איז מאַקס ניט אַרויסגעטראָטן. ער האָט געזען, אַז אַפילו פּיוולס קעגנער האָבן אים ליב געהאַט און געהאַט פאַר אים דעם גרעסטן דרך־ארץ. ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אַלעמען גלייך, ווען ס׳איז געקומען צו אַ סכסוך אין שאַפּ צווישן אַרבעטער און דעם באָס, אָדער דעם פאָרמאַן. אַז מ׳האָט באַדאַרפט אַ טובה איז מען געגאַנגען צו אים. אַ מאָדנער מענטש געווען אָט דער פּיוול. אָט האָט ער זיך מיט אַ מענטשן געקריגט איבער אידעאָלאָגיעס, און אָט האָט ער פאַר אים געקאָנט גיין ביזן בלוט מיטן באָס.

פונדעסטוועגן האָט מאַקס ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסצומיידן

פּיוולען. ער האָט עס פּאָרטרעט דאָבען. און דאָבע האָט געפֿונען, אַז דאָס איז בעסער. ווייל, אַז דער באָס זאָל, חלילה, אויסגעפֿינען, אַז מאַקס איז מיט אים, קאָן ער זיך שוין אָפּגעזעגענען מיטן שאָפּ. מען וועט ווידער בלייבן אָן ברויט. שפּילן זיך מיט אַ דזשאָב... און זי האָט נאָך צוגעגעבן:

— געדענק, מאַקס, היט זיך פֿאַר די קאָמוניסטלעך, ווי פֿאַר פֿייער...

מאַקס האָט זיך טאַקע זייער געהיט. ס'האָט איין מאָל געטראָפֿן, אַז פּיוול האָט געזאַמלט אין שאָפּ אַן אַנקעטע, וועגן „סאָציאַלן" און „עקאָנאָמישן" באַשטאַנד פֿון די אַרבעטער. געזאַמלט האָט ער אָט די אַנקעטע כמעט אין געהיים. אַז ס'איז געקומען צו מאַקסן, האָט ער זיך פֿאַרלוירן און געשוויגן, געווען זייער צעטומלט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף פּיוולען און געזאָגט:

— וואָס ווילט איר פֿון מיר?

פּיוול האָט אַ שמייכל געטאָן:

— מאַקס... די וועלט וויל וויסן וועגן דיר און וועגן דיין לעבן...

מאַקס האָט זיך אָפּגעקערט. האָט פּיוול גענומען דערקלערן דעם צוועק פֿון זיין אַנקעטע. ער האָט גערעדט וועגן אָרעמקייט און נויט. וועגן דעם, אַז דער אַרבעטער דאַרף זיין צוגעגרייט צו באַגעגענען די שווערע צייטן, וואָס קומען אָן. די אַרבעטער דאַרפֿן זיין אָרגאַניזירט. אָט וועט אפשר אָנקומען אַ שטרייק.

מאַקס האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט שרעק:

— אַ שטרייק?

— יאָ. עס קאָן זיין, אַז מיר וועלן דאַרפֿן שטרייקן. דעם אַרבעטערס לעבן איז אומדערטרעגלעך. אָט ביסטו אַן אַרבעטער, אַ שוועראַרבעטער, וויפֿל פֿאַרדינסטו אין „ביזי"?

מאַקס האָט אַ טראַכט געטאָן און געענטפֿערט.

— און וויפֿל קינדער האָסטו?

מאַקס האָט זיך געוואונדערט, וואָס יענער פֿרעגט, ווי ער וואָלט ניט געוואוסט. ער האָט געענטפֿערט:

— אַ ווייב מיט דריי קינדערלעך... וואָס? איר ווייסט דען ניט?...

— אַ פֿאַמיליע פֿון פֿינף, און די פֿאַרדינסטן — קליינע, און אין באַנק איז אויך מסתמא ניטאָ פֿאַר אַ „סלעק"-טאָג?...

— וואָדען, ס'איז דאָ?... קוים וואָס מ'קומט אויס. דעם צווייטן חודש קיין רענט ניט געצאָלט.

און מאַקס האָט אויסגעגאָסן פאַר אים זיין ביטער האַרץ. פון דאַן אָן האָט זיך צווישן מאַקסן און פייוולען ווידער איינגעשטעלט אַ פריינטשאַפט. פייוול פלעגט אים יעדעס מאָל צוואַרפן אַ גוטן שמייכל. און מאַקסן האָט דער שמייכל שוין הנאה געטאָן. ווייל אָט איז פייוול געווען אַ גאַנצער „מאַכער" אין שאַפּ, און דאָך האָט ער מיט אים גערעדט ווי אַ גלייכער, ווי אַן אייגענער.

איינמאָל האָט זיך מאַקס אָנגענומען מיט מוט, צוגעגאַנגען צו פייוולען פרעגן אַ פראַגע, וואָס האָט אים ניט געלאָזט רוען.

— הערט גאָלדיס, איך וויל אייך עפּעס פרעגן.

יענער האָט פריינטלעך געקוקט אויף אים און געוואַרט. דאָס האָט מאַקסן נאָך מער דערמוטיקט. איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און געזאָגט:

— אַלע זאָגן, אַז איר זייט אַ קאָמוניסט. וויל איך וויסן — וואָס איז קאָמוניזם?

פייוול האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. און נאָכדעם אַ פרעג געטאָן:

— און סאָציאַליזם — ווייסטו וואָס דאָס איז?

— געוויס! וואָס הייסט? — סאָציאַליזם!...

— נו, איז קאָמוניזם טאַקע די זעלביקע זאַך, וואָס סאָציאַליזם. טאַקע די אייגענע זאַך.

מאַקס האָט אים אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי.

— סטייטש? איר שפּאַרט זיך דאָך מיט די סאָציאַליסטן...

— אמת. אָבער ס'איז די זעלביקע זאַך. נאָך מער: — דער קאָמוניזם איז דער אמתער. דער סאַמע אמתער סאָציאַליזם.

מאַקס איז געוואָרן אומרואיק:

— טאָ פאַרוואָס רופט מען אים מיט אַן אַנדער נאָמען?

פייוול האָט געכאַפּט זיך, אַז מיט מאַקסן באַדאַרף מען ריידן פשוט, קורץ און קלאָר, האָט ער געזאָגט:

— מיר האָבן דעם אמתן סאָציאַליזם אַ נאָמען געגעבן קאָמוניזם און אַלע אמתע סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן — קאָמוניסטן. איצט פאַרשטייסטו?

מאַקס האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע און שטיל, ווי פאַר זיך אַליין, געזאָגט:

— הער אַ מעשה!... גיי ווייס, אַז דאָס איז גאָר די זעלביקע זאַך.

און צו פּיוולען האָט ער שוין מיט אַן אַנדער טאָן געזאָגט:

— הייסט עס, אַז סאָציאַליזם בלייבט פאַרט סאָציאַליזם...

— אמתער סאָציאַליזם איז אַלע מאָל סאָציאַליזם, און דאָס איז דער קאָמוניזם.

ביי מאַקסן אין האַרצן איז אויסגעוואַקסן אַ נייע פרייד. קאָמוניזם איז דאָך די זעלביקע זאַך, וואָס דער סאָציאַליזם...

פּיוול איז פּלוצלינג אַריינגעפאַלן אין אַ באַגייסטערונג, זיך ברייט פאַנאַנדערגערעדט. און מאַקס האָט געהערט, געשלונגען זיינע ווערטער. פאַרשטאַנען און ניט פאַרשטאַנען. אָבער סיי ווי איז געווען גוט צו הערן יענעמס רייד. פּיוול איז געשטאַנען מיט אים און גערעדט צו אים ווי צו אַ גלייכן.

נאָכדעם האָט שוין מאַקס אַ סך געטראַכט פון די אַלע זאַכן. גאָלדיס האָט אים געגעבן עטלעכע ביכלעך. ער האָט זיי געפּרוּווט איבערלייענען. אָבער דערפון איז גאָרניט אַרויסגעקומען. ער האָט די ביכלעך ניט פאַר־שטאַנען. זיי זיינען געווען צו שווער פאַר זיין מוח.

איין מאָל האָט זיך מאַקס אַפילו צערעדט מיט זיין דאַבען וועגן אַרבע־טער און וועגן דער אַרבעטער־פראַגע. ער האָט געוואוסט אַ סך זאַכן. און זיין ווייב האָט קיין זאַך ניט געוואוסט. וואָס האָט זי געוואוסט, די בהמה? געהאָט קינדער. ער האָט גערעדט געמיטלעך. דאָבע איז געזעסן און זיך צוגעהערט. און די ערשטע עטלעכע מינוטן האָט זיך אים אַפילו אויסגעדוכט, אַז זי האָט זיך צוגעהערט. אָבער באַלד האָט זיך אויף איר ברייטן פּנים באַוויזן אַ חוזק־שמייכעלע, און איידער וואָס־ווען, האָט זי זיך שוין געטרייסלט פון אַ ברייטן געלעכטער. זי האָט לאַנג געלאַכט, אָנגעכאַפּט זיך פאַרן בויך און מיט אַ קוויטש געזאָגט:

— אוי, מיינע קישקעס!...

מאַקס האָט געקוקט אויף איר מיט צעטומלונג און פאַרדראָס, געזאָגט:

— וואָס לאַכסטו?

זי האָט זיך אָבער נאָך אַלץ געהאַלטן ביי די זייטן, געלאַכט, געלאַכט, ווי זי וואָלט אין זיינע רייד דערפילט ווער ווייס וואָס פאַר אַ שפּאַסיקייט.

— כי־כי־כי!... כאַ־כאַ־כאַ!!...

מאַקס איז געווען באַליידיקט. די אַלטע שנאה האָט אַ ברען געטאָן זיין האַרץ.

— בהמה, וואָס לאַכסטו ?!...

— אוי, מאַמעניו מיינע!... אַ מענטש רעדט! אַ בייבי, אַן אמתע בייבי! כי־כי־כי!...

— אַז דו פאַרשטייסט ניט. דו, מיט דיין נאַרישן קאָפּ, וועסט דען עפּעס פאַרשטיין?

זי האָט אויפגעהערט צו לאַכן. איר פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט כעס. אַ רויטקייט האָט זיך צעגאָסן איבערן האַלדז און אַריינגעגאָסן זיך אין די אויגן.

— וואָדען? — דו פאַרשטייסט אַ סך? ווער עס רעדט!... אויך אַ מענטש, ער פאַרשטייט!... אַ מאַן אין דיינע יאָרן זאָל ריידן ווי אַ בייבי... ניטאָ ווער ס'זאָל פון דיר לאַכן...

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים טריומפירנדיק. אין אירע אויגן איז געווען פאַראַכטונג. אָבער מאַקס האָט שוין געהאַט אַ נייעם אַרגומענט קעגן איר. אין דעם אַרגומענט איז אפשר געווען זיין גאַנצער כוח, ווייל ער האָט זיך אַ הויב געטאָן קעגן איר מיט אַ נייעם אימפּעט און אַ לייכטנדיקן פּנים:

— אַזוי? ביסטו דאָך טאַקע אַ קלוגע!... וועל איך ביי דיר פרעגן: — וואָס וואָלט דער באָס געטאָן אָן די אַרבעטער? אַ מכה וואָלט ער געהאַט, ניט קיין רייכקייט!...

וועגן דעם איז דעם ווייב, אפשר, קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, ווייל זי האָט זיך פאַרלאָרן, געשוויגן אַ ווײַלע, ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. אָבער זי איז אויך ניט ווייניקער געווען פאַרעקשנט. האָט זי געזאָגט:

— און איך פרעג דיך: — ווער צאָלט דיר די ווידזשעס? ווער?

— דער באָס צאָלט. אָבער דאָס איז גאָרניט.

— אַז דער באָס צאָלט, — דאַרפסטו דאַנקען און לויבן גאָט, וואָס דו האָסט אַ באָס.

— דער באָס צאָלט ניט מיט זיינס. מיט אונדזערס צאָלט ער. מיט אונדזער שווייס און בלוט. מיר האָבן פאַר אים געמאַכט זיין רייכקייט און זיין געלט... ע!... ס'איז ניטאָ מיט וועמען צו ריידן!

מאַקס האָט האָפענונגסלאָז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַנטשוויגן געוואָרן.

קאַפּיטל זיבן

מאַקס באַשולדיקט אין סאַבאָטאַזש

1

ס׳איז געווען אַ קאַלטער ווינטער.

מאַקס האָט זיך באַדאַרפט אויפהייבן זייער פרי. ביינאַכט האָט דאָס יינגסטע קינד זייער געוויינט, ניט געלאָזט שלאָפן. ס׳איז געווען קראַנק. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויפגעהויבן אין דער נייטיקער צייט. ס׳איז נאָך געווען נאַכטיק פינצטער. אַ האַלב־אַנגעטאָענער, מיט די קליידער אין די הענט, איז ער אַרויס פון שלאָפצימער און אַריינגערוקט זיך אין קיך. דאָרטן האָט ער אויף זיך אַרויפגעצויגן די קליידער און גענומען צוגרייטן אַ גלאָז טיי.

מאַקס האָט אַרויסגעקוקט דורכן פינצטערן פענצטער. ס׳איז געווען אַ ביטערע קעלט, וואָס איז געקראָכן אין די ביינער. דאָס הויז איז נאָך ניט געווען געהייצט. מאַקס האָט די קעלט געפילט אין די פינגער. ער האָט אָוועקגעשטעלט אין אַ טעפּל אַביסל וואַסער צו קאָכן, אַריינגעלייגט אין אַ פּאַפּירענעם זעקל אַן עפּל, צוויי „סענדוויטשעס” פון רעשטלעך פון דער נעכטיקער וועטשערע און זיך געזעצט צום טיש אויסצוזופּן די הייסע גלאָז טיי מיט אַ שטיקל ברויט.

פון שלאָפצימער האָט זיך דערהערט דאָס געוויין פון קינד, וואָס האָט פאַרצויגן דעם זעלביקן נאַכטיקן ביטערן יאָמער.

דאָבע, מיטן קינד אויף די הענט, איז אַריין אין קיך. מאַקס האָט דערזופּט דאָס ביסל וואַרעמע טיי און זיך גענומען איילן אַוועקצוגיין. אָבער דאָבע האָט אים אָפּגעשטעלט:

— גייסט אַוועק, און ס׳קינד איז זייער קראַנק... ס׳ברענט ווי אַ פייער... א־א־א! הערסט, וואָס איך זאָג דיר, מאַקס? צי דו הערסט ניט?

ער האָט געהערט. אין אירע רייד איז געווען אי פאַרוואורף, אי וואָרע־נונג. דאָס קינד האָט „געברענט ווי אַ פייער״, די גאַנצע נאַכט געצויגן די עצמות מיט זיין געוויין. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס קינד איז קראַנק.

אָבער ער האָט געמוזט קומען אין שאַפּ אַביסל פריער. ווייל עפּעס איז נעכטן פאַרגעקומען אין שאַפּ, וואָס ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין. עפּעס איז פאָרגעקומען, און אים האָט מען ניט פאַרטרויט די אורזאַך פון דער צערודערונג. עפּעס האָט דאָך פּאַסירט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דאָבען, צוגעלייגט די ליפּן צום קינדס ברענענ־דיקן קעפּל, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז עס איז טאָקע קראַנק, און האָט אָפּגעזיפצט. ביי דער טיר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט:

— וואָלסט אפשר דאָ באַדאַרפט צושיקן סעמקען נאָך אַ דאָקטער?

דאָבע האָט ניט געענטפערט. מאַקס האָט זיך געפילט שולדיק. דאָס קינד איז געפערלעך קראַנק, און ער מוז גאָר אַוועקגיין, ווי אַלע מאָל, צו דער אַרבעט. וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? אין שאַפּ האָט מען געמוזט גיין.

אַ טרויעריקער, באַגלייט פונעם ביטערן געוויין, האָט זיך מאַקס אַרויסגערוקט פונעם צימער, מיטן פּאַפּירענעם זעקעלע אונטערן אָרעם, אַוועק צו דער אַרבעט.

אין שאַפּ איז ער געקומען פריער פון אַלע אַרבעטער. אַוועקגעזעצט זיך ביי דער מאַשין און געוואַרט ביז דער פאָרמאַן וועט צוגיין צום עלעקטרישן „סוויטש״ און לאָזן די עלעקטריק. דערווייל זיינען אָנגעקומען די אַרבעטער — איינציקווייז און אין גרופּעס. זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין שאַפּ די קילקייט פון דרויסן און די אויפגעלעבטקייט פון טאָג, און נאָך עפּעס.

מאַקס האָט אין זייער באַנעמונג, אין זייערע רייד צווישן זיך, געשפּירט, אַז ס׳איז דאָ עפּעס נייעס, און וואָס — האָט ער ניט געוואוסט. באַלד האָט זיך דער שאַפּ גענומען צו דער אַרבעט. ס׳איז אַנטשטאַנען דער געוויינלעכער שאַפּ־גערודער פון מאַשינען און מענטשלעכע רייד און איבערשרייען זיך פון אָרט־צו־אָרט. מאַקס האָט געפּרוווט טראַכטן וועגן דער היים, וועגן דעם ווייב „אויף דער צייט״ און וועגן דעם קראַנקן קינד און וועגן אַלע

איבעריקע טרויעריקע זאַכן אין זיין לעבן. אָבער דער שאַפּ האָט ניט געלאָזן. שאַפּ און אַרבעט איז געווען שטאַרקער פון אַלץ.

מיטאָג־צייט האָט זיך מאַקס פאַררוקט מיט זיין אַרעמען מאַלצייט אין אַ ווינקל און גענומען עסן.

אָבער צווישן די אַרבעטער איז דאָך געווען אַ צערודערונג. ס׳איז ניט געווען אַזוי ווי אַלע מאָל. די אַרבעטער האָבן זיך ווידער געקליבן אין גרופּעס. מ׳האָט זיך געקאָכט און געאַמפּערט, געוואָרפן בליקן צום אָפיס. עפּעס איז פאַרגעקומען. איינצלנע זיינען אַרומגעלאָפן פון איין גרופּע צו דער אַנדערער און זיך שטאַרק געקאָכט.

ערשט שפּעטער איז מאַקס דערגאַנגען די סיבה פון דער מאָדנער אויפלעבונג צווישן די אַרבעטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שאַפּ און נאָך אַ סך אַנדערע שעפּער פונעם פאַך וועלן אין עטלעכע טעג אַרום אַרויסגיין אין אַ שטרייק. מיט אַ נאַכט פריער איז פאַרגעקומען די אָפּשטי־מונג, און די רעזולטאַטן זיינען געווען: — שטרייקן ביז אַן ענדגילטיקן זיג.

ווי נאָר מאַקס האָט זיך פון דעם דערוואוסט האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, אַ מורא ווי פאַר אַן אומגליק. ער האָט שוין איין מאָל אַדורכגעלעבט אַ שטרייק. דאָס איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון זיין לעבן אינעם לאַנד. דעם שטרייק האָט מען דעמאָלט פאַרלאָרן. עס איז אויסגעקומען אַרומצוגיין אַ לאַנגע צייט אָן אַרבעט. ס׳איז אויסגעקומען צו הונגערן. מ׳האָט אים אויך דאַן אַרויסגעשטעלט פון דער דירה. אַ גאַנצן מעת־לעת זיינען זיינע בעבעכעס, מיטן ווייב און קינדער, געווען אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס. און איצט האָט מען ווידער באַדאַרפט שטרייקן...

אַלע האָבן וועגן דעם שטרייק געוואוסט נאָך פריער. זיי אַלע זיינען געווען איינאיינעם, און ער — באַזונדער. אין דעם קריטישן מאָמענט — אַליין. אַזאַ איינזאַמקייט איז אים באַפאַלן צווישן די מענטשן. ער האָט קיין זאַך ניט געזאָגט. אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט און געשוויגן. צוגעקוקט פון דער זייט, ווי די מענטשן האָבן זיך געהיצט.

לסוף איז צו אים צוגעקומען אַן אַרבעטער און ערנסט געזאָגט:

— שטרייקן מיר, הייסט עס. וואָס דענקסטו וועגן דעם שטרייק, מאַקסל?

מאַקס האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן פון דער פראַגע. ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. געפּינטלט מיט די אויגן און נאָכדעם קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— אָבער... צו וואָס?... איך מיין, צו וואָס — דער שטרייק?...

ער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט און געוואַרט אויף יענעמס ענטפער. יענער האָט אַ שמייכל געטאָן צו אים, ווי צו אַ נאַאיוון קינד:

— הערסט אַ מעשה, אַט דערפאַר שטרייקן מיר דאָך, ווייל דאָס לעבן איז קיין לעבן ניט, וואָדען? — פון וואָוילטאָג שטרייקט מען? האָרעוועסט אָפּ אַ גאַנצע וואָך — וואָס האָסטו דערפון? מאַכסט רייכער דעם באָס — און אַליין ווערסטו פאַרשוואַרצט מיט ווייב און קינדער...

עס איז געווען דער אמת. יענער איז טאַקע געווען גערעכט. אָבער שטרייק איז סיי־ווי־סיי געווען אַן אומגליק... האָט מאַקס געזאָגט:

— און ווי איז, אַז דער שטרייק וועט געדויערן לאַנג... ווי וועלן מיר לעבן? ביי מיר איז אַ קינד קראַנק... און דאָס ווייב איז אויף דער צייט...

זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף דעם אַרבעטער. יענער האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען, פאַנאַנדערגענומען די הענט און ביטער אַ שמייכל געטאָן, ווי איינער זאָגט: „אַט דאָס איז עס, ברודערקע, און העלפן קאָן מען ניט".

מאַקס האָט זיך ניט באַרואיקט:

— איז וואָס זאָגסטו?...

דער אַרבעטער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און גענומען אים אויפקלערן די צילן פונעם שטרייק. דערקלערט אים, אַז דער שטרייק איז אונטער אַ נייער פירערשאַפט. זי, די נייע פירערשאַפט, וועט ניט פאַרראַטן דעם שטרייק. זי שטייט מיט די אַרבעטער. זי איז פאַר דעם אַרבעטער — שטאָל און אייזן. די יוניאָן איז קעגן די באָסעס און קעגן אַלע עקספּלואַטאַטאָרס — אָן קאָמפּראָמיסן.

דער אַרבעטער איז מיט אים געשטאַנען און גערעדט. דערקלערט אים זאַכן, פון וועלכע ער האָט פריער ניט געוואוסט. און אַזוי ערנסט און מענטשלעך האָט ער צו אים גערעדט, ווי צו אַ נאָענטן, ווי צו אַ ברודער. מאַקס האָט זיך אַפילו געשעמט אין זיך אַליין, וואָס יענער שטייט מיט אים און רעדט, ווי צו אַ גלייכן. אין אים האָט אַ ציטער געטאָן אַ וואַרעמער געפיל צו דעם מענטשן און צו זיך אַליין. ווייל אָט איז ער אויך אַן אַרבעטער צווישן אַרבעטער. אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשן.

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג איז געווען אין זיין האַרצן אַ נייער געפיל. עס איז געווען אי שווער, אי לייכט. עס איז געווען אי טרויעריק, אי פריילעך. ער האָט געאַרבעט און געוואָרפן זיינע בליקן אויף די איבעריקע אַרבעטער.

געוואָלט וויסן וואָס זיי טוען, וואָס זיי פילן. זיי האָבן יענעם נאָכמיטאָג עפּעס ניט געזונגען. יעדער איז געווען פאַרטיפט אין די אייגענע געדאַנקען און געפילן.

דער פאָרמאַן מיטן באָס האָבן דעם גאַנצן נאָכמיטאָג פאַרבראַכט אינעם אָפיס. מ׳האָט זיי ווייניק אָנגעזען אין שאַפּ. שפּעטער איז דער באָס אינגאַנצן אַוועקגעגאַנגען, און דער פאָרמאַן האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום די מאַשינען, אַרום די אַרבעטער, ווייניק גערעדט. אַלץ איז געווען אַזוי אַנדערש.

נאָך דער אַרבעט, בעת מ׳האָט זיך אָנגעטאָן אַוועקצוגיין, איז צו מאַקסן צוגעגאַנגען פּיוול גאָלדיס און צו אים געזאָגט:

— ווער א באַוואוסטזיניקער אַרבעטער, מאַקס. ס׳איז שוין צייט. לייען אַ צייטונג!

מאַקס האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן:

— איך לייען... ווי דען?

— וועלכע צייטונג לייענסטו?

מאַקס האָט געזאָגט.

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דו לייענסט אָט די שמאַטע. פאָלג מיך, וואַרף זי אַוועק. לייען בעסער אַן אַרבעטער־צייטונג. די צייטונג, וואָס דו לייענסט, וועט העצן קעגן אונדזער שטרייק. זי וועט שטיין אויף דער זייט פון די באַסעס. קעגן אונדז וועט זי אויפהעצן אַזוינע אַרבעטער, וואָס ווייסן נאָך ניט דעם אמת, וואָס זיינען בלינד.

ער האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ צונויפגעלייגטע צייטונג און זי דערלאַנגט מאַקסן.

— אָט איז אונדזער צייטונג. אַן אמתע אַרבעטער־צייטונג. פון אַרבעטער און פאַר אַרבעטער. און קויף זי יעדן טאָג. די לעצטע פעניס גיב אַוועק און קויף זי. אָט די צייטונג וועט פירן אונדזער שטרייק.

מאַקס האָט גענומען די צייטונג, פאַנאַנדערגעוויקלט זי, געזען, אַז דאָס איז טאַקע געווען די צייטונג, וואָס קאָמוניסטן האָבן זי געלייענט. ער האָט זי אויסגעמיטן צו לייענען. ער האָט געקוקט אויף דער צייטונג, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין האַנט אַ פיינטלעכע זאַך. געווען פאַרלוירן. און פּיוול האָט געזאָגט:

— נעם די צייטונג אַהיים, לייען זי. דו וועסט דאָרטן געפינען אַרטיקלען וועגן אונדזער שטרייק, וועסטו וויסן וואָס און ווען. דו דאַרפסט וויסן פאַרוואָס דו שטרייקסט.

מאַקס האָט אַריינגערוקט די צייטונג אין דער קעשענע פון ראָק און זיך אַרומגעקוקט, צי אימעצער באַמערקט עס ניט. פייוול האָט זיך איילִיק אַוועקגעלאָזט צום אַרויסגאַנג. מאַקס איז נאָך פאַרבליבן אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט וועלן זיין זיכער, אַז פייוול איז שוין טאַקע אַוועק און ער וועט קאָנען אַרויסגיין אַליין. ער האָט באַמערקט, אַז דער פאָרמאַן האָט אויסגעלאָשן די לאָמפּן פריער ווי אַלע מאָל. אין שאַפּ איז געוואָרן פינצטערלעך. ס'איז געבליבן ברענען נאָר איין לעמפּל נעענטער צו דער טיר. איצט האָט מאַקס געזוכט אויסצומיידן אויך דעם פאָרמאַן. ער האָט זיך גענומען רוקן צו דער טיר, אָבער יענער האָט אים באַמערקט און אַ רוף געטאָן:

— העי, מאַקס, וואָס לויפסטו? מיר וועלןביידע אַראָפּגיין.

מאַקס האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט ביז יענער וועט פאַרטיק ווערן. ביידע זיינען אַרויס אין קאָרידאָר. דער פאָרמאַן האָט אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל פון עלעוועיטאָר:

— זאָג מיר נאָר, מאַקסל, גייסט טאַקע שטרייקן?

מאַקס האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. פּרובירט אַ ווײַלע שווייגן. אָבער די רגע איז פאַר זיי געווען זייער אַ פיינלעכע. וואָס האָט ער אים געקאָנט זאָגן?

דער פאָרמאַן האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ טונקעלן בליק פון אויבן ביז אַראָפּ, געזאָגט:

— הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן: — צו וואָס טויג דיר — שטרייקן? וואָס פאַר אַ שטרייקער ביסטו? ביסט אַ ביטערער אָרעמאַן. האָסט אַ ווייב מיט קליינע קינדער. פאַרדינען פאַרדינסטו ווייניק. און איצט וועסטו אַרויסגיין אין שטרייק — וועסטו מיט ווייב און קינדער אויסגיין פון הונגער... און דעם שטרייק וועט מען סיי ווי פאַרלירן. געדענק מיין וואָרט, איך וויים, וואָס איך רייד. און ס'איז בכלל ניט דיין עסק — שטרייקן. ווי קומסטו, מאַקס, צו שטרייקן?

דער פאָרמאַן האָט אים ווידער אָפּגעמאָסטן מיט זיין טונקעלן בליק און ווידער געזאָגט:

— פאָלג מיך, קום אַריין און אַרבעט. זאָלן זיי זיך שטרייקן, די הייך־קעפּ. זיי זיינען קאָמוניסטן... קום אַריין אין שאָפּ, ווי קיין זאַך... וועסט ניט אַרומגיין ליידיק. איך ווייס: ביסט אַ ייד אַן אָרעמאַן. דו קאָנסט די פּאָר דאָלאַרן פאַרנוצן... כ׳וועל ריידן מיטן באָס... איז וואָס זאָגסטו?

מאַקס האָט פאַרלוירן געזאָגט:

— סקעבן?

ער האָט דערשראָקן אַ קוק געטאָן אויפן פאָרמאַן. „סקעבן", האָט מאַקס געוואוסט, איז געווען אַ שענדלעכע זאַך. אַרבעטער האָבן אַלע מאָל פיינט געהאַט אַ „סקעב". אַ סקעב שלאָגט מען. דער נאָמען „סקעב" בלייבט ווי אַן אייביקער פלעק, אויפן גאַנצן לעבן. איצט האָט זיך דאָס וואָרט „סקעב" צום ערשטן מאָל צוגערוקט נאָענט און האָט אים צוזאַמענ־געוואָרגן דעם גאָרגל. ער האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט מיט אַ הייזעריקן קול:

— סקעבן?

דער פאָרמאַן האָט מיט חוזק געזאָגט:

— אַזאַ הייליקער ביסטו?... און אַז סקעבן, איז וואָס? אַז מ׳דאַרף אויסהאַלטן אַ ווייב מיט קינדערלעך, און אַז ס׳איז ניטאָ קיין ברויט, איז סקעבן אַ מצוה. און ווי קומסטו צו שטרייקן? זיי אַלע האָבן די גאַנצע צייט געמאַכט געלט. זיי האָבן זיך אָנגעגרייט. און דו — וועסט אונטערגיין, האָסט ניט קיין האַרץ פאַר ווייב און קינד?

מאַקס האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— איך וועל ניט סקעבן... זיי וועלן מיך נאָך דערהרגענען...

— אוי, ביסטו אַ שרעקעדיקער האָז, מאַקסל! געדענק, וועסט ניט האָבן וואָס צו קייען. וועסט קייען די ערד, אָט וואָס!

דער פאָרמאַן האָט זיך מיט כעס אָפּגעקערט. אין עלעוועיטאָר האָט ער געשוויגן. מאַקס איז מיט באַשווערטע טריט אַרויס אויף דער גאַס. עס איז שוין געווען פינצטער, און מאַקס אַליין איז געווען אַ פינצטערער.

2

אינדרויסן איז געווען ווינטער. אויף דער גאַס איז געשטאַנען אַ ביטערע קעלט. זי האָט געוואָרט אויף מאַקס שוואַכן קערפּער, אויף זיינע ציטעריקע ביינער. און ווי נאָר ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ פוס

אינדרויסן, איז אים די קעלט באַפאַלן, אַרומגעכאַפּט אים און ניט אָפּגעלאָזט ביז ער איז אַריין אין דער באַן.

ער איז געווען מיד און הונגעריק און צעטומלט. אין דער היים האָט אויף אים געוואַרט זיין אומעטיק הויזגעזינד און אַ קראַנק קינד. און ער איז צו זיי געפאָרן אַ באַלאָדענער מיט אַ נייער שווערקייט — שטרייק.

ביי דער טיר פון זיין דירה האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. איינגעהערט זיך, געוואָלט פון פאָרויס וויסן וואָס דאָס קינד מאַכט, מורא געהאַט צו טרעפן אין דער היים אַן אומגליק. פּאַוואָליע געעפנט די טיר און אַריינגעגאַנגען. אויפן ערשטן בליק איז אַלץ געווען, ווי אַלע מאָל. דאָס ווייב האָט זיך געפּאָרעט אַרום דער וועטשערע. סעמקע און פרידל זיינען געזעסן ביים קיך־טיש און געגרייט זייער היימאַרבעט פון סקול. נאָך גאָר קליינע קינדער, האָבן זיי שוין אויסגעזען, ווי דערוואַקסענע. און ווי אַלע מאָל, בעתן פאָטערס קומען, האָבן די קינדער ניט געשאָנקען אים קיין באַזונדער אויפמערקזאַמקייט. אויך דאָס ווייב האָט זיך צו אים אַפילו ניט אומגעקערט.

ער האָט זיך אין דער שטיל אויסגעטאָן און צוגעגאַנגען צום ווייב:

— וואָס מאַכט דאָס קינד?

זי האָט ניט געענטפערט. אין איר ברייטן רוקן האָט ער געזען בייזקייט און קאַלטע עקשנות.

— איך פרעג, וואָס מאַכט ס'קינד?

זי האָט טעמפּ אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט:

— אַז מ'וויל וויסן — גייט מען און מ'גיט אַ קוק.

ער איז אַריין אין שלאָפצימער. אין וויגל איז געלעגן דאָס קינד. געלעגן מיטן פנימל אַרויף און שווער געאָטעמט. עס איז געווען קליין און דאַר און מיט אַ מאָדנעם עלטערלעכן פנים. דאָס קינד איז געווען ענלעך צו אים, צו מאַקסן. עס איז געווען אַ רחמנות אויפן קינד, אַ רחמנות אויף זיך. טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן.

און אַזוי, מיט אַ געבראָכענעם געמיט, איז מאַקס אַרויס אין קיך, אָוועקגעזעצט זיך לעבן טיש און געשוויגן.

דאָס ווייב האָט אוועקגעשטעלט דאָס עסן אויפן טיש. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר. איר בויך איז געווען זייער הויך. און ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אָט נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, און זי וועט זיך אָוועקלייגן אין בעט מיט אַ געיאָמער. אין הויז וועט צוקומען נאָך אַ שרייער.

די קינדער האָבן זיך שטילע אַוועקגעזעצט צום טיש.

נאָכן עסן האָט מאַקס, ווי א שולדיקער, פאַרזיכטיק און שטיל אַרויס־געשטאַמלט:

— מיר גייען אַרויס אין אַ שטרייק. אַלע גייען אַרויס. אַ סך שעפּער...

די ווייב האָט אַ קוק געטאָן אויף אים פון דער־זייט:

— און דו?

— וואָס זשע דען זאָל איך טאָן? — סקעבן?

זיי האָבן מער ניט גערעדט. מאַקס האָט געזען, ווי די ווייב האָט אַריינגעכאַפּט אין מויל אַ שטיק ברויט און געקייט שנעל־שנעל, ווי זי וואָלט געזוכט מיט דעם קייען איינצושטילן דעם כעס. איר ברוסט האָט זיך געהויבן פון בייזער אויפרעגונג. איבער איר פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ פּלוצעמדיקע רויטקייט און די נאָזלעכער האָבן געציטערט מיט דראָאונג.

זי האָט געזאָגט:

— און ווי וועלן מיר לעבן, — מיין טייערער ברויט־געבער?

אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אים, ווי צוויי טונקעלע פייערן. מאַקס האָט זיך פאַר אירע אויגן דערשראָקן. ער האָט פּרובירט זי באַרואיקן. מיט ווייכקייט אין קול געזאָגט:

— וואָס מיט אַלעמען — דאָס מיט אונדז... אַלע שטרייקן. דער גאַנצער „טרייד" שטרייקט... און די יוניאָן וועט אויך אַרויסהעלפן מיט אַ פּאָר דאָלאַר...

ער האָט דאָס געזאָגט און זיך געוואונדערט אויף דער גלייכגילטיקייט פון זיינע רייד אין אַזאַ צייט.

זי האָט אים איבערגעקרימט. זי האָט זיך אינגאַנצן אָנגעגאָסן מיט כעס, אויסגעקרימט איר פּנים, אויסגעגלאָצט די אויגן און אַוועקגעשטעלט זיך אַנטקעגן אים מיט די הענט אויף די באָקעס און מיטן בויך פאָרויס:

— אַזוי? אַלע האָבן זיכער אָפּגעשפּאָרט געלט. און דו? — אין הויז איז קיין פּעני ניטאָ. מ'האָט שוין דעם צווייטן חודש קיין רענט ניט געצאָלט — און אים זאָל עס גאָר אָנהייבן צו אַרן... האָסטו געהערט? ער וועט שטרייקן, דער גרויסער העלד מיינער! טפו זאָלסטו ווערן!...

ער האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט. זי איז געוועזן בייז פון ווילדקייט, געשלאָגן די קינדער, געשאָלטן.

ביינאַכט האָט מאַקס ניט געקאָנט איינשלאָפן. ליגנדיק אין בעט האָט ער ניט אויפגעהערט איבערצוטראַכטן אַלע פּאַסירונגען פון טאָג.

דאָס קראַנקע קינד האָט ניט אויפגעהערט צו ציען זיין קרענקלעכן געוויין. מאַקס איז אַ סך מאָל אויפגעשטאַנען פון בעט פאַרוויגן דאָס קינד.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מאַקס אומרואיק געוואָרפן אויף זיין געלעגער, מורא געהאַט פאַר דעם אָנקומענדיקן טאָג. אָבער דער טאָג איז געגאַנגען אַנטקעגן מיט נייע זאָרגן.

מאַקס איז אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלע מאָל. ער האָט געוואָלט אָנקומען אין שאַפּ פריער. געאײַלט זיך, פּונקט ווי דאָרטן וואָלט ער געזוכט די באַרואיקונג פאַר זיין געמיט. און ווען די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן איז טאַקע לייכטער געוואָרן. די מאַשינען האָבן גערוישט און פאַרטומלט די שווערע געדאַנקען. עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ איז ווי אַלע מאָל, ווייל אָט זיינען דאָך מענטשן געזעסן איינגעבויגן איבער די מאַשינען, און ער אַליין איז אויך געווען צווישן זיי. ער איז געווען איינער פון אַלעמען. אַלע האָבן געאַרבעט — און ער האָט אויך געאַרבעט. אַלע וועלן שטרייקן — און ער וועט אויך שטרייקן.

און אַזוי איז עס געגאַנגען ביז מיטאָג־צייט. צו מאַקסן איז צוגעקומען דער שאַפּ־קאָמיטעט — דריי חברים אַרבעטער. זיי זיינען איצט געווען אָפיציעל. זיי האָבן מיט אים גערעדט גאָר אַנדערש ווי אַלע מאָל:

— ער מוז באַלד נאָך דער אַרבעט קומען אין שטרייק־לאָקאַל פון דער יוניאָן. עס וועלן דורכגעפירט ווערן די לעצטע צוגרייטונגען צום שטרייק. און בכלל זאָל ער זיך האַלטן אינאיינעם מיט די איבעריקע אַרבעטער. איצט דאַרפן אַלע זיין אינאיינעם. ס'איז קאַמף.

ער האָט אַ ווײַלע שטום געקוקט אויף זיי. געפרעגט:

— און וואָס וועל איך דאָרט דאַרפן טאָן?

— וועסט טאָן, וואָס אַלע וועלן טאָן.

זיי זיינען אָפּגעטראָטן פון אים, צוגעגאַנגען צו אַנדערע, און מאַקס האָט געזען, ווי זיי האָבן אויך איינגעטענהט מיט די אַנדערע אַרבעטער און גערעדט צו זיי די זעלביקע רייד, וואָס צו אים.

מאַקס איז געווען אומרואיק. ער האָט געוואָלט וויסן איינצלהייטן. ער איז צוגעגאַנגען צו די נאָענטסטע אַרבעטער און, אין פאַרלעגנהייט, געפרעגט:

— איר שטרייקט?... מ׳דאַרף, זאָגן זיי, גיין אין שטרייק־לאָקאַל. נאָך וואָס דאַרף מען גיין?

יענע האָבן אים אָנגעקוקט. דערזען זיין פאַרלוירנקייט און ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען זיין פראַגע. איינער האָט געזאָגט:

— וואָס הייסט, נאָך וואָס? מיר שטרייקן, צי ניט?... ווייסט גאָרניט, וואָס אַ שטרייק איז? און דאָס רופט זיך אַרבעטער! מיינסט, ס׳איז אַ שפּילעכל — אַ שטרייק! — ס׳איז לעבן, אָדער טויט, ברודערקע.

מאַקס האָט געשוויגן. געפילט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, און ניט געוואוסט מיט וואָס. אַ צווייטער אַרבעטער האָט געזאָגט:

— אפשר וויל ער גאָר סקעבן? אַ קשיא אויף אַ מעשה?

האָט שוין דער ערשטער מיט אַ בייזן פייערל אין זיינע אויגן געזאָגט:

— זאָל ער נאָר פּרוּוון... כ׳וועל אים געבן אַ „סקעבן״, ביי מיר איז אַ סקעב ערגער פון אַ מערדער. אַז דו וועסט סקעבן — זעסט?

דער אַרבעטער האָט אויפגעהויבן איבער מאַקסן אַ פויסט, כלומרשט אין שפּאַס. אָבער אין דעם איז געווען אויך אַ דראָאונג. און מאַקסן האָט פון די ווערטער באַשלאָגן אַ שוויים. ער האָט געשוויגן ווי ער וואָלט אין דער אמתן שוין איצט געווען אַ סקעב...

די אַרבעטער האָבן דערזען זיין פאַרלוירנקייט און זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט. דער גרעלעכטער האָט זיך אַדורכגעקייקלט איבער מאַקס קערפּער. ער האָט פּרובירט אַ שמייכל טאָן. און אינעם שמייכל איז געווען דערשראָקנקייט און געפאַלנקייט און בייזער גורל.

האָט איינער געזאָגט:

— הייסט עס, שטרייקן מיר? וואָס זאָגסטו, מאַקס?

מאַקס האָט אין די אויגן פונעם פרעגער באַמערקט אומצוטרוי און גרינגשאַצונג. האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און געזאָגט:

— איך בין מיט אַלעמען... איך שטרייק.

די אַרבעטער האָבן אויסגעשריען:

— בראַוואָ, מאַקס!

— אָט אַזוי, מאַקס! וועסט נאָך זיין איינער פון אונדזערע בעסטע „פּיקעטס״.

און ווידער האָט שוין מאַקס ניט געוואוסט, צי אין זייערע רייד איז געווען ערנסטקייט, צי גאָר שפּאַס. אָבער געוואוסט האָט ער, אַז ער איז

אַן אַרבעטער. און אַלע דאַרפן שטרייקן. און אַלע אינאיינעם — איז ניט שרעקלעך. און וואָס עס וועט זיין מיט אַלעמען — וועט אויך זיין מיט אים. אין קאָפּ איז אים פון דעם ליכטיקער געוואָרן. אויפן האַרצן — לייכט.

נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— אַלע וועלן שטרייקן, וועל איך אויך שטרייקן.

— וועסט נאָך זיין אונדזער שאַפּ־אָרגאַניזער, מעקסל. וועסט זען. אַט, לאָז אונדז נאָר געווינען דעם שטרייק.

ווידער האָט מען הילכיק געלאַכט. אָבער איצט האָט שוין מאַקסן ניט געאַרט. ער האָט פאַרזיכטיק, אַ פרעג געטאָן:

— ווי לאַנג קאָן געדויערן אַט דער שטרייק?

— ווי לאַנג? — עס קאָן אַמאָל נעמען אַ וואָך און צוויי, און אויב ניט — קאָן עס אַפילו נעמען אַ גאַנץ יאָר אויך... אין ניינצן זיבן האָבן אַרבעטער אָפּגעשטרייקט גאַנצע דרייצן חדשים, און צום סוף דעם שטרייק פאַרלוירן. אַ שטרייק איז ניט קיין קלייניקייט, ברודערל.

דאָס האָט מאַקסן אַביסל צעטומלט:

— וואָס רעדסטו?! און וואָס איז מיטן ווייב און קינדער? מ׳דאַרף דאָך לעבן... ווי וועט מען לעבן?

— וועט מען אונטערהונגערן. און איצט הונגערסטו ניט? ווען הונגערט ניט אַן אַרבעטער? איך פרעג ביי דיר — ווער האָט ניט קיין קלייד און קיין שוך? ווער האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן זיין רענט? און וועמענס בעבעכעס שטעלט מען אַרויס אין דרויסן? — ניט דעם באָס, ברודערל. אונדז שטעלט מען אַרויס! די באָסעס האָבן ניט קיין רחמנות אויף אַרבעטער, ווען זיי הונגערן.

איצט האָבן שוין די מענטשן גערעדט מיט מאַקסן ווי מיט אַ גלייכן. אין זייערע רייד איז געווען טרויער — זיין טרויער. ער איז געשטאַנען און געטראַכט פאַר זיך, אַז איצט וועט מען אים שוין זיכער אַרויסשטעלן אויף דער גאַס. ער וועט דאַרפן הונגערן און זיין ווייב און קינדער וועלן הונגערן. און דאָס, פון וואָס מ׳האָט גערעדט האָט זיך באַצויגן נאָר צו אים: — ער איז דער הונגעריקער. ער איז ניט באַשוכט און ניט באַקליידט, און זיינע בעבעכעס וואַלגערן זיך אויף דער גאַס מיט ווייב און קינד...

ער איז אָפּגעטראָטן אויף זיין אָרט, אָוועקגעזעצט זיך צו דער

אַרבעט מיט אַ שווערן געמיט, און אַט די שווערקייט איז שוין ניט אַראָפּ פונעם האַרצן דעם גאַנצן טאָג. דערפאַר איז אָבער נאָך דער אַרבעט געוואָרן פרייליכער. ווי נאָר מ׳האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט, איז אין שאָפּ אַנטשטאַנען אַ מאָדנע אויפלעבונג. אַלע האָבן זיך מיט אַ מאָל גענומען איילן. מ׳האָט העכער ווי אַלע מאָל גערעדט. און מאַקס איז געווען צווישן אַלעמען, ווי אַ גלייכער, אַרויסגעגאַנגען צו דעם שטרייק-לאָקאַל אינאיינעם מיט די איבעריקע, געפילט אין זיך זייער אויפגעלעבטקייט. צו זיי האָט ער, אפשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, דערפילט אַ חברשאַפט, ווי צו אייגענע. און אויך אין דעם פאַרלאָזן דעם שאָפּ אינאיינעם מיט אַנדערע איז געווען עפּעס, וואָס האָט אים געבונדן מיט אַנדערע. אין דעם איז אויך געווען אַ נקמה קעגן דעם פאָרמאַן, פאַר זיין נעכטיקן איבעררײדן אים צו סקעבן.

אויפן וועג האָבן זיך די אַרבעטער אויך געוויצלט איבער אים. אָבער איצט האָט עס ניט וויי געטאָן. עס האָט אים אַפילו הנאה געטאָן, וואָס זיי האָבן אים באַמערקט צווישן זיך, און ס׳איז אים פריילעך געווען. ער האָט פּרובירט ענטפערן מיט אַ וויץ אויף זייערע וויצן. אַלע האָבן פון דעם געלאַכט און מאַקס האָט געלאַכט מער פון אַלעמען.

מ׳האָט אים צוגעשריען פון אַלע זייטן:

— וועסט מוזן פּיקעטן דעם שאָפּ, מעקסעלע!

— וועסט דאַרפן שלאָגן סקעבס!

און אַלע האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ געלעכטער:

— דו וועסט פירן אַלע אונדזערע פאַרהאַנדלונגען.

— זאָלסט רייסן פאַסן פונעם פעמפּיק, הערסט, מעקסל?

אַלע האָבן געלאַכט און מאַקס האָט אויך געלאַכט, ווייל ס׳איז גאָר ניט געווען קיין בייז אין זייערע רייד און אין זייער געלעכטער.

— מאַקס טענדלער — אַ שטרייקער! כע!...

— מאַקס וועט פּיקעטן!

און אַזוי ווי מ׳איז געגאַנגען, איז צו אים צוגעקומען פייוול גאָלדיס.

מאַקס האָט עפּעס געוואָלט זאָגן. עס איז דאָך געווען אַ גרויסער טאָג. גאָלדיס איז דאָך געווען אַן אייגענער מענטש, כמעט ווי אַ ברודער.

ער האָט געזאָגט:

— אַז דער שטרייק וועט זיך אָנהייבן — ווייס איך ניט וואָס ס׳וועט

זיין. קיין רענט איז ניטאָ. דאָס קינד איז קראַנק. און אויף אַ דאָקטאָר איז אויך ניטאָ. ס׳איז צרות...

ער האָט עס געזאָגט, און זיך שטאַרק פאַרשעמט, וואָס גראָד איצט, ווען מ׳גייט אין דעם שטרייק־לאָקאַל, האָט ער עס געזאָגט, זיך געפילט שולדיק. און גלייך צוגעגעבן:

— לאָמיר האָפן, אז אלץ וועט זיין גוט... לאָמיר האָפן.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין באַגלייטער. געוואָלט זען וואָס פאַר אַן איינדרוק זיינע ווערטער האָבן אויף אים געמאַכט. יענער האָט פשוט געזאָגט:

— מיט האָפענונגען קאָן אַ מענטש זייער ווייניק דערגרייכן. אַ מענטש דאַרף קעמפן. אָבער מ׳דאַרף קעמפן.

מאַקס האָט ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען וואָס יענער האָט געזאָגט. אָבער ער האָט שוין מורא געהאַט ווייטער צו ריידן פון זיך. געשוויגן.

3

אינעם גרויסן האָל זיינען שוין געווען אַ סך אַרבעטער. די אַרבעטער פון מאַקסעס שאָפּ און הונדערטער אַרבעטער פון אַנדערע שעפּער. די פנימער זיינען ביי אַלעמען געווען מידע און ערנסטע. אַ גראָקייט איז געלעגן אויף די אויסגעמאַטערטע מענטשן. אַ סך זיינען געזעסן אויף די ערטער. אַנדערע האָבן זיך געזאַמלט אין גרופּעס, דיסקוטירט, געקאַכט זיך איבער די נייעסטע אַנטוויקלונגען אין דער פירונג פון שטרייק. נאָך און נאָך אַרבעטער האָבן אָנגעפילט דעם האָל. איצט האָבן זיי אַריינגע־שטראָמט אין גרויסע מאַסן, מענער און פרויען. מאַקס האָט זיך פּרובירט האַלטן נאָענט אַרום די שאָפּ־חברים. דאָ זיינען זיי געווען פרעמד און ערנסט. מאַקס האָט זיי באַלד פאַרלוירן צווישן דעם געפאַקטן עולם. ער אַליין איז אויך פאַרלוירנגעגאַנגען צווישן דעם עולם, צוזאַמענגעמישט זיך צווישן די פרעמדע מענטשן, אָבער צווישן זיי איז טאַקע גוט געווען. ער איז געווען איינער פון זיי.

באַלד האָט זיך אויך געעפנט די פאַרזאַמלונג. ס׳איז אַרויסגעטראָטן דער ערשטער רעדנער. ער איז געווען אַן „אָרגאַנייזער". אַזוי האָט מען מאַקסן אַריינגעשעפּטשעט אין אויער. ער האָט גערעדט וועגן דער

טאַקטיק פון אָרגאַניזירן די אַרבעטער און דעם שטרייק. וועגן די איינגעשטעלטע שלעכטע יוניאָן־באַדינגונגען אין די שעפּער, וואָס ווערן קאָנטראָלירט פון אַרבעטער־פאַררעטער. וועגן עקספּלואַטאַציע און שקלאַפערײַ. וועגן דער ביטערער לאַגע פון מיליאָנען אַרבעטער, באַזונדערס אין צייט פון קריזיס. ער האָט גערופן צו אָפענעם קאַמף קעגן די באַלעבאַטים, מיט דער גאַנצער אַנטשלאָסנקייט, פאַר די גרויסע רעזולטאַטן, וואָס מוזן דערגרייכט ווערן.

ווען ער האָט געענדיקט האָט דער עולם וואַרעם אַפּלאָדירט. מאַקס האָט אויך אַפּלאָדירט.

אַ צווייטער רעדנער האָט גערעדט וועגן אָרעמקייט און נויט, וועגן הונגער און דערשלאָגנקייט. ער האָט גערעדט דירעקט צו די הערצער פון די פאַר׳אָמלטע. מאַקסן האָט זיך עטלעכע מאָל אויסגעדוכט, אַז ער רעדט נאָר פון אים און צו אים אַליין. און ער האָט געשלונגען יעדן וואָרט פונעם רעדנער, מיט טרערן אין די אויגן, מיט אַ טרויעריקן פּנים.

צום סוף האָט דער רעדנער געזאָגט:

— איר אַרבעט און שאַפט די רייכטימער פון דער וועלט. און ווער האָט דאָס גאַנצע נוצן פון אייער שווייס און פון אייער בלוט? די באַלעבאַטים אייערע לאָזן זיך וואוילגיין. זיי לעבן אויף אייער חשבון מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָדעווען זיך אין רייכקייט און לוקסוס. און אייערע קינדער ווערן פאַרשמאַכט אין ענגע צימערלעך. ווי לאַנג וועט איר נאָך פעט־מאַכן אייערע שונאים מיט אייער בלוט און שווייס? ווי לאַנג וועט איר נאָך דולדן די אָרעמקייט אין אייערע היימען? גענוג געשוויגן! שטייט אויף אַלע צום קאַמף מיטן שונא! אַרויס צום קאַמף!

נאָך די לעצטע ווערטער האָט זיך דער זאַל א וויג געטאָן פון אַפּלאָדיסמענטן, און ווידער האָט מאַקס געפּאַטשט מיט היץ און באַגייסטערונג און מיט טרערן אין די אויגן.

שפּעטער איז אַרויסגעטראָטן אַ דריטער רעדנער. ער האָט געהויבן דעם מוט. גערעדט מיט אָפּטימיזם, מיט באַגייסטערונג פאַר דעם טאָג, ווען די אַרבעטער וועלן געווינען דעם קאַמף מיט די באַלעבאַטים און נאָך אַ גרעסערן, ווען די גאַנצע מאַכט וועט זיין אין די הענט פון דעם פּראָלעטאַריאַט. און פאַרענדיקט האָט ער:

— די וועלט געהערט דעם אַרבעטער, דעם האָרעפּאַשניק. עס איז

זיין וועלט. דער אַרבעטער איז דער באַלעבאָס פון אַלע רייכטימער, די אַרבעטער האָבן אַלץ אויפגעבויט, אַלעמען באַנייט און באַקליידט. עס איז דעם אַרבעטערס. דער שונא איז נאָר געקומען און אַלץ אַוועקגערויבט. איר וועט אַוועקנעמען ביים רויבער די פּראַצע פון אייערע הענט! זאָל לעבן דער אַרבעטער! זאָל לעבן דעם אַרבעטערס קאַמף!

ווידער האָט דער זאַל געדונערט מיט אַפּלאָדיסמענטן. און ווידער האָט מאַקס אַפּלאָדירט. זיין האַרץ איז געווען פול. ער איז געווען ניט איינער אויף דער וועלט. אַלע אַרבעטער זיינען געווען שוועסטער און ברידער, געבונדן דורך איין גרויסן קאַמף.

דער עולם איז געווען אויפגעלעבט. מ׳האָט פריילעך געאיילט אַהיים. אויך מאַקס האָט זיך געאיילט. ער איז געגאַנגען אַהיים אַ באַנייטער. א ניי לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אין אים. אַ ניי לעבן פאַר זיך אַליין און פאַר דער וועלט. ער איז געגאַנגען מיט פרייד אין האַרצן און מיט ליבשאַפט צו דער ווייב און אויך צו די קינדער. ער איז געגאַנגען צו זיי מיט אַ ליכטיקער בשורה. ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן זיין ווייב און זיינע קינדער. זיין באַגייסטערונג וועט ווערן זייער באַגייסטערונג. זיין פרייד — זייער פרייד. ער איז ניט אַליין. און זיי זיינען ניט אַליין אויף דער וועלט. די צוקונפט איז געווען זייערע...

ער איז צום ערשטן מאָל כמעט אַריינגעלאָפן אין הויז. מיט אַ פלינקן בליק אריינגעקוקט אין קיך. די ווייב איז אין קיך ניט געווען. ער איז אַריינגעלאָפן אין שלאָפצימער. דאָרטן האָט ער די ווייב געפונען ליגנדיק אין דער ברייט פון בעט מיטן קלענסטן קינד צוגעטוליעט צו איר ברוסט. די עלטערע צוויי קינדער זיינען שוין געשלאָפן אין זייערע בעטן, ביי דער וואַנט. ער האָט זיך נאָך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט, ווי אָפּכאַפּנדיק דעם צו־אימפּעטיקן אָטעם. געמאַכט אַ זשעסט צו דער פרוי. אַזאַ מאָדנעם זשעסט געמאַכט, וועלכן ניט ער אַליין און ניט די פרוי האָט פאַרשטאַנען. זי האָט אָבער פאַרזיכטיק אָפּגערוקט פון זיך דאָס קינד און זיך שווער אַ הייב געטאָן פון בעט.

שוין נאָענט לעבן אים, האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— ביסט געקומען?... און וואו ביסטו דאָס פאַרפאַלן געוואָרן, מיין שטרייקער?... אַז פאַרפאַלן זאָלסטו מיר ווערן אויף אייביק! גאָטעניו!...

און זי האָט זיך האַסטיק אַ שאַר געטאָן פאַרביי אים, ווי אראָפּגע־

שטויסן אים פון זיין פּאָזיציע. ער האָט זיך גלייך פאַרלוירן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך אַ ריס געטאָן און געזאָגט:

— מיר זיינען געווען ביי אַ שטרייק־מיטינג... טויזנטער מענטשן זיינען דאָרטן געווען... רעדנער האָבן גערעדט... וועסט ניט גלויבן, אָבער איך האָב געוויינט... אַזוי האָבן זיי גערעדט...

ער איז איר נאָכגעגאַנגען און גערעדט אין איילעניש. געוואָלט דערציילן אַלע זיינע איבערלעבענישן, ווי ער וואָלט זיך דורך דעם געוואָלט ראַטעווען. און אַזוי — ביז מ'איז אַריין אין קיך. זי איז געגאַנגען פאָרויס און ער נאָך איר, און גערעדט אין איר ברייטער פּלייצע אַריין. נאָכדעם האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו אים. אַ קאַלטן קוק געטאָן אויף אים פון אויבן ביז אַראָפּ. און פון אָט דעם באַקאַנטן בליק פון אירע אויגן האָט אין אים זיך אויפגעכאַפּט די אַלטע שנאה צו איר.

— הייסט עס, דו וועסט טאַקע שטרייקן?

מיט אַ געפּאַלענער שטים האָט ער געזאָגט:

— אַלע שטרייקן. דער גאַנצער „טרייד" שטרייקט. און וואָס קאָן איך דאָ טאָן?

— וואָס קאָן ער טאָן!... וואָס אַרט עס אים, וואָס ווייב און קינדער וועלן ניט האָבן קיין שטיקל ברויט? אָט איז דאָס קינד קראַנק. שלעפּט זיך אַרום צו מיטינגען. אַ שטרייקער געוואָרן!

פון איר מויל האָבן זיך אויף מאַקסן געגומען שיטן די באַקאַנטע קללות. עס איז זיי שווער געווען אַריבערצוטראָגן. די באַגייסטערונג און די האָפענונג זיינען מיט איין מאָל אויסגעלאָשן געוואָרן אין זיין ברוסט. אַלץ איז געוואָרן ווייט. די רעדעס און אַלע אַרבעטער־ברידער און דער שטרייק — אַלץ איז געוואָרן ווייט.

ער איז קוים, מיט געבראָכענע טריט, צוגעגאַנגען צו דעם נאָענטסטן שטול, אַריינגעזעצט זיך אין אים און גלייך דערפילט די מידקייט. עס איז אויך געווען אַנטוישונג און ביטערניש. דער קאָפּ איז געווען שווער אויף די פּלייצעס און האָט וויי געטאָן.

די ווייב האָט מיט כעס צוגעוואָרפן מאַקסן דאָס קינד און גענומען צוגרייטן פאַר אים די אָפּגעקילטע וועטשערע. דאָס קינד האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעוויינט, און פונעם קליינעם קערפּערל האָט געטראָגן

אַ היץ. עס האָט געברענט אין אַ מאָדנעם פייער. מאַקסן האָבן פאַרוואָרגן טרוקענע ספּאַזמען. ער האָט געזאָגט:

— דאָס קינד האָט נאָך זייער אַ סך היץ...

די ווייב האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים:

— גוט, וואָס דו האָסט עס מיר געזאָגט, טייערער טאַטקעלע. אַז ניט — וואָלט איך גאָר ניט געוואוסט... און דאָס רופט זיך נאָך אַ טאַטע... טפו, זאָלסטו ווערן!

און זי האָט אַ שפּיי געטאָן אויפן דיל.

נאָכדעם האָט זי אַוועקגעשטעלט דאָס ביסל עסן אויפן טיש, אַ ריס געטאָן פון מאַקסן דאָס קינד און זיך גענומען אַרומגיין מיטן קינד הין און צוריק, מיט א וויינענדיקן געזאַנג, שווער געאָטעמט, ווי אַלע מאָל. איר פאַרשוואָלן פּנים איז געווען רויט מיט רוגזה און פון דעם גרויסן מגושמ־דיקן קערפּער האָט געדראָט קאַלטע שנאה.

מאַקס האָט געפּרואווט עסן. די שפּייז האָט אָבער ניט געהאַט קיין טעם. עס איז ניט געקראָכן אין האַלדז, ניט געלאָזט זיך אַרונטערשלינגען. ער האָט אָפּגעשטופּט פון זיך די טעלער און געבליבן זיצן לעבן טיש, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. געווען הילפלאָז. איצט איז אים אַלץ געווען פרעמד — די ווייב און די קינדער און אַפילו אָט דאָס קראַנקע קינד, וואָס איז ענלעך צו אים אַליין.

דאָבע, מיטן קינד אויף די הענט, איז אַרויס פון קיך. מאַקס איז געבליבן זיצן. אַלע גלידער זיינען געווען שווער און איבעריק. די איבער־לעבונגען פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג האָבן זיך געמישט אין איין קנויל. דאָס רוישן פון די מאַשינען, דער מאַרש צו דעם שטרייק־האָל, מענטש־לעכע רייד און אויפגעבראַזטע שטימונגען, מורא, פרייד, דערוואַרטונג און נאָכדעם — די רעדעס, באַגייסטערונג און טרערן און איצט — די ביטערע אַנטוישונג.

די זאָרג וועגן קראַנקן קינד. די שנאה פון דאָבען. אומקלאָרער מאָרגן. דער גרויסער קריזיס, פון וועלכן ער האָט זיך אין משך פון די פאַרגאַנגענע חדשים אַרויסגעדרייט אַדאַנק דעם נייעם שאַפּ און פּיוולען, האָט זיך איצט מיט אַ מאָל ווידער אָנגערוקט ווי אַ מאָנסטער.

ער איז געווען אַליין. צווישן מענטשן און אין דער היים.

פונעם שלאָפצימער האָט זיך דערטראָגן דאָס אַנגסטיקע קלאָגן פון קינד

און דאָס אָפּגעריסענע איינזינגען פון דער מאַמען. איצט האָט זיך געוואָלט טאָן איין זאַך, שטאַרבן. אַנטלויפן פון ווייב און קינד און שאַפּ און מענטשן...

ער האָט זיך דערמאָנט אין דער צייטונג, וואָס פּיזול האָט אים געגעבן, איז ער אויפגעשטאַנען, אַרויסגענומען זי פון קעשענע פון זיין מאַנטל, שוין זייער אַ צעקנייטשטע, און אַוועקגעזעצט זיך צום טיש לייענען. אַלץ איז געווען פונעם אַרבעטערס לעבן, פונעם קריזיס, פון אַמעריקאַנער און פון אַנדערע לענדער. און אַ סך זאַכן פון זייער אייגענעם היינטיקן שטרייק. אומעטום האָבן אַרבעטער געקעמפט. אומעטום זיינען זיי די ערשטע געגאַנגען קעגן דעם שונא. אומעטום זיינען זיי אַרויסגעטראָטן מיט זייערע ערלעכע טאַטן. ער האָט אַלץ געזען אין אַ קלאָרער באַלייכטונג, זאַכן זיינען געוואָרן פאַרשטענדלעך. איצט האָט דער שטרייק געהאַט אַ קלאָרן זין און אַ קלאָרן ציל.

אַלערליי פראַגן זיינען אַרויסגעשוואומען אויף זיין געדאַנק. ער האָט זיי ניט געקאָנט פאַרענטפערן, אָבער געוואוסט, אַז פאַרענטפערן האָט מען זיי געמוזט.

ער איז געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אין קיך ביים טישל. אַלע אין שטוב זיינען שוין לאַנג געשלאָפן. און ער האָט ניט געוואָלט שלאָפן. פאַרגעסן אָן דער מידקייט. און ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין שלאָפן איז ער שוין געווען גרייט מאָרגן אָנצוהייבן אַ נייעם טאָג. און פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג האָט ער שוין אין זיך געפילט אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי איבערצולעבן אָט דעם טאָג וואָלט געווען אין זיך אַליין — אַן אויפגאַבע.

4

אין צוויי טעג אַרום איז דער שטרייק אָפיציעל דערקלערט געוואָרן. און מאַקסן האָט דער שטרייק אַרויסגעטראָגן אויף זיינע כוואַליעס, ווי אַ שפּענדל, און פאַרטראָגן ווייט, אין סאַמע מיטן פון קאָכעדיקן אַרבעטער־לעבן און קאַמף. קיין צוריקקער איז ניט געווען און ניט געקאָנט זיין אָן אַ גרויסן קרבן. ווערן זיך קעגן דעם איז שוין ניט געווען קיין מעגלעכקייט, און מאַקס האָט זיך גאָר ניט געוואָלט ווערן. פאַרקערט, אים האָט זיך געוואָלט פאַרשווינגען ווערן אין אָט דעם ים, פאַרלוירנגיין אין זיין ריזיקייט. פאַרלוירנגיין — און פאַרגעסן זיך אינעם נייעם לעבן, וואָס איז געווען דאָס

לעבן און דער גורל פון אַ סך. שרעקלעך איז געווען צו קעמפן מיטן לעבן, ווען ער איז געווען אַליין. אָבער אינאיינעם מיט אַלעמען איז ניט געווען שרעקלעך. פאַרקערט, עס האָט געלאָקט, ווי אַ געפערלעכע, אָבער אָנגענעמע שפיל. מאַקס האָט פאַרגעסן די עקשנותדיקע קעגנערשאַפט פונעם ווייב, פאַרגעסן די אָרעמקייט און די נויט, וואָס איז שוין געווען אינעם הויז נאָך איידער דער שטרייק האָט זיך אָנגעהויבן.

דאָס איז געווען אין אַ טאָג אין מיטן וואָך. מ׳האָט געאַרבעט פונקט ביז צען אינדערפרי. פונקט צען האָבן אַלע אַוועקגעלייגט די אַרבעט, און אַלע האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון די ערטער. מאַקס האָט געטאָן אַלץ, וואָס אַלע האָבן געטאָן. און ווען אַלע האָבן שווייגנדיק אָנגעהויבן אַרויסמאַרשירן פונעם שאַפּ, האָט ער אויך געמאַרשירט, נאָכגעגאַנגען, און פון דעם איז געווען אי אומעטיק, אי פריילעך.

אַרויסגייענדיק פונעם שאַפּ האָט ער ביים פענצטערל פון אָפיס באַמערקט די בוכהאַלטערין. זיינע אויגן האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט אירע. עס האָט געדויערט אַ רגע. אירע אויגן זיינען געווען טרויעריק און אַביסל דערשראָקן. זי איז געווען זייער אַ שיינע, די בוכהאַלטערין. און איצט איז זי אינעם טרויער געווען נאָך שענער. פון דעם האָט מאַקסן אַ ריר געטאָן ביים האַרצן. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער גייט אַוועק איצט פון דאַנען אויף אייביק. ער וועט ניט זען די שיינע בוכהאַל־טערין, וועלכע ער האָט ליב געהאַט מיט אַ וויטער ליבע.

אויפן וועג זיינען די אַרבעטער געווען ערנסט. ווייניק גערעדט. די מערסטע זיינען שווייגנדיק געגאַנגען ביזן לאָקאַל, וואו מען האָט זיך דערפילט אויפגעלעבט. דאָרטן זיינען שוין געווען אַ סך אַרבעטער פון אַנדערע שעפּער, פרויען און מענער, בחורים און מיידלעך, יונגע, שיינע, קרעפטיקע, מיט פריילעכע פנימער, האָבן זיי געוועקט אין די הערצער האָפענונג און גלויבן. מיט אַזעלכע קעמפער וועט מען דעם שטרייק געווינען! עס איז גוט געווען צו זיין איינער פון זיי. עס איז גוט געווען אויפצולעבן מיט זייער אויפלעבונג.

נאָך דער געוויינלעכער פּראָצעדור פון רעגיסטרירן זיך, נאָכן ענטפערן אויף אַלערליי פראַגעס פון די יוניאָן־באַאַמטע, האָט מען זיך אַוועק־געלאָזט פונעם לאָקאַל. אייניקע זיינען אַוועק אַהיים, אַנדערע זיינען נאָך

געבליבן אינעם „גאַרמענט צענטער", אַרומגעדרייט זיך אין דער געגנט פון די אייגענע און פרעמדע שעפּער און אויסגעקוקט די אייגענע און פיינטלעכע פּאָזיציעס פאַר דעם מאָרגנדיקן קאַמף.

אויף מאָרגן איז באַשטימט געוואָרן די ערשטע גרויסע פּיקעט־דעמאָנסטראַציע. מאָרגן גאַנץ־פרי האָבן זיך די אַרבעטער באַדאַרפט פאַרזאַמלען ביי די שעפּער און אָפּהיטן, אַז אין די שעפּער זאָלן ניט אַריין קיין שטרייק־ברעכער. מ'האָט שוין געוואוסט, אַז די באַלעבאַטים האָבן אָנגעגרייט גאַנצע מחנות סקעבס און אויך „שלעגער", מיט וועלכע די אַרבעטער וועלן דאַרפן קעמפן.

אויף דער גאַס האָט מאַקס דערזען פּייוול גאָלדיסן. יענער איז געשטאַנען אין אַ גרופּע און גערעדט וועגן עפּעס הויך, אָפן קול. מאַקס איז אויך צוגעשטאַנען צו דער גרופּע. האָט זיך איינגעהערט, וואָס מען האָט גערעדט. גערעדט האָט מען וועגן דעם שטרייק. אַ גרויסער טייל אַרבעטער איז נאָך געווען פאַרעקשנט און איז נאָך ניט אַרויס שטרייקן אונטער דער פירערשאַפט פון דער נייער יוניאָן. זיי האָבן אַרויסגעוויזן פאַררעטערישע קעגנערישקייט. מיט זיי האָט מען באַדאַרפט קעמפן. גאָלדיס האָט גערעדט וועגן דעם, אַז דער שטרייק דאַרף צעשמעטערן די עקספּלואַטאַציע מצד די באַלעבאַטים. און אויך די אַלטע יוניאָנס, וואָס זיינען געפירט געוואָרן דורך אַלט־איינגעזעסענע קליקעס. דער קאַמף מיט זיי האָט באַדאַרפט אָנגיין גאָר אויף אַן אַנדער אופן און מיט אַן אַנדער טאַקטיק.

מאַקס האָט זיך דערוואוסט פון אַ סך זאַכן דורך דער צייט. וואָס ווייטער איז אים אַלץ קלאָרער געוואָרן דער ציל פון דעם פאַרשטייענדיקן קאַמף. ער האָט זיך געפילט אַ געקרעפטיקטער.

פּייוול גאָלדיס האָט אים באַמערקט צווישן עולם. אַ שמייכל געטאָן פריינטלעך צו אים און געזאָגט הויך:

— נו, מאַקס, — אָט שטרייקן מיר שוין!

מאַקס האָט זיך אַביסל פאַרלוירן און געזאָגט:

— יאָ, מיר שטרייקן...

געזאָגט, און מער שוין ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. צו פּייוולען האָט ער געפילט אַ נאָענטקייט, ווי דער מענטש וואָלט געווען זיינער אַ קרוב. און פּייוול האָט ווידער זיך געווענדעט צו אים:

— מאָרגן וועל איך דיך זען אויף דער פּיקעט־ליין. קום פרי. איך דאַרף דיך זען.

מאַקס האָט אויף שנעל געזאָגט:

— איך וועל זיין, איך וועל קומען.

באַלד איז זיך דער עולם פאַנאַנדערגעגאַנגען. מאַקס איז אויך אַוועק. ער איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון זיין היים. געגאַנגען און געטראַכט. די געדאַנקען זיינען געקומען עטלעכע אויף אַ מאָל. די היים, דאָס קראַנקע קינד, דער שטרייק, די מאָרגנדיקע פּיקעט־דעמאָנסטראַציע, פּייוול גאָלדיס, דער שאַפּ... ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק דאָרטן געאַרבעט. די מאַשינען האָבן גערוישט זייער געוויינלעכן גערויש. די אַרבעט האָט געברענט. און אַט איז שוין דאָרטן קיינער ניט געווען. דער שאַפּ איז געווען פּוסט.

אַזוי איז ער אָנגעקומען אַהיים. ביי דער אייגענער טיר איז אים באַפאַלן אַן אַנגסט. אַ מורא צו באַגעגענען זיך מיט ווייב און קינדער. איצט איז שוין אַלץ געווען פאַרפאַלן. קיין צוריקקער איז ניט געווען. דער שטרייק איז שוין געווען אַווירקלעכקייט.

פאַרזיכטיק, ווי אַ שולדיקער, האָט ער געעפנט די טיר. די קינדער האָבן אים דאָס מאָל באַגעגנט מיט אַן אויפגעלעבטער פרייד. זיי האָבן אים נאָך קיינמאָל אין מיטן וואָך ניט געווען אַזוי פרי אין דער היים. אין שלאָפ־צימער איז די ווייב געווען איבערן בעטל פונעם קראַנקן קינד, געפרעגט:

— וואָס מאַכט ס׳קינד?

זי האָט פון דער זייט אַ קוק געטאָן אויף אים אומפריינדלעך, אָבער אָן דער געוויינלעכער רוגזה:

— וואָס זאָל ער מאַכן? ער ברענט ווי אַ פייער...

— מ׳האָט באַדאַרפט רופן אַ דאָקטאָר...

— מיט וואָס וועסטו רופן אַ דאָקטאָר? האָסט דען געבראַכט געלט?... ביסט שוין פאַרטיק מיט דער אַרבעט, מיין פאַרדינער.

מאַקס האָט זיך אינערלעך געשראָקן, געזאָגט:

— וואָס קאָן מען טאָן? אַ שטרייק איז אַ שטרייק... מיר זיינען היינט אַרויס. מאָרגן איז אַ פּיקעט־דעמאָנסטראַציע...

— אַזוי? „אַ פּיקעט־דעמאָנסטראַציע“, אַז פּיקען זאָל דיך ווערעם, גאָטעניו!

— וואָס קאָן מען טאָן?

— און ווי לאַנג וועסטו מיר אַזוי אַרומגיין לײדיק?

— איך ווייס ניט. קײנער ווייס ניט... אפשר אַ וואָך און אפשר צוויי...

זי איז צוגעגאַנגען צו אים נאָענט. אירע אויגן האָבן זיך אײנגעגעסן אין אים און, מיט אַן אַרויסרוף, געזאָגט:

— נו, און דו? דו וועסט טאַקע אויף אַן אמת שטרײקן?

מאַקס האָט זיך אינגאַנצן צוזאַמענגעקאָרטשעט. אַלץ אין אים האָט גענומען אײנשרומפּן. דער פריערדיקער מוט און גלויבן זײנען אויסגעלאָשן געוואָרן. ער איז געשטאַנען אַן אומגליקלעכער פאַר אירע אַרויסרופנדיקע אויגן.

געזאָגט:

— אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? וואָס?! סקעבן?...

זי האָט אַ פּינטל געטאָן מיט די אויגן און זיך צעגאַנגען אין אַ מאָדנעם היהשן געיאָמער:

— אַז אָך און ווי איז דער מאַמען! ווי איז מי־י־ער!... וואָס וועט מיט אונדז זיי־יי־ען?... מיר וועלן אויסגיין פון הונ־ו־נגער!... גאַטעניו, האַרציקער, געטריי־יי־ער!...

איר געיאָמער האָט צוזאַמענגעוואָרגן מאַקסן דעם גאָרגל און ניט אָפּגעלאָזן. זײן גורל איז ווידער געווען אין אירע הענט. ער איז געווען פאַרלוירן, פאַרלוירן. ניט געקאָנט טראַכטן און ניט געקאָנט העלפן. זי איז געווען די שטאַרקערע. זי איז אַלע מאָל די שטאַרקערע. און ס׳איז געווען, ווי אימעצער וואָלט דאָ ערשט געשטאָרבן, און די ווייב וואָלט אײנגעריסן וועלטן אויפן טויט פון אַ בלוט־פאַרוואונדעטן און געוואָלט אומקערן דעם טויטן צוריק צום לעבן.

פּלוצלינג האָט זי איבערגעריסן דעם יאָמער, צוגעלאָפן צו אים, אַ ריס געטאָן אים צו זיך, און אַן אײנגעגראַבלטע מיט די פינגער אין זײנע קליידער, האָט זי זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן:

— גזלן, גזלן!... גיי צו זיי, צו די שטרײקערס!... גיי צו זיי, בעט זיך אָפּ, זאָג זיי: דו האָסט אַ קראַנק קינד. דו האָסט דריי קליינע קינדער. טו עפּעס, גזלן, וואָס שטייסטו? וואָס שטייסטו?!...

און זי האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעקלאָגט ביטער און יאָמערדיק,

ווי באַקלאָגנדיק אַן ערשט געשטאָרבענעם. מאַקס האָט קוים געקאָנט אַרויסריידן:

— זיי ווילן מיך דערהרגענען.... זיי ווילן מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן...

ער האָט עס געזאָגט ניט צום ווייב, נאָר צו זיך אַליין, ווי ענטפערנדיק אויף זיין אייגענעם געדאַנק. און זי האָט זיך ווידער אָנגעכאַפּט אָן אים ווילד און היסטעריש:

— גיי צו זיי, פאַל צו זייערע פיס. בעט זיך. ווײן פאַר זיי. קוש זיי די פיס, גזלן! גזלן!

מאַקס איז געווען זייער צעטומלט, ווידער געזאָגט:

— אַ סוף. זיי ווילן מיך פאַרענדיקן... אַן עק!

און גלייך ווי ער האָט עס אַרויסגערעדט, האָט זיך עפּעס אַ דריי געטאָן אין זיין קאָפּ, — אַ ליכטיקייט מיט אַ פינצטערקייט אינאיינעם. אַלץ האָט זיך אַ דריי געטאָן אין אַ מאָדנעם רינגען־ליכט־געדריי. דער שאַפּ און די מאַשינען, די אַרבעטער און דער באָס, דער פאָרמאַן און דאָס מיידל אין אָפּיס. אַלץ האָט זיך אַ דריי געטאָן אין איין ראָד מיט אים אַליין און פאַרטונקלט אין אַ געווירבל זיין פאַרשטאַנד. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון דער פרויס הענט. אַוועקגעשטעלט זיך אַנטקעגן איר מיט דערשראָקענע, אויסגעשטאַטשטע אויגן און געזאָגט:

— איך וועל ניט גיין! דו הערסט? — איך וועל ניט גיין! איך וועל שטרייקן מיט אַלעמען. דו הערסט: — איך וועל שטרייקן!

— אַז ער האָט די ווערטער אַזוי אַרויסגעשריען, איז ער אַוועקגע־פאַלן אין אַ שטול מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ. זיין ברוסט האָט זיך שטאַרק געהויבן. זיין פּנים איז געווען בלייכער ווי ביי אַ טויטן, און דער גאַנצער איז ער געווען ווי אַין קאָנוואולסיעס.

די ווייב האָט אים אַזאַ קיינמאָל ניט געזען. געמיינט, אַז ער שטאַרבט, און צוגעלאָפן צו אים און אָנגעהויבן ריידן צו אים מילד און דערשראָקן און מיט געבעט:

— מאַקס, מאַקס, וואָס איז דיר?... זאָג, וואָס איז דיר?... אוי, גאָטעניו, זאָג שוין, וואָס איז דיר... גזלן, גזלן, זאָג!... זאָג שוין אַ וואָרט, וואָס שווייגסטו?...

מאַקס איז געלעגן אינעם שטול מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ, מיט

צוגעמאַכטע אויגן און ניט געוואָלט זיך אָפּרופן. ער האָט געהערט די צעשראָקענע פאַרלוירענע רייד פונעם ווייב, אָבער זיך ניט אַ ריר געטאָן. עס איז געווען אלצאיינס. און אים האָט זיך אַפילו געדוכט, אַז ער שטאַרבט. זאָל ער זיך אַזוי ניט רירן עטלעכע מינוטן און ניט ריידן, וועט ער שטאַרבן. און דאַן וועט זיין אַ סוף צו אַלע ליידן...

די ווייב האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזן. זי האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט די פינגער אין זיינע קליידער, געריסן אים אין אַלע זייטן און אַריינגע־שריען אים גלייך אין פּנים אַריין:

— זאָג עפּעס, מעקסל, זאָג... וואָס ווילסטו פון מיינע פינצטערע יאָרן ?...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די האָר און אָנגעהויבן יאָמערן. די קינדער, וואָס האָבן צעשראָקענע צוגעזען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען צווישן טאַטע־מאַמע, זיינען געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט פאַרקלעמטע הערצער און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן — וויינען, מאַכן אַ גוואַלד, אָדער לויפן נאָך מענטשן. געזען, אַז עפּעס איז מיטן טאַטן, האָבן זיי זיך אַ ריס געטאָן צו אים מיט קינדערשע יללות.

אין הויז איז אַנטשטאַנען אַ צערודערונג. מאַקס אַליין האָט זיך אויך איבערגעשראָקן פאַר דעם, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. ער האָט זיך אויפגעזעצט. זיין ברוסט האָט זיך געהויבן און געפאַלן. ער האָט געזען ווי די קינדער טוליען זיך צו אים און שרייען. און דאָס אַלץ האָט ער געזאָגט צו דער ווייב:

— אָ, דו וועסט מיך פאַרענדיקן... גוט, איך וועל שטאַרבן... איך וועל דיך באַפרייען... איך וויל מער ניט לעבן. איך וויל ניט !...

ער האָט טאַקע געגלויבט, אַז איצט איז געקומען די צייט צו שטאַרבן. אָבער ער האָט שוין געזען, אַז די ווייב און די קינדער זיינען פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן. גלייך, ווי ער האָט אַרויסגערעדט זיינע ערשטע ווערטער, זיינען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. דער שרעק אין זיי האָט זיך פּלוצלינג איינגעשטילט. די ווייב האָט מיט שנאה אַ קוק געטאָן אויף אים, און אויף איר פּנים האָט גענומען שפּילן אַ באַקאַנטע רויטקייט. זי האָט געזאָגט:

— וועסט לעבן בלייבן, שלימזל, וועסט לעבן בלייבן...

און מאַקס האָט געזען ווי זי האָט זיך אַ בייזע אַ לאָז געטאָן פון קיך און אַריין אין שלאָפצימער. די קינדער זיינען אַ ווײַלע געשטאַנען אין פאַרלעגנהייט. נאָך אַלץ ניט געוואוסט ווי אויסצודריקן פאַרן פאָטער זייערע געפילן. געוואָלט נאָך אַ מאָל צוגיין צו אים, צופאַלן צו אים מיט ליבשאַפט און מיט פרייד, און מורא געהאַט. פון דעם האָט אַ ווייטיק צונויפגעדריקט מאַקס האַרץ. ער האָט צוגערופן צו זיך די קינדער, געזאָגט:

— קינדערלעך מיינע, האַרציקע... קומט צו מיר...

און אַז יענע זיינען, פאַרלוירענע, צוגעגאַנגען צו אים, האָט ער זיי געקושט און געדריקט צו זיך און געוויינט איבער זיי, און אים אליין האָט זיך געדוכט, אַז ניט איבער זיי וויינט ער עס, נאָר איבער זיך אַליין, איבער זיין אייגענעם לעבן, וואָס איז געווען שווער, זייער שווער.

5

יענעם אָוונט איז שוין מאַקס פון הויז ניט אַרויסגעגאַנגען. אין הויז האָט זיך אַלץ באַרואיקט ווי נאָך אַ גרויסן שטורעם. די ווייב האָט אים אויסגעמיטן, ניט גערעדט. ער האָט מיט איר אויך ניט גערעדט. ער איז געזעסן אין קיך און געלייענט די צייטונג, וואָס ער האָט געקויפט — אַלץ איז אין דער צייטונג געווען ניי. אַלץ איז געווען פונעם גרויסן קאַמף, וואָס די אַרבעטער האָבן געפירט, און אויך וועגן דעם פאַרשטייענדיקן קאַמף פון זיין פאַך האָט די צייטונג אָוועקגעגעבן זייער אַ סך אָרט. אַפילו דערמאָנט דעם נאָמען פון זיין שאַפּ און פון זיין באָס. און אָט איז ער אַליין געווען אַן אַרבעטער אין יענעם שאַפּ און ביי יענעם באָס. מאַקס האָט זיך ניט איינגעהאַלטן, צוגערופן צו זיך די קינדער און זיי געוויזן אין דער צייטונג דעם נאָמען פונעם שאַפּ און פונעם באָס, געטיילט זיך מיט זיי און אַפילו געווען ביי זיך שטאָלץ מיט דעם. און פון דעם אַלעם איז געווען גוט און לייכט אויפן האַרצן. ער האָט אויפגעלעבט. גערעדט מיט די קינדער, ווי מיט גרויסע, דערציילט זיי פונעם שטרייק. דערציילט מיט באַגייסטערונג, מיט גלויבן. און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די קינדער זיינען שטאָלץ מיט אים, מיט זייער פאָטער, דעם שטרייקער. ער האָט עפּעס דערזען אין זייערע אויגן אַזאַ אויפלעבונג, אַזאַ אינטערעס פאַר די זאַכן, וואָס ער האָט זיי דערציילט. און ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג מער און מער צו דערציילן,

אויפקלערן די קינדער די אורזאַכן פון דעם אַרבעטערס שווערער דאָליע אויף דער וועלט. אָט האָט ער ערשט געלייענט, אַז די רייכע וואַרפן אַריין אין ים גאַנצע שיפן מיט שפּייז, קאָרן און ווייץ און מאַראַנצן, ווייל זיי ווילן אָנהאַלטן הויכע פּרייזן, און די אָרעמעלייט מיט זייערע קינדער שטאַרבן פון הונגער. אָבער אָט וועט אָנקומען אַ נייע צייט, דער אַרבעטער וועט אויפהייבן דעם קאָפּ...

ריידנדיק מיט די קינדער האָט ער אויפגעהויבן זיין קול העכער, כדי אויך דאָבע, וואָס איז געווען מיטן קלענערן קינד אין שלאָפצימער, זאָל אים אויך הערן.

נאָכדעם, דעם גאַנצן אָוונט, איז געווען גוט אויפן האַרצן. ער האָט איבערגענומען פון דאָבען דאָס קראַנקע קינד און זיך מיט אים די גאַנצע צייט געעסקט, געלאָזן דאָבען טאָן פריי איר איבעריקע הויז-אַרבעט.

אויף מאָרגן האָט ער זיך אויפגעהויבן זייער פרי, זיך אַרויסגעגנבעט פון צימער מיט די קליידער אין קיך אַריין און גענומען זיך אָנטאָן... דאָס מאָל האָט ער זיך געשראָקן פאַר אַ סך זאַכן: פאַרן ווייב, פאַרן קראַנקן קינד, פאַר עפּעס אַן אַנדער שטער, וואָס וואָלט אים געקענט איינהאַלטן אין הויז, ווייל גיין צו דער ערשטער פּיקעט-דעמאָנסטראַציע איז געווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע פאַרן היינטיקן טאָג, אַחוץ דעם האָט ער דאָך צוגעזאָגט פּייוולען מיט אים צו באַגעגענען זיך.

אָבער דאָבע האָט זיך גראָד אויפגעכאַפּט, ווי נאָר ער האָט פאַרלאָזט דעם צימער. זי איז אַריינגעקומען אין קיך, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ שטול און געזאָגט:

— וואוהין גייסטו? האָסט דאָך געזאָגט, אַז דו שטרייקסט, האָסט געזאָגט, די אַרבעטער האָבן אַוועקגעלייגט די אַרבעט...

— וואָס הייסט, אוודאי שטרייקן מיר... אָבער מיר דאַרפן פּיקעטן די שעפּער, אַז קיין סקעבס זאָלן זיך ניט אַריינרייסן אין די שעפּער.

— דו, הייסט עס, וועסט אָפּהיטן די סקעבס זאָלן זיך ניט אַריינכאַפּן אין די שעפּער... דו וועסט זיך אַנטקעגנשטעלן די סקעבס... ניטאָ ווער ס'זאָל לאַכן...

איר פאַרשלאָפן, אַביסל געשוואָלן פּנים האָט זיך פאַרגאָסן מיט אַן אויסדרוק פון חוזק און גרינגשעצונג. זי האָט צוגעגעבן:

— וואָלסט בעסער געזעסן אין דער היים. דאָס קינד רייסט מיר אָפּ די הענט. אַ טאַטע ביסטו צו דיין קראַנקן קינד?

מאַקס האָט זיך דערשראָקן, אָבער בלויז אויף אַ רגע. ער האָט מיט אַ פעסטקייט אין קול געזאָגט:

— איך דאַרף גיין. נאָך מיטאָג וועל איך קומען, אָבער איצט מוז איך גיין! האָסט געהערט?!

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט שנאה, ניט געהאַט קיין צייט אַנצוצינדן אין זיך דעם צאָרן. ער איז אַרויס אין דרויסן מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ מיט דער טיר. ער איז געלאָפן שנעל, שנעל אַראָפּ די טרעפּ, ווי מורא האָבנדיק, אַז זי וועט אים נאָכיאָגן און פאַרהאַלטן.

אויף דער גאַס איז נאָך געווען טונקל. מאַקס האָט געקויפט אַ צייטונג, אוועקגעשטעלט זיך אויף אַ ראָג און פאַרן גרוילעכן ליכט פון פאַרטאָג אָנגעהויבן צו לייענען וועגן דעם שטרייק. פון דעם איז געווען גוט, פון דעם האָט אַריינגעשטראָמט זיכערקייט אין אַלע גלידער און אין האַרצן. און ס׳איז געווען גוט, וואָס ער וועט זיך באַגעגענען מיט פייוול גאָלדיסן, זיין פריינט און וועט מיט אים, ווי מיט אַ גלייכן, אַריין אין אַ לעבן, וואָס איז געווען גרויס.

אַז מאַקס איז אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט, האָט ער שוין דאָרטן געטראָפן אַ סך מענטשן. אויך פייוול איז שוין דאָרט געווען. אָבער די דעמאָנסטראַציע האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן. דער עולם האָט זיך ערשט געקליבן. פון אַלע זייטן זיינען געקומען מענטשן.

פייוול האָט דערזען מאַקסן און פריילעך אַ געשריי געטאָן צו אים:

— גוט וואָס דו ביסט געקומען. זיי מיט מיר. טרעט ניט אָפּ און פאַרליר זיך ניט.

און זיי זיינען געגאַנגען אינאיינעם.

דערווייל האָט דער עולם אַרבעטער פאַרפלייצט די גאַס. די גאַס איז געווען שוואַרץ פון מענטשן. ס׳איז געווען ווי אַ גרויסער יום־טוב. אין האַרצן ביי מאַקסן איז געווען אַ פרייד. אין אַלעמענס אויגן האָט געברענט גאָר אַ באַזונדער פייערל. פון אַלעמען האָט געשטראָמט אַ באַזונדערע אויפגעלעבטקייט און דערהייבנקייט.

מאַקס איז ניט אָפּגעשטאַנען פון פייוולען. צווישן דעם עולם האָט ער אויך אָנגעטראָפן אַרבעטער פונעם אייגענעם שאַפּ.

אין די פאָדערשטע רייען האָט זיך געהויבן אַ געזאַנג. מ׳האָט זיך פאָרמירט אין רייען. מ׳האָט אויסגעשריען לאָזונגען, אויפגעכאַפּט לאָזונגען, געזונגען און אונטערגעכאַפּט דאָס געזאַנג אין דער לופטן און געטראָגן אים ווייטער אין די הינטערשטע רייען. אַ רגע און נאָך אַ רגע, און מאַקס איז שוין געווען אין מיטן פון אַ גרויסן ים פון מענטשן.

דאָ און דאָרטן זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט פּאָליציי. דאָ און דאָרטן זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט שטערער אַרום איינצלנע שעפּער; מען האָט שוין אַרעסטירט אַרבעטער, פּאָליציי־וועגענער זיינען מיט געקלאַנג און בראַזגעריי געלאָפן איבער דער גאַס. פּאָליציי אויף פערד און מאָטאָציקלעטן האָבן געשטערט, צעשפּאָלטן די קאָלאָנעס, געטריבן פון איין טראָטואַר צו דעם צווייטן, אָבער די קאָלאָנעס האָבן זיך ווידער פאַראייניקט.

ניט אַלע שעפּער האָבן זיך אָפּגערופן אויפן שטרייק־רוף. מ׳האָט זיי באַדאַרפט צווינגען אַרונטערצוגיין. פּייוול גאָלדיס האָט די שעפּער אָנגע־רופן ביי די נעמען. מאַקס האָט אין איינעם פון די שעפּער געאַרבעט. ער האָט געקענט די אַרבעטער, דעם באָס און די פאָרלייט. ער האָט געטראָגן אויף זיי אַן אַלטע שנאה. אַן אַלטער ווייטיק האָט אַ ברען געטאָן זיין האַרץ. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב דאָרטן געאַרבעט. גרינערהייט האָב איך דאָרטן געאַרבעט.

— נו?

— אַ ביטערער שאָפּ...

גאָלדיס האָט געזאָגט:

— ניטאָ קיין גוטע שעפּער, מאַקס. אַט שטרייקן מיר דאָך.

זיי האָבן מאַרשירט שווייגנדיק. פּייוול האָט געזאָגט:

— הער, דו זאָגסט, אַז דו האָסט געאַרבעט אין דעם שאָפּ. מיר גייען באַלד אַהין אַראָפּנעמען די אַרבעטער. ווילסט מיטגיין?

מאַקס האָט זיך שטאַרק פאַרלוירן. ער איז געשטאַנען ביי אַן אַנטשיידנדיקער פּראָבע. ער האָט אַ ווילע געשוויגן און געזאָגט:

— גוט, איך וועל גיין...

פּייוול האָט אויף אים ערנסט אַ קוק געטאָן און געזאָגט:

— שרעק זיך ניט. עס גייען מיט אונדז אַזעלכע יאַטן, אַז ס׳וועט זיך אָפּטאָן... און דו וועסט אויך צו נוץ קומען. דו קענסט דעם שאָפּ...

ער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און ביידע האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער קאַלאָנע, האָבן זיך דורכגעשטופּט צווישן אַ מאַסע מענטשן און זיינען אַוועק צום ראָג פון דער גאַס. אויפן וועג האָט פּיוול אויסגעפרעגט מאַקסן וועגן דעם שאַפּ, וועגן טירן און אַרויסגאַנגען, וועגן דעם אָפיס און די מענטשן אין אָפיס.

אויפן ראָג האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט נאָך מענטשן, קרעפטיקע פריילעכע יונגען, מיט ברענענדיקע אויגן. זיי האָבן אַ קוק געטאָן מיט אומצוטרוי אויף מאַקסן. אָבער פּיוול האָט שוין צו זיי אַ זאָג געטאָן:

— ער וועט אויך גיין מיט אונדז. ער האָט געאַרבעט אינעם שאַפּ. ער ווייסט אַלע וועגן און אויסוועגן, וועט אונדז צו נוץ קומען...

מאַקס האָט באַמערקט ווי פּיוול האָט צו זיי אַ וואונק געטאָן. עס זיינען באַלד צוגעקומען נאָך עטלעכע אַרבעטער. צוזאַמען זיינען זיי געווען אַ מאַן צען. מ׳האָט אַוועקגעאיילט צו דעם באַשטימטן שאַפּ. מאַקס איז כמעט נאָכגעלאָפן. ער איז געווען נערוועז. דאָס האַרץ האָט געקלעמט מיט מורא. ער האָט דערפילט אין זיך אַ וואקלעניש, אַ ראַנגלעניש אַזאַ, וואָס איז אין אים אַנטשטאַנען מיט איין מאָל אין אַלע אברים. ער האָט זיך געווענדעט מיט אַ געפּאַלענער שטים צו פּיוולען:

— איך... איך מוז איצט גיין אַהיים. מיין קליין קינד איז זייער קראַנק... איך האָב זייער מורא פאַרן קינד. שוין טעג, אַז עס ברענט ווי אַ פייער... גייט אויס אויף אונדזערע הענט...

פּיוול האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַן אָפענעם בליק, געזאָגט:

— נו, גוט. מירן אַליין גיין... און דו גיי טאַקע אַהיים. און דאָס קינד איז טאַקע זייער קראַנק?

— זייער קראַנק... אַ מאָל דוכט זיך מיר, אַז ער וועט אונדז, חלילה, אַוועקשטאַרבן...

— און אַ דאָקטאָר האָט איר צו אים גערופן?

— כ׳וועל קומען אַהיים, וועל איך גלייך רופן...

פּיוול האָט אַ רגע געטראַכט:

— כ׳וועל איך באַלד צושיקן אַ דאָקטאָר. ביי אונדז איז דאָ אַ דאָקטאָר, אַ גוטער חבר, אַן אונדזעריקער... וועט ניט נעמען קיין געלט ביי אַ שטרייקער. נאָך דער דעמאָנסטראַציע וועל איך טעלעפאָנירן, און אין אָוונט וועט ער ביי אייך זיין. אָפּגעמאַכט.

די גרופּע אַרבעטער, וואָס איז מיט זיי געגאַנגען, זיינען געוועז ווייט פּאַרויס. פּייוול האָט אַ מאַך געטאָן צו מאַקסן מיט דער האַנט און מיט שנעלע טריט נאָכגעיאָגט די חברים. מאַקס האָט זיי אַלעמען נאָכגעקוקט, געקוקט מיט ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט צו פּייוולען, וואָס האָט אין איין רגע אַרויסגעוויזן צו אים אַזאַ פאַרשטענדעניש.

ער האָט אין אָנהייב געטראַכט, אַז איצט קאָן ער שוין גיין אַהיים, אָבער ס'איז נאָך געווען זייער פרי. ער האָט זיך נאָך אַ מאָל אומגעקערט צו דער פּיקעט־דעמאָנסטראַציע, זיך אַריינגערוקט צווישן די מאַרשירנדיקע און זיך ווידער דערפילט ווי איינער פון אַ סך.

די דעמאָנסטראַציע איז אָנגעגאַנגען היפּשע עטלעכע שעה. מ'האָט געזונגען לידער. מ'האָט אויסגעשריען לאָזונגען — ערנסטע און אויך שפּאַסיקע, פון וועלכע דער עולם האָט געלאַכט. פון דעם איז געווען פריילעך. און דאָ זיינען אָנגעקומען ידיעות, אַז נייע שעפּער האָט מען „אַרונטערגענומען" אין שטרייק. אַ סך מענטשן זיינען אַרעסטירט געוואָרן. די גאַסן אין דעם „גאַרמענט"־צענטער זיינען געווען אויפגעלעבט מיט אַ ניי לעבן, מיט קאַמף־לידער, מיט לאָזונגען און מיטן לעבן פון יוגנט און אַרבעט.

נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צו די שטרייק־לאָקאַלן. דאָרטן האָט מען אויסגעהערט דערמוטיקנדיקע רעדעס. און ווידער איז ביי מאַקסן אין האַרצן געווען אַ גרויסער יום־טוב.

אָבער דער יום־טוב האָט ניט לאַנג געדויערט. אַלע האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים. מאַקס איז אויך געגאַנגען.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען גרויסע, רייך־אויסגעפּוצטע געשעפטן. די רייכע וויטרינעס האָבן אַ גלאַנץ געטאָן און צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַקוקט די פּרעכטיקע זאַכן אין די וויטרינעס.

מאַקס האָט באַוואונדערט די שיינקייט. אָבער די שיינקייט איז געווען אַ פרעמדע. פרעמד רייכטום און פרעמדע שיינקייט. ער וועט עס קיין מאָל ניט דערגרייכן.

אַן אומרו איז באַפאַלן זיין געמיט. אַ פּיין האָט געדריקט דאָס האַרץ. האָט ער זיך אָפּגערוקט פונעם פענצטער אַן אומעטיקער און אַוועקגעלאָזט זיך גיין אַהיים. געגאַנגען לאַנגזאַם, מורא געהאַט פאַר דער היים. ניט געאיילט זיך, ווייל עס איז שוין געווען אַ זיכערקייט אַזאַ אין האַרצן, אַז

דאָרטן וועט אים באַגעגענען ביטערניש און אומגליק. אַ זיכערקייט, וואָס האָט אים קיין מאָל ניט אָפּגענאַרט.

ער האָט געטראַכט פונעם קראַנקן קינד. ער האָט געטראַכט פונעם ווייב.

ער איז אַריין אין הויז שטיל, ווי אַ גנב, ניט אויסגעטאָן דעם מאַנטל און גלייך אַריין אין שלאָפצימער. דאָרטן איז אינעם קליינעם בעטל געלעגן דאָס קינד. עס איז געווען אין אַ שווערן פיבער. פון אים האָט געטראָגן אַ היץ. מאַקס האָט זיך איבער אים איינגעבויגן און זיך דערשראָקן. עס איז איצט געלעגן מיט אַ פאַרוואָרפן קעפּל און ציטערדיקע אויגן-לעפּלעך, מיט אַ כריפּ געצויגן דעם אָטעם. אַ פינצטערע בלייכקייט איז געווען אויסגע־גאָסן אויף דער הויט פונעם אויסגעדאַרטן פּנימל און אויף די דינע הענטלעך.

מאַקס האָט ניט געקאָנט אָפּרייסן זיינע אויגן פון פיבערדיקן קינד. אין אים האָבן זיך געראַנגלט אַלערליי געפילן. עס האָט זיך אים געוואָלט פאַלן לעבן בעטל אויפן דיל און יאָמערן, יאָמערן אָן אויפהער און אָן טרייסט, אַזוי פיל איז געווען דאָס האַרץ מיט ווייטיק.

באַלד איז אויך אַריינגעקומען די ווייב. אירע אויגן זיינען געווען געשוואָלן און דאָס פּנים פאַרדעכטיק רויט. זי האָט זיך מיט אַ מאָל צעכליפּעט:

— ווי איז מיר!... ווי איז דער מאַמען! קינד מיין טייערער!

פון אירע רייד איז געווען ביטער ביזן טויט. מאַקס איז געשטאַנען און געוויינט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. מיט גרויס שולדיקייט אין קול געזאָגט:

— באַלד וועט קומען אַ דאָקטאָר... פּייוול האָט צוגעזאָגט צו שיקן אַ דאָקטאָר...

עס איז אים געווען אַ רחמנות אויף דער ווייב. אַ רחמנות און אַ ליבשאַפט. זי האָט ניט געענטפערט, ווי ניט געהערט זיינע רייד. געשטאַנען איבערן בעטל פון קינד און געוויינט. מאַקס האָט מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן, אַרויס פון צימער. לאַנגזאַם, מיט שווערקייט איבערגעשטעלט די טריט און ניט געוואוסט וואוהין ער גייט. די מידע פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט, ווי זיי וואָלטן אַליין פאַר זיך געזוכט אַ שטרויכלונג.

ווי ער איז אַרויס פון צימער, האָט ער דערהערט ווי אימעצער קלאַפּט

אין דער טיר. דאָס איז געווען דער דאָקטאָר. מאַקס האָט זיך דערפֿרייט. ווי פֿון אים וואָלט איצט געקאָנט קומען די הילף. און ער איז געקומען אין דער צייט צו געבן די הילף.

מאַקס האָט אים אַריינגעפֿירט אין שלאָפֿצימער, געזען, אַז ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ געוויינלעכן יידישלעכן אויסזען, נאָך גאָר אַ יונגער מענטש. און גערעדט האָט ער יידיש ווי ער — מיט אַן אוקראַינישער אויסשפּראַך.

דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן בעטל און לאַנג געקוקט אויפֿן קינד. מאַן און ווייב זיינען געשטאַנען אַן אַ זייט און געוואַרט. געוואַרט מיט אומגעדולד, ווי אויף אַ נס. אָבער דער דאָקטאָר איז געווען רואיק און זיך אַפֿילו ניט איינגעבויגן איבערן קינד. דאָס איז געווען מאָדנע. מאַקס האָט צוגעטראָגן דעם דאָקטאָר אַ שטול, און יענער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַלץ ניט אויפֿגעהערט צו קוקן אויפֿן קינד און שווייגן. דאָס האָט געשראָקן. עס איז געווען פֿאַרדראָסיק אויפֿן דאָקטאָר. דאָס קינד איז אויסגעגאַנגען פֿאַר זיינע אויגן, און ער איז געזעסן און קיין זאַך ניט געטאָן, ווי ער וואָלט גאָר ניט געוואָלט העלפֿן, ניט געוואָלט ראַטעווען.

האָט שוין מאַקס געזאָגט:

— דאָקטאָר, איך בעט אייך, ראַטעוועט...

יענער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן. און עס איז ניט געווען קלאָר זיין בליק; אין אים איז געווען סוד. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

— דעם קינד קאָן מען ניט העלפֿן. אין דער סאַמע לעצטער מינוט רופֿט איר אַ דאָקטאָר...

אין דעם דאָקטאָרס קול איז געווען פֿאַרדראָס און בייזקייט. איצט איז געווען קלאָר, אַז דער דאָקטאָר איז גערירט און אויפֿגערעגט פֿונעם בילד.

מאַקס האָט מיט טרערן אין די אויגן נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— דאָקטאָר, ראַטעוועט מיין קינד...

און צוליב עפּעס צוגעגעבן, ווי דאָס וואָלט געקאָנט העלפֿן:

— איר זעט דאָך אַליין... די ווייב אויף דער־צייט... און איך שטרייק איצט...

דער דאָקטאָר האָט געענטפֿערט:

— יאָ. גאָלדיס האָט מיר אַלץ דערציילט. און שרעקט זיך ניט, —

כ׳וועל ביי איך קיין געלט ניט נעמען... פאַרן קינד וועל איך אייך עפּעס איבערלאָזן, אַ מעדיצין, אָבער...

ער איז אויפגעשטאַנען, אָנגענומען דאָס קינד פאַרן הענטל, אַ ווײַלע געהאַלטן. נאָכדעם אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס טרײַבל מיט די גומענע רערן, אָנגעשטעקט זיי אין די אויערן און צוגעהערט זיך צום קינדס ברוסטל איין מאָל און אַ צווייט מאָל. נאָכדעם געזאָגט אַביסל נאָכלעסיק:

— און ווען דערוואַרט איר...

און ער האָט אַ וואונק געטאָן אין דאָבעס ריכטונג.

מאַקס האָט אַ קוק געטאָן אויף דאָבען און געזאָגט:

— מיר דערוואַרטן יעדן טאָג. היינט־מאָרגן — ווער ווייס ?...

דער דאָקטאָר האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט, ווידער געקוקט אויפן קינד און געהיט זיין אָטעם. אַ לאַנגע צייט ניט אַוועקגעגאַנגען. אויפגעהויבן זיך און צוגעגאַנגען צו דאָבען:

— אַז איר וועט דערפילן אַ ווייטיק, טעלעפאָנירט צו מיר. כ׳וועל קומען... כ׳וועל אייך באַשטאַטן אין אַ שפּיטאָל... און וואָס זאָל דאָ ניט פּאַסירן — האַלט זיך רואיק, איר הערט, — פאַרלירט ניט דעם קאָפּ. אייער געזונט איז איצט זייער וויכטיק.

ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט. דאָבע האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעווישט די אויגן און געבליבן זיצן אויפן בעט. איצט האָבן אַלע געוואָרט, אַז דער טויט זאָל אַריינקומען און אַוועקנעמען דאָס קינד. דאָס קינד האָט זיך געמאַטערט צו כאַפּן דאָס ביסל אָטעם און ניט געקענט. און אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז דער טויט איז שוין טאַקע דאָ געווען אין צימער און האָט אויך געוואָרט אויף דער לעצטער רגע.

ענדלעך האָט זיך דער דאָקטאָר אויפגעהויבן, אַרויס אין קיך, אָפּגעוואַשן די הענט און דערלאַנגענדיק מאַקסן די רפואה, געזאָגט קורץ:

— גיט אים יעדע שעה אַ לעפעלע... איך וועל ביי אייך זיין אַרום צען ביינאַכט... כ׳וועל זיכער קומען. און זייט אַ מענטש — וואָס עס זאָל ניט זיין.

ער האָט מיט אַ שנעלער באַוועגונג אַ כאַפּ געטאָן דאָס רענצל מיט די דאָקטאָרישע מכשירים און אַרויס.

6

אין אָוונט איז דאָס קינד געשטאָרבן. אין הויז איז געווען אַ צערודער־רונג. שכנות זיינען זיך צונויפגעלאָפן און געכליפּעט. דאָבע האָט זיך געוואַלגערט אין בעט, געקייקלט דעם גרויסן בויך פון איין זייט אויפן אַנדערן און ביטער געיאָמערט. די צעשראָקענע קינדער האָבן זיך געטוליעט אין קיך און האָבן געוויינט. מאַקס האָט זיך אַרומגעדרייט אין הויז און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, געווען איבערגעשראָקן און פאַרלוירן.

און באַלד, כמעט די זעלביקע שעה, איז דאָבע פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן און פאַרטרויט די שכנות, אַז זי גייט צו קינד. זי האָט געשריען אויפן קול, געכאַפּט זיך פאַרן בויך, און מאַקס האָט ניט געוואוסט, צי זי יאָמערט נאָך אַלץ אויפן קינדס טויט, צי פון די געבורט־ווייען. עס איז געווען שווער אַריבערצוטראָגן: אָט איז דאָ געלעגן דאָס טויטע קערפּערל און אָט איז געגאַנגען צום לעבן זיינס אַ קינד צו פאַרנעמען זיין אָרט.

נאָכדעם איז אין הויז אַנטשטאַנען אַ נייער געטומל. אַרום דער ווייב האָבן זיך געפּאָרעט די שכנות. מענטשן זיינען אַוועק און געקומען. אין הויז איז געווען ענג און טומלדיק. די ווייבער האָבן אַרויסגעשטופּט מאַקסן אין קיך, און איידער וואָס־ווען איז שוין, אַן איינגעוויקלטע אין שמאַטעס, ביי דער ברוסט פון דער מאַמען געלעגן אַ פּיצל קינד, אַ מיידעלע, און געצויגן אין זיך לעבן. אַ טויט קינד איז געלעגן, אַן אָפּגעריסן פון דער מאַמען; אַ צווייט קינד, אַ לעבעדיקס, האָט געצויגן אין זיך מיטן מיילכל דעם זאַפט פון לעבן. די פרעמדע מענטשן האָבן זיך געפּאָרעט אַרום מאַמע און קינד, געהאַוועט איבער אַלע קליינינקייטן, נאָר מאַקס איז געווען ווי אַן איבעריקער.

שפּעט אין אָוונט איז דער דאָקטאָר געקומען.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַרומגעקוקט און אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט עס דערוואַרט. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס'רעקל, פאַרקאַשערט די אַרבל און אַוועקגעשטעלט זיך וואַשן די הענט. נאָכדעם אַריין אין שלאָף־צימער צו דער געווינערין, אַוועקגעזעצט זיך ביי איר אויפן ברעג בעט און שטיל גערעדט, פאַנאַנדערגעפרעגט, געגעבן עצות. דאָבע איז איצט געווען אַ רואיקע. לעבן איר איז געלעגן דאָס ניי־געבוירענע מיידעלע און געשמאַק געשלאָפן.

דער דאָקטאָר האָט געהייסן אַריינרופן די „נעקסדאַריקע", וואָס האָט זיך אָממערסטן אָפּגעגעבן מיט דער קימפּעטאָרין און מיט איר גערעדט ווי וויכטיק ס'איז אָנצוהאַלטן אַבסאָלוטע ריינקייט. מאַקסן האָט ער אַוועקגעשיקט אין אַפּטייק איינצוקויפן דעזינפעקטאַנטן און געוויזן דער שכנה, וואָס צו טאָן. ער האָט אויך, ווי איינער פון דער משפחה, געהאָלפן מאַקסן אַרויסנעמען פון שלאָפצימער די איבעריקע זאַכן, כדי דאָ זאָל זיין גראַמער און געעפנט דאָס פענצטער, ס'זאָל אַריינקומען פרישע לופט. און דעם מת האָט ער אויפגעהויבן פונעם בעטל און אַזוי ווי ער איז געווען איבערגעדעקט און איינגעוויקלט אין שמאַטעס, אַרויסגעטראָגן אין קיך, אַוועקגעלייגט אויף צוויי שטולן. די קינדער האָט ער געהייסן אַרויסשיקן נעכטיקן צו די שכנים. און ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרזאָרגט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָנשרייבן דעם טויט-סערטיפיקאַט און אויך דעם געבורט-סערטיפיקאַט פאַרן ניי־געבוירענעם קינד.

דער דאָקטאָר איז ניט אַוועקגעגאַנגען ביז ער האָט געוואוסט, צו וועלכער לאַנדסמאַנשאַפט סאָסייעטי מאַקס באַלאַנגט און ווי די לוויה וועט באַזאָרגט ווערן; געפרעגט אַפילו, צי ער קאָן ניט זיין בייהילפיק מיט געלט, וויל: — אַפילו שטאַרבן קאָסט דאָ געלט אין אַמעריקע... אַ שטרייקער קאָן דאָך אוודאי ניט „אַפּראָדן" עס...

פון דער היימישער האַלטונג איז מאַקסן געווען לייכט מיטן דאָקטאָר. ער האָט מיט אים גערעדט ווי מיט אַ נאָענטן מענטשן, און ווען ער איז אַוועק, איז געוואָרן לייכטער, גראַמער. ס'איז ניט געווען אַזוי שווער צו וואַרטן אויפן מאָרגנדיקן זייער שווערן טאָג.

7

אויף מאָרגן האָט מאַקס, אויף זיינע אייגענע הענט, אָפּגעטראָגן דאָס טויטע קינד, וואוהין מ'האָט באַדאַרפט. נאָכדעם, אויפן בית־עולם, האָט ער מיט די אייגענע אויגן צוגעקוקט, ווי מ'האָט זיין ביסל איבערבלייבעכץ אַרונטערגעלאָזן אינעם קליינעם קבֿרל, און ווי פרעמדע הענט האָבן אין גרויס איילעניש פאַרוואָרפן זיין געביין מיט פולע לאָפּעטעס ערד. און ס'איז געווען אַזוי ווי מ'וואָלט אים אַליין דאָ פאַרשאָטן.

אַז ער האָט זיך נאָכדעם צוריקגעקערט אַהיים, איז ער אַריינגעקומען

אין שלאָפצימער צו דער געווינערין אַ באַרואיקטער. אין דער היים איז געווען אַ סך זאַכן צו טאָן. דאָבען איז שווער געווען צופרידנצושטעלן. זי האָט זיך מיט אים געשאָפט ווי מיט אַ יינגל. זי איז געווען קרענקלעך, פאָדערנדיק, געיאָגט אים פון איין שכנה צו דער אַנדערער.

די טעג זיינען געלאָפן שנעל. איידער ער האָט זיך אַרומגעזען, איז שוין די וואָך אַריבער. פון דער צייטונג, וואָס ער האָט געקויפט יעדן טאָג, האָט ער געוואוסט, אַז דער שטרייק איז נאָך אָנגעגאַנגען. אַ סך אַרבעטער זיינען צעשלאָגן געוואָרן, אַ סך האָט מען אַרעסטירט.

צו יענער צייט איז די קימפעטאָרין אויך אַרויס פון בעט און זי האָט אָנגעהויבן טרייבן מאַקסן פון הויז:

— ביז וואַנען וועסטו אַזוי זיצן אין הויז, מאַקס? ביז דער לענדלאָרד וועט אונדז אַרויסוואַרפן אין דרויסן?

מאַקס האָט זיך פאַרענטפערט:

— ביסט דאָך די גאַנצע צייט געלעגן אין בעט, אימעצער האָט דאָך אויף דיר באַדאַרפט אַכטונג געבן, און אויך אויף די קינדער... מאָרגן גאַנץ פרי וועל איך אַרויסגיין זען וואָס עס טוט זיך אין מאַרקעט.

זי האָט קאַטעגאָריש געזאָגט:

— זאָלסט אַרויפגיין אין שאָפ און שטעלן זיך אַרבעטן. זאָלן זיי זיך שטרייקן. דו הערסט, וואָס מ׳זאָגט דיר? גיי צום באָס און דערצייל אים, וועט ער דיך אַרויפנעמען.

ער האָט זיך פאַר אירע רייד איבערגעשראָקן.

— הייסט עס, אַז דו ווילסט איך זאָל סקעבן? ווייסטו וואָס דו רעדסט?

— נו, און וואָס וועלן דיינע קינדער עסן? און ווער וועט פאַר דיר צאָלן רענט? וועסט ביי מיר קייען די ערד און גיין צום באָס בעטן רחמים... וועסט ביי מיר זיין אַ טאַטע פון דיינע קינדער...

ער האָט ניט געוואָלט פאַרבינדן אַ קריג; געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— זיי וועלן מיך דערהרגענען... אַ סוף!

אויף אַ ווײַלע האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז אפשר איז די פרוי גערעכט. אין הויז איז קיין געלט ניט געווען. אַז דער לענדלאָרד זאָל, חלילה, אַרויסוואַרפן די בעבעכעס אויף דער גאַס, וועט טאָקע ניט זיין וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן...

אויף מאָרגן איז ער אַרויס זייער פרי. ס׳איז נאָך געווען זייער פינצטער. עטלעכע שכנים, אויך שוואַר־אַרבעטער, זיינען מיט אים אַראָפּגעגאַנגען די טרעפּ, נאָכגעפּרעגט זיך אויף דאָבען, אויפן ניי־געבוירן קינד. פאַנאַנ־דערגעפרעגט וועגן שטרייק.

ער האָט געזען ווי דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן. טירן האָבן געסקריי־פּעט און געקלאַפּט. פון אַלע הייזער זיינען געגאַנגען מענטשן. מילך־טרעגער זיינען אַרומגעלאָפן מיט דראָטענע קערבלעך און צעשטעלט די פלעשער אין די הייזער, ביי די טירן.

מאַקס האָט געטראַכט, אַז גיין איז ניט געווען וואוהין און נאָך וואָס. די נויט האָט אים אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס. אָבער דער שטרייק איז נאָך ניט געווען „געסעטלט״, קיין אַרבעט וועט ער ניט געפינען און סקעבן, האָט ער באַשלאָסן, וועט ער ניט. דאָס וועט ביי אים איצט קיינער ניט אויספירן.

אָבער ווי לאַנג קאָן אַ מענטש בלייבן שטיין ביי דעם אייגענעם הויז, ווען ער זעט, ווי פון אַלע הייזער גייען אַרויס אַרבעטער מיט פּאַפּירענע זעקלעך אונטער די אָרעמס און איילן זיך צו דער סאָבוועי און צום עלעוועיטער ? אַלע האָבן זיך געאיילט. האָט זיך מאַקס אויך אַוועקגעלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון זיין שאַפּ.

די גאַס איז געווען אַ פינצטערע און די מענטשן זיינען געווען פינצטערע. טונקעלע געשטאַלטן האָבן אים דעריאָגט און אַריבערגעיאָגט. פון פינצטערע אָרעמע היימען האָבן מענטשן געאיילט צו פרעמדע שוועלן צו פאַרדינען אויף ברויט פאַר קינדער, אויף אַ קלייד אין קאַלטע ווינטער־טעג. דער טאָג איז אויפגעגאַנגען מיט זאָרג פאַר די, וואָס האָבן באַדאַרפט שלעפּן די שווערקייט פון לעבן, מיט זאָרג און מיט אַרבעט.

אין דרויסן איז געווען ווינטער. דער קויטיקער שניי איז געלעגן אויף די בלאָטיקע גאַסן. אַ גרויע קעלט איז אַרומגעקראָכן, איבער דער גאַס, דורכגענומען די ביינער מיט ציטער. מענטשן האָבן זיך געטוליעט אין די קליידער, געקאָרטשעט זיך, אויסבאַהאַלטן זיך אין דער וואַרעמקייט פונעם אייגענעם קערפּער. די פרימאָרגנדיקע גראָקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון הימל און מיט שטאַרע אויגן אַריינגעקוקט די איילנדיקע מענטשן אין די אויגן און געגליווערט די בלוטן מיט גראָקייט און מיט שווערקייט.

מאַקס איז אָנגעקומען אין צענטער פון די שעפּער נאָך זייער פרי.

קליינע גרופעס שטרייקער האָבן זיך געזאמלט דאָ און דאָרט, נאָך ניט געבונדן, ניט אָרגאַניזירט; מאַקס איז צוגעגאַנגען צו די און צו יענע און צווישן זיי ניט געטראָפן קיין באַקאַנטע, — האָט ער זיך געפילט פרעמדלעך און פאַרלוירן, ניט געוואוסט, צי דאָס זיינען געווען אַרבעטער פונעם אייגענעם פאַך, צי גאָר פון אַנדערע פאַכן, און פאַנאַנדערפרעגן האָט ער עפּעס מורא געהאַט.

מאַקס האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער גאַס און געטראַכט, אַז ס'וואָלט זייער גוט געווען, ווען פּיוול וואָלט אַנטקעגנגעקומען מיט זיין חבֿרישקייט, מיט זיין מענטשלעכקייט און מיט זיין גוטער עצה. און אַזוי אַרומגייענדיק אָן ציל האָט מאַקסן אַ צי געטאָן פאַרבייצוגיין דעם אייגענעם שאַפּ. עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דער געביידע. עס איז דאָך געווען זיין שאַפּ. ער האָט דאָרט אַ היפּשע צייט אָפּגעאַרבעט, אַוועק־געלייגט כוחות. אַזאַ פאַרלאַנג איז דאָס געווען, צו זען דעם שאַפּ, וואָס מאַקס האָט אים בשום אופן ניט געקאָנט באַהערשן אין זיך. געגאַנגען מיט איינגעהאַלטענע טריט, אָבער געוואוסט, אַז ער וועט אַהין אָנקומען. דערזען דעם שאַפּ, און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן. אָט איז ער, דער שאַפּ. דאָ האָט ער אַוועקגעגעבן אַ שטיק פון זיין לעבן. אָן אומעט און אָן פאַרדראָס האָט אַ נאָג געטאָן זיין האַרץ. די געבײדע האָט גערופן צו זיך. צוגעגאַנגען נענטער. אַלץ אַרום דער געביידע איז געווען באַקאַנט. דורך אָט דער דרויסנדיקער טיר איז ער טויזנטער מאָל דורכגעגאַנגען, אַהין און צוריק. און דער לאַנגער קאָרידאָר און די פאַרשטויבטע פענצטער אויפן צוועלפטן שטאָק, וואו עס האָט זיך געפונען דער שאַפּ. אַלץ איז געווען אַזוי נאָענט. אָט בלויז אַריינצוגיין אינעם קאָרידאָר, אַוועקשטעלן זיך אין ליפט און זאָגן איין וואָרט „צוועלף", און ער וועט אַרויפפליען אין שאַפּ. און עס וועט זיין אַלץ ווי געווען... עס וועלן אָפּגעווישט ווערן די פאַרלאָפענע טעג ביי זיך אין דער היים, אין מיטן פון אַ באַרג צרות און זאָרג, צווישן ווייב און קינדער, און ס'וועט אפשר אויך פאַרגעסן ווערן דאָס פאַרשטאַר־בענע קינד, זיין אייגן פלייש און בלוט...

דאָס האָט געשראָקן. ס'איז אים פון דעם געווען אומעטיק. מאַקס האָט פון דעם אַפילו ניט געקאָנט טראַכטן, ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַזוי אומקלאָר איז אַלץ געווען. און אַזוי האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם שאַפּ. בלויז אויף איין רגע זיך אָפּגעשטעלט, כדי גלייך נאָך דעם, אַוועק־

צוגיין ווייטער און דאָרטן פאַראייניקן זיך מיט די, וואָס זיינען אָנגעקומען אויף דער גאַס דורכצופירן אַ פּיקעט־דעמאָנסטראַציע. בלויז אויף איין ווײַלע האָט זיך מאַקס אָפּגעשטעלט אַ קוק צו טאָן אַרויף צו דעם צוועלפטן שטאָק, אָבער ער האָט דערהערט זיין נאָמען הינטער זיך:

— האַלאָ, מאַקס!

און דאָס קול, וואָס האָט אים אָנגערופן ביים נאָמען, איז געווען אַ באַקאַנט קול, דעם פאַרמאַנס קול. און דאָס קול האָט איבערגעשראָקן מאַקסן. ער האָט דאָס קול אַלע מאָל זייער פיינט געהאַט, און איצט איז עס געפאַלן ווי אַ קויל גלייך אין האַרצן אַריין. מאַקס האָט זיך פאַרלוירן, ווי מ׳וואָלט אים געכאַפּט ביי גניבה. אַזאַ אומאָנגענעמע באַגעגעניש האָט ער ניט דערוואַרט.

דער פאַרמאַן האָט אים אויסגעצויגן זיין האַנט און פריינטלעך, געזאָגט:

— האַלאָ, מאַקס! וואָס מאַכסטו און ווי גייט עס דיר?

מאַקס האָט אויסגעצויגן זיין האַנט און געפילט, אַז די האַנט ציטערט שטאַרק אין דער פרעמדער קרעפטיקערער האַנט. אָבער קיין וואָרט אויף יענעמס באַגריסונג האָט מאַקס טאַקע ניט געפונען. האָט דער פאַרמאַן געזאָגט:

— ס׳איז גוט, וואָס דו ביסט דאָ, מאַקסל. כ׳האָב זיך געקליבן דיך צו באַזוכן אין דער היים, בין אָבער געווען „ביזי״. ווייסט דאָך ווי דאָס איז: — כ׳בין דער איינציקער באַלעבאָס אין שאָפּ. אַרבעט איז דאָ גענוג... ס׳איז אַ שטרייק. און די כאַליעריעס האָבן אַרונטערגענומען אַלעמען. קיין איין מענטשן ניט איבערגעלאָזט. מיט געוואַלד אַרונטערגענומען... יאָ, האָב איך דיך טאַקע געוואָלט זען. איז וואָס שטייען מיר אין דרויסן? — קום אַריין מיט מיר אין קאָרידאָר. כ׳האָב דיר וואָס צו זאָגן...

מאַקס האָט זיך שטאַרק געקווענקלט. זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרומט אין אַ פיינלעכער גרימאַסע, און ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

דער פאַרמאַן האָט עס גלייך באַמערקט און גוט־ברודערלעך אויסגע־מוסרט אים דערפאַר:

— אַ מאָדנער מענטש ביסטו, מאַקס. בלויז אַ פּאָר ווערטער דיר געוואָלט זאָגן. דאָס אַלץ. וועסט אויסהערן, וואָס איך וועל דיר זאָגן, און קאָנסט זיך גיין, געזונטערהייט, וואוהין דו ווילסט. ווער דאַרף דיך? אַזאַ נאַרישער קאָפּ... האָב קיין מורא ניט.

ער האָט אָנגענומען מאַקסן אונטערן אָרעם. איצט איז שוין ניט געווען קײַן אַנדער ברירה. מאַקס איז אים נאָכגעגאַנגען. אין קאָרידאָר האָט זיך דער פאַרמאַן אַרומגעקוקט, זיך אָוועקגעשטעלט ניט ווייט פון דעם עלע־וועיטאָר און געזאָגט צו מאַקסן:

— ס׳איז דאָ ניט זיכער, מאַקס, חברה וועט דיך באַמערקן מיט מיר — וועט זיך טאָן חושך...

די טיר צום דרויסן האָט זיך יעדע רגע געעפנט און מענטשן זײַנען אַרײַנגעקומען. און יעדעס מאָל, וואָס די טיר האָט זיך געעפנט, האָט מאַקס באַמערקט, ווי מאַסן אַרבעטער שטראָמען פאַרביי איבערן טראָטואַר. אפּנים, אַז מ׳האָט זיך געקליבן צו דער דעמאָנסטראַציע. פון מורא און אָנשטרענגונג האָט ביי מאַקסן דאָס האַרץ שטאַרק געקלאַפּט. אין קאָרידאָר זײַנען אַרײַנגעקומען אַלץ מער און מער מענטשן. זיי זײַנען איילנדיק געלאָפן צום ליפט, דער אָפענער ליפט האָט זיי אײַנגעשלונגען און אַוועק ערגעץ אין דער הייך און צוריקגעקערט זיך צוריק אַ ליידיקער.

דער פאַרמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט פאַרדעכטיק, פאַרזיכטיק געווענדעט זײַנע אויגן אין אַלע זייטן, און צו מאַקסן האָט ער זיך צוגעבויגן און ווי אײַנגערוימט אים אַ סוד:

— איך האָב קיין מורא ניט. מיר קאָנען זיי גאָרניט ניט טאָן. איך האָב מורא — פאַר דיר. פאַרוואָס זאָלסטו אַרײַנפאַלן?... עס פעלט דיר נאָר אַרײַנצופאַלן אין זייערע הענט. אמתע מערדער!... לאָמיר בעסער אַרויפפאָרן אויבן. דאָרטן איז קיינער ניטאָ. מיר וועלן זיך דורכריידן, און אַז דו וועסט וועלן אַוועקגיין, וועל איך דיך אַרונטערשיקן מיטן פראַכט־עלעוועיטאָר. קיינער דאַרף פון דעם ניט וויסן...

מאַקסן זײַנען פון דעם פאַרמאַנס רייד די בלוטן אײַנגעפאַלן. ער האָט דערפילט די באַקאַנטע שוואַכקייט אין די פיס און אַ נאָגעניש אינעם האַרצן. און טראַכטן האָט ער קיין צייט ניט געהאַט. דער פאַרמאַן אָט אים שנעל אַרײַנגעשטופּט אין דעם אָפענעם מויל פונעם ליפט, אַ וואונק געטאָן צו דעם עלעוויעטאָר־מאַן, און איידער וואָס־ווען, האָבן זיי זיך שוין געהויבן שנעל־שנעל אין דער הייך, פאַרבייגעשלייכט די נומערן פון גאָרנס און זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט אויפן גאָרן, וואו ס׳איז געווען דער שאָפּ.

דער פאַרמאַן איז אַרויס דער ערשטער. מאַקס איז אים נאָכגעגאַנגען.

ער איז געווען צעטומלט. געגאַנגען ווי צו דער שחיטה, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און אַ צערודערטן געמיט, אַ בלייכער ווי צום חלשן.

אין שאָפּ איז געווען מוראדיק שטיל. אַזוי שטיל איז נאָך דאָ קיינמאָל ניט געווען. די מאַשינען זיינען געשטאַנען איבערגעדעקטע מיט טונקעלע טיכער, ווי מתים.

מאַקס האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז דער שאָפּ איז פֿאַרוואָרלאָזט און אַז אַלע זיינען אין שטרייק. אַלע... און ער איז געווען דאָ, מיטן פֿאָרמאַן. ער מיטן פֿאָרמאַן... אָבער לאַנג טראַכטן איז אויך ניט געווען קיין צייט. דער פֿאָרמאַן האָט אים אַריינגעפֿירט אין אָפֿיס. ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. דער פֿאָרמאַן האָט געזאָגט:

— זעץ זיך, וואָס שטייסטו?

מאַקס האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט, געזאָגט:

— וואָס דאַרפֿט איר מיך?... זאָגט, איך באַדאַרף אַרונטערגיין...

אָבער דער פֿאָרמאַן האָט ניט געאיילט. ער האָט קאַלטבלוטיק אויפֿגעהאַנגען זיין מאַנטל אויף אַ הענגער און געזאָגט מיט באַפֿעל:

— זעץ זיך, וואָס האָסטו מורא?

— איך דאַרף גיין...

— זע נאַר! וואָס איז אויף דיר אַזאַ אײַלעניש? וואוהין לויפֿסטו? זעץ זיך.

ער האָט אונטערגערוקט אַ שטול, אַוועקגעזעצט אים און אַליין זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן.

— אַט אַזוי... האָב קיין מורא ניט. כ'וועל דיר קיין זאַך ניט טאָן. הער מיך קאָפּ, וואָס איך וועל דיר זאָגן.

ער האָט אַרויסגענומען אַ סיגאַרעטל און פֿאַרויכערט. נאָכדעם פֿאַרגעלייגט אויך מאַקסן. מאַקס האָט זיך אָפּגעזאָגט.

— דער שטרייק איז אַזוי גוט, ווי פֿאַרלוירן. די אַרבעטער האָבן זיך אומזיסט רואינירט. און איך האָב דיך געוואָרנט, געדענקסטו?

מאַקס האָט ניט געענטפֿערט. דער פֿאָרמאַן האָט ווידער גערעדט:

— וואָס וועט פֿון דיר ווערן? האָסט אַלע מאָל פֿאַרדינט ווייניק. ביסט אַ ייד אַן אָרעמאַן. ווער ווייס, ווי לאַנג נאָך זיי וועלן זיין איינגעשפּאַרט, די היק־קעפּ? און דו וועסט מיט ווײַב און קינדער דערווײַל אויסגיין פֿון הונגער. הער, וואָס מ'רעדט צו דיר. דאָ, ביי אונדז, קאָנסטו זיך אַרבעטן

און פֿאַרדינען דיין ברויט, און קיינער דאַרף פֿון דעם ניט וויסן. וועסט זיך אַריינקומען פֿרי און וועסט אַהיימגיין שפּעט, וועסט זיך מאַכן דיינע „ווײַדזשעס”, ווי אַ גראַף.

מאַקס האָט זיך אַריינגעריסן אין זיינע רייד:

— ניין, כ׳וועל ניט סקעבן. כ׳וועל ניט סקעבן!...

די ווערטער זיינען ביי אים אַרויס מיט אַ קוויטש. דער פֿאָרמאַן איז בייז געוואָרן:

— ביסט אַ טרוס, אַ שרעקלעכער האָז. וועסט בעסער אויסהונגערן דיין ווייב און קינדער, דו מיינסט, אַז דו אַליין וועסט דאָ אַרבעטן? — אַלע וועלן ביסלעכווייז זיך צוריקקערן. אַחוץ דעם וועט דער באָס מאָרגן אריינ־נעמען נייע אַרבעטער. און דער, וואָס וועט זיך ניט צוריקקערן, וועט בלייבן אין דרויסן... דער שאָפּ מוז גיין. ס׳איז דער סעזאָן, ברודערקע, — און דער שאָפּ מוז אַרבעטן!

מאַקס האָט זיך אויפגעהויבן פֿון אָרט און צוגייענדיק צו דער טיר, געזאָגט:

— ניין! איך דאַרף גיין.

— ביסטו דאָך טאַקע אַ יאָלד... געדענק מיין וואָרט, מאַקסל. ס׳וועט דיר פֿאַרדריסן. אַז דער שטרייק וועט זיין געבראָכן, וועט דער באָס דיך ניט אַרויפֿנעמען. — בעסערע הענט פֿון דיר וועט מען צוריק ניט אַרויפֿ־נעמען. וועסט זיך ביי אונדז בעטן, און מיר וועלן דיך אויפֿן שוועל ניט אַרויפֿלאָזן... דו ווייסט, אַז מיט אונדזער באָס שפּילט מען זיך ניט.

מאַקס האָט געשוויגן. די אייביקע וואַקלעניש איז אויפֿגעשטאַנען און גענומען לעבן. ער האָט געשוויגן. און דער פֿאָרמאַן האָט זיך שוין נענטער צוגערוקט און איינגעטענהט:

— ווייסט, מאַקס, איך וועל דיר געבן אַ בעסערן „לאָט”. ס׳וועט זיך לייכטער אַרבעטן און זיך בעסער באַצאָלן. ביסט דאָך עפּעס אַ פֿאַמיליען־מאַן. האָסט, קיין עין הרע, אַ הויז מיט קינדער... זיי דאַרפֿן עסן. האָסט קיין רחמנות ניט אויף דיין ווייב און קינדער!...

מאַקס איז געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער. ס׳איז געווען אמת אין פֿאָרמאַנס רייד. אָבער אַז די רייד זיינען אַרויס פֿון זיין מויל, איז עס פֿאַר מאַקסן געווען — ליגן. ער האָט אים פֿיינט געהאַט. די פֿיינטשאַפֿט צו אים איז געווען גרויס. און מאַקס האָט זיך מיט דער שנאה ניט געקאָנט ספּראַווען.

דער פּאַרמאַן האָט אויף אים אַ שאַרפן קוק געטאָן, אָפּגעטראָטן אָן ווערטער צום טעלעפאָן, ווי ער וואָלט אינגאַנצן פאַרגעסן אין מאַקסן, און גענומען טעלעפאָנירן. מאַקס האָט געהערט, ווי ער האָט אַריינגעשריען אין טרייבל:

— וואָס?... שוין אויפן וועג?... גוט... וועל איך וואַרטן.

אויפגעהאָנגען דאָס טרייבל און אַ קער געטאָן זיך צו מאַקסן:

— דער באָס וועט דאָ באלד זיין. וועסט אַליין קאָנעןריידן מיט אים. ער איז ניט קיין שלעכטער, ווען עס קומט צו העלפן אַ מענטשן...

מאַקס האָט היסטעריש, ווי אַ וויינענדיק קינד, אויסגעשריען:

— וואָס ווילט איר פון מיר?... לאָזט מיך אָפּ... איך וועל ניט סקעבן!

דער פּאַרמאַן איז שוין אין כעס געוואָרן:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעשריען? גיי געזונטערהייט, אַפילו צום טייוול. אַ מענטש קאָכט זיך!... אָבער געדענק מיינע ווערטער, מאַקסל. זאָלסט אונדזער שוועל מער ניט אריבערטרעטן. מיר ווילן דיר געבן אַ שאַנס און דו ווילסט אים ניט נעמען.

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און געזאָגט:

— אָבער, אַז דו וועסט אַרויסגיין, היט זיך, זיי זאָלן דיר די ביינדלעך דיינע ניט איבערברעכן. כי־כי־כי!... כ׳מיין, די „פּיקעטס"...

ער האָט אָנגענומען מאַקסן פאַרן אָרעם, צוגעפירט אים צו דעם פענצטער. אונטן איז די גאַס געווען שוואַרץ פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אין געשלאָסענע רייען באַוועגט הין און צוריק. עס איז געווען אַזוי, ווי צוויי טייכן וואָלטן זיך באַוועגט, איינער אנטקעגן דעם אַנדערן. ביי מאַקסן איך קאָפּ האָבן זיך אַ מיש געטאָן די געדאַנקען.

ער איז געווען אין שאָפּ מיטן שונא, און זיי אַלע זיינען געווען דאָרטן, ווי איין גרויסע משפּחה. און פייוול איז אויך מסתמא דאָרטן. אַלע וועגן צו זיי זיינען איצט איבערגעריסן. ווי וועט ער צו זיי קומען? ער האָט זיך דערפילט געפאַנגען.

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם פענצטער. עס איז געווען אַ געפאַר, אַז אַ באַקאַנט אויג וועט אים דאָ דערזען. ער האָט דערפילט אַ קאַלטן שווייס, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אויפן שטערן און אויפן גאנצן לייב. איצט איז געווען אלצאיינס. אַלץ איז געווען פאַרפאַלן. ער איז אָפּגעטראָטן צום שטול און אַוועקגעזעצט זיך; געזעסן און ניט געטראַכט, ניט געהערט אַרום

זיך קיין זאַך, ניט געזעץ קיין זאַך. עפּעס האָט נאָך דער פאָרמאַן גערעדט צו אים, אָבער עס איז געווען אַלצאיינס.

אין אָפיס איז אַריינגעקומען דער באָס. זיין פּנים איז געווען רויט פון דער גאַסיקער קעלט. דערזען מאַקסן, האָט ער אויסגעצויגן צו אים אַ האַנט אין אַ האַנטשו:

— האַלאָ, מיסטער טענדלער!... גוט, וואָס דו ביסט דאָ. זייער גוט. אַ גאַסט, אַ גאַסט!...

מאַקס האָט אַ דריק געטאָן די שווערע האַנט און זיך, אין פאַרלוירנקייט, אַ הייב געטאָן פונעם אָרט, אָבער דער באָס האָט אים צוריק אַריינגעזעצט אין שטול:

— זיץ, זיץ... דאַרפסט זיך ניט אויפהייבן. איך וועל אויסטאָן דעם מאַנטל און מיר וועלן זיך דורכריידן...

און צום פאָרמאַן האָט ער געזאָגט:

— זיי שטייען שוין אַרום. זיי ווילן זיך דווקא אַרומגיין ליידיק, איז זאָלן זיי! זאָלן זיי!...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו דער גאַס. האָט דער פאָרמאַן זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און מיט היץ געזאָגט:

— אָט דאָס רייד איך דאָך צו מאַקסן. ער וויל זיך אָבער ניט זעצן צו דער ארבעט... וואָס זאָגט איר, מיסטער סאַקס?

געזאָגט, און א וואונק געטאָן צום באָס. יענער האָט אויפגעכאַפּט דעם וואונק און איז צוגעטראָטן צו מאַקסן:

— איז אָט, מיסטער טענדלער. דער שאַפּ מיינער איז צו לאַנג געשטאַנען ליידיק. די קאָמוניסטלעך זיינען אין אַלץ שולדיק. אָבער מיר וועלן זיי אָנלערנען. מיר וועלן אַריינגעמען אַנדערע אַרבעטער. מיר וועלן שוין מאָרגן האָבן גענוג אַרבעטער אָנצוהייבן עפּעס צו טאָן. דער שאַפּ דאַרף גיין, פאַרשטייסט?

ער האָט געקוקט אויף מאַקסן און פאַרגעזעצט:

— עס וועלן אָנקומען אַרבעטער. מ׳וועט אַרבעטן. דו וועסט אויך ביי מיר אַרבעטן. די טראָבל-מאַכערס וועל איך ניט אַריינגעמען. אָבער דו וועסט ביי מיר מאַכן אַ לעבן. ביסט אַן אָרנטלעכער מאַן. גיי צו דיין מאַשין, פאַרענדיק דיין אַרבעט, וואָס דו האָסט, און נאָכדעם וועלן מיר שוין דיר געבן אַן אַנדער אַרבעט, אַ בעסערע אַרבעט. איך ווייס, אַז דו דאַרפסט

עס האָבן און דיך וויבּ און קינדער. ביי מיר וועסטו אַרבּעטן וויפל דיין האַרץ גלוסט. אויך „אָווערטיים״.

ער האָט גערעדט שנעל, ווי ער וואָלט געוועזן זיכער, אַז די רייד האָבן דערגרייכט דעם ציל. מאַקס האָט זיך איינגעהערט און ווידער, ווי פריער, ווען דער פאָרמאַן האָט מיט אים איינגעטענהט, ניט געוואוסט, וואו עס איז געווען דער אמת אין דעם באָסעס רייד, און וואו — דער ליגן.

מיסטער סאַקס האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעקערט פון מאַקסן און, ווי מיט א פאָרוואורף, געזאָגט צום פאָרמאַן:

— פאַרוואָס גיסטו ניט מיסטער טענדלערן קיין אַרבּעט? גיי, גיב דעם מאַן אַרבּעט, און לאָמיר זען, אַז ס'זאָל שוין זיין עפּעס געטאָן... צו וואָס זאָל אַ מאַן פאַרלירן צייט אומזיסט-אומנישט? גיי, מאַקס, ער וועט דיך אַוועקזעצן ביי אַ מאַשין.

מאַקסן האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן. ער האָט געזאָגט:

— האָט רחמנות... מיסטער סאַקס, האָט רחמנות... זיי וועלן מיך דערהרגענען. זייט אַ טאַטע צו מיינע קינדער.

און נאָך האָט עפּעס מאַקס גערעדט, אָבער דער באָס האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעלאַכט:

כאַ־כאַ־כאַ!... האָסט מורא פאַר די קאָמוניסטלעך? האָב קיין מורא ניט! דער שאָפּ איז באַוואַכט פון פּאָליציי. אויף יעדן פּלאַר האָבן מיר זיי. און אויב שלאָגן, וועט מען זיי פריער דערלאַנגען. מיר זיינען בעסערע שלעגער!... כע־כע!

און ווידער האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום פאָרמאַן:

— גיי, וואָס שטייסטו? גיי, גיב דעם מאַן אַרבּעט.

און צו מאַקסן האָט ער געזאָגט:

— ניטאָ וואָס צו שטיין. גיי, טו אויס דעם מאַנטל און זעץ זיך אַרבּעטן. ביסט אַ ייד אַן אָרעמאַן. גיי ניט אַרום ליידיק, צו אַלדי גוטע יאָר!

מאַקס איז אַלץ געשטאַנען, ניט געקאָנט זיך אַ ריר טאָן פון אָרט. אַזוי פיל שווערקייט האָט ער פּלוצלינג דערפילט אין די גלידער, געפילט, אַז אָט וועט ער זיך אַ שאָקל טאָן און אַנידערפאַלן אין חלשות.

מיסטער סאַק האָט געזען, אַז מאַקס שטייט אַ פאַרלוירענער, האָט ער אַ וואונק געטאָן צום פאָרמאַן, וואָס עס האָט געמיינט, אַז יענער זאָל אים

אַרויספירן פון אָפיס. דער פאַרמאַן האָט אים אָנגענומען פאַרן אַרבל, אַ צי געטאָן שוין אַביסל אומגעדולדיק, אָבער דאָך פאַרזיכטיק:

— קום, מאַך זיך ניט נאַריש. דער באַס הייסט, דאַרפסטו פאָלגן... ווען ס׳איז אויף מיר, וואָלט איך זיך אַפילו אַ רגע ניט געקווענקלט... אַזאַ טשענס וועסטו שוין שפּעטער ניט האָבן!...

מאַקס האָט געזען, אַז דער פאַרמאַן פאַרלירט דאָס געדולד. דער באַס איז געשטאַנען אַן אָנגעכמורעטער, אַ בייזלעכער. און ער איז געווען אין זייערע הענט, ווי אַ געפאַנגענער, אָן ווילן, אָן אַ כוח אַנטקעגנצושטעלן זיך.

דער פאַרמאַן האָט אים אַ שטאַרקן צי געטאָן פאַרן אַרבל:

— קום, צו אַלדי שוואַרץ יאַר! וואָס שטייסטו, ווי אַ געפּייגערטער!...

איצט איז געווען אַלץ פאַרפאַלן. דער פאַרמאַן האָט געמאַכט דעם ערשטן טראָט, האַלטנדיק אים פאַרן אַרבל, און מאַקס איז אים נאָכגעגאַנגען. אין שאַפּ איז דער פאַרמאַן מיט זיכערע טריט צוגעגאַנגען צום עלעקטרישן שאַלטער, געלאָזט לויפן די קראַפט, אַ שנעלן בויג געטאָן דאָס הענטל, און עלעקטרישע שטראָמען האָבן זיך צעשריען מיט אַן אויסגעצויגענעם קוויטש, ווי לעבעדיקע וועזנס. און גלייך האָבן איבערן באַלקן און פון אונטן, נאָענט צום דיל, אָנגעהויבן אַרומלויפן מיט אַ שנעלן גערודער די וואַלצן און רעדער און שפּעטן און מיט זיי אין איינעם — זיינען שוין געלאָפן אין מוראדיקער איילעניש די טרייב־רימענס, געפּאַטשט איבער די צו לייכט־לויפנדיקע וואַלצן, געדרייט און פאַרדרייט אין אַ געווירבל דאָס ביסל פאַרשטאַנד. די לופט האָט זיך אַ וויג געטאָן און גענומען אַרומיאָגן זיך. דער שאַפּ האָט זיך אויפגעכאַפּט, אָנגעהויבן צו לעבן. צוליב איין מענטשנס אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן צו לעבן, און דער מענטש איז געווען — מאַקס טענדלער.

אין דעם איז געווען משוגעת. אין דעם איז געווען ווילדע עקשנות און חוזק. פונקט ווי מאַקס וואָלט גאַר קיין מענטש ניט געווען, נאָר אַ קאָרט אַזאַ, אויף וועלכער אַנדערע האָבן געשפּילט. ניט צוליב אים, נאָר צוליב אַ ווילדן קאַפּריז האָבן זיך אַ לאָז געטאָן רעדער און עס האָבן זיך אָנגעצונדן עלעקטרישע ליכט און עס האָבן אָנגעהויבן צו טרייבן קראַפט די אויפגעוועקטע עלעקטרישע מאַטאָרן. אין דעם איז געווען משוגעת און שרעק.

און מאַקס איז געווען זייער דערשראָקן. אין האַלדז האָט געשטיקט און עס האָט זיך געוואָלט אַנידערפאַלן אויפן דיל און פאַרגעסן זיך, שטאַרבן... אָבער ער איז ניט געשטאָרבן. ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי דער

פּאַרמאַן איז צוגעגאַנגען צו זיין מאַשין און גענומען צוגרייטן אַרבעט. ער האָט דערקענט זיין מאַשין און זיין באַנדל אַרבעט, וואָס איז געלעגן אינעם לאַטעק.

דער פּאַרמאַן האָט געזאָגט:

— נאָ, אָט האָסטו דיר אַלץ גרייט. זעץ זיך אַוועק און שיס.

אויך די שפּראַך איז געווען אַ רעאַלע. האָט זיך מאַקס אַוועקגעזעצט אויף זיין אַלטן אָרט, גלייך דערפּילט אין אַלע אברים און אין די פיס די באַקאַנטע שוואַכקייט. עס איז געווען פּונקט אַזוי, ווי מיט יאָרן צוריק, ווען די מאַמע זיינע האָט אים צום ערשטן מאָל געפירט צו לייזער דעם שניידער לערנען די מלאכה. עס איז אַלע מאָל געווען דאָס זעלביקע. קיין זאַך האָט זיך אין זיין לעבן ניט געביטן...

8

דער פּאַרמאַן איז אַוועק, פייפנדיק עפּעס אַ גאַסן-לידל, און מאַקס איז פאַרבליבן אַליין. ער האָט געאַרבעט און ניט געאַרבעט. די הענט האָבן זיך מיט שווערקייט געהויבן. ניט געוואָלט פאָלגן. דער מאַרך איז געווען פאַרטונקלט. מאַקס האָט זיך ניט געקאָנט דערמאָנען ווען און ווי אַזוי ער האָט איינגעשטימט צו סקעבן. ער האָט ניט געוואָלט סקעבן; ער איז געווען קעגן סקעבן. ער האָט פאַר דעם אַזוי מורא געהאַט. און אָט האָט ער גאָר געסקעבט... ער, אַ קליין פינטעלע, איז געזעסן אינעם ריזיקן שאַפּ, איינער אַליין, און געאַרבעט. איינער אַליין, צווישן הונדערט שוויגנדיקע מאַשינען, איז ער געזעסן און געאַרבעט און דאָרטן, הינטער די ווענט פונעם שאַפּ, אויף דער ווינטערדיקער גאַס, זיינען הונדערטער און טויזנטער אַרבעטער אַרומגעגאַנגען ליידיק און געפאָדערט יושר? זיי האָבן געפאָדערט יושר פאַר אַלעמען גלייך און אויך פאַר אים, פאַר מאַקסן. איז וואָס האָט דאָ געטאָן מאַקס? פאַרוואָס האָט ער געאַרבעט, ווען אַנדערע האָבן פאַר אים געפאָדערט זיין חלק יושר? איז ער געווען טאַקע דער זעלביקער מאַקס טענדלער?

אָבער ער האָט געזען: דער שאַפּ איז געווען זייך שאַפּ. אָן אַ זייט זיינען געשטאַנען די פיגורן, אַנטבלויזטע און אָנגעטוענע אין די נאָך ניט פאַרענדיקטע „גאַרמענטס", ווי מ'האָט זיי איבערגעלאָזט אין דעם ערשטן

טאָג פון שטרייק. נאָר די מאַשינען זיינען געווען טויט. צווישן די טויטע מאַשינען איז געזעסן ער איינער אַליין און געטאָן עפּעס אַן עקלהאַפטע זאַך, ווי עפּעס אַ מין גאָט־לעסטערונג.

דער באָס איז ערגעץ אַוועק פון שאַפּ. ער האָט אַפילו ניט אַ קוק געטאָן אין מאַקס טענדלערס זייט. נאָכדעם האָט ער געזען, ווי די בוכהאַלטערקע איז אָנגעקומען אין שאַפּ, אַרומגעקוקט זיך פאַרוואונדערט אויף דער ליכטיקייט און אויף די אַרבעטנדיקע מאַטאָרן, אויפגעזוכט אין איילעניש מיט די אויגן די פאַרלוירענע פיגור פונעם מענטשן מאַקס טענדלער, האָט אַ שמייכל געטאָן און אַריין אין אָפיס. מאַקס האָט געזען, ווי נאָך איר איז אין אָפיס אַריין דער פאַרמאַן. און באַלד ווי די טיר האָט זיך צוגעמאַכט, האָט מאַקס דערהערט פון אָפיס אַ געלעכטער. און מאַקס האָט שוין געוואוסט, אַז דער געלעכטער איז איבער אים. ווייל אַט איז ער דאָך געזעסן דאָ איינער אַליין און געטאָן עפּעס, וואָס איז געווען מוראדיק אומגעריכט ביז גרויזאַמ־קייט, ביז משוגעת. יאָ. זיי האָבן געלאַכט איבער אים. ווייל אַט איז ער דאָך געווען א סקעב. אַ סקעב! און עס איז אַלץ געווען פאַרפאַלן, פאַרפאַלן! און מאַקס האָט דערפילט, ווי ער זינקט און זינקט און דאָס זינקען הערט ניט אויף...

דער פאַרמאַן איז אַריין צוריק אין שאַפּ. ער איז געווען אויפגעלייגט. זיין פּנים האָט געפלאַמט ווי פון אַן ערשט איבערגעלעבטער אָנגענעמער אויפרעגונג. ער איז געגאַנגען גלייך צו מאַקסן, געזאָגט:

— סקעב, סקעב, ברודערקע, און זאָל דיר וואויל נאָכקומען. ס'איז דיין לאַנד — אַמעריקע.

מאַקס האָט געשוויגן. די שנאה צו אים האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ. און נאָך מער האָט וויי געטאָן, וואָס ער האָט זיך ניט געקאָנט אַ הייב טאָן פונעם אָרט, אָנכאַפּן אין האַנט אַ שווערע זאַך, אַ פּרעס־אייזן, אָדער אַ שער, און מיט דעם צעפּלעטן דעם פאַרמאַנס גרויסן, אָקסענעם שאַרבן.

דער פאַרמאַן האָט דערפילט דאָס שווערע געמיט פונעם מענטשן, ער האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע און געזאָגט:

— דערפאַר, ברודערקע, אַז די וואָך וועט פאַריבער, וועסטו זיין אַן עושר. אַט זיצסטו און אַרבעטסט, און זיי גייען אַרום אויף דער גאַס... איך אַליין בין דיר מקנא.

מאַקס האָט ניט געענטפערט, נאָר געוואָלט, ער זאָל אָפּטאָפּן פון אים

דאָס ביסל בלוט און אַוועקגיין. יענער איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן. געקוקט, ווי מאַקס פינגער פלאָנטערן זיך אין דער אַרבעט.

אין א ווײַלע אַרום איז פון אָפּיס אַרויסגעקומען דאָס מיידל. איר פּנים האָט געלויכטן. זי איז געווען שענער, ווי אַלע מאָל. גייענדיק האָט זי פאַר־ריכט מיט א חנעוודיקער באַוועגונג פון איר האַנט. די צעשויבערטע לאָקנס אויפן שטערן און אַרום די אויערן. מאַקס האָט געפילט איר נאָענטקייט, ניט געקאָנט זיך איינהאַלטן און אַ קוק געטאָן אויף איר. זי איז געשטאַנען לעבן אים און אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן ערנסטע מינע. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. מאַקס האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, א פאַרשעמטער. זי האָט געזאָגט:

— העלאָ, מאַקס! שוין לאַנג ניט געזען. וואָס מאַכט איר?

מאַקס האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, געוואָלט אַ שמייכל טאָן, אָבער אַנשטאָט אַ שמייכל, אויסגעקרימט ס'פּנים אין אַ משונהדיקער פאַרלוי־רענער גרימאַסע, ווי ביי איינעם, וואָס קלייבט זיך צו וויינען.

דער פאָרמאַן האָט זיך אָפּגערופן:

— דו פרעגסט וואָס ער מאַכט? — ער סקעבעט. אָט וואָס ער מאַכט!... כע־כע־כע!

ער האָט מיט הנאה זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. נאָכדעם האָט ער צוגעגעבן:

— „ער ווייסט, וואָס ער טוט. זיי דרייען זיך אַרום אויף דער גאַס, און ער זיצט זיך און אַרבעט. אָט מאַקס!... ווער האָט זיך עס אויף אים געקאָנט ריכטן? אַ גאַנצער העלד איז ער ביי מיר, מאַקס! זיצט זיך ביים סאַמע נאָז פון די „פיקעטס" און פייפט אויף דער וועלט. בראַוואָ, מאַקסל!...

ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט איבער מאַקס פּלייצע. מאַקס האָט זיך אַ בויג געטאָן פונעם אומדערוואַרטעטן זעץ. דער פאָרמאַן האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט. און זי איז געשטאַנען און געשמייכלט. אויך אין איר בליק איז געווען חוזק. אין אַ רגע אַרום האָבן זיי זיךביידע איבערגעקוקט מיט אַזעלכע בליקן, וואָס האָבן מאַקסן באַליידיקט, און גלייך נאָכדעם זיינען ביידע אַוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג פון אָפּיס מיט אַ הילכיקן געלעכטער.

ער איז געבליבן אַליין. ער האָט ניט געקאָנט אַרבעטן. געפּרואווט איין מאָל און נאָך אַמאָל, אָבער ניט געקאָנט. זיינע הענט האָבן זיך ניט געוואָלט באַוועגן. ער איז געזעסן און געזעסן. און אין אָפּיס זיינען געווען דער פאָרמאַן מיט דער בוכהאַלטערקע. ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו דער

טיר און זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט. בלויז אויף אַ רגע זיך אָפּגעשטעלט, כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, און גלייך דערהערט אַ פאַרדעכטיקן געלעכטערל. מאַקס האָט אַן עפן געטאָן די טיר און זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל.

זיי האָבן אים עטלעכע רגעס ניט באַמערקט, ניט געהערט ווי די טיר האָט זיך געעפנט. מאַקס האָט געזען ווי דער פאַרמאַן איז געזעסן אויפן שטול לעבן שרייב־טיש און די בוכהאַלטערקע לעבן אים.

דער פאַרמאַן האָט זי געקושט אין די ליפּן און אויפן האַלדז. און זי האָט זיך, דאַכט זיך, געוועדעט און זיך געלאָזט קושן...

די בוכהאַלטערקע האָט די ערשטע באַמערקט מאַקסן. זי האָט זיך דערשראָקן און אַ פאַררויטלטע ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. צוגעלאָפן צום טיש און שנעל גענומען עפּעס זוכן. ערשט דאַן האָט דער פאַרמאַן דערזען מאַקסן.

זיין פּנים איז געוואָרן אָנגעגאָסן מיט רויטקייט און כעס. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן אַנטקעגן מאַקסן און געזאָגט מיט רציחה:

— הער דו, סקעבאַטש! וועלכער טייוול האָט דיך אַהער אַראָפּגעבראַכט!

מאַקס האָט געשוויגן. אין אים האָט אויפגעלעבט אַ מאָדנע אומבאַקאַנטע צופרידנקייט. ער האָט געקוקט דעם פאַרמאַן אין די אויגן און גאָרניט מורא געהאַט. יענער האָט זיך אָפּגעשטעלט האַרט לעבן מאַקסן און האָט אים אַריינגעשריען גלייך אין פּנים אַריין:

— גלאָמפּ איינער! אַז מ׳גייט אַריין, דאַרף מען פריער אָנקלאַפּן... אָט אַ גלאָמפּ!...

מאַקס האָט געזאָגט:

— איך גיי אַהיים!

— צו אַלדי שוואַרץ יאָר. ווער דאַרף דיך? מיינסט, אַז מ׳דאַרף דיך דאָ אַזוי שטאַרק? גיי, גיי, פון דאַנען!

דער פאַרמאַן האָט אים מיט כוח אַ שטויס געטאָן.

מאַקס האָט זיך קוים איינגעהאַלטן אויף די פיס. ער איז געבליבן שטיין פאַרעקשנט. אין אים האָט אויפגעזאָטן אַ געפיל, אַזאַ געפיל, וואָס האָט געהאַלטן אים אין אַ גוואַלדיקער אָנגעשטרענגטקייט.

דער פאַרמאַן איז געשטאַנען קעגן אים און בייז גערעדט:

— ער וויל גיין אַהיים, דער יאָלד. מיר האָבן צוליב אים געלאָזט לויפן דעם שאָפּ. און ער: — „כ'גיי אַהיים!"... ניין, מיין טייערע צאַצע, — האָסטו אָנגעהויבן סקעבן, טאָ סקעב, צו אַלדי שוואַרץ יאָר! אַלע וועלן סיי ווי סיי וויסן, אַז דו האָסט געסקעבט. מיר וועלן דיר קיין אַרבעט ניט געבן, און דער יוניאָן וועט דיך אויף דער שוועל ניט אַרויפלאָזן... וועסט ביי מיר געשוואָלן ווערן פון הונגער!

מאַקס האָט זיך צוגעהערט צו די רייד. עס איז אים געווען אַלצאיינס. עס איז נאָר געווען אַ שווערקייט אין די גלידער און אַ גלייכגילטיקייט אויפן געמיט.

ער איז געשטאַנען ווי אַ פּאַראַליזירטער, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

ניט דער פאָרמאַן און ניט דאָס מיידל האָבן פאַרשטאַנען וואָס ס'איז מיט דעם מענטשן, וואָס איז דאָ געשטאַנען אין דער טראַגישער געפאַלנ־קייט פאַר זייערע אויגן. אָבער דער פאָרמאַן האָט בייז אַ זאָג געטאָן:

— גיי פון דאַנעט! וואָס שטייסטו דאָ, ווי אַ ליימענער גולם? גיי, און מיינע אויגן זאָלן דיך ניט אָנקוקן.

מאַקס האָט זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן פונעם אָרט. דער פאָרמאַן איז צוגעגאַנגען צו אים, אָנגענומען אים פאַרן קאָלנער, פון הינטן, אויסגעדרייט אים מיטן פּנים צו דער טיר און מיט רוגזה אַ שליידער געטאָן דורך דער טיר אין שאָפּ אַריין. מאַקס איז געבליבן ליגן אָן באַוועגונג. ער האָט געהערט, ווי די טיר פונעם אָפיס האָט זיך צוגעמאַכט מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ און ווי אַרום אים האָבן געהוזשעט די דרייענדיקע וואַלצן און ווי ס'האָבן געפּאַטשט די טרייב־רימענס.

ער איז געבליבן ליגן אויפן דיל, ניט געוואָלט אויפשטיין. אין האַרצן איז פון דעם געווען אַ פּוסטקייט.

און אַז מאַקס איז לסוף אויפגעשטאַנען פונעם דיל האָט ער דערפילט אַ מאָדנע לייכטקייט אין די פיס און אין אַלע אברים.

ער איז אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען און נאָכדעם מיטאַמאָל גענומען גיין טיפער אין שאָפּ אַריין. די מאַשינען זיינען נאָך אַלץ געווען איבערגע־דעקטע, ווי מתים, און איבער זיי און אונטער זיי זיינען אַרומגעלאָפן, אין אַ מוראדיקער איילעניש, די שעפּטן, האָבן זיך געדרייט אַרום זיך ווי אין אַן אייביקן געלויף, און נאָך זיי, ווי אין אַ געיעג, זיינען אימפּעטיק

אַרומגעשפּרונגען די איילנדיקע טרייב־רימענס, געיאָגט זיך. אין דעם איז ניט געווען ניט קיין זין און ניט קיין ציל. ס׳איז געווען חוזק און משוגעת. און ס׳איז געווען מאָדנע. די מאַשינען זיינען געווען טויט, און דער עלעקטרישער מאָטאָר האָט געיאָגט די שעפטן און רעדער נאָר צוליב איין איינציקער מאַשין און צוליב איין מענטשן, און דער מענטש איז געווען ער אַליין, ער, מאַקס טענדלער! עס איז געווען אין דעם חוזק און משוגעת.

מאַקסן האָט איצט אַ ברען געטאָן אַ כעס. אינעווייניק האָט עפּעס אויפגעפלאַקערט און גענומען לעבן מיט טויזנט אימפּעטיקע לעבנס.

זיין אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיק רער, וואָס איז געלעגן אונטערן לאַנגן טיש, לעבן דער וואַנט. אַ געוויינלעכער שטיק רער. ער האָט דעם רער געזען דאָ אַ לאַנגע צייט, פון זינט ער איז אַריין אין שאַפּ אַרבעטן. דער אָפּגעשניטענער שטיק איז אַזוי געלעגן אונטערן קאָנטאָר, אַ באַדעקטער מיט אַ שיכט פון שאַפּ־שטויב, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין זיין אויליקער הויט. און ווי מאַקס האָט באַמערקט דעם רער, האָט ער זיך גלייך אַרונטערגעלאָזן אויף די קני, צוגעקראָכן אויף אַלע פיר צו דעם רער און אַרויסגעשלעפּט אים.

נאָכדעם איז מאַקס געשטאַנען מיט דעם רער אין די הענט, ווי מיט אַ שטעקן, געמאָסטן אים מיטן אויג און געדרייט מיט אים אין דער לופטן, ווי מיט אַ וואָפן, ווען מ׳פּאַרמעסט זיך מיט אים אָנצופאַלן און שלאָגן. עס האָט אויפגערייצט די געפילן. עס האָט געשטאַרקט דעם כעס.

ער איז צוגעלאָפן צו די מאַשינען, און אין מאָדנער עקסטאַטישקייט, גענומען מיט דעם רער האַקן איבער די מאַשינען. אַ זעץ, און די מוסקולן האָבן זיך פאַרשטייפט מיט נייעם כוח. און נאָך יעדן זעץ און האַק זיינען געפלויגן שטיקער טשוגון, געבראָקלט זיך, ווי געשפּאָלטענער אייז, צעפאַלן אויף שטיקער און געבליבן ליגן אויף דעם דיל — פרישער ברוך. אַ זעץ נאָך אַ זעץ, און טיילן פון די מאַשינען זיינען מיט אַ טעמפּן קראַך אָפּגעפאַלן צו דער ערד. ס׳איז געווען אין דעם אַ ווילדע הנאה, וואָס איז געוואַקסן, אָנגעגאָסן אַלע איברים מיט שטאַרקייט און פאַרשיכורט די געהירן מיט אַ זיסלעכן נעפּל.

מאַקס האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון, צוליב וואָס ער האָט דאָס אַלץ געטאָן. ער האָט געשלאָגן און געשלאָגן אומברחמנותדיק, ווי די

מאַשינען וואָלטן ניט געווען קיין טויטע מאַטעריע, נאָר לעבעדיקע, כּיינטלעכע וועזנס.

פּלוצלינג האָט אים אַ שטאַרקע האַנט אַ שלעפּ געטאָן פון די מאַשינען, אָפּגעטראָגן אים אָן אַ זייט און מיט אַ שטאַרקן טרייסל אין דער לופטן, אים אָפּגעשליידערט. מאַקס האָט זיך אַ שטאַרקן זעץ געטאָן אָן דער וואַנט. געבליבן ליגן אויפן דיל מיט אָפענע אויגן און מיט אַ שווערן, כּמעט פאַרשטיקטן אָטעם.

דער פאָרמאַן האָט זיך אַ ריס געטאָן צו דעם מאָטאָר און אָפּגעשטעלט די עלעקטריק. אין שאַפּ איז געווען שטיל. אָבער אין קאָפּ ביי מאַקסן האָט זיך נאָך געדרייט און גערוישט דער שאַפּ, און עס האָבן זיך געבראָכן מאַשינען און איינגעפאַלן געביידעס. ער איז געלעגן און ניט גערירט זיך פונעם אָרט.

דער פאָרמאַן איז צוגעלאָפן צו אים, מיט נייער רוגזה, איינגעבויגן זיך איבער אים און אויפגעהויבן אים לייכט, מיט איין האַנט געהאַלטן אים אין דער לופטן און מיט דער צווייטער געשלאָגן, — אין פּנים, אין די אויגן, אין קאָפּ, געשלאָגן און צוגערעדט:

— אָט איז דיר! אָט איז דיר, ווײַסטער קאַליקע, סקעבאַטש! נאָ... נאָ!...

מאַקס האָט איין קליינע רגע געזען פאַר זיך דעם רויטן פּנים פונעם פאָרמאַן. אַביסל ווייטער האָט ער אויך באַמערקט אַ בלייך און צעשראָקן פּנים. דאָס איז געווען דאָס צעשראָקענע פּנים פון דער בוכהאַלטערקע, וואָס איז געשטאַנען אַן אומגליקלעכע, מיט פאַרבראָכענע הענט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. זי איז געווען ווי פאַרגליווערט אין איר גרויסער שרעק.

און נאָכדעם, אַז זיינע אויגן האָבן שוין קיין זאַך ניט געזען, האָט ער דערהערט אַ דערשראָקענעם קוויטש מיט אַ געשריי אינאיינעם. דאָס איז אויך געווען דער לעצטער קלאַנג, וואָס זיינע אויערן האָבן באַנומען.

פון דעם איז עפּעס געוואָרן אַזוי גוט, אַזוי גוט. ס'איז געווען אַ מאָמענט פון לייכטזעליקייט און גליק.

ער האָט גלייך פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין.

אויפגעכאַפּט האָט זיך מאַקס אַ סך שעהן שפּעטער, ווען ער איז געלעגן אין שפּיטאָל, אַ פאַרבאַנדאַזשירטער. זיין פּנים איז געווען

ווי איין גרויסער וואונד. דער קאָפּ איז אים געווען זייער שווער. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געוואָלט דערמאָנען די איינצלהייטן, וואָס זיינען מיט עטלעכע שעה צוריק פאָרגעקומען, און ניט געקאָנט. אַלץ איז געווען ווי אַ ווייטער חלום, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט אויסגלייכן און פאַרבינדן.

ער האָט נאָך אַ מאָל צוגעמאַכט די אויגן און אַנטשלאָפן געוואָרן. אַ לאַנגע צייט געשלאָפן, ווי ער וואָלט אַ צווייטן מאָל ניט געוואָלט קומען צו זיך.

צווייטער טייל

קאַפּיטל איינס

מאַקס ווערט פאַרמשפּט

מאַקס טענדלערן האָט מען געמשפּט פאַר סאַבאָטאַזש. ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „סאַבאָטאַזש" צום ערשטן מאָל אין באַשולדיקונגס־אַקט אויף דעם משפּט. ווען דעם האָבן גערעדט ביידע צדדים, אי דער פּאַרטיידיקער, אי דער באַשולדיקער. סאַבאָטאַזש. אַ וואָרט, וואָס האָט געקלונגען פרעמד, אָבער דערפאַר געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אויפן פּראָצעס. מ'האָט זיך מיטן וואָרט געוואָרפן הין און צוריק. דער לאָיער פון דער יוניאָן האָט געוואָלט צונישט מאַכן די אָנקלאַגע אויפן גרונט פון די מוראַדיקע קלעפּ, וואָס דער באַשולדיקטער האָט געקראָגן, צוגעשריבן דעם פּאָגראָם איבער די מאַשינען צו אַ ספּעציעלן מאָמענט פון אויפרע־גונג, צו אַלערליי פּסיכאָלאָגישע אורזאַכן. אויך דאָס האָט מאַקס ניט פאַרשטאַנען, אָבער פון די אַלע רייד האָט ער אָנגעהויבן צו דרינגען, אַז דער יוניאָן־לאָיער האָט אים געהאַלטן פאַר משוגע. ווייל צום סוף פון זיין לאַנגער רעדע האָט ער קלאָר געזאָגט, אַז מאַקס האָט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן „אין אַ צושטאַנד, וואָס גרענעצט זיך מיט משוגעת". עס איז געווען מאָדנע צו הערן פונעם אייגענעם לאָיער אַזעלכע רייד. ווייל אַט האָט דאָך מאַקס געקאָנט מיט אַלע איינצלהייטן דערציילן ווי דאָס אַלץ איז געווען. ער האָט גוט געדענקט, ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען פון אָפיס, האָט דערזען די רער אונטערן „בענטש", זי אַריינגענומען אין די הענט און גענומען זעצן איבער די צוגעדעקטע מאַשינען. ביז דער כלב, דער פאָרמאַן, האָט אים גענומען שלאָגן, אַזאַ כלב!...

אין דער יוניאָן האָט מען פיל גערעדט וועגן מאַקס פּראָצעס. ס'איז געווען „אַ טעסט קייס". די יוניאָן האָט געמוזט געווינען, אַז ניט

וועט מען פאַרמשפּטן אַרבעטער אין צייט פון אַ שטרייק פאַר יעדן ביסל שאָדן, וואָס זיי וועלן אָנטאָן די באַלעבאַטים. די יוניאָן האָט דערפאַר אָנגעשטעלט איר בעסטן לאָיער, זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט און מי, און ווען ער איז, ניט קוקנדיק אויף אַלע אָנשטרענגונגען, דאָך פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַכט חדשים, האָט די יוניאָן אַפּעלירט צו אַ העכערן געריכט, איינלייגנדיק פאַר מאַקסן אַ „בעיל" פון אַ סך טויזנטער.

וואַרטנדיק אויף דער אַנטשיידונג פון העכערן געריכט, איז מאַקס דערווייל געווען פריי. ער האָט אַ געוויסע צייט אַפילו ניט פּרובירט זוכן קיין אַרבעט. די יוניאָן האָט אים רעגלמעסיק געצאָלט די פאָר-דאָלאַר „שטרייק-בענעפיט". די אָנפירנדיקע יוניאָן-לייט זיינען אָפט געקומען צו מאַקסן אין הויז, ווי אייגענע. פּייוול גאָלדיס האָט אוועקגעגעבן פיל אָוונטן אויפצוקלערן פאַר מאַקסן די וויכטיקייט פון זיין פּראָצעס. עס זיינען געווען לעקציעס וועגן קלאַסן-קאַמף, צו וועלכע מאַקס און דאָבע האָבן זיך צוגעהערט מיט קאָפּ און מיט האַרץ. ביסלעכווייז האָבן זיך פאַר זייערע אויגן געעפנט נייע וועלטן. פון דער טונקעלער אומוויסנקייט איז געקומען קלאָרקייט און גלויבן. מאַקס האָט דערפילט, אַז זיין לעבן איז וויכטיק. אָט האָט מען וועגן אים געשריבן אין די צייטונגען, אין די יידישע און אויך אין די ענגלישע. זיין נאָמען איז געווען אָפּגעדרוקט צענדליקער מאָל נאָך דער איבערקערעניש אין שאַפּ און דורך דער צייט פון פּראָצעס. די אַרבעטער-צייטונג האָט אַפילו אָפּגעדרוקט זיין בילד. מאַקס האָט ביי זיך געהאַלטן די אויסשניטן פון דער צייטונג מיטן בילד, ווי אַ טייערן אוצר.

מלכה האָט זיך דערוואוסט וועגן אַלץ פון דאָבען, וועלכע איז געקומען צו איר אַהיים מיט איר פּאַק צרות און מיט אַ געשוואָלענעם פּנים פון טרערן. זי איז געקומען אויסוויינען איר ביטער האַרץ און בעטן הילף. אין הויז איז געווען אַ ביטערע אָרעמקייט. די קינדער זיינען געווען הונגעריק, ניט געהאַט וואָס אָנצוטאָן אין די ביטערע קעלטן. דער מאַן איז געווען אַ פאַרמשפּטער צו זיצן. און ס'איז געווען — „כאָטש שפּרינג פון בריק אין וואַסער אַריין"... אַזוי איז אויך מלכה צוריקגע־בראַכט געוואָרן צו דער קליינער משפּחה. זי פלעגט אָפטער קומען אויף דער „איסט-סייד" און אַריינברענגען אַ פאָר דאָלאַר אויך.

אין הויז זיינען איין אָוונט אויך אריינגעקומען, גאָר אומדערוואַרט,

די כמעט פאַרגעסענע צוויי שיף־שוועסטער, די צוויי מיידלעך, וואָס זיינען מיט זיי געפאָרן קיין אַמעריקע. זיי זיינען דאָ פאַרלוירנגעגאַנגען. און איצט, אַז זיי האָבן דערזען מאַקס בילד אין דער צייטונג, האָבן זיי אים אויפגעזוכט און באַשלאָסן צו פאַרבינדן זייער באַקאַנטשאַפט. די מיידלעך זיינען דורך דער צייט פאַרעלטערט געוואָרן. אין זייער אַמעריקאַנער קליידונג, אין זייער ניי־דערוואָרבענער האַלטונג האָבן זיי זיך געביטן, אָבער די „היימישקייט" זייערע האָט נאָך אַלץ אַרויסגערעדט פון זיי מיט וואַרעמקייט. מאַקס און דאָבע האָבן זיך מיט זיי דערפרייט, ווי מיט אייגענע. און אַזוי אַרום איז די אָרעמע דירה אין דעם טענעמענט הויז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ צענטער פון אַנגעלייגטע געסט, אַ צענטער פון פריינטשאַפט, פון באַקאַנטקייט, פון מיטגעפיל און טאַקע פון הילף.

דאָס לעבן האָט זיך געביטן. ענדערונגען זיינען איצט פאַרגעקומען שנעל. ערשטנס איז דאָבע אַוועק אַרבעטן. די מיידלעך האָבן זי אַרויפגענומען צו זיך אין שאַפּ אַרבעטן ביי „דרעסעס". פריידעלע האָט אָנגעהויבן צו באַזוכן אַ מאָדערנע יידישע שול, אַן אַרבעטער־שול. מאַקס איז געזעסן אין דער היים, אַכטונג געגעבן אויף דער ווירטשאַפט. געלייענט די צייטונג און אַלערליי פּאָליטישע פאַמפלעטן, וואָס פּיוול האָט אַריינגעבראַכט אין הויז אַריין. אויך דאָבע האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די יידישע ביכלעך, פון וועלכע פריידעלע האָט זיך געלערנט לייענען און שרייבן יידיש. זי האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז לייענען און שרייבן. און פון דעם, וואָס די קינדער האָבן געלערנט דער מאַמען לייענען פון אַ יידישן ביכל, איז געוועזן אַ סך פרייד. די קינדער האָבן זיך געפרייט, און די מאַמע האָט זיך געפרייט. און דורך דעם זיינען פאַרגעסן געוואָרן אַ סך ביטערנישן. דאָבע און מאַקס האָבן זיך ווייניקער געקריגט. זיי האָבן אַפילו געקאָנט אָפּזיצן אָפּט ביז שפּעט אין דער נאַכט און ריידן וועגן אַרבעט, וועגן שאַפּ און וועגן די קינדער.

דאָבע האָט זיך שטאַרק געביטן. זי איז געוואָרן מיט איין מאָל עלטער און יינגער. די אַלע איבערלעבענישן, די שווערע אַרבעט אין שאַפּ, צו וועלכער זי האָט זיך באַדאַרפט צופּאַסן און די אַלע שנעל־לויפנדיקע פּאַסירונגען, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין איר לעבן, האָבן זי אויסגעבלייכט און אַוועקגעלייגט אויף איר פּנים נייע קנייטשן און נייע אויסדרוקן. זי איז געוואָרן דינער, איידעלער. די נייע מענטשן,

וואָס זי האָט באַגעגנט, האָבן זי אויסגעלערנט צו זיין איינגעהאַלטענער, פּאָרזיכטיקער אין אירע רייד און באַוועגונגען. אויך דער מאַן איז איר געוואָרן פאַרשטענדלעכער. די אַרבעט אין שאַפּ איז געווען שווער — דאָס איז דאָך געווען אויך איר מאַנס שווערקייטן.

און דאָ, איידער טאַטע־מאַמע האָבן זיך אַרומגעקוקט, זיינען די קינדער אויך מיט אַ מאָל אונטערגעוואַקסן. שלמהלה, אָדער סעם, ווי מ׳האָט שוין אים איצט גערופן, איז צו זיינע צוועלף יאָר געוואָרן אַ גאַנצער מענטש. ער האָט געלערנט אין דעם ערשטן יאָר „היי־סקול״ און געוואָרן אַ פאַרדי־נער אויך. אין די נאָכמיטאָגן האָט ער פאַרקויפט צייטונגען און „דעליווערט״ אָרדערס פאַר אַ שפּייז־קראָם. אַרבעטנדיק אין דרויסן, איז ער שנעל אויסגעוואַקסן, געוואָרן קרעפטיקער און גרעסער אין וואוקס און באַקומען דעם אויסזען פון אַ גאַנצן בחור און אַ זעלבשטענדיקן מיטגליד פון דער משפּחה. פריידעלע, אָדער פרענסיס, איז געווען עלף יאָר אַלט, איז געגאַנגען אין די פרימאָרגנס אין סקול און נאָכמיטאָג — אין דער יידישער שולע. ביידע קינדער האָבן געלערנט גוט און געבראַכט די עלטערן אַ סך נחת.

סעם האָט אין די זונטיקס געשפּילט באַל מיט זיינע חברים פון דעם בלאָק ערגעץ אויף אַ ליידיקן „לאָט״. ער פלעגט קומען אַהיים נאָך דער שפּיל אַ צערויטלטער, אַריינגעבראַכט אין הויז די טיפּיש־אַמעריקאַנישע באַוועגונגען, דעם ספּעציפיש־אַמעריקאַנער גייסט, וואָס האָט די עלטערן געשראָקן און געפרייט. ביידע קינדער האָבן שוין איצט צווישן זיך גערעדט בלויז ענגליש, אַפילו אויף די יידישע פראַגעס פון די עלטערן אָפּגעענטפערט אויף ענגליש. די פרעמדע שפּראַך איז געוואָרן היימיש אין הויז. די אַמעריקאַנערווירקלעכקייט האָט זיך געריסן אין הויז דורך טיר און פענצטער, האָט מיט גוואַלד אַרויסגעשטופּט דאָס „היימיש״ און האָט זיך גענומען פאַרוואָרצלען אין אַלץ, מיט וואָס די קליינע פאַמיליע האָט געלעבט. אַמעריקע איז געוואָרן די היים. צוריק זיינען אַלע וועגן געווען פאַרשטעלט, אַלע בריקן פאַרברענט. דאָ האָט מען געלעבט און דאָ האָט מען באַדאַרפט שטאַרבן. ווייל אָט זיינען שוין די קינדער געווען אַמעריקאַנער. די קינדער זיינען געווען היגע. מיט זיי איז אויפגעגאַנגען אַ נייַ לעבן. און אָט דאָס לעבן האָבן מאַקס און דאָבע געמוזט אָננעמען. קיין אויסוועג איז ניט געווען.

וואַרטנדיק אויפן אויסגאַנג פון דעם פּראָצעס, האָבן טאַטע־מאַמע געבויט פּלענער: מאַקס וועט זיך באַפרייען, וועט אַוועקגיין אין אַ שאַפּ אַרבעטן.ביידע וועלן אַרבעטן, וועט דאָס לעבן זיין לייכטער, די מורא פאַרן לענדלאָרד — קלענער. סעם האָט שוין פאַר זיך פאַרדינט אויף זיין קליידונג, אויף זיינע קליינע באַדערפעניש. ביידע קינדער וועלן אַרבעטן, וועלן אפשר קאָנען אָפּשפּאָרן אַ „פּעני" פאַר דער צוקונפט. גיין, גראָד איצט האָט זיך נאָך דאָס לעבן געקאָנט בייטן, ווערן גרינגער.

2

די צוויי שוועסטער, וואָס האָבן דאָבען אַריינגענומען אין שאַפּ, זיינען אָפּט געקומען אין הויז. איין מאָל האָבן זיי דאָ געטראָפן פּיוולען. מאַקס האָט זיי דערמאָנט, אַז דאָס איז דער זעלביקער סטודענט, וואָס ער האָט זיי אויף דער שיף דערציילט וועגן אים אין פאַרבינדונג מיט די פּאַסי־רונגען ביי זיך אין שטעטל. מ'האָט זיך דערמאָנט וועגן פּאָגראָמען, וועגן דער רייזע אויף דער שיף. איבערדערציילט זאַכן, וואָס זיינען פאַרגעסן געוואָרן. פּיוול האָט זיך פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן דעם שאַפּ, וואו זיי האָבן געאַרבעט. די מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן אַביסל צוריקגעצויגן, ניט געוואוסט ווי צו ריידן מיט דעם געבילדעטן יונגנמאַן, אַביסל געשעמט זיך. אָבער זיין צוגעלאָזטקייט און זיינע פריינטלעכע רייד האָבן ביסלעכוויז אָפּגעווישט אַלע אונטערשיידן. זיי האָבן אים דערציילט וועגן זייער באָס, וועגן די באַדינגונגען אין שאַפּ. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט שוין פּיוול געוואוסט אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט. וויפל אַרבעטער עס האָבן ביי זיי געאַרבעט, וואָס פאַר אַ באָס זיי האָבן און וואָס עס זיינען די יוניאָן־באַדינגונגען. ער האָט פּלוצלינג איבערגעריסן דעם געשפּרעך און איראָניש אַ זאָג געטאָן:

— איך זע שוין, אַז דאָס איז דער אמתער שאַפּ... עס איז אַ שאַפּ, אויף וועלכן אַרבעטער פרעגן זיך זייער שטאַרק נאָך... נו, מ'וועט דאַרפן אַמאָל אַרויפקומען צו אייך. כ'וועל אַ רעד טאָן מיט דער יוניאָן. איך מיין, מיט אונדזער יוניאָן...

ער האָט עס געזאָגט און פריילעך זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. קיינער האָט ניט געוואוסט, צי ער מיינט עס ערנסט, צי ער שפּאַסט. ער האָט

אַריבערגעפירט דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדער ענין און באַלד זיך אויפגעהויבן, אַ קוק געטאָן אויפן זייגער און אַ זאָג געטאָן:

— מ׳דאַרף שוין גיין. איך האָב נאָך אַ זיצונג.

דאָבע האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַלע מאָל זענט איר אין איילעניש... אָט קומט איר אַריין, און אָט גייט איר שוין אַוועק...

פּייוול האָט אַ שמייכל געטאָן:

— אויף דער וועלט איז דאָ אַ סך אַרבעט. אימעצער דאַרף ז׳ דאָך טאָן... דאַרף מען צולייגן אַ האַנט.

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ צו מאַקסן און צו דאָבען און נאָך דעם א וואָרף געטאָן א פריינטלעכן בליק צו די צוויי שוועסטער:

— עס פרייט מיך אייך צו קענען. אַ גוטן!

און ער איז שנעל אַוועק.

און דאָבע האָט געזאָגט:

— אַזאַ בחור איז דאָס. אין דער היים געווען אַ גבירס אַ זונדל, אַ סטודענט, געהאַט פון פייגל־מילך... און אַלע מאָל געמישט זיך מיט די קבצנים. אין אַמעריקע אויך דאָס זעלביקע. אַרבעט אין שעפּער, ווי אַ פּראָסטער אַרבעטער. גיי וויס...

און מאַקס האָט צוגעגעבן:

— אַן אייביקער אידעאַליסט. גיט אַוועק זיין לעבן פאַר אונדז, אַרבעטער. וואָלט געקאָנט זיין אַ דאָקטער, צי אַ לאַיער. און ער אַרבעט גאָר אין אַ שאָפּ...

דעם גאַנצן אָוונט האָט מען ניט אויפגעהערט צו דערציילן וועגן פּייוולען פון דעם קליינעם שטעטל און דעם פּייוולען פון היינט, וואָס איז געווען מיט לייב און לעבן פאַר די אַרבעטער, אַנגעפירט שטרייקן, געמישט זיך אין אַלערליי „פּאָליטיקס“.

די מיידלעך האָבן געהערט די אַלע מעשיות, און ווען זיי זיינען אַוועק אַהיים, האָבן זיי ביז שפּעט אין דער נאַכט גערעדט וועגן זייער באַגעגעניש מיט דעם יונגן מאַן, וועלכער איז געווען אַנדערש פון אַלע אַנדערע יונגע לייט, וואָס זיי האָבן געטראָפן אין זייער לעבן. אוןביידע מיידלעך זיינען איינגעשלאָפן מיט א וואַרעמען געפיל אין זייערע

הערצער און מיט אַ טיף־באַהאַלטענער האָפֿענונג, ווי אַלע מאָל, נאָך אַ באַגעגעניש מיט אַ בחור.

און צוליב דעם איז מען שפּעטער אָפּטער אַריינגעקומען אין הויז פֿון די טענדלערס. די שוועסטער האָבן מורא געהאַט מודה צו זיין זיך אין דער סיבה פֿון זייערע אָפּטע באזוכן, אָבער ביידע האָבן געוואוסט, אַז זייער גיין אַהין איז פֿאַרבונדן פֿון אַ באַהאַלטענער האָפֿענונג נאָך אַ מאָל צו טרעפֿן דאָרטן פֿייוולען. פֿייוול איז אָבער געווען אַ פֿאַרנומענער מענטש, ער איז זעלטענער און זעלטענער געקומען, און די האָפֿענונג צו טרעפֿן זיך מיט אים איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דערפֿאַר איז אָבער די פֿריינטשאַפֿט מיט די טענדלערס געוואַקסן. דאָס הויז פֿון די טענדלערס איז געוואָרן ווי אַ צווייטע היים.

3

יענעם סוף־ווינטער האָט דער העכערער געריכט גוט־געהייסן דעם אורטייל פֿונעם פֿריערדיקן געריכט און מאַקס טענדלערן נאָך אַ מאָל פֿאַרמשפּט צו די אַכט חדשים טורמע. דאָס איז ניט געווען קיין פּלוצעמ־דיקער אומגליק. מ׳האָט זיך אויף דעם געריכט, און מ׳האָט זיך צו דעם די גאַנצע צייט געגרייט. פֿונדעסטוועגן, ווען דער אומגליק איז געקומען, איז ער אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן קאָפּ ווי אַ דונער. ווען די בשורה איז געקומען האָט זיך דאָבע פֿאַנאַנדערגעיאָמערט און גאַנצע שעהן זיך ניט געקאָנט באַרואיקן. די קינדער האָבן זיך פֿאַררוקט אין אַ ווינקל און ביטער געכליפּעט. דעם גאַנצן אָוונט זיינען שכנים און פֿריינט ניט אַרויס פֿון הויז, געזוכט טרייסט־ווערטער. יענעם טאָג איז דאָבע ניט געגאַנגען אַרבעטן, זיינען די צוויי שוועסטער, ברײַנדל און לייטשע, אויך געקומען. די קליינע דירה איז געווען פֿול מיט פֿריינטלעכע באַזוכער. אַפֿילו פֿאַרשטייער פֿון דער יוניאָן זיינען געקומען געבן דאָבען אַ וואָרט פֿון טרייסט און אַ צוזאָג צו געבן הילף. מלכה איז געקומען נאָכדעם, ווי זי האָט איבערגעלייענט אין דער צייטונג וועגן דער נייעס.

דאָבע האָט זיך ניט געלאָזט טרייסטן, געפֿילט, ווי מ׳וואָלט ערשט פֿון הויז אַרויסגעטראָגן אַ נאָענטן טויטן... עפּעס ווי אַ קינד וואָלט איר

ערשט אַוועקגעשטאָרבן. מאַקס איז פאַר איר שוין ניט געווען איר מאַן, מאַטל, דער אייביקער שלימזל, נאָר אַ קליין שוואַך קינד, וואָס מ׳האָט פון איר אָפּגעריסן און פאַרשיקט אויף פרעמדן, פיינטלעכן באָראָט, פאַרזעצט הינטער אייזערנע קראַטעס. זי האָט געיאָמערט און געטענהט אירס:

— אוי, ער וועט דאָרטן ניט אויסהאַלטן!... מ׳וועט אים דאָרטן פאַרקירצן די יאָרן... אומשטיינס געזאָגט, אַ מאַן אין אַ פּריזאָן... אוי, די קינדער וועלן בלייבן יתומים!... וויי איז מיינע יאָרן!...

שכנים האָבן איינגעטענהט, אַז אַן אַמעריקאַנער פּריזאָן איז ניט קיין יוראָפּשע... דאָס איז ניט די צאַרישע קאַטאָרגע... איר מאַן האָט קיינעם, חלילה, ניט געקוילעט. ער האָט קיינעם ניט באַגנבעט און ניט באַגזלט... די יוניאָן־פאַרשטייער האָבן באַוויזן, אַז איר מאַן איז גאָר אַ העלד, וואָס קעמפט פאַר „דער אַרבעטער־זאַך" און זיין נאָמען „וועט מיט גאָלדענע אותיות פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג..." מלכה האָט צוגעזאָגט הילף. זי וועט פון איר אייגענעם ביסן אָפּשפּאָרן און העלפן... אָבער דער אומגליק איז געווען גרעסער פון אַלע טרייסט־ווערטער.

קאַפּיטל צוויי

בריינדל און לייטשע

1

זיי זיינען געווען לייבלעכע שוועסטער, ביידע עלטערע מיידלעך, אָבער פאַרשיידן זיינען זיי געווען אין זייער אויסזען און כאַראַקטער, אַז ס'איז זיך שווער געווען פאַרצושטעלן, אַז דאָס זיינען קינדער פון איין טאַטע־מאַמע.

די עלטערע איז געווען נידעריק־געוואַקסן, אַ דיקלעכע, מיט אַ בלייכלעכן, קיילעכדיקן פּנים, מיט טרויעריקע אויגן, וואָס זיינען אַלע מאָל פול געווען מיט זאָרג, מיט אַ באַהאַלטענער מורא פאַרן לעבן. זי איז געווען מיט עפּעס פאַרביטערט, אויף אימעצן אייפערזיכטיק און בייז און שטענדיק געהאַט אויף וואָס צו באַקלאָגן זיך, האָבן טענות צו זיך און צו אַנדערע. צוליב אָט דעם שטריך אין איר כאַראַקטער האָט זי נאָך אין איר פריער יוגנט אויסגעזען עלטער פון אירע יאָרן. און איצט, אַז איר פּנים האָבן אויסגעקאַרבט דינע קנייטשעלעך און פאַרצויגן אַרום די אויגן און אַרום די ווינקלען פון איר מויל זייער פאַררעטערישן געוועב, האָט זי שוין אויסגעזען ווי אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן און אַ מאַמע פון קינדער. געהאַט אַן איינגעבוירעניע נייגונג צו עלטערן זיך, אַז יעדער אָפּגעלעבטער יאָר האָט אויף איר איבערגעלאָזן זיין צייכן: אַ בינטל גרויע האָר, נייע קנייטשן אויפן פּנים און אויף דער נשמה.

די יינגערע איז געווען יינגער פון איר שוועסטער בלויז מיט דריי יאָר, אָבער זי האָט אויסגעזען יינגער מיט אַ סך יאָרן. זי איז געווען העכער פון מיטעלן וואוקס, שלאַנק געוואַקסן, געהאַט לעבעדיקע, פריי־

לעבע אויגן, און ניט קיין צו־שיינע, האָט זי אָפט געקאָנט אויסזען אָנציִענדיק־אינטערעסאַנט. דערצו איז זי געווען פון דער נאַטור אַ פריילעכע, ליב געהאַט צו זינגען און צו לאַכן, צייטנווייז געווען זאָרגלאָז און קאַפּריזנע. ווען זי איז געווען באַזונדערס אויפגעלייגט, האָט זי ליב געהאַט אויסצולאַכן יעדע ערנסטע שטימונג פון איר שוועסטער. דאָס האָט אַלע מאָל געפירט צו ביטערע קריגערייען און רייסערייען. די אונטערשיידן אין זייערע כאַראַקטערן פלעגן דאַן אין אַ מאָדנער טראַגישקייט אַוועקשטעלן זיך צווישן שוועסטער און שוועסטער און ביטערער מאַכן זייער אָרעמען מיידלשן לעבן. איינע האָט געוואָלט ווי טאָן דער אַנדערער. איינע האָט אויסגעזוכט די אָנגעווייטיקטסטע ערטער ביי דער אַנדערער, כדי אַריינצולייגן אַהין איר ביסל סם פון פאַרביטערונג. און אַז יענע האָט שוין מער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, האָבן זיך די שוועסטער אַריינגעריסן מיט נעגל איינע דער אַנדערער אין פּנים, געריסן און געפּליקט, וואו ס'האָט זיך נאָר געמאַכט, מיט אַ קוויטשעריי און געוויין, אין וועלכן ס'איז געווען אומבאהאָלפנקייט, געפאַלנקייט און שרעק. יעדע קלייניקייט האָט געקאָנט אויפרייצן צו אַ קריג. אַ פאַרביטענע פּאָר זאָקן, אַביסל פּודער פון דער צווייטערס פּודער־שאַכטל, אַן אויפגעגעסן שטיקל שאָקאָלאַד, אַ בריוו פון די עלטערן פון יענער זייט ים.

אָבער די אמתע סיבה פון זייער שנאה איז געווען מורא. אַ באַהאַלטענע מורא ביי דער עלטערער, אַז די ייִנגערע וועט פריער פון איר חתונה האָבן. יענע וועט חתונה האָבן, און זי, די עלטערע, וועט בלייבן אַן אייביקע אַלטע מויד. און די ייִנגערע, פאַרקערט, האָט מורא געהאַט פאַר יענערס פאַרזעסנקייט. געזען אין דעם אַ שטער חתונה צו האָבן. ווייל חתונה האָבן פריער פאַר דער עלטערער איז געווען אַ בראָך קעגן אַ ניט־אַרויסגעזאָגטן צוזאָג, וואָס זי האָט געטראָגן פאַר טאַטע־מאַמע, קעגן אַן אַלטן פאַראורטייל, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון דער אַלטער היים.

און דערפאַר, אַז די ייִנגערע פלעגט ערגעץ אַוועק און צוריקקערן זיך אהיים שפּעטער ווי געוויינלעך, און אַמאָל אין אַ פריילעכער שטימונג, פלעגט שוין די עלטערע פאַרדעכטיקן. אירע אויגן פלעגן אָנהייבן שפּיזן און נישטערן, זוכן סימנים אינעם אויסדרוק פון די אויגן. אין די

קנייטשן פון די קליידער, אין זשעסט און אין גאַנג. אין אַלץ האָט געקאָנט זיין דער פיינלעך געזוכטער אמת. און דאַן האָט דורך דער גאַנצער נאַכט ניט אויפגעהערט צו וואַכן איר אויג איבער דער שוועס־טער. זי האָט געמאָסטן דעם אומרו פון יענערס שלאָף, די פאַרבאָרגענע רעגונג פון אירע בלוטן. אַ זיפץ האָט געהאַט אַן אַנדער באַדייטונג. אין קאָפּ זיינען געקראָכן משונהדיקע געדאַנקען און פאַרדאַכטן, וואָס האָבן צעצונדן די אויפגערודערטע פאַנטאַזיע ביז קראַנקער, איי־פער־זיכטיקער רעגונג.

נאָך אַזאַ נאַכט פלעגט די עלטערע אויפשטיין אַ פאַרביטערטע. געזאָטן מיט רוגזה, געזוכט אויסצוגיסן איר בייזקייט אויף דער שוועסטער, געוואָלט קריג.

— וועסט היינט אויך קומען שפעט?

די יינגערע פלעגט זיך טראַציק אנטקעגנשטעלן:

— און אַז שפעט? — איז דאָס דיין דאגה?

— וועסט זיך אַרומשלעפּן מיט עפּעס אַ יאַנקל. וואָדען? — וועסט זיך ניט אַרומשלעפּן?

— ניט דיין דאגה. איך קום ווען איך וויל. וועסט מיר ניט פאַרווערן.

אָבער די עלטערע פלעגט געפינען אַן אויסרייד פאַר אַ פרימאָרגנ־דיקער קריגעריי:

— האָסט שוין ווידער גענוצט מיין קעמל?

די יינגערע פלעגט איר צווואַרפן דעם קעמל און זאָגן:

— נאַ. אָט איז עס. כ׳האָב עס ניט אויפגעגעסן.

— וועסט נאָך איין מאָל נעמען דאָס קעמל, וועל איך דיך אַזאַ קעם־טאָן, אַז קיין איין הערעלע וועט דיר ניט איבערבלייבן אויפן קאָפּ.

איצט האָט קיין זאַך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן. אַ קלייניקייט — אַ בליץ מיט אַן אויג, אַ פאַראַכטלעכע מינע, אַ שאַרף וואָרט, אַרויסגעזאָגט מיט אַ גרימאַסע — פלעגט, ווי אַ פונק, פאַנאַנדערצינדן אַ געשלעג. די שוועסטער פלעגן זיך איינגראַבלען איינע דער אַנדערער אין די האָר, אין פנים, אין די קליידער, מיט פאַרשטיקטן אָטעם, מיט ציין־קריצעניש, קוויטשען און יאָמערן, ווי געריררטע פונעם זינען.

די מומע זייערע, אַן אלמנה, ביי וועלכער זיי האָבן געוואוינט זינט

זיי זיינען גרינע געקומען קיין אַמעריקע, פלעגט אַריינלויפן צו זיי מיט פאַרבראַכענע הענט, אַ בלייכע, אַ דערשראָקענע, פאַנאַנדערריסן זיי. זי פלעגט אָנכאַפּן די עלטערע פאַר די פּלייצעס מיט אירע אויסגעדאַרטע פינגער און מיט אַ וויינענדיקן קול בעטן זיך:

— בריינע, ווי גאָט איז דיר ליב... בריינע, לאָז אָפּ... ביסט דאָך עפּעס אַן עלטערע...

אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן, פלעגט זי זיך ווענדן צו דער יינגערער:

— לייטשע, ביסט דאָך עפּעס אַ קליגערע... לייטשע... האָסטו געזען, ווי מ'האָט זיך עס צונויפגעכאַפּט. גאָטעניו האַרציקער... וויי איז מיר, מערדער!... כ'וועל שרייבן אין יוראָפּ, צו טאַטע־מאַמע.

דערהערנדיק וועגן טאַטע־מאַמע, פלעגןביידע אָפּפאַלן איינע פון דער אַנדערער. בריינע, די עלטערע, פלעגט זיך פאַרגיין אין געדיכטן יאָמער, אַלע סענטימענטן, וואָס האָבן זי פאַרבונדן מיט דער אַלטער היים און מיט די עלטערן, פלעגן מיט אַ מאָל אַ שטראָם טאָן צום האַרצן און פאַרטרינקען זי אין טרערן. לייטשע, די יינגערע, פלעגט זיך אַריינוואַרפן אין בעט און שלוכצן, קוים קאָנען כאַפּן דעם אָטעם, און העשנדיק, קינדיש טענהן:

— מומע, זי האָט אָנגעהויבן די ערשטע... מומע, כ'האָב געגומען אויף אַ רגע דעם קעמל... מומע, איר וועט זען — כ'וועל אַנטלויפן, און זי וועט ניט וויסן, וואו איך בין אַהינגעקומען...

בריינע פלעגט אויפהייבן פונעם בעט איר רויט־פאַרוויינטן פּנים, וואָס איז געווען אויסגעוועבט מיט פּרימאַרגנדיקע קנייטשן און מיט אַ מאָל אַרויספּלאַצן:

— מומע, זי איז אַ חצופה!... פרעגט ביי איר, וואו זי האָט זיך אַרומגעשלעפּט ביז שפּעט ביינאַכט...

די יינגערע פלעגט אויסשרייען:

— איר זעט, מומע, זי איז „דזשעלאָס"... איך בין געווען אין די מואוויס.

— אַ ליגן. האָסט זיך שוין ווידער מיט אימעצן אַרומגעדרייט...

לייטשע פלעגט זיך אַ הייב טאָן צו איר, גרייט אַריינצורייסן זיך מיט די נעגל אינעם צערויטלטן פּנים פון דער שוועסטער. די מומע

פלעגט זיך אַוועקשטעלן אינמיטן און פלעגט זיך פאַרגיין אין אַ האַרץ־רייסנדיקן מוסר:

— ווי איז מיר!... לייבלעכע שוועסטער זאָלן זיך אַזוי מזיקן. איך וועל אָנשרייבן אַ בריוו צו טאַטע־מאַמע אין יוראָפּ... האָט כאָטש רחמנות אויף דער מומען אייערער, אויף דער ביטערער אלמנה... וואָס האָט איר צו מיין לעבן?

דאָס הויז פלעגט אָנגעפולט ווערן מיט געוויין. אַלע דריי פלעגן זיך פאַרגיין אין אַ יאָמער. פון די שכנישע פענצטער פלעגן זיך אַרויס־שטעקן קעפּ, מענטשן פלעגן זיך איינהערן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, פלעגן צווינקען און זאָגן:

— זיי האָבן זיך שוין דאָרטן ווידער צונויפגעכאַפּט, די מוידן... טפו, זאָלן זיי ווערן!...

די שוועסטער פלעגן אין אַזאַ טאָג אַוועק צו דער אַרבעט דערשלאָ־גענע און אומגליקלעכע. אַ גאַנצן טאָג פלעגט די שנאה פון איינער צו דער אַנדערער ניט אויסגעלאָשן ווערן, און קומענדיק אַהיים, געפילט די שווערקייט פון לעבן אינאיינעם, ווי עפּעס אַן אומגליקלעך־פאַרהייראַט פאָרפאָלק, וואָס האָט זיך פיינט געהאַט און דאָך געמוזט לעבן אונטער איין דאַך. די שוועסטער זיינען אַלע מאָל געווען אינאיינעם. געוואוינט אין איין צימער און געשלאָפן אין איין בעט און אינאיינעם געטראָגן דעם שווערן יאָך פון אַרבעטער־מיידלעך, אַ געבונדנקייט, וואָס האָט זיך געצויגן נאָך פון דער אַלטער היים, וואו עס האָבן געלעבט אַלטע טאַטע־מאַמע, ווען מ׳האָט אינאיינעם אַרויסגעשיקט רעגלמעסיק שווער־פאַרהאָרעוועטע געלטער: אַזאַ הילף איז דאָס געווען פון דערווייטן, וואָס האָט באַדאַרפט לינדערן טאַטע־מאַמעס אָרעמקייט, זייער קראַנקייט, זייערע עלטערע יאָרן. פון זיי פלעגן אָנקומען לאַנגע בריוו מיט דריבנע אותיות וועגן זאַכן, וואָס זיינען געווען נאָענט צום האַרצן, אַזעלכע איינצלהייטן, וואָס האָבן אויפגעוועקט דעראינערונגען פון דער קינדהייט און פון דער יוגנט. שוועסטער פלעגן אויפמישן אַלטע דעראינערונגען און באַריידן די „היימישע“ מענטשן, וואָס זיינען פאַרבליבן פריש אין זכרון מיט אַלע איינצלהייטן פון זייער לעבן. פון דעם איז געווען גוט און אומעטיק, ווי ס׳וואָלט זיך נאָך אַ מאָל צוריקגעקערט צו די נאָענטע מענטשן און געשעענישן פון דער היים. די שוועסטער פלעגן ווערן

סענטימענטאַל, פלעגן זיך האַרציק אויסוויינען נאָך די לאַנגע בריוו „פון דער היים" און האָבן אין אַזעלכע מאָמענטן געפילט אַ וואַרעמע קרובה־שאַפט.

ביידע שוועסטער האָבן ליב געהאַט לייענען די ראָמאַנען אין די יידישע צייטונגען. יעדן טאָג האָבן זיי איבערגעלייענט די פאָרזעצונגען פון דריי ראָמאַנען אויף אַ מאָל. אָבער דאָס איז ניט געווען גענוג צו שטילן זייער דראַנג נאָך ליטעראַטור. זיי האָבן אָנגעזאַמלט ביי זיך אַלטע ראָמאַנען, מערסטנס ניט געבונדענע, מיט פאַרגעלטע בלעטער, געשריבן אין אַ האַלב־טייטשמערישער שפּראַך. זיי פלעגן עס קריגן ביי לאַנדסלייט, אין אַלטע ספרים־געשעפטן, אויף פושקאַרטס אין אָרטשארד סטריט. די ראָמאַנען מיט זייער פרימיטיווער ראָמאַנטיק, מיט זייערע אויסטערלישע העלדן און מעלאָדראַמאַטישע געשעענישן זיינען געווען פול מיט שפּאַנונג. אין די ראָמאַנען זיינען דערציילט געוואָרן מעשיות פון עלנטע מיידלעך, איבער וועלכע מ'האָט געקאָנט וויינען, ווי איבער דעם אייגענעם גורל אויף דער וועלט. עס האָט אויך געטראָפן, אַז די שוועסטער האָבן זיך געקריגט איבער די העלדן, ווי איבער אייגענע מענטשן.

2

דאָס טענעמענט הויז, וואו די שוועסטער האָבן געוואוינט מיט זייער קרובה, איז געווען איינער פון די עלטסטע אויף דער איסט־סייד. אויף אַלע שטאָקן פון זיינע ענגע דירות איז געווען איין לעבן. אַ לעבן, וואָס האָט צעשריען דעם געשריי פון אומגליק און נויט.

פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט אין אַ שמאָלן, שטיקנדיקן הויף, ווי אַ טיפער גרוב, וואָס איז געווען, פון אויבן ביז אַראָפּ, פאַרהאנגען מיט אָרעמען וועש, מיט אַלערליי שמאַטעס, מיט ברודיקע ווינדעלעך. דורך די אָפענע פענצטער, אין די זומערדיקע חדשים, האָט מען געזען און געהערט, וואָס עס טוט זיך ביי די שכנים, זייער נאַקעטע נויט, זייערע קראַנקע קינדער מיט זייערע מאַמעס, ווייבער, וואָס זיינען געקומען אַהער פון זייער שטעטל אויסגעקוואַרטע און בלוטלאָזע. זיי האָבן אומגע־שמייעט האַלב־אָנגעטאָנע אין זייער אָרעמען אָנטועכץ. מיט שלאַבער־דיקע בריסטן און מיט גרויע פּנימער.

אין די אָונטן פלעגן זיך צוריקקערן פון זייער אַרבעט אויסגעמאַטערטע מענער, די טאַטעס פון קינדער, אָן ליבע צו זייער היים, צו זייער ווייב און קינדער.

אומגליקן האָבן דאָ אָפט געטראָפן. קינדער זיינען דאָ אָפט געשטאָרבן פון קראַנקייטן און אונטער די רעדער פון לויפנדיקע אויטאָמאָבילן, אויפן ברוק פון גאַס. איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז אַ מאַמע פון קינדער איז אין אַ נערוועזן צושטאַנד אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פינפטן שטאָק אין הויף אַריין און צעשמעטערט געוואָרן אויפן האַרטן צעמענט.

דאָ האָבן אויך געוואוינט פאַרדעכטיקע פּאַרשוינען, מענטשן מיט פאַרברעכערישע רעקאָרדן און סתם פּערזאָנען מיט טונקעלע באַשעפטיקונגען. קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען זיי זיינען געקומען און פון וואָס זיי האָבן געלעבט. און מיידלעך האָבן דאָ געוואוינט, וואָס צו זיי פלעגן קומען מענער. פון זייער אַפּאַרטאַמענט האָט זיך געהערט אַ פאַרדעכטיקער טומל. שיכורע געשרייען און גראָבע רייד האָבן זיך אָפט געמישט מיט ווילדע קוויטשערייען.

לייטשע האָט אָפט געטראַכט פונעם לעבן פון די מיידלעך. אין זייער לעבן איז געווען אַזאַ מאָדנע טראַגיק, וואָס האָט זיך געמישט מיט רייצנדיקער ראָמאַנטיק, מיט דער סודותדיקייט פון געפערלעכע אַוואַנטורעס.

ביידע שוועסטער האָבן געאַרבעט אינעם זעלביקן שאַפּ זינט זיי זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע. דאַן איז נאָך דער שאַפּ געווען אַ קליינער. קוים צען מאשינען זיינען „געלאָפן”. די אַרבעטער זיינען דאַן מערסטנס געווען לאַנדסלייט. אויך דער באָס איז געווען אַ לאַנדסמאַן. מ׳האָט זיך מיט אים געקענט נאָך „פון דער היים”. ער האָט נאָך דאַן ניט געקענט קיין ענגליש, גערעדט מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם יידישפּוילישן אַקצענט, מיט באַוועגונגען פון העגט. מיט די אַרבעטער האָט ער זיך געהאַלטן אינטים־היימיש, פאַרטרויען זיי אַלע סודות פון זיין שאַפּ און דערביי ביטער געקלאָגט אויף די שלעכטע געשעפטן, און שפּעטער געדונגען זיך אויף יעדן באַנדל, געריסן פון די פּרייזן, און אַלץ מיט אַ זיפץ און מיט אַ קרעכץ:

— נו, זאָגט אַליין, וואָס קאָן איך טאָן? דער קליינער מאַנופעקטשורער זאָל בעסער ניט געבוירן ווערן”... איך זאָל ניט שניידן די פּרייזן —

דאַרף איך אוועקגעבן דעם שאַפּ צו די קרעדיטאָרן. ס׳באַנקראָט, ווי איך בין אַ ייד!

אַז ס׳פלעגט אָנקומען די „ביזי״, פלעגט ער זיך אַליין אויך אַוועק־זעצן ביי דער מאַשין און „שיסן״ גלייך מיט די אַרבעטער. און אַז די אַרבעטער זיינען אין אָוונט, נאָך אַן „אָווערטיים״, אַוועק אַהיים, איז ער נאָך געבליבן ביי דער מאַשין ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

דער שאַפּ איז געוואַקסן. אומבאַמערקט, צווישן סעזאָן און סעזאָן, איז ער געוואַקסן. פון צען מאַשינען איז ער אויסגעוואַקסן אויף פופצן, אויף צוואַנציק, אויף פינף און צוואַנציק. עס זיינען צוגעקומען הענט, ביליקע הענט, וואָס דער באָס האָט ווערבירט צווישן דער אימיגראַנטי־שער באַפעלקערונג. אין שאַפּ האָט זיך דערהערט אַ געמיש פון שפּראַכן. גריכן, איטאַליענער, סיריער און יידן זיינען געווען איינגעשפּאַנט אין די מאַשינען, געגנייט העמדער, בערג מיט העמדער.

אין שאַפּ האָט זיך באַוויזן א פאָרמאַן און אַ פאָרליידי. אין אָפיס — אַ שטענדיקע בוכהאַלטערין. ס׳זיינען איינגעשטעלט געוואָרן נייע שנייד־און פרעס־מאַשינען. אין שאַפּ איז אַנטשטאַנען אַן ענגשאַפט, דער גערויש פון די מאַשינען איז געוואָרן שווערער.

דער שאַפּ איז געוואַקסן און מיט אים איז אויך געוואַקסן דער באָס אַליין. ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. ער האָט זיך ניט אַרומגעדרייט אַרום די אַרבעטער ביי די מאַשינען. פלעגט שעהן פאַרברענגען אין אָפיס. אַז דער סעזאָן פלעגט אָנקומען האָט ער זיך שוין ניט געזעצט ביי דער מאַשין צו „שיסן״. ער איז אויסגעוואַקסן. פון אַ קליינעם, זשוואַוון, טונקל־הויטיקן יידל, מיט איינגעפאַלענע באַקן און הונגעריקע אויגן, איז ער אויסגעוואַקסן אין אַ רויטלעכן, פעסט־געזעצטן יידן, מיט אַ קיילעכ־דיקן בייכל, ווי ביי אַ גבירל.

ער איז אַרומגעלאָפן איבערן שאַפּ אין איין וועסטל איבער אַ ניט איבעריק ריינער העמד, אַ צעטראָגענער, אַ פאַרזאָרגטער, אַרומגעפּאַ־דיעט אַרום די מאַשינען און געווען אומעטום אויף אַ מאָל — ביי די אָפּרייטאָרס, ביי די פּרעסער, ביי די קאַטערס און אין אָפיס. און אַלע זאָלן וויסן, אַז ער איז דאָ, און אַלע זאָלן זען, אַז ער איז זייער פאַרזאָרגט.

אָבער ווי נאָר דער „סעזאָן״ איז אַריבער, האָט מען אים אין שאַפּ ניט אָנגעזען. ער פלעגט ערגעץ פאַרפאַלן גיין. און אַז ער האָט זיך

באַוויזן אין שאַפּ, האָט ער אויסגעמיטן די אַרבעטער. געהאַלטן זיך אין אָפּיס, אָנגעטאָן אין רעקל און שניפּס, ווי ער וואָלט גרייט געווען אַרויס־צוגיין.

אין „סלעק״ האָבן די אַרבעטער געמוזט אַריינקומען אין שאַפּ סיי ווי סיי. ער האָט עס דורכאויס געפאָדערט. עפּעס ווי ער וואָלט געוואָלט זיין זיכער, אַז ווען דער „סעזאָן״ וועט אָנקומען וועלן זיי אַלע זיין אויפן אָרט. און זיי פלעגן טאַקע רעגלמעסיק אַריינקומען. ווער פריער, ווער שפּעטער. קומען, און מיט שטומע אויגן פרעגן דעם פאָרמאַן און איינע די אַנדערע — ווען וועט שוין זיין אַ סוף צו דער „סלעק״ און אַמאָל פלעגט טאַקע צופאַלן אַביסל אַרבעט. דער שאַפּ פלעגט דאַן אויף אַ קורצער שעה אויפגעלעבט ווערן, און נאָכדעם באַלד צוריק אַנטשוויגן ווערן. די אַרבעטער פלעגן היניען ארום די מאַשינען, קלייבן זיך אין רעדלעך, ריידן אומעטיקע רייד, דערציילן וועגן היימישע צרות, וועגן קראַנקייטן און נויט.

אַלע האָבן געזען ווי עס זיינען צוגעשטעלט געוואָרן נייע מאַשינען. ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן נייע איינריכטונגען. אין אָפּיס איז צוגעקומען ניי מעבל. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן גלעזערנע ווענטלעך. איין מאָל האָט אויך פּאַסירט אין „סלעק־צייט״, אַז מ׳האָט דורכגעבראָכן אַ וואַנט, כדי צו פאַראייניקן דעם שאַפּ מיט אַ גרויסן ליידיקן „לאָפט״ אויפן זעלביקן שטאָק. דער שאַפּ איז דורך דעם צוויי מאָל גרעסער געוואָרן. מער מאשינען זיינען צוגעקומען. וואַרשטאַטן זיינען צוגעבויט געוואָרן.

אַזוי האָבן די צוויי שוועסטער צוגעזען מיט זייערע אויגן, ווי פון זייער לאַנדסמאַן, דעם היימישן יידל מיט די אומרואיקע אויגן, איז אויסגעוואַקסן אַ שטרענגער, אַ פרעמדלעכער באַלעבאָס, פאַר וועמען מ׳האָט באַדאַרפט מורא האָבן און באַגעגענען זיין בליק מיט אָפּשיי און דרך ארץ. זיי האָבן צוגעזען, ווי דער באָס האָט געקויפט אַן אויטאָמאָביל, אַ הויז אין לאָנג־איילענד און אַ זומער־היים אין די בערג, ווי ער האָט אויסגעהאָדעוועט זיינע קינדער אין וואווילטאָג, אויסגעכאַליעט זיך אַ בייכל און אַ רויטן קאַרק און דער ווייב — אַ גווידער.

אַלץ האָט זיך אין די יאָרן געביטן. דער באָס, דער שאַפּ, די

מענטשן, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט. מאַשינען זיינען אַלט געוואָרן און זיינען פאַרביטן געוואָרן מיט נייע.

און נאָר זייער אייגן לעבן האָט זיך ניט געביטן. זיי זיינען אַזוי געבליבן אינאיינעם מיט די עטלעכע אַרבעטער, ווי אַ דערמאָנונג פון יענע יאָרן, ווען דער שאַפּ איז געווען קליין און זיי זיינען נאָך געווען יונג און פול מיט האָפענונג.

3

לייטשע האָט אָפט געהאַט דערפאַלג ביי יונגע לייט. אַרבעטער אין שאַפּ, לאַנדסלייט און סתם באַקאַנטע האָבן צו איר „געקלעפּט". מ׳האָט זי ליב געהאַט צוליב איר פריילעכקייט, צוליב איר אָפענעם כאַראַקטער און אַפילו צוליב אירע קאַפּריזן. אָבער זייער „קלעפּן" צו איר האָט ניט דערפירט צו קיין אמתער ליבע, אָדער צו הייראַט.

איין מאָל האָט לייטשע באַמערקט, אַז דער באָס אַליין, מיסטער דזשעי הוירש, איז געוואָרן אַ צו אָפטער באַזוכער ביי איר מאַשין. ער פלעגט פאַרבלייבן אויף עטלעכע איבעריקע מינוטן לעבן איר און פאַרפירן מיט איר אַ געשפּרעך. זי האָט באַמערקט, אַז זיין פּנים האָט דערביי געלויכטן און אין די אויגן האָבן געברענט פאַרדעכטיקע פייערלעך. זי האָט אים פריער ניט געזען אַזאַ אויפגעלייגטן, אַזאַ פריינטלעכן. ער האָט אויך ניט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטן. עטלעכע מאָל אַפילו אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז ער וואָלט וועלן מיט איר אַרויסגיין צו אַ „שאָו".

די נעענטערע שכנים ביי די מאַשינען האָבן עס אויך באַמערקט. און איינע פון די פרויען האָט אַפילו איין מאָל אַ וואונק געטאָן צו איר פון דער זייט, און ווען יענער איז אָפּגעטראָטן האָט זי צו איר געזאָגט:

— ניט אַנדערש, מיסטער דזשעי קלייבט זיך אָפּצוגטן זיין ווייב..

— וואָסי?

— זעסט ניט, ווי ער טרעט ניט אָפּ פון דיר?

לייטשע האָט זיך זייער פאַרשעמט. ניט געוואוסט ווי צו האַלטן זיך. אַזוי אומרואיק געווען, אַז זי האָט זיך אַפילו געטיילט מיט דער שוועסטער:

— וואָס זאָגסטו אויף דעם, ברײַנדל? וועסט ניט גלויבן... מיסטער דזשעי פרײַנדלט זיך צו מיר, האָט מיך אײַנגעלאָדן צו אַ „שאָו".

ברײַנדל האָט זי אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט. דער ערשטער אימפּולס אין אַזעלכע פאַלן איז געווען — אײַפערזוכט, האָט זי געזאָגט:

— צו דיר „פרײַנדלען זיך" אַלע מענער. זיי ווייסן שוין מיט וועמען צו שליסן „פרײַנטשאַפט"...

לייטשע האָט געוואָלט אין כעס ווערן, אָבער זי האָט נאָכגעביק געזאָגט:

— וואָס קאָן איך העלפן? אז דער באָס קומט צו, זאָל איך אים פון זיך אָפּטרײַבן?

— אַז אַ מיידל לאָזט זיך — טשעפּעט מען זיך צו איר.

אַזאַ געשפּרעך וואָלט געקאָנט פירן צו אַ קריגערײַ. אָבער דאָס מאָל איז לייטשע געווען זייער באַאומרואיקט. פון טאָג צו טאָג איז דער פאַרדאַכט געוואַקסן. דעם באָס באַציאונג צו איר האָט זי געשראָקן. אין זײַנע רייד און אָנצוהערענישן איז שוין ניט געווען קיין צווייפל. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. מורא געהאַט פאַרן באָס, פאַר ברײַנדלען, פאַר זיך. ווער האָט געקאָנט וויסן צו וואָס דאָס קאָן פירן?

און איין מאָל איז ער צו איר צוגעקומען, עטלעכע מינוטן איידער דער שאַפּ האָט זיך באַדאַרפט שליסן, און געזאָגט:

— לייטשע, איך האָב היינט געקויפט אַ נייע מאַשין... אַ טײַערע קאַר. איך וויל דיך אַרויסנעמען אויף אַ „רייד"... וועסט האָבן דעם ערשטן „רייד" אין מײַן נייער מאַשין... וואָס זאָגסטו, לייטשע?

זי האָט זיך אויף אַן אמת זייער דערשראָקן. דערפילט אַ וואַרעמקייט אין פּנים. אין דעם פאַרשלאַג איז געווען אַ מורא און אַ נייגער אינאיינעם. זי האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט:

— גוט. איך וועל פאָרן... מיסטער דזשעי.

דאָס האַרץ האָט אין איר געקלאַפּט. זי האָט געמיינט, ס'עקט זיך דאָס לעבן, ניט געקאָנט קוקן דעם באָס אין די אויגן, ניט געוואוסט ווי צו האַלטן זיך.

זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן פון שטאָט. ס'איז געווען פריער אָונט. די זון האָט געפאַרבט אין רויט די ברעגן פון אָפּגעריסענע שטיקלעך

וואָלקנס. דער אויטאָמאָביל איז געלאָפן איבערן גלאַטן אספאלט אָן דעם מינדסטן גערויש. דער באָס איז געזעסן לעבן איר און האָט גערעדט. ער איז געווען אויפגעלייגט און ניט אויפגעהערט צוצו־וואַרפן לייטשען זיינע קאָמפּלימענטן. געזאָגט איר, אַז דאָס איז דער גליקלעכסטער טאָג אין זיין לעבן. און זי ווייסט גאָר ניט, וואָס פאַר אַ טייער מיידל זי איז. נאָר ער קאָן אָפּשאַצן איר וואוילקייט. ער האָט עס איר אַ סך מאָל געוואָלט זאָגן, נייַן, זינט זי איז אָנגעקומען צו אים אין שאָפּ, האָט ער עס איר געוואָלט זאָגן. און כדי צו באַווייזן די אויפ־ריכטיקייט פון זיינע געפילן צו איר האָט ער איר פאַרטרויט זאַכן פון זיין לעבן אין דער היים און אין שאָפּ, געקלאָגט זיך אויף זיין ביטערן מזל אויף דער וועלט, אויף זיין איינזאַמקייט אין דער היים און אין דער געזעלשאַפט.

זי האָט געשוויגן, ניט געוואוסט, צי זי דאַרף אים באַדויערן, אָדער טרייסטן, געזאָגט:

— און איך האָב געמיינט, איר זייט דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

ער האָט זיך ביטער פאַנאַנדערגעלאכט:

— כע!... איך — דער גליקלעכסטער מענטש?..

— איר זייט רייך... איר האָט אַ ווייב מיט קינדער, אַ פאַמיליע...

ער האָט אָפּגעשוויגן אַ ווײַלע. זי האָט געזען ווי זיין פנים איז געוואָרן בלייך. דער אויסדרוק פון זיינע אויגן איז געוואָרן טרויעריק. ער האָט א זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— וואָס איז מיר מיין רייכקייט? וואָס איז מיר די פאַמיליע, מיט הייזער און אויטאָמאָבילן, אַז אָט־אָ־דאָ אין האַרצן איז פוסט? פאַרשטייסט, ס'איז ניטאָ צוליב וואָס צו לעבן... פאַר איין רגע ליבע וואָלט איך אוועק־געגעבן מיין שאָפּ, מיינע אויטאָמאָבילן... פאַרשטייסט, לייטשע?

אָט די רייד האָט שוין לייטשע ניט איין מאָל אויסגעלייענט פון די ראָמאַנען. לייטשע האָט פאַרשטאַנען. זי איז געוואָרן אומרואיק, געזאָגט:

— אָבער איר האָט דאָך ליב אייער פרוי...

ער האָט אַ קער געטאָן צו איר דעם קאָפּ מיט אַן אַרויסרוף:

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך האָב זי ליב?

אין זיינע ווערטער איז געווען פאַרדראָס און אַן אָפּלייקענונג

אינאײנעם. זי האָט אָפּגעשוויגן, געוואָלט זיך דערמאָנען, ווי זײַן ווײַב האָט אויסגעקוקט, ווען זי האָט זי ניט לאַנג צוריק געזען אין שאָפּ. זי איז געווען זייער אַ פּעטע, זײַן ווײַב. אַרײַנגעזעצט זיך אין אַ שטול און צעשוואומען זיך אין אַלע זײַטן. אָנגעטאָן אין שוואַרצן, האָט זי אויסגעזען, ווי עפּעס אַן אַלטע קראָ מיט אַ ברייטער נאָז, מיט צוויי גוידערס, מיט אַ טונקעלער בראָדעווקע איבער דער אייבערשטער ליפּ, וואָס איז געווען באַוואָקסן מיט האָר. דאָס איז געווען זײַן ווײַב. זי האָט פון איר קיינמאָל ניט געטראַכט. זי איז געווען אַ פרעמדע פרוי, מיסטער דזשעיס ווײַב. און איצט איז די פרוי אויפגעשטאַנען ווי אַ צד אין איר לעבן.

מער האָט מיסטער הוירש ניט גערעדט. ער איז געווען אַ דערפאַרענער ביזנעס-מאַן. פאַרן ערשטן מאָל איז געווען גענוג אַ קליינער אויפגאַב; וואָס ער האָט איצט געזאָגט איז געווען איבערגענוג. איצט האָט ער געקאָנט אַריבערפירן דעם געשפּרעך אויף אַן אַנדער זאַך און ער האָט געזאָגט:

— דער פרילינג איז שוין דאָ, ליטשע. דער טאָג ווערט גרעסער. אײדער מ'עט זיך אַרומקוקן וועט שוין זײַן זומער... און די מאַשין מײַנע, ס'אַראַ גאַנגעלע! גיט זיך קיין שאָקל ניט און לויפט אַכציק מײַל אַ שעה... וועלן מיר טאַקע „סעלעברייטן" צוליב דער נייער מאַשין. ביסט שוין אוודאי זייער הונגעריק, האָסט דאָך עפּעס אָפּגעשאָסן אַזאַ טאָג...

ער האָט אויסגעדרייט דעם אויטאָמאָביל און אַוועקגעיאָגט אין דער ריכטונג פון שטאָט. די זון איז שוין פאַרגאַנגען. די פרילינגדיקע נאַכט איז שנעל צוגעפאַלן. די שטאָט האָט זיך געבאָדן אין ליכט. אויף בראָדוועי האָט געזאָדן מיט פאַרנאַכטיקן עולם, וואָס האָט געשטראָמט פון אַלע זײַטן צו די אַמוזירונג-פּלעצער. אַרום די ראָגן האָט צעשריען זײַן געשריי דער שטאָטישער הו-האַ.

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ רײַכן האָטעל-רעסטאָראַן. הוירש האָט געגומען זי אונטערן אָרעם און זי צוגעפירט צום רײַכן אַרײַנגאַנג. אַ הויכער לאַקעי אין אַ לאַנגער ליווריע האָט פאַר זיי געעפנט די טיר. ליטשע איז געוואָרן אומרואיק:

— אוי, איך בין ניט אָנגעטאָן פאַר אַזאַ פּלאַץ...

ער האָט זי באַרואיקט און ניט פאַרגעסן אַרײַנצוּוואַרפן אַ קאָמפּלימענט:

— דאָס איז גאָרניט. ביסט נאָך אַלץ שענער פון די דאַמען, וואָס קומען אַהער עסן...

אינעווייניק האָט זיי באַגעגנט דער הויפּט־קעלנער, פאַרנויגט זיך פאַר זיי און באַגלייט זיי צו אַ טישל לעבן פענצטער. אינעם גרויסן זאַל איז געווען טונקל. עס האָט געברענט ליכט פון אונטער הונדערטער אַבאַ־זשורן, וואָס האָבן געוואָרפן זייערע ליכט־עפעקטן אויף די טישלעך, איבערלאָזנדיק דעם אַרומיקן שטח אין האַלב־פינצטערניש. אינעם זאַל זיינען געווען אַ סך מענטשן, מענער און פרויען, אָבער קיין טומל איז ניט געווען. קעלנערס אין אוניפאָרמען, הויכע, שלאַנקע בחורים, מיט עלעגאַנטע באַוועגונגען, זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום די טישן, געבויגן זיך פאַר די געסט, געטראָגן טאַצן מיט שפּייז.

ס'איז געווען אַ פרעמדע סביבה. לייטשע האָט ניט געוואוסט, ווי צו האַלטן זיך, געפילט זיך אומבאַקוועם און פאַרלוירן. דערפאַר האָט זיך מיסטער הוירש דאָ געהאַלטן פריי. ער האָט באַשטעלט די שפּייזן מיט אַ זשעסט, ווי איינער, וואָס ווייס ווי און וואָס צו באַשטעלן.

דער קעלנער איז אַוועק און זיך באַלד צוריקגעקערט מיט צוויי באָקאַלן אויף אַ טאַץ, אַוועקגעשטעלט איין באָקאַל לעבן איר און אַ צווייטן לעבן הוירשן. און הוירש האָט מיטן שטעל פון אַן עקספּערט דערקלערט:

— זעסט, לייטשע, אָט דאָס איז אַ „דריי מארטיני״. דאָס איז פאַר מיר. איך קען „סטענדן״ אַ שטאַרקערן טרונק. און דיינס איז אַן „אַלעק־סאַנדער״ — אַ ווייבעריש געטראַנק. וועסט טרינקען, און וועסט אַפילו ניט שיכור ווערן...

ער האָט זיך צופרידן פאַנאַנדערגעלאַכט. לייטשע האָט באַמערקט, אַז די נאָענטסטע שכנים האָבן אַ קער געטאָן די קעפּ אין זייער ריכטונג.

הוירש האָט אויפגעהויבן זיין גלעזל און אַ זופּ געטאָן:

— טרינק, לייטשע, וועסט עס גלייכן... אַ וועטשערע אין די פּלעצער אָן אַביסל משקה איז קיין וועטשערע ניט, כע־כע־כע!...

זי האָט פאַרזיכטיק אַ זופּ געטאָן פונעם גערדיכטלעכן געטראַנק. ס'איז געווען אי זיס, אי ביטערלעך.

באַלד איז געקומען דער קעלנער מיט אַן איבערגעפולטן טאַץ.

מיסטער הוירש האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, געלויבט די שפּייזן. לייטשע האָט צוליב דער פרעמדקייט פון דער סביבה ניט געהאַט קיין אַפּעטיט, ניט געווען זיכער מיט איר האַלטונג אין אַזאַ רעסטאָראַן. ער האָט עס באַמערקט. ס'האָט אים אַפילו פאַרדראָסן:

— עס, לייטשע, דו עסט אַזוי ווייניק. פאָלג מיך, נעם אַביסל קעטשאָפּ, וועסט זען — ס'עט האָבן גאָר אַן אַנדער טעם... זע, דו האָסט דאָך אַפילו ניט אויסגעטרונקען דיין גלעזל!...

ער האָט צוגערופן דעם קעלנער און באַשטעלט פאַר זיך נאָך אַ „מאַרטיני". זי האָט געזען, ער איז געווען זייער צופרידן מיט דער וועטשערע, מיט זיך און איז געווען זייער אויפגעלייגט, גערעדט אַ סך און הויך אויפן קול, ציענדיק אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די שכנים מיט זיין טומלדיקער באַנעמונג, מיט זיין זשעסטיקולאַציע.

אַרויסגייענדיק פונעם רעסטאָראַן האָט ער געזאָגט:

— נו, און איצט וואָלט מען באַדאַרפט גיין זען אַ „שאָו", אָבער פאַר היינט איז שוין צו־שפּעט. מירן דאָס איבערלאָזן אויף אַ צווייטן מאָל, לייטשע.

לייטשע האָט געוואָלט וואָס שנעלער פאַרענדיקן דעם אָוונט און אומקערן זיך אַהיים. זי איז געווען פול מיט איינדרוקן. זי איז געווען פאַרשיכורט און צעטומלט. זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן — צי פרייען זיך, צי שרעקן זיך. אין האַרצן איז געווען אַ מורא פאַר דער שוועסטער, וואָס האָט ניט געטאָרט וויסן, אַז זי האָט פאַרבראַכט דעם אָוונט מיט מיסטער דזשעי.

ווען זי איז אָנגעקומען אַהיים, איז שוין ברײַנדל געלעגן אין בעט. זי איז נאָך ניט געשלאָפן. געלעגן און געוואַרט מיט אָפענע אויגן, ניט אויסלעשנדיק דאָס ליכט. ניט געוווּסט, וואוהין לייטשע איז איר פאַרשוואונדן פון די אויגן, איידער זיי האָבן פאַרלאָזט דעם שאָפּ. געווען ווי אַ מאַמע, וואָס איז פאַרזאָרגט וועגן איר קינד, און געווען ווי אַן אייפערזיכטיקע שוועסטער, וואָס מאַטערט זיך מיט פאַרדאַכטן. זי האָט אָבער קיין זאַך ניט געזאָגט. זי האָט געזען, אַז יענע איז עפּעס גאָר אַן אַנדערע. ס'איז געווען געפאַלנקייט אין אירע באַוועגונגען. אויפן פּנים — ערנסטקייט און סוד. ביידע האָבן געשוויגן. לייטשע האָט זיך

אויסגעטאָן און אַריינגעלייגט זיך אין בעט.ביידע האָבן די נאַכט ניט געשלאָפן. געמאַטערט זיך מיט אַלערליי צווייפלענישן און פאַרדאַכטן, מורא געהאַט איינע פאַר דער אַנדערער.

4

עס זיינען פאַר לייטשען אָנגעקומען שלאָפלאָזע נעכט. ס'איז געווען פון וואָס צו טראַכטן, פאַרוואָס זיך צו שרעקן. זיך דערפילט, ווי אַ פאַרלוירן קינד, ניט געוואוסט, ווי צו מאַכן דעם ווייטערדיקן טראַט אין לעבן. מיסטער דזשעי האָט ניט אויפגעהערט זי צו פאַרפאָלגן מיט זיין ליבע. אים איז געגאַנגען אין לעבן, אַז לייטשע זאָל זיין זיינע. ער האָט זי געוואָלט געווינען דורך אַלערליי וועגן: דורך פאָטערלעכקייט, דורך גוטסקייט, שטענדיקער אויפמערקזאַמקייט. ער האָט זי צעטומלט מיט אַלערליי פאַרגעניגנס. פאַרבראַכט מיט איר אָוונטן אין טעאַטער, אין רייכע רעסטאָראַנען. ניט געזשאַלעוועט קיין געלט. איין מאָל האָט ער זי גענומען אין אַ קאַבאַרעט. ס'איז געווען אַ שבת אָוונט. זיי האָבן דאָרט פאַרבראַכט אַ גאַנצן אָוונט ביז אין פרימאָרגן אַריין. ער האָט געפּועלט, זי זאָל מיט אים טאַנצן. אַ שווערלייביקער און אַ בייכיקער, האָט ער שלעכט געטאַנצט. זי האָט זיך מיט אים געפילט אומבאַקוועם. ער האָט שווער געאָטעמט, געווען רויט פון אָנשטרענגונג און שטאַרק געשוויצט. אָבער אים איז געגאַנגען אין לעבן, זי זאָל זיך מיט אים אַרומדרייען אין יעדן טאַנץ, ווי נאָר די מוזיק פלעגט אָנהייבן שפּילן.

ביים טיש האָט ער באַשטעלט געטראַנקען פאַר זיך און פאַר איר. צוגערופן די סיגאַרעט־מיידל און איינגעקויפט פאַר זיך עטלעכע טייערע סיגאַרן און פאַר לייטשען אַ פּעקל סיגאַרעטן. געוואָלט, זי זאָל אומבאַדינגט רויכערן. ער האָט זיך געהאַלטן פריילעך, אויפגעלעבט און געסטאַרעט זיך צו זיין יונג. יעדע רגע געהויבן דעם באַקאַל:

— טרינק, לייטשע! לאָמיר וויסן, אַז די וועלט איז אויך אַ וועלט...

און זי האָט געטרונקען. איר איז געווען הפקרדיק אויפן האַרצן. אַרום איר איז געווען אַ נייע וועלט, וואָס האָט געטומלט מיט מוזיק און טענץ. שפּעט ביינאַכט האָט מען דורכגעפירט אַ רייכן קאָנצערט מיט נאַקעטע טענץ און צווייטייטיקע וויצן, פון וועלכע מיסטער הוירש איז

זיך פֿאַרגאַנגען אין געלעכטער. פֿאָרלעך האָבן זיך געהאַלטן פֿריי. מען האָט זיך געקושט און אַרומגענומען זיך, ווי אין דער היים. און אויך מיסטער הוירש האָט געוואַגט עטלעכע מאָל אַ קוש צו טאָן איר האַנט. זי האָט אין דעם ניט געפֿילט קיין בייז. ניין. ס׳איז איר אַפֿילו געווען אָנגענעם, וואָס ער, דער באָס, האָט זיך אַזוי העפֿלעך צוגעבויגן איבערן טיש צו איר האַנט און זי געקושט, געקושט מיט ליבשאַפֿט. שפּעטער, אַז זי איז שוין געוואָרן אַביסל שיכורלעך, האָט ער זי אַ קוש געטאָן אין באַק. אויך קעגן דעם האָט זי ניט פּראָטעסטירט.

אַזאַ לעבן האָבן דאָ מענטשן געלעבט. רייכקייט האָט דאָ געשריען מיט טויזנטער קולות. מענטשן האָבן זיך געוואָרפֿן מיט געלט. האָבן שטאַרק געטרונקען. די פֿרויען האָבן דאָ געטרונקען ניט ווייניקער פֿון די מענער. אויך לייטשע האָט געטרונקען מער, ווי זי האָט געקאָנט. דער קאָפּ האָט זיך איר געדרייט. ס׳האָט זיך געוואָלט לאַכן, ריידן הפקרדיקע רייד, אַרומנעמען מיסטער הוירשן און קושן זיך מיט אים, ווי דאָס האָבן געטאָן אַנדערע פֿאָרלעך. זי האָט געפֿילט ווי צווישן איר און דעם באָס זיינען אָפּגעווישט אַלע גרענעצן. זי האָט אים געקאָנט זאָגן, וואָס זי האָט געוואָלט. ווייל אָט איז ער דאָ מיט איר געזעסן, געקוקט אויף איר מיט פֿאַרליבטע אויגן, געקושט איר די הענט. צוליב דעם איז ער געווען קאָמיש. אַן עלטערער מענטש האָט זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַ פֿאַרליבט יינגל. פֿון דעם איז געווען גוט און פֿריילעך. ס׳איז אויך געווען גוט, וואָס ס׳איז געווען שבת־נאַכט און מ׳האָט ניט באַדאַרפֿט טראַכטן וועגן אויפֿשטיין צו דער אַרבעט.

— דאַרלינג, טרינק אויס נאָך אַ קאָפּ...

זי האָט געטרונקען. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט. אין די אויגן האָט געטונקלט. צום גאָרגל איז צוגעטראָטן היסטעריקע. ס׳האָט זיך געוואָלט וויינען און לאַכן און זוכן שוץ ביי מיסטער הוירש אויף דער ברוסט. ער האָט זי שיכורלעך באַרואיקט און געגלעט:

— מיין דאַרלינג... מיין טייער קינד...

און געקושט זי מיט נאַסלעכע, אומאָנגענעמע קושן. אָבער איצט איז געווען אַלצאיינס.

ס׳איז שוין געווען זייער שפּעט, ווען זיי האָבן זיך דערמאָנט צו גיין אַהיים. אין דרויסן האָט שוין געגרויט אויף טאָג.ביידע זיינען געווען

אויסגעשעפּט און פרעמדלעך. די פריערדיקע אויפגעלעבטקייט איז אויסגעלאָשן געוואָרן. קוים אויפגעזוכט דעם אויטאָמאָביל אַרום דעם ראָג און געלאָזט זיך פאָרן איבער די ליידיקע גאַסן.

לייטשע האָט מיט שווערקייט איינגעהאַלטן דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון אַ גוטן חלום און זיך צוריקגעקערט צו אַ שווערערווירקלעכקייט, געפילט אַ זינדיקייט אין זיך.

הוירש האָט געזאָגט נאַכלעסיק, ניט קוקנדיק אויף איר:

— דאַרלינג, שפּאָר צו דעם קאָפּ אויף מיין אַקסל.

זי האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ און צוגעמאַכט די אויגן. צוגעטוליעט זיך צו אים, ווי אַן אויסגעמאַטערט קינד, און פאַרגעסן זיך; ניט געפילט ווי זי איז איינגעשלאָפן, ניט געוואוסט, ווען די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר הויז.

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ מינוט, פאַרזיכטיק גענומען זי וועקן:

— דאַרלינג!...

זי האָט אויף אַ רגע געעפנט די אויגן און זיי ווידער צוגעמאַכט. ניט געוואָלט קומען צו זיך. ער האָט זי אַ גלעט געטאָן איבערן אַקסל:

— דאַרלינג, מיר זיינען שוין אָנגעקומען...

ערשט איצט האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דערקענט די אייגענע גאַס. עס איז געשטאַנען אַ גרויער פרימאָרגן. זיין פּנים איז געווען גרוי, ער איז געווען בלייך, אויסגעזען זייער אַלט. זי האָט געזאָגט:

— אוי, ס׳מוז שוין זיין זייער שפּעט!

ער האָט ביטערלעך אַ שמייכל געטאָן:

— כ׳וועל שוין קריגן די ריכטיקע גאָב פון מיין יידענע... כע־כע — געזאָגט און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ קליינעם געלעכטערל. ער האָט זי געוואָלט אַ קוש טאָן, אָבער לייטשען האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט אַריינגעמישט זיין ווייב, האָט זיך ניט געלאָזט אַ קוש טאָן; אַרויסגעקראָכן פון אויטאָמאָביל, זייער אַ מידע, פאַרריכט אַביסל די צעשויבערטע לאָקן אונטערן הוט, אַראָפּגעצויגן דאָס צעקנייטשטע קלייד, אַ קוק געטאָן נאָך אַ מאָל אויף אים, און קאַלטלעך אַ מאַך געטאָן צו אים מיט דער האַנט דורכן אָפענעם פענצטערל:

— אַ דאַנק פאַרן גוט־טיים...

ער האָט איר געענטפערט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— דאַנט מענשן... טהי פּלעזשור איז אָל מיין...

לייטשע איז מיט שווערלעכע טריט געגאַנגען אַרויף די טרעפּ, ווי אַ פאַראורטיילטע. אין האַרצן איז געווען אַ ביטערע אַפּאַטיע.

ברײַנדל איז געלעגן מיט אָפענע אויגן. אין דער טונקלקייט פון דעם פרימאָרגן־ליכט האָבן זיך זײַערע אויגן באַגעגנט און זײַנען אויף אַ רגע פאַרלוירנגעגאַנגען איינע אין די אַנדערע. ברײַנדל האָט געזאָגט:

— אויסגעלאָסענע מויד, אַ קלאָג אויף דיר!...

ס׳איז געווען א פּראַזע, וואָס זי האָט אויסגעלייענט פון אַ ראָמאַן. אַ מאַמע האָט דאָרטן אַזוי באַגעגנט שפּעט אין דער נאַכט איר צעלאָזענע טאָכטער. אָט די פראַזע האָט זי געמאַטערט די גאַנצע נאַכט. געוואַרט לאַנגע שעהן, כדי אין אָט דער רגע אַ וואָרף צו טאָן דער שוועסטער:

— אויסגעלאָסענע מויד, אַ קלאָג אויף דיר!

לייטשע איז געבליבן קאַלט צום אַרויסרוף, ניט געווען איבעראַשט, ווי זי וואָלט עס דערוואַרט. אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ שטול און געשוויגן.

אָבער ברײַנדל האָט זיך ניט געקאָנט באַרואיקן. נאָך אַ מאָל אַ וואָרף געטאָן אויף לייטשען, ווי מיט ברענענדיקן שרויט:

— חצופה, אַ קלאָג אויף דיר!... מיט וועמען האָסטו זיך אַרומגעשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט? מיט וועמען?

לייטשע האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג צו זאָגן דעם אמת. ס׳איז איר אויסגעקומען, אַז ס׳איז נוצלאָז אויסצובאַהאַלטן דעם אמת, געזאָגט:

— כ׳בין געווען אין אַ קאַבאַרעט מיט מיסטער דזשעי.

ברײַנדל האָט זיך אויפגעזעצט, פאַרבראָכן מיט די הענט, ווי עפּעס אַ מאַמע, וואָס האָט ערשט דערהערט, אַז אַ גרויס אומגליק האָט געטראָפן מיט איר טאָכטער:

— מיטן באָס!... ווײ איז מיר! ס׳איז דאָך יאַנקל הערשקאָוויץ, אַ קלאָג אויף אים. ער וועט זיך דאָך פאַר קיין יאָך ניט אָפּשטעלן, אַבי ער זאָל קריגן, וואָס ער וויל... וויסטע מויד, אַ קלאָג אויף דיר!... ער וועט דיך אומגליקלעך מאַכן!

זי האָט צוריק אַ פּאַל געטאָן מיטן קאָפּ אויפן קישן און זיך פאנאנ־דערגעוויינט מיט א יאָמערלעכן געוויין, ווי זי וואָלט באַוויינט אַ טויטן:

— אוי, זי וועט זיך אומגליקלעך מאַכן, די מויד...

אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט, צוגעלאָפן צו לייטשען און גענומען זי, ווי אין אַ פלוצעמדיקן אָנפאַל פון משוגעת, טרייסלען פאַר די פּלייצעס און שרייען איר אין פּנים אַריין:

— זאָג, וואָס האָט ער דיר געטאָן?!... זאָג, זאָג!...

לייטשע האָט זיך באַפרייט פון ברײַנדלס הענט און געזאָגט:

— ער האָט גאָרניט געטאָן, נאַרישע בהמה. מיר האָבן געטאַנצט. מיסטער דזשעי איז אַ דזשענטלמען... און ער האָט מיך אין זײַן מאַשין אָפּגעפירט אַהיים. דו מיש זיך ניט אַריין!

אָפּגעוואָרט אַ ווײַלע און צוגעגעבן:

— מאַך ניט קיין סקאַנדאַל, וועסט אויפוועקן ס'גאַנצע הויז!

נאָכדעם האָט זי גענומען זיך אויסטאָן, ניט קוקנדיק אויף דער שוועסטער, ניט טראַכטנדיק פון קיין זאַך, אין אַ מאָדנער רעזיגנאַציע, ווי ניט זי אַליין, נאָר אימעצער אַן אַנדערער האָט פאַר איר באַדאַרפט באַגעגענען דעם קומענדיקן טאָג.

ברײַנדל איז געווען באַזיגט דורך לייטשעס רואיקייט. געזען, אַז יענע וויל זיך ניט קריגן, האָט זי זיך אומגעקערט צוריק אין בעט, און ווי באַנוצנדיק זיך מיט אַ לעצטן מיטל אין איר קאַמף, האָט זי געזאָגט:

— זאָלסט ניט וואָגן צוצוגיין צום בעט, דו הערסט, וואָס מ'רעדט צו דיר? — זאָלסט ניט דערוועגן זיך אַרײַנצולייגן אין בעט. כ'על דיך דערשטיקן, ווי אַ שלאַנג!...

לייטשע האָט ניט געענטפערט, אַוועקגעזעצט זיך לעבן פענצטער און אַרויסגעקוקט צום שטיקל גרויען הימל, וואָס איז פון מינוט צו מינוט לויטערער געוואָרן מיט פרימאָרגנדיקער לויטערקייט. געהערט ווי הינטער איר האָט ברײַנדל געכליפּעט אין איר אומבאַהאָלפנקייט, און איר האַרץ האָט געוויייטיקט פון רחמנות צו זיך און צו דער שוועסטער.

5

ס'איז געווען אַ שווערער טאָג אין שאָפּ. מ'האָט אויסגעטיילט אַ נייעם לאָט אַרבעט. דער באָס, דער פאָרמאַן — אַלע זײַנען אַרומגעלאָפן

איבערן שאַפּ, עקזאַמינירט די אַרבעט. די אַרבעטער האָבן געשאָלטן די נייע אַרבעט, דעם באָס מיטן פאָרמאַן. ס׳איז געווען אַ שווערער טאָג.

אין אָוונט, פאַרן שליסן דעם שאַפּ, איז מיסטער הוירש פאַרבייגע־גאַנגען לייטשעס מאַשין, שנעל אַ כאַפּ געטאָן פונעם שיפל עטלעכע פאַרענדיקטע העמדער, באַטראַכט פון נאָט צו נאָט, אַוועקגעלייגט צוריק די העמדער און אין איילעניש אַ זאָג געטאָן:

— איך באַדאַרף דיך זען!

לייטשע, אַ פאַרלוירענע, איז געבליבן אַרבעטן. ס׳האָט אַרומגענומען אַזאַ שוואַכקייט די פיס און הענט, שוין געוואוסט, אַז דער באָס וועט זי ניט אָפּלאָזן. ער וועט נאָך אַ מאָל זאָגן, אַז ער האָט זי ליב און דערציילן, ווי שטאַרק ער האָט פיינט זיין ווייב, ווי אומגליקלעך ער איז מיט איר. זי האָט אים ניט ליב געהאַט. ווי האָט זי אים געקאָנט ליב האָבן? אָבער ער איז געווען גוט צו איר, האָט איר געוואָלט פאַרשאַפן פאַרגעניגן. דורך אים האָט זי זיך באַקענט מיט אַ וועלט פון רייכקייט. און איר האָט זיך אַזוי געוואָלט געניסן פון שיינקייט!

נאָך דער אַרבעט האָט זי זיך געשטעלט ביי דער טיר פון אָפיס אין שווערער געפאלנקייט. אַ היפּשע ווילע געוואַקלט זיך, געהאַט אַ פאַרלאַנג אַוועקצוגיין, אָבער ער האָט זי דערזען:

— לייטשע, וואַרט־צו.

ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן פאָרמאַן, איז אַרויסגעגאַנגען צו איר, געזאָגט:

— קום, לייטשע.

זי איז אים נאָכגעגאַנגען. אין דרויסן האָט זי באַמערקט, אַז דער אויטאָמאָביל זיינער איז געשטאַנען גרייט ביים אַריינגאַנג. זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט, און דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום צענטער פון מאַנהעטן.

— איך האָב זיך זייער פאַרבענקט נאָך דיר, לייטשע.

זי האָט געשוויגן.

— אַרבעטסט שווער. מיר טוט ווי דאָס האַרץ פאַר דיר, מיינסט אַז מיר איז לייכט היינטיקע צייטן? עס זיינען שווערע צייטן, לייטשע, אין דער היים און אין די ביזנעס און דאָ איז מען אַליין אויף דער וועלט.

ניטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן. ס'איז גוט צו האָבן דיך לעבן זיך, לייטשע!

זי האָט ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. ער האָט געשוויגן אַ ווײלע.

— נו, דערפאַר בין איך היינט פּטור געוואָרן פון איין צרה. כ'האָב נעכטן אַריבערגעפּעקלט די פאַמיליע אין דער זומער־היים. איך בין געבליבן אַ שטרויענער אלמן. מיר איז גוט, ווי די וועלט... כע־כע־כע!.. אַ באַרג איז אַרונטער פון די פּלײצעס, אוף!...

ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט, נאָכדעם שנעל אָפּגעשטעלט די מאַשין און צוגעוואָרפן צו איר:

— וואַרט־צו, לייטשע, אַ מינוט. כ'וועל אויף אַ מינוט ארײנלויפן עפּעס קויפן.

ער איז אַריין אין אַ פּאַרפומעריע. אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט מיט אַ פּעקל אין דער האַנט.

— נאַ, דאָס איז פאַר דיר!

זי האָט זיך געפילט אומבאַקוועם:

— ניין, צו וואָס האָט איר עס באַדאַרפט טאָן, מיסטער דזשעי?...

ער האָט אַרויסגענומען פון איר האַנט דעם האַנט־טאַש, אַרײנגע־לייגט דאָס פּעקל:

— אַ קליינער פּרעזענט פון מיר... און פאַרנוץ געזונטערהייט. ס'איז ווייבערשע קלייניקייטן. אַ פלעשעלע פּאַרפום, פּודער, אַביסל ליפּ־פּאָמאַדע... אַזאַ שיין מיידל ווי דו, דאַרף האָבן אָט די אַלע קלייניקייטן.

— ניין, מיסטער דזשעי, איר האָט עס ניט באַדאַרפט טאָן.

— נאָך אלעמען, בין איך דאָך דיין באַס. און אַז אַ באַס קויפט אַמאָל אַ פּרעזענט, וואָס איז דאָ דער גרויסער אומגליק?... כ'וועל דיר קויפן נאָך שענערע פּרעזענטעס... און איצט וועלן מיר א פאַר־טאָן צום רעסטאָראַן, אין האָטעל. ביסט מסתמא הונגעריק און פאַרמאַטערט.

אין רעסטאָראַן האָט מען געגעסן און אויסגעטרונקען צו גלעזלעך משקה. ס'איז געווען קיל און אַנגענעם. מענטשן האָבן העפלעך באַדינט און צוגעטראָגן די בעסטע שפּייזן. ס'איז געווען גוט צו זיצן אין דער טונקלקייט פון גרויסן זאַל נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. לייטשען איז געווען אַנגענעם. איר איז אַפילו געווען גוט אין מיסטער הוירשס אַנוועזנהייט, געפילט אַ צוגעבונדנקייט צו אים.

נאָך דער וועטשערע איז מען געפאָרן אויף אַ שפּאַציר הינטער דער שטאָט און לייטשען איז געווען אָנגענעם. ס׳איז איר געווען גוט און אומעטיק, און זי האָט געזאָגט:

— ס׳איז אַזוי גוט איצט הינטער דער שטאָט.

— מיט דיר איז מיר אַלע מאָל גוט, לייטשע, מיט דיר בין איך אַ נייער מענטש. איך פאַרגעס די ביזנעס, די פאַמילי־טראָבלס, אַלץ פאַרגעס איך. ווייסט גאָר ניט, לייטשע, ווי דו ביסט מיר איינגעבאַקן אין האַרצן.

זי האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— כ׳האָב מיט אײַך טאָקע געוואָלט ריידן... ס׳איז ניט גוט, וואָס מיר טרעפן זיך אַזוי־אָ... ס׳איז עפּעס ניט גוט.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן, ווי אויף אַ קינד:

— רעדסט גאָר ווי אַ קליין קינד, לייטשע. וואָס הייסט — „ניט גוט?״ צי איך האָב דיך באַליידיקט מיט עפּעס, צי וואָס?

זי האָט געזאָגט:

— ניין, איר זייט אַ דזשענטלמען, מיסטער דזשעי, אָבער...

— נו, איך וועל דיר זאָגן אָפן, לייטשע, איך בין ניט עפּעס אַ ייִנגל אָפּצונאַרן דיך און דערקלערן זיך אין ליבע מיט די אַלע קונצן... אָבער איך האָב דיך ליב, און איך פרעג ניט ביי דיר, צי דו האָסט מיך ליב. מיט דער צייט וועסטו מיך אפשר אויך ליב האָבן...

זי האָט אָפּגעשוויגן. זיין פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ מינע פון פרומקייט. אַביסל אַ צו־פרומע מינע איז דאָס געווען. זי האָט עס ביי אים געזען אַ סך מאָל אין שאַפּ. באַזונדערס — אין די ערשטע יאָרן, ווען ער פלעגט זיך דינגען מיט די אַרבעטער פאַר יעדן באַנדל. ער פלעגט דאַן אָנציען אָט די פרומע מינע זיינע פון אַ קרבן. די אַרבעטער האָבן זיך שפּעטער אויסגעלערנט צו דערקענען אויף זיין פּנים אָט די מינע און אים דערפאַר פיינט געהאַט. אויך זי האָט אים פיינט געהאַט. אויך איצט האָט זיך דער אויסדרוק פון זיין פּנים געלייגט שווער אויף איר האַרצן. זי האָט געזאָגט זייער איינגעהאַלטן:

— מיסטער דזשעי, איך וואָלט וועלן קומען אַהיים אַביסל פריער... ס׳איז ניט גוט, וואָס איך קום אַהיים שפּעט. בריינדל גלייכט עס אויך ניט...

— אַזוי, בריינדל? איך פֿאַרשטיי. ביסט דאָך ניט קיין קליין מיידעלע. האָסט זיך געגנוג אָנגעליטן אין דיין לעבן. איך וועל דיך אָפּפֿירן אַהיים. אָבער דו מוזט מיר צוזאָגן, אַז מאָרגן עסן מיר ווידער אינאיינעם. כ'בין דאָך עפּעס אַ שטרויענער אַלמן, יו נאָו...

ער האָט זיך אַביסל צו הויך פֿאַנאַנדערגעלאַכט. דער געלעכטער איז איר ניט געפֿעלן געוואָרן.

און אויף מאָרגן איז געווען דאָס זעלביקע. מ'האָט געגעסן און נאָכן עסן אַרויסגעפֿאָרן שפּאַצירן. דאָס מאָל זיינען זיי געפֿאָרן אין אַ רייכער רעזידענץ־געגנט. דאָס איז געווען די געגנט, וואו מיסטער הוירש האָט געהאַט זיין היים. ער האָט גערעדט און דערציילט וועגן זיינע רייכע שכנים און פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז געבויט אינעם קאָלאָניאַלן סטיל. דאָס הויז איז געשטאַנען טיף אין אַ גאָרטן, אַריינגעזונקען אין גרינס. אין הינטערגרונט, אָן א זייט, האָט זיך געווייסט אַ הילצערנע אלטאנקע, באוואַקסן מיט פֿויזנדיקע פּלאַנצן.

זי האָט געזאָגט:

— אוי, וואָס פֿאַר אַ שיינקייט!

ער איז געווען צופֿרידן.

— דאָס איז נאָך גאָרניט. וועסט אַ קוק טאָן אינעווייניק. ס'איז שוין איינמאָל א הייזקע!

ער איז שווערלעך אַרויס פֿונעם אויטאָמאָביל און געהאָלפֿן איר אויך אַרויסגיין. זי איז געווען אומרואיק. אָט דאָ האָט ער געוואוינט מיט זיין פֿרוי און קינדער. צוליב וואָס האָט ער זי באַדאַרפֿט ברענגען אַהער?

אינעווייניק האָט מיסטער הוירש אָנגעצונדן ליכט. אַרומגעגאַנגען פֿון צימער צו צימער און באַגאָסן דאָס הויז מיט עלעקטריק. ער האָט זי אַרומגעפֿירט פֿון צימער צו צימער מיט באַרימעריי און צופֿרידנקייט.

זי האָט געזאָגט:

— ווי, אַזוי פֿיל צימערן!

— כע! אַזוי פֿיל צימערן? פֿערצן גרויסע צימערן, און ס'איז ניטאָ וואו זיך אַ קער צו טאָן. די דריי קינדער דאַרפֿן האָבן באַזונדערע צימערן. דערצו באַדאַרפֿן זיי האָבן אַ שפּיל־צימער, אַ מוזיק־סטודיאָ. דידינסט און דער שאָפֿער דאַרפֿן אויך האָבן צימערן. נו, און דאָ הייבט זיך אָן א מעשה מיט ליווינג רומס, לייברעריי, א שלאָף־צימער פֿאַר איר

און פאַר מיר. מ׳כאַפּט אַמאָל אַ קערטל מיט פּריינט, אַ באַר דאַרף מען אויך האָבן. ס׳קומען געסט, כאַפּט מען אויך אַ טרונק. מ׳דאַרף עס אַלץ האָבן. ס׳איז לאַנג איילענד, פאַרשטייסטו מיך.

אין דער לייבררערי זיינען געשטאַנען גרויסע שראַנקען אָנגעפּילטע מיט ביכער, רייך־געבונדענע. זי האָט נאָך אַזוי פיל ביכער קיינמאָל ניט געזען:

— ווי, אַזוי פיל ביכער! און איר האָט זיי אַלע איבערגעלייענט?

ער האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— רעדסט ווי אַ קינד, לייטשע. ווער האָט עס צייט פאַר די זאַכן? די ביכער איז פאַרניטשור אין הויז. ס׳קומט אַריין אַ מענטש אין הויז, איז עפּעס שענער... אפשר וועלן שפּעטער די קינדער לייענען. אָבער איך? — מ׳איז דאָך פאַרדרייט אין ביזנעס.

יאָ, דאָס הויז איז געווען איבערגעפּולט מיט עשירות, מיט שווערן מעבל, מיט ריזיקע שפּיגלען און בילדער אויף די ווענט, מיט אַלערליי דעקאָראַטיווע באַפּוצונגען. לייטשע איז פון אַלץ געווען פאַרוואונדערט. זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ פאַרכישופטן לאַנד.

— אוי, מיסטער הוירש, אַזוי פיל שיינע זאַכן ביי אייך אין הויז! איך האָב נאָך אַזוינס ניט געזען!

— ס׳ליגט אין דעם אַ פאַרמעגן, לייטשע! אַז מ׳וואוינט אויף דער איסט סייד דאַרף מען עס ניט, אָבער דאָ...

ער האָט זי צוגעפירט צו א ווייכן שטול, אַריינגעזעצט זי, און פּלוצלינג געזאָגט:

— נו, און פאַר דיר האָב איך אַ קליינעם סיורפּריז.

אַרויסגענומען פון אַ קעשענע אַ טונקל מיניאַטור־שאַכטעלע, פאַר־זיכטיק געעפנט און אונטערגעטראָגן זי מיט אַן אויפגעהויבענעם דעקל פאַר לייטשעס אויגן:

— דאָס רינגעלע איז דיינס! כ׳האָב עס היינט געקויפט ביי אַ באַקאַנטן דזשולער. טו עס אָן און טראָג געזונטערהייט.

ס׳איז געווען אַ טייער פּלאַטיניום־רינגעלע, מיט א רובין־שטיינדעלע, קונציק איינגעפאַסט אין דער פאָרם פון אַן עליפּס.

איר האַרץ האָט געקלאַפּט. ניט געהאַט קיין ווערטער. ניט געקאָנט אויפן מאָמענט געפינען קיין אויסדרוק.

ער האָט אַרויסגענומען דאָס רינגעלע פונעם שאכטל און אָנגעטאָן אויפן פינגער:

— פונקט ווי אָנגעמאָסטן!

זי האָט געזאָגט:

— אָ, צו וואָס, מיסטער דזשעי, פיל געלט...

ער האָט געשטראַלט מיט צופרידנקייט:

— אַ מענטש זאָרגט זיך וועגן געלט. ע, דאָס איז נאָך גאָרניט, דאָס איז ערשט אַן אָנהייב!

אַרייַנגענומען איר האַנט, וואָס מיטן רינגעלע, צוגעטראָגן צו די פעטע ליפּן און אַ קוש געטאָן איין מאָל און צוויי מאָל און צוגעגעבן:

— נאַרעלע, וועסט נאָך ביי מיר טראָגן די טייערסטע קליידער, וועסט ביי מיר אַרומגיין אויסגעפּוצט, ווי אַ דאַל...

זי איז געווען פאַרשעמט און פאַרלוירן, געפילט דאָס שטאַרקע קלאַפּן פון איר האַרצן, ניט געקאָנט געפינען קיין ווערטער, פאַרגעסן אַפילו צו זאָגן אַ דאַנק, און נאָר געפילט, ווי דאָס רינגעלע נעמט אַרום איר פינגער אַלץ וואַרעמער און וואַרעמער, ווי אין עפּעס אַ געפאַנגענשאַפט, פון וועלכן ס׳איז ניטאָ קיין אויסוועג.

ער איז געווען זייער אויפגעלעבט, געזאָגט:

— און איצט וועלן מיר אַביסל „סעלעברייטן”. וואָס זאָגסטו, לייטשע?

ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אָוועקגעשלעפּט זי אין אַ צווייטן צימער, וואו ס׳איז געווען איינגעאָרדנט אַ רייכער באַר. אין אַ טונקעלן רעפריזשעראַטאָר האָט ער געפונען פלעשלעך משקה, פלעשער מיט סאָדעס. ער האָט אָנגעשטעלט אויפן האלב־רונדן קאַנטער פלעשער, שייך־פאַרמירטע גלעזלעך, אַ שיסעלע מיט אייז־קוביקס.

— קוק זיך צו, לייטשע, וועסט זיך אויסלערנען צו מאַכן קאָקטיילס, מאַרטיניס... וועסט נאָך ביי מיר ווערן אַ ליידי, כע־כע־כע!...

זיינע אויגן זיינען ארומגעלאָפן איבער איר. די אויגן זיינען איצט געווען קלענער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויסבאַהאַלטן די פאַרדעכטיקע פייערלעך, וואָס ס׳האָבן זיך אין זיי אָנגעצונדן. לייטשע האָט באַמערקט אָט די פייערלעך אין זיינע אויגן און זיין פרעך־אַרומלויפנדיקן בליק. זי האָט זיך געפילט, ווי אַ פאַרפאָלגטע, כאָטש טיף אין איר איז געווען

אַ פֿאַרלאַנג אַוועקצוגעבן זיך דער געפֿאַר. זי איז געווען באַוועלטיקט פֿון זיינע רייד און פֿון זיינע האַנדלונגען, ווי אַ שעמעוודיק קינד אין דער פֿרעמד.

דערווייל האָט ער אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך. דאָס געטראַנק איז געווען צו־שטאַרק פֿאַר לייטשען, ס׳האָט איר פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. זי האָט זיך שיער ניט צעהוסט.

ער האָט אַריינגעשטעלט די פֿלעשער צוריק אין רעפֿריזשעראַטאָר, צוגעגרייט אויף אַ טאַץ עטלעכע פֿלעשלעך און צוויי באַקאַלן מיט „קאָקטייל" און אַוועקגעשפּאַנט מיטן טאַץ צוריק אינעם גרויסן גאַסט־צימער, אַוועקגעשטעלט דעם טאַץ אויף אַ סערוויר־טישל און צוגערעדלט צום לאַנדוש, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט קישעלעך.

אַוועקגעזעצט זיך דער ערשטער. ער איז געווען פֿאַרמאַטערט. דער שטערן איז אַזש געווען באַדעקט מיט שווייס:

— וואָס שטייסטו, לייטשע, זעץ זיך צו. דאָ וועלן מיר קאָנען זיצן און טרינקען. דאָס גאַנצע הויז איז אונדזערס!

ער האָט געמאַכט פּלאַץ לעבן זיך. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. זיי האָבן ווידער אויסגעטרונקען צו גלעזלעך. איצט האָט זיך לייטשען שוין פֿאַרדרייט דער קאָפּ. אַלץ האָט זיך אַ ריר געטאָן פֿאַר די אויגן און אַוועקגעשוואומען. געפֿילט, ווי צום האַרצן גיסט זיך צו אַזאַ וואַרעמקייט, אַ גוטע און אַ פֿריידיקע. איר איז געוואָרן פֿריילעך, געהאַט אַ פֿאַרלאַנג צו לאַכן. זי האָט באַמערקט, ווי זיינע אויגן לויפֿן אַרום איבער איר אַזעלכע גיריקע און פֿרעכלעכע, אָבער איר האָט איצט ניט געאַרט. זי האָט געטרונקען גלייך מיט אים. די משקה האָט געוואָרגן דעם גאַרגל, אַרויסגערופֿן טרערן, געשטיקט דעם אָטעם, אָבער איר האָט ניט געאַרט. ס׳איז געווען אַזוי פֿריי אויפֿן האַרצן, אַזוי הפֿקרדיק; ניט געוואוסט, ווי זי האָט זיך מיט אַ מאָל געפֿונען אין זיינע אָרעמס. ער האָט זי געקושט, און זיינע הענט האָבן אַרומגעבלאָנדזשעט איבער איר קערפּער. און ער האָט גערעדט צו איר מאָדנע רייד, ווי אַ יינגל, וואָס דערקלערט זיך צום ערשטן מאָל אין ליבע.

ס׳איז שוין געווען צו פֿיל. זי האָט זיך געוואָלט באַפֿרייען, זיך געריסן פֿון זיינע אָרעמס. אָבער ער האָט ניט אָפּגעלאָזן. זי האָט זיך ניט געקאָנט אַרויסרייסן פֿון זיין שווערער אומאַרמונג. ער איז געווען פֿאַרעקשנט און

פּאַדערנדיק. געוואָלט זעטיקן זיך מיט איר, ווי עפּעס אַ גרויזאַמע חיה, וואָס האָט זיך געוואָלט קוויקן מיט איר קרבן.

זי האָט זיך שנעל אויסגעניכטערט. ס׳איז געווען אומאָנגענעם און זינדיק. ס׳איז געווען עקלדיק און באַליידיקנדיק, פּאַרדראָסיק ביז טרערן, אַ מענטש אין עלטערע יאָרן, אַ שווערע, האָריקע ברוסט, געקושט זיך גערעדט לעפּעשעוואַטע רייד פון אַ יינגל, און די גראָבקייט און די צאַרט־קייט זיינען געווען פאַלשע.

— נו, גיב אַ קוש, דאַרלינג, גיב אַ קוש!... דו קאַלטע מויד, וואָס דו ביסט...

זי האָט אים טאַקע די גאַנצע צייט ניט אַ קוש געטאָן.

— גוט. איך וועל אַ קוש טאָן. אָבער לאָזט מיך אָפּ, מיסטער הוירש, איך בעט אייך...

צוגעלייגט אירע ליפּן צו זיין באַק און אַ קוש געטאָן — און די באַק זיינע איז געווען גראָב און פעט און שווייסיק. פון דעם איז איר אויף די ליפּן געבליבן דער טעם פון עפּעס אַ פעטער געזאַלצנקייט, פון וועלכער ס׳האָט געאיבלט.

ס׳איז אים אָבער ניט געווען גענוג, געוואָלט זי זאָל אים אַ קוש טאָן אין די ליפּן.

זי האָט צוגעלייגט אירע דינע מיידלשע ליפּן צו זיינע גראָבע, נאַסלעכע ליפּן און אַ קוש געטאָן, שוואַך און איבערגוואַלד. אָבער ער האָט איר מויל איינגעקלאַמערט צווישן זיינע ליפּן און איינגעזויגן זיך אין איר מיט דויערנדיקער ברוטאַלקייט. זי האָט ניט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. דער גאַנצער קערפּער אירער האָט זיך קאָנוואולסיוו אַ ריס געטאָן.

זי האָט געוואָלט אויפשטיין און ברענגען אין אָרדענונג די צעשוי־בערטע קליידער, אָבער ער האָט ניט געלאָזן. גראָב אַ שליידער געטאָן זי אויפן לאָנדזש מיטן פּנים אַרויף, איינגעגראַבלט זיך אין איר לייב מיט די קורצע, גראָבלעכע פינגער זיינע, געקושט און געווען אומברחמנותדיק ברוטאַל.

— מיסטער הוירש, לאָזט אָפּ... מיסטער דזשעי, הערט אויף...

זי איז געווען מיד, זייער מיד, געפילט אַ ציטער אין די אָפּגעשוואַכטע גלידער.

זי האָט צוגעמאַכט די אויגן. ער איז געווען אומגעלומפּערט און גראָב. געהויערט איבער איר, ווי אַ שווערע חיה, מיט שווערן אָטעם, מיט אַ שנאָרכן פון אויפגערעגטע נאָזלעכער...

ער איז אָפּגעפאַלן און געבליבן ליגן לעבן איר און געסאָפּעט מיט אַ לייכטן שנאָרכן פון די נאָזלעכער, ווי אַן איבערגעזעטיקטע חיה. און זי איז געווען אַליין מיט איר פאַרשעמטן לייב און מיט פיינלעכער אַנטוישונג, אַ פאַרשעמטע און אומגליקלעכע.

אין אַלע צימערן האָבן געברענט מיט איבעריקער ליכטיקייט די אָנגעצונדענע לאָמפּן. און אויפן סערוויר־טישל זיינען געשטאַנען די האַלב־אויסגעטרונקענע גלעזלעך מיט די געטראַנקען.

קאַפּיטל דריי

געראַנגל

.1

נאָך יענער נאַכט האָט לייטשע באַשלאָסן, אַז זי וועט איבעררייסן מיטן באָס. עס האָט פּאַסירט אַן אומגליק און זי אַליין איז געווען שולדיק אין דעם. זי אַליין האָט זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז פאַרפּלאָנטערט אין אַ מיאוסער אַוואַנטורע מיטן באָס. זי האָט אַליין רואינירט איר לעבן. זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ מענטשן, וועלכן זי האָט פיינט מיט טויזנט פיינטשאַפטן, אָפּגעגעבן זיך אַן ליבע און באַליידיקט דאָס אייגענע לעבן אויף אַלע מאָל, אויף אייביק. און עס איז אויסגעקומען, אַז אַלץ, וואָס ברײַנדל האָט וועגן איר געזאָגט אַלע יאָרן, איז אַ ביטערער אמת. איצט זיינען געווען צוויי אויסוועגן: אַוועקגיין פון שאָפּ, אַוועקפאָרן ערגעץ, פאַרלוירנגיין, אָדער שטאַרבן... ביידע אויסוועגן האָבן געדראָט מיט אַ סקאַנדאַל. ברײַנדל וואָלט עס ניט אויסגעהאַלטן. ברײַנדל האָט דערווייל ניט געוואוסט דעם אמת. אויך די אַרבעטער פון שאָפּ האָבן נאָך דערווייל פון קיין זאַך ניט געוואוסט.

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע פיינלעכע טעג, אין וועלכע ביידע, דער באָס און לייטשע, האָבן באַוואוסטזיניק אויסגעמיטן איינע דעם אַנדערן. ביידע האָבן איצט מורא געהאַט פאַר אַן אָפּענער באַגעגעניש. ער האָט מורא געהאַט פאַר איר, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט לייטשען פאַרלוירן אויף אַלע מאָל. אַלע זיינע האָפנונגען צו שפּילן אַ ליבע מיט אַ יונג מיידל זיינען געשטאָרבן. ער איז ביי זיך געווען זייער געפאַלן, און זי האָט מורא געהאַט צו טרעפן זיך מיט אים צוליב דער פיינלעכער שנאה, וואָס איז געווען אין איר האַרצן. די שנאה איז ניט געווען אַזוי צו אים, ווי צו זיך; פאַראַכטונג צו זיך, וואָס איז דורך אים געקומען.

אריינקומען אין שאַפּ איז איצט געווען זייער פּיינלעך. זי איז יעדן טאָג אויפגעשטאַנען מיטן געדאַנק ניט צו גיין צו דער אַרבעט. און דאָך איז זי יעדן פרימאָרגן געגאַנגען אינאיינעם מיט ברײנדלען, געגאַנגען אין שאַפּ מעכאַניש, געטאָן די ארבעט מעכאַניש און זיך יעדן אָוונט צוריקגעקערט אַהיים מיט דער האָפענונג, אַז מאָרגן וועט זי שוין זיכער ניט גיין אין שאַפּ...

ס׳איז געווען אָנהייב זומער. בלויע הימלען זיינען געהאָנגען איבער דער וועלט. די געמיטער פון מענטשן זיינען געווען לייכט. די זון האָט געשפּרייט ליכט און פרייד איבער דער וועלט און איבער מענטשן. פּונקט דאַן איז אין שאַפּ אַנטשטאַנען אַ גרויסע „ביזי״. מ׳האָט געאַרבעט זייער שווער. מ׳האָט געאַרבעט „אָווער־טיים״. די אַרבעט האָט אַלעמען געטריבן מיט בייטשן. מענטשן האָבן זיך אָפּגעגעבן דער אַרבעט ווי עפּעס אַן אייגענעם בייזן שיקזאַל. איינגעבויגענע אין דרייען, האָט מען פאַרגעסן וועגן דעם בליענדיקן זומער, וועגן זון און וועגן לעבן.

מיסטער הוירש האָט אַריינגענומען נייע „הענט״. אַלע מאַשינען זיינען געווען פאַרנומען, אַחוץ איינער, וואָס איז נאָך געווען איבער־ געדעקט מיט אַ טוך און האָט געוואַרט, אַז אַ מענטשלעכע האַנט זאָל קומען אָפּדעקן דעם צודעק און פאַנאַנדערוועקן איר איינגעשלאָפענע ענערגיע מיט אַ שטראָם פון עלעקטרישער קראַפט. די ליידיקע מאַשין איז געשטאַנען לעבן לייטשעס מאַשין. לייטשע האָט יעדן אינדערפרי דערוואַרט, אַז אימעצער וועט אַריינקומען און לעבן איר זיך אַוועקזעצן. עס האָט געקאָנט זיין אַ פרוי, אָדער אַ מאַן. איר איז געווען אַלץ איינס.

אין די טעג איז מיסטער הוירש געווען זייער פאַרנומען. ער האָט פאַרבראַכט אין קאָנפערענצן מיטן פאָרמאַן, מיט „בייערס״. ער האָט זיך זעלטן באַוויזן אין שאַפּ. דאָס האָט געפרייט לייטשען. ער איז געווען אין שאַפּ און איז ניט געווען...

און אין איינעם אַן אינדערפרי איז ענדלעך אָנגעקומען די „נייע האַנט״. דאָס איז געווען פּיוזל. לייטשע האָט אים באַמערקט, ווען ער איז געשטאַ־ נען ביי דער טיר, וואַרטנדיק אויף דעם פאָרמאַן. זיינע אויגן האָבן פריילעך אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די רייען פון די מאַשינען. ער האָט געזוכט זיינע „באַקאַנטע״: דאָבען, זי, לייטשען און ברײנדלען. ער האָט צו איר אַ מאַך געטאָן פריינטלעך מיט דער האַנט און צוגעוואָרפן אַ שמייכל. אַפילו אַ וואונק געטאָן מיטן אויג, ווי ער וואָלט מיט דעם געזאָגט:

— אַט בין איך שוין דאָ... איך האַלט מיין צוזאָג!...

לייטשע איז געווען אַזוי איבערראַשט, אַז זי האָט זיך אַזש דערשראָקן. זי האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס זי האָט זיך דערשראָקן, אָבער זי האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס. די פינגער פון די הענט האָבן געציטערט. איר בליק האָט אַ צי געטאָן צו דער מאַשין לעבן איר, וואָס וועט באַלד זיין די מאַשין פון דער נייער האַנט, פּיזולס...

און באַלד האָט שוין פּיזול געאַרבעט מאַשין לעבן מאַשין מיט לייטשען. לייטשע האָט אויף אים געוואָרפן זייטיקע בליקן, באַטראַכט אים מיט נייגער און די גאַנצע צייט געווען אומרואיק. ער איז געווען אַ מאָדנער בחור. ער האָט זיך אין דער נייער סביבה אויפגעפירט, ווי אַן אייגענער. ביי דער אַרבעט האָט ער יעדע רגע פאַרצויגן אַ ליד, אָדער גאָר צוגע־וואָרפן זיינע שכנים אַ וואָרט, אָדער אַ וויץ. עס איז מיט אים געווען פריילעך צו אַרבעטן. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט די פּענסנע אויף דער נאָז און מיט דער טשופּרינע, וואָס האָט שוין אַ ביסל געגרויט ביי די שלייפן, האָט ער אויסגעזען גאָר אַנדערש פון אַלע אַרבעטער אין דעם שאַפּ. דאָ זיינען געווען מערסטנס מיטליעריקע מענטשן. די צוויי שוועסטער זיינען דאָ אַלע מאָל געווען די יינגסטע. זיין אינטעליגענטער אויסזען האָט פּיזולען גלייך אויסגעטיילט צווישן אַלעמען. קעפּ האָבן זיך געהויבן אַ וואָרף צו טאָן אַ בליק אויף אים.

מיטאָג־צייט האָט ער זיך פריינטלעך באַגעגנט מיט דאָבען און מיט בריינדלען. אויך מיט אַנדערע אַרבעטער האָט ער זיך גיך באַפריינדעט. מענטשן האָבן צו אים געקלעפּט פון די ערשטע עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט מיט זיי גערעדט. ביי דער אַרבעט האָט ער געזונגען, גערעדט הויך אויפן קול. די מאַשין האָט אונטער אים געזונגען. לייטשען איז געווען פריילעך צו אַרבעטן לעבן אים. זי האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג אים געפעלן צו ווערן. אַט דער פאַרלאַנג האָט זי דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן געשפּאַנט. אין וואַש־צימער איז זי לענגער געבליבן ביים שפּיגל, געפּוצט זיך, געפּודערט די נאָז און געוואוסט, אַז זי טוט עס צוליב אים.

נאָך דער אַרבעט איז ער ניט אַוועק פון שאַפּ ביז ער האָט ניט געזען דאָבען און די צוויי שוועסטער. ער האָט זיך מיט זיי געזעגנט, ווי מיט אייגענע. אויף מאָרגן איז שוין לייטשען לייכטער געווען אויפצושטיין און גיין צו דער אַרבעט. איר פּלאַן אויפצוגעבן דעם שאַפּ איז ווי פאַרגעסן

געוואָרן. אין שאָפּ האָט זי אים געפונען ביי דער מאַשין. ער האָט פאַנאַנ־דערגעשרויפט יעדן טייל פון דעם מעכאַניזם, גערייניקט, געפוצט, ווי אַ געניטער מעכאַניקער. און אַז מ׳האָט געלאָזט די קראַפט, איז ער שוין געווען גרייט צו דער אַרבעט. איין מאָל אַן אינדערפרי האָט זי אים אַפילו געטראָפן פאַרנדיק זיך לעבן איר מאַשין. ער איז געווען שטאַרק פאַרטאָן, צוגרייטנדיק איר מאַשין צו דער אַרבעט. זי איז געווען פאַרוואונדערט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מיט אַ שמייכל און זי באַרואיקט:

— איך האָב אַלץ געטראַכט, אַז אייער מאַשין איז עפּעס ניט דאָס... כ׳בין היינט געקומען פרי, האָב איך זי פאַר אייך געבראַכט אין אָרדענונג. איך בין דאָך אַ שטיקל מעכאַניקער... און אַ מאַשין איז אַזוי ווי אַ מענטש. זי האָט ליב, אַז מ׳זאָל זיך מיט איר פון צייט צו צייט אָפּגעבן... אַ מענטש ווערט אַ מאָל קאַליע, אַזוי אויך אַ מאַשין...

געזאָגט, און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. זי האָט אויך געלאַכט. איר איז געווען פון דעם גוט... און אַזוי איז זי שוין פאַרבליבן מיט דעם אָנגענעמען געפיל אין איר האַרצן און מיט דאנקבאַרקייט צו אים, וואָס ער האָט געהאַט אין זינען צו ברענגען אין אָרדענונג איר פאַרלאָזענע מאַשין.

נאָך מיטאָג איז געווען זייער שווער צו אַרבעטן. אין שאָפּ איז געשטאַנען אַ היץ. די שעהן זיינען געווען לאַנגע. מענטשן זיינען געווען מיד און אויסגעמאַטערט. מיט גוואַלד האָבן זיי געצויגן פון זיך די לעצטע כוחות; ניט געהערט קיין זאַך, אַחוץ דעם פיינלעכן ריטשען פון דער מאַשין ביי יעדן דרוק פונעם טרעטער; אַ דרוק און אַ רעוו און אַ יאָג, איין מאָל און הונדערט מאָל, איין מאַשין און צען מאַשינען און צוואַנציק — אינאיינעם און באַזונדער; אַ שעה נאָך אַ שעה — אַ גאַנצן טאָג. און די פּנימער פול מידקייט און בענקשאַפט. אַ בענקשאַפט נאָכן פאַרגייענדיקן טאָג, אַ בענקשאַפט נאָך היים, נאָך ווייב און קינדער. צעכראַשטשעטע, דורכגעווייקטע מיט שווייס, מיט טונקעלע פלעקן אַרום די אויגן און קרענקלעכער רויטקייט אויף די בלייכע באַקן, האָבן מענטשן געגייט העמדער. געגייט מיט די לעצטע כוחות. און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אָט וועט אימעצער פון זיי ניט אויסהאַלטן די מאַטערניש, וועט פאַרגלאָצן די אויגן, אַרויסשטעקן די טרוקענע צונג, און מיט אַ ביטערער פּיאַנע אַרום מויל אַנידערפאַלן צו דער ערד לעבן זיין מאַשין, און אויסגיין... אָבער די

פּאַרמאַטערטע זיינען ניט אומגעפאַלן, געצויגן דעם יאָך ביז אין דער לעצטער שעה אַריין, ביז אין דער לעצטער רגע.

לייטשעס שכן האָט פּרובירט פאַרדעקן זיין מידקייט מיט געזאַנג, מיט אַ שפּאַסיקער באַמערקונג. איין מאָל האָט ער אָפּגעשטעלט די מאַשין, אַ קער געטאָן זיך צו לייטשען און פלוצלינג געזאָגט:

— הערט, אייך רופט מען דאָ לייטשע, נו, און מיך נאָמען איז פּיוול... איך האָב דעם פאַרגעניגן... פּיוול גאָלדיס...

און ער האָט זיך פאַרנויגט. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט הילכיק און פריידיק. דער איינפאַל איז איר געפעלן געוואָרן און האָט איבערגעלאָזן אין איר האַרצן אַ פריידיקייט, וואָס האָט פאַרלייכטערט די אַרבעט.

נאָך דער אַרבעט, ווען זיי האָבן געהאַלטן אין איבערדעקן אויף איבער־נאַכט די מאַשינען, האָט ער צו איר געזאָגט:

— האָבן מיר נאָך איין טאָג אַוועקגעשטופּט, און מאָרגן זיינען מיר ווידער דאָ...

זי האָט אָפּגעענטפערט:

— און מאָרגן זיינען מיר ווידער דאָ.

און דאָס איז געווען, ווי אַ באַשטימונג פון אַ ראַנדעוואו: אָט דאָ וועלן זיי זיךביידע ווידער טרעפן.

פון שאַפּ זיינען זיי אַרויס אינאיינעם. אין דרויסן איז נאָך געווען פריער אָוונט. ביידע זיינען געגאַנגען ביזן ראָג שווייגנדיקע, נאָכדעם האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— איר פאָרט אַהיים?

זי האָט זיך אויף איין רגע פאַרלוירן, געזאָגט:

— איך ווייס אַליין ניט... מסתמא אַהיים. איך מיט דער שוועסטער פאָרן מיר שטענדיק אַהיים נאָך דער אַרבעט.

— ס'איז אַ שיינער אָוונט. ס'וואָלט געווען גוט אַ פּאָר צו טאָן צום סטאַדיאום און הערן אַ קאָנצערט. היינט דיריגירט — קלעמפּערער.

זי איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין סטאַדיאום. זי האָט אָבער באַמערקט ברײנדלען, וואָס האָט זיך דערנענטערט צום ראָג, האָט זי געזאָגט:

— אָט גייט מיין שוועסטער, איך פאָר מיט איר אַלע מאָל אַהיים...

אָבער ער האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט:

— גוט. איך וועל בעטן דערלויבעניש ביי אייער שוועסטער איינצו־לאַדן אייך צום קאָנצערט.

ברײנדל איז צוגעגאַנגען. ער האָט זיך גלייך צו איר געווענדט:

— איך וויל אָוועקנעמען פון אייך אייער שוועסטער אויף אַ גאַנצן אָוונט. איר האָט דאָך ניט קעגן?

ברײנדל האָט קאַלטלעך געענטפערט:

— מיין שוועסטער טוט ווי זי פאַרשטייט אַליין...

— גוט! אויב אַזוי פאָרן מיר צום קאָנצערט.

ער האָט לייכט אָנגערירט לייטשעס אָרעם און זיי זיינען אַוועק. ברײנדל איז געבליבן אויפן ראָג.

ער איז געווען מונטער. דער טאָג אַרבעט האָט אויף אים ניט איבערגעלאָזט קיין סימן פון מידקייט. לייטשע האָט געזאָגט:

— איר זייט גאָר ניט מיד נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט?

— מיד? אַוודאי בין איך מיד. מוזיק, און דערצו נאָך אויף דער פרייער לופט, איז אַ גוטער מיטל קעגן מידקייט. אָבער פריער וועלן מיר אַריינגיין עפּעס עסן. איך האָב דאָ אַ קליין רעסטאָראַנדל, וואו מ׳גיט גוט עסן און מ׳פילט זיך דאָרטן, ווי אין דער היים.

ס׳איז געווען אַ מילדער זומערדיקער פאַרנאַכט. די זון האָט זיך נאָך געהאַלטן אויפן ראַנד פון הימל, ערגעץ, הינטער די הויכע טורעמס פון דער שטאָט. אירע קופּערנע שטראַלן האָבן זיך דורכגעריסן צווישן די מויערן, ווי צווישן שפּאַלטן פון בערג, און באַפאַרבט די שטאָט אין מינענדיקע קאָלירן פון גאָלד און פון קופּער. ס׳איז געווען אַ יום־טובדיק בילד. ס׳איז געווען גוט און לייכט צו אָטעמען. מענטשן האָבן געשטראָמט פון די שעפער, פון די אָפיסעס, פון די קראָמען — פון אומעטום האָבן געשטראָמט ריזיקע מאַסן און זיך, ווי יאָגנדיקע כוואַליעס, אַריינגעגאָסן אין די אָפענע מיילער פון סאָבוועיס און טראַמווייען. און זיי זיינען געווען צווישן אַלעמען. פון דעם איז געווען פריילעך און גוט.

פייוול איז געווען זייער באַרעדעוודיק. ער האָט גערעדט וועגן פיל זאַכן אויף אַ מאָל. ער האָט אויך דערציילט אַ ביסל וועגן זיך. ער איז געווען אַ סטודענט פון אַרבעטער־אוניווערזיטעט. אויך געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון אַן אַרבעטער־קלוב און בכלל געווען זייער טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

זי האָט באַמערקט:

— אַ גליק, וואָס דער באָס ווייסט נישט, ווער איר זייט, ס'וואָלט געווען אַן איבערראַשונג...

— אַז ער ווייסט ניט, וועט אים גאָרניט שאַטן. מיר וועלן וועגן דעם דערווייל מאַכן אַ שווייג.

געזאָגט, און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. ס'איז געווען מאָדנע, וואָס ער האָט געזאָגט „מיר". עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זי אויך אַרייַנגענומען אין זיין „קאָנספּיראַציע". אָבער ס'איז סיי ווי געווען אָנגענעם, וואָס ער האָט גערעדט מיט איר, ווי מיט אַ נאָענטן מענטשן. האָט זי שוין אַליין אויך דערציילט אַ ביסל פון איר לעבן, וועגן דער שוועסטער און וועגן זאַכן, וואָס זי האָט פריער ניט פאַרטרויט קיין פרעמדן. ס'איז איר לייכט געווען צו ריידן. אַלע שוועריקייטן פון לעבן זיינען ווי פאַר־שוואונדן.

אין אַ זייטיקער גאַס איז מען אַריין אין דעם רעסטאָראַן. אַ קליין, אינטים רעסטאָראַנדל אויף אַ זייטיקער גאַס, מיט קליינע טישלעך, איבערגעדעקטע מיט רויטע טישטוכער און אומבאַקאַנטע מאכלים. דאָ איז געווען קיל און אָנגענעם. פּיזשול איז דאָ געווען, ווי אַן אייגענער מענטש, געגריסט זיך מיט די עסערס און מיט די אַריינקומענדיקע געסט, גערעדט מיט דער באַלעבאָסטע, ווי מיט אַ נאָענטן מענטשן, און אַפילו אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט אויך וועגן לייטשען:

— אָט האָב איך אייך געבראַכט אַ נייע חברטע. זאָל זי אויך הנאה האָבן פון אייערע געשמאַקע מאַכלים...

די באַלעבאָסטע האָט געלאַכט און לייטשע האָט געלאַכט, און עס איז איר זייער געפעלן געוואָרן, וואָס אויף דעם פלאַץ זיינען אַלע געווען ווי איין משפחה. נייע מענטשן, אַ נייע סביבה. מענטשן זיינען צוגע־גאַנגען צו זייער טישל, זיך געטיילט וועגן פאָליטישע געשעענישן, וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן פלענער פאַר ווינטערדיקער טעטיקייט. אייניקע האָבן זיך איבערגעשריען מיט באַמערקונגען פון טישל צו טישל, ווי מיטגלידער פון איין פאַמיליע. אַלץ איז דאָ געווען אַנדערש.

לייטשע האָט ניט גערעדט. זי האָט זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן. ס'זיינען געווען געשפּרעכן וועגן זאַכן, וואָס זיינען איר ניט געווען

באַקאַנט, אָבער זי האָט געוואָלט כאַפּן דעם געשפּרעך, געוואָלט פאַרשטיין וועגן וואָס ס׳האָט זיך געהאַנדלט.

אַז זיי זיינען אַרויס פונעם רעסטאָראַן, איז געווען אָוונטלעך. פון די טורעמס זיינען פאַרשוואונדן די גאָלדענע זון־פלעקן, די געביידעס האָבן זיך שוין גענומען אַנטאָן אין שאָטנס. אויף דער שטאָט האָט זיך שנעל אַראָפּגעלאָזן דער אָוונט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— אָ, אָ, מיר דאַרפן זיך צואיילן, איך האָב פיינט צו פאַרשפּעטיקן.

ער האָט אָנגענומען איר אָרעם און זיי האָבן אַוועקגעשפּרייזט צו דער סאָבוועי. אין וואַגאָן זיינען זיי געזעסן שווייגנדיק. ער האָט געטראַכט וועגן איר. זי איז געווען אַ פּראָסט מיידל, אַ מיידל פון פאָלק. די שעפּער זיינען פול געווען מיט אַזעלכע מיידלעך. זי איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן „אויסגעגרינט". זי איז געווען אין דרויסן פון קאָכנדיקן לעבן, פון די פּראָבלעמען, אין וועלכע ער איז געווען פאַרטאָן. מיט אַ ביסל בילדונג, מיט באַוואוסטזיניקער לייטונג וואָלט זי געוואָרן אַ גוטע חברטע. עפּעס איז אין איר געווען, וואָס האָט באַדאַרפט געפינען אַנטפלעקונג, באַווייזן זיך. ער האָט געפילט, אַז זי אינטערעסירט אים. פון דעם ערשטן טאָג אָן האָט זי אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק. ער האָט ניט געוואוסט גענוי, וואָס אין איר האָט אים אַזוי צוגעצויגן און פאַראינטערעסירט.

ביים קאָנצערט האָט ער איר דערקלערט, וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט דערקלערן וועגן די סימפאָניעס, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן, וועגן די קאָמפּאָזיטאָרן, וועגן דעם דיריגענט. זי האָט זיך צוגעהערט, ווי אַ בייגעריק קינד, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער, באַצויבערנדיקער וועלט. ס׳איז געווען א נייע וועלט. און ער איז געווען אין דער וועלט, ווי אַן אייגענער. ס׳איז איר געווען גוט אין אָט דער וועלט, און זי איז אים געווען דאַנקבאַר.

פאָרנדיק אַהיים האָט ער געזאָגט:

— ס׳איז נאָך פרי. ס׳איז נאָך ניטאָ קיין עלף. מיר האָבן נאָך צייט אַרויסצושטייגן אויף „טיימס־סקווער", שפּאַצירן אַ ווײַלע און טאָקע אויס־טרינקען אַ טעפּעלע קאַווע. וואָס זאָגט איר וועגן דעם?

זי האָט זיך אַזש דערשראָקן:

— וואָס רעדט איר? — מאָרגן איז דאָך אַ טאָג פון אַרבעט!

— נו, איז וואָס? אָט בין איך דריי אָוונטן אין דער וואָך פאַרנומען מיט זיצונגען, מיט סטאַדיאום־קאָנצערטן און פאַרזאַמלונגען. איך לייג זיך שלאָפן איינס אָ זייגער. האָט איר אַמאָל באַמערקט, איך זאָל פאַרשפּע־טיקן צו דער אַרבעט? ס'איז אַ געוואוינהייט. מ'דאַרף נאָר איינשטעלן אַ סיסטעם. אָט וועט איר זען. מירן שפּאַצירן, טרינקען קאַווע און נאָך קומען אַהיים ניט שפּעטער פון צוועלף. פאַרלאָזט זיך אויף מיר.

אויף „טיימס־סקווער" זיינען זיי אַרויס פון דער באַן. בראָדוועי האָט זיך געבאָדן אין ליכטיקע קאָלירן. מילאָנען לאָמפּן האָבן זיך געמיניעט אין אַלע קאָלירן פונעם רעגן־בויגן, ווי בלומיקע שיפּועים פון בערג אין פאַרגייענדיקער זון, וואָס האָבן זיך געהויבן פון דער ערד ביז אין די הימלען אַריין. די פייערן פון בראָדוועי האָבן זיך געצונדן און געלאָשן אין שפּרודלדיקער גליאיקייט, כדי נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל פאַרוואונדערן דאָס מענטשלעכע אויג און דערפרייען זיין האַרץ מיט ימען פון שיינקייט, ווי פייער־שפּריצנדיקע ראַקעטן איבער נאַכטיקע וואַסערן אין אַ טאָג פון גרויסן יום־טוב. מענטשן, וואָס האָבן ערשט אַרויסגעשטראָמט פון די הונדערטער טעאַטערן, פריילעכע און מונטערע, זיינען געשוואומען אינעם ים פון ליכט פאַרביי די רייכע, אויסגעפּוצטע וויטרינעס. ס'איז געווען אַזוי, ווי טויזנטער וואָלטן אָפּגעריכט אַ יומטובדיקן פּאַראַד איבער די ברייטע טראָטואַרן, אינמיטן דער נאַכט, אינעם סאַמע האַרץ פון דער גרויסער מעטראָפּאָליע.

לייטשע און פּיוול זיינען געגאַנגען מיטן שטראָם און געפילט ווי זיי וואָלטן זינקען אין אַ ים פון געשטאַלטן און פּנימער, פאַרלוירנגעגאַנגען אין דער צויבערנדיקער, פאַנטאַסטישער פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן אויף דער ערד און זיך אויסגעלאָזט הויך, הויך אין די סאַמעט־טונקעלע הימלען.

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ביסל, געזאָגט:

— ס'איז אַ שיינע וועלט, מיר האָבן זי געשאַפן. אונדזער אַרבעט און אונדזער שווייס, אָבער ניט מיר געניסן פון איר. נאָך ניט מיר. דאָס אַלץ געהערט נאָך צו זיי, צו די רייכע און צו די לוידיקגייער...

זי האָט ניט געענטפערט, געזען, אַז ער האָט אַ פאַרלאַנג צו ריידן.

— מיר, די שאַפּ־אַרבעטער, קאָנען נאָך ניט געניסן פון די אַלע רייכקייטן. ניט די רעסטאָראַנען, ניט די טעאַטערן, ניט די רייכע וויטרינעס

מיט די שיינע זאַכן. ס׳איז זייערס. מיר האָבן דאָס באַשאַפן — און ס׳איז גאָר זייערס... אַזאַ אומזין.

זי האָט ווידער אָפּגעשוויגן, געלאָזט אים אויסריידן זיך.

— אַלץ איז דאָך אונדזערס. און דאָך, אַז מיר קומען אַהער, זײַנען מיר ווי פרעמדע אויף אַ פרעמדער שמחה. דער באָס אונדזערער וועט אַהער קומען — איז ער אין דער היים. זײַן ווײַב און קינדער וועלן קומען — זײַנען זיי אין דער היים. און מיר קומען אַהער ווי ניט געבעטענע געסט... אין אַזאַ וועלט לעבן מיר נאָך, לייטשע.

זײַנע ווערטער זײַנען איר געווען פאַרשטענדלעך און נאָענט, האָט זי, ווי אַן עכאָ, געזאָגט שטיל און פאַרטרווילעך:

— אין אַזאַ וועלט לעבן מיר...

ער האָט אָפּגעשוויגן אַ ווײַלע און מיט אַן אַנדער טאָן געזאָגט:

— צום טייוול! אָבער דאָס וועט זײַן אונדזערס. מיר וועלן דאָס בײַ זיי אָפּנעמען און איבערגעבן צו יענע, צו וועמען דאָס אַלץ געהערט — צו די מאַסן. ס׳איז מײַנס און אייערס און זײַנס, דאָס אייגנטום פון יענע, וואָס אַרבעטן אין היץ און אין קעלט.

לייטשע האָט באַמערקט, אַז ער איז ווידער געוואָרן אויפגעלייגט און מונטער, ווי אין שאַפּ בײַ דער אַרבעט, ווי מיט עטלעכע שעה פריער אין רעסטאָראַן מיט די חברים.

זיי זײַנען אַרײַן אין אַ קאַפעטעריע, באַשטעלט קאַווע מיט אַ לייכטן צובײַס און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ זײַטיקן טיש אײַנע קעגן אַנדערן. ס׳איז געווען די שעה פון נאָך־טעאַטער געדרענג. מענטשן האָבן אין אײַלעניש געטרונקען זייער קאַווע און געאײַלט אַהיים.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף איר אַן אָפֿענעם בליק:

— זאָגט מיר, וואָס טוט איר אין אײַער פרײַער צײַט?

זי האָט זיך פאַרלוירן, ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערן. וואָס האָט זי טאַקע געטאָן אין איר פרײַער צײַט? אין די לאַנגע סלעק־וואָכן? געלייענט ראָמאַנען, זיך באַגעגנט מיט לאַנדסלײַט, געקריגט זיך מיט דער שוועסטער, געשריבן בריוו צו טאַטע־מאַמע און געהאַט אַן אומגליקלעכע פאַרבינדונג מיטן באָס, מיט מיסטער הורשן... זי האָט געזאָגט:

— וואָס זאָל מען טאָן אין דער פרײַער צײַט?... אָט אַזוי גייען אַוועק טעג, די צײַט... איך ווייס אַליין ניט...

— איר באַלאַנגט גאָר ניט צו קיין אָרגאַניזאַציע?

— ניין.

— איך מוז זיין זייער אומעטיק צו לעבן. מיט אַרבעט אַליין קאָן דאָך אַ מענטש ניט לעבן.

זי האָט צוגעגעבן:

— ניין, מיט אַרבעט אַליין קאָן אַ מענטש ניט לעבן.

ער האָט אַ ווילע אַ טראַכט געטאָן:

— אָט, זאָל נאָר קומען דער ווינטער. איך וועל אייך אַריינגעמען אין אונדזער קלוב. אַרבעטער־מיידלעך און בחורים פאַרזאַמלען זיך און מ׳פאַרברענגט אויף אַ קולטורעלן אופן. מ׳פאַרברענגט און מ׳לערנט אין דער זעלביקער צייט. איר זייט דאָך אַן אַרבעטערין — דאַרפט איר זיך האַלטן מיט אייער קלאַס...

איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. ס׳איז געווען אַזוי, ווי ער וואָלט באַשטימט פאַר איר אַ גורל.

— איז וואָס זשע זאָגט איר, איר וועט אַריינטרעטן אין אונדזער קלוב?

— גוט, איך וועל אַריינטרעטן...

ער האָט איר דערציילט וועגן דעם אַרבעטער־אוניווערזיטעט, וואו ס׳האָבן זיך געלערנט אַרבעטער, ווי ער און ווי זי. דער אַרבעטער־קלאַס באַדאַרף האָבן באַוואוסטזיניקע, אינטעליגענטע כוחות. ס׳איז די צייט פון אַרבעטער־קאַמפּן אויף דער וועלט. די אַרבעטער קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט און פאַר אַ בעסערן מענטשן אויף דער וועלט. ער אַליין איז דאָרטן געווען אַ לערער. ער לערנט אנדערע און לערנט אַליין.... און זי וואָלט אויך באַדאַרפט אַריינטרעטן אין אַרבעטער־אוניווערזיטעט. ניש־קשה, זי וועט זיין אַ גוטע סטודענטקע.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. ס׳איז שוין געווען צוועלף. זיי זיינען אַרויס אויף דער גאַס און זיך געלאָזט מיט שנעלע טריט צו דער באַן. ער איז באַשטאַנען אויף דעם, ער זאָל זי אָפּפירן ביז צו איר הויז. ביים הויז האָט ער זיך מיט איר געזעגנט, ווי מיט אַ נאָענטער. אינעם דרוק פון זיין האַנט איז געווען וואַרעמקייט, וואָס האָט זי איבערגעלאָזט ווי אין אַ גוטן חלום.

זי איז מיט פאַרזיכטיקע טריט אַריין אין צימער, געוואוסט, אַז די

שוועסטער שלאָפֿט ניט און אַז ס'וועט זיין די פֿיינלעכע באַגעגעניש, וואָס צעשטערט די רו אויף לאַנגע טעג.

זי האָט שטיל אָנגעצונדן די עלעקטריע. גלייך האָבן זיך אירע אויגן צוזאַמענגעטראָפֿן מיט די אָפֿענע אויגן פֿון דער שוועסטער, וואָס האָבן דערציילט אַ סך זאַכן אויף אַ מאָל: ווי זי האָט אויף איר געוואַרט, ווי זי האָט זיך געמאַטערט אין איפּערזוכט, ניט געקאָנט צומאַכן אַן אויג, אַן אומרואיקע און אַ פֿאַרפּייניקטע פֿון אַלערליי געדאַנקען. ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל. לייטשע האָט אָפּגעקערט איר בליק אָן אַ זייט, און באַמערקט, ווי ברײַנדל האָט זיך אָפּגעקערט מיטן פּנים צו דער וואַנט אין אַ באַוועגונג פֿון שטילן פּראָטעסט און אומבאַהאָלפֿנקייט.

לייטשע האָט מיט זיך אַריינגעבראַכט די פֿרישקייט פֿון זומערדיקן דרויסן און איז נאָך אַליין געווען פֿריש און מונטער. איר קאָפּ איז נאָך געווען פֿאַרשיכורט מיט די איינדרוקן פֿונעם אָוונט, וואָס זי האָט פֿאַר־בראַכט מיט פּיוולען. אין אירע גלידער האָט זי געטראָגן אַן אָנגענעמע מידקייט און אין האַרצן שטילער אומרו — ס'האָט זיך ניט געוואָלט גלייך גיין שלאָפֿן. זי האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג עפּעטן דאָס האַרץ. זי האָט געבענקט נאָך אַ מענטשן, וועמען זי זאָל קאָנען דערציילן אַלץ מיט אַן אַנדער. אָבער מיט דער שוועסטער האָט זי זיך ניט געקאָנט טיילן.

זי האָט זיך באַהערשט, גענומען זיך אויסטאָן און זיך אַריינגעלייגט אין בעט, צו דער שוועסטער. געלעגן מיט אָפֿענע אויגן און געטראַכט, אַז ס'וואָלט איצט געווען גוט אַוועקצוזעצן זיך ביים פֿענצטער, אַריינאָטעמען די לופֿט פֿון דער איינגעשטילטער גאַס, זיצן און טראַכטן — ביז אינעם פֿרימאָרגן אַריין.

זי איז געלעגן און געפֿילט לעבן זיך די שוועסטער, אַ וואַכעדיקע. זיי זיינען ביידע געווען איבערפֿולט, יעדע מיט איר אייגענער אומרואיקייט. נאָענטע און דערווייטערטע, האָבן זיי מיט מורא געוואַכט, מורא געהאַט פֿאַר אַ וואָרט, וואָס אימעצער פֿון זיי וועט אַרויסריידן.

ברײַנדל איז געווען איפּערזיכטיק. לייטשע איז געלעגן לעבן איר, אַ גליקלעכע, פֿון איר האָט געשטראָמט מיט געזונטער וואַרעמקייט, מיט רייפֿקייט און געזונטער יוגנטלעכקייט. ברײַנדלען האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט ניט אויסהאַלטן די אָנגעשטרענגטקייט. זי האָט געהאַט אַ פֿאַרלאַנג איינצוגראַבלען זיך אין דער שוועסטערס האַלדז און זי דערשטיקן. פֿון

אומבאהאָלפנקייט און צו באהערשן דעם קוואַל פון אייגענער רעגונג און שנאה, האָט זי זיך פלוצלינג אויפגעזעצט אין בעט, אַרומגעכאַפּט מיט די הענט די אייגענע קני און אויסגעבראָכן אין אַ געיאָמער.

לייטשע האָט זיך אַ הייב געטאָן צו איר, אָנגענומען זי צאַרט ביי דער פּלייצע און, אַליין שוין אַ דערשראָקענע, געזאָגט מיט פאַרוואורף און מיט ליבע:

— וואָס וויינסטו אין מיטן דער נאַכט? הער אויף! הער שוין אויף!...

ברײַנדל האָט אַראָפּגעטרייסלט איר האַנט פון דער פּלייצע און ניט אויפגעהערט צו יאָמערן. געיאָמערט ווי אַ חיה, וואָס איז באהערשט געוואָרן פון אַ פּלוצלעכער אימה אין מיטן דער נאַכט און זיך צעשריען קעגן הימל. געזעסן מיט די אונטערגעבויגענע קני און צוזאַמענגעשלאָסענע פינגער פון די הענט. לייטשען איז איצט געווען אַזוי מוראדיק צו הערן איר געוויין אין דער נאַכט. זי האָט זיך געבעטן מיט טרערן:

— ברײַנדל, איך בעט דיך... וויין ניט... וועסט אויפוועקן דאָס גאַנצע הויז...

און אַז יענע האָט ניט אויפגעהערט, איז זי צוגעפאַלן מיט אַ מאָדנעם, עקסטאַטישן קוש צו דער שוועסטערס קאַלטן נאַקעטן אָרעם, איינגאַנצן אַ פאַרלוירענע, אַ צאַפּלדיקע פון שרעק און פון אומרו. יענע האָט זיך געלאָזן און ווען די גרויע ליכט פון זומערדיקן באַגינען האָט זיך גענומען קלעפּן צו די שויבן, האָבן זיך ביידע שוועסטער פארגעסן און איינגעשלאָפן, ווי צוויי פארוואָרלאָזטע קינדער, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין אַ געדיכטן וואַלד אין מיטן פון אַ שטורעמדיקער נאַכט...

קאַפּיטל פיר

א דראמע אין שאַפּ

1

ס׳איז געווען אַ שטיקנדיק־הייסער טאָג. די לופט איז געווע שיטער און פייכט, האָט זיך געקלעפּט צום לייב און אָפּגעשוואַכט די גלידער. אין שאַפּ איז דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען אַ פיבערדיקע „ביזי״. אַרבעט איז געווען אַ וועלט. מ׳האָט געריסן פון די הענט. דער פאָרמאַן, דער באָס, די פינישערס, די עקזאמינערס, — אַלע האָבן געפּאָדערט די אַרבעט. דער שאַפּ האָט געשריען זיין ווילדן געשריי. די מאַשינען האָבן גערעוועט, ווי פאַריאָגטע, איבערגעשראָקענע באַשעפענישן. די טרייב־רימענס האָבן געפּאַטשט און געקלאַפּט איבער די אָפּגעשייערטע, גלאַנציקע שוואונג־רעדער, און די אַרבעטער, ווי פלוצלינג־אָפּגעפרעמדטע איינע פון די אַנדערע, ווי אַנגעברוגזטע, האָבן זיך געבויגן טיפער איבער די מאַשינען, געדריקט די טרעטערס מיט רוגזה, מיט עפּעס אַ פאַרבאַהאַלטענעם נקמה־געפיל איבער דעם געשריי פון דער מאַשין.

אין שאַפּ איז געשטאַנען אַ היץ און אַ פאַרעניש. אַ היץ, וואָס האָט געשטראָמט פונעם אָנגעגליטן דרויסן, אָפּגעשלאָגן פון די ווענט, פון די צעפּאַרעטע לייבער פון די אַרבעטער, פון די הייסע־פרעס־געשטעלן, פון די עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס האָבן, ווי מידע שטאַרע אויגן, אַראָפּגעקוקט דורך אַ נעפּל פון אָנגעגליטן שטויב אויף די בלייכע פּנימער פון די מענטשן. די היץ פונעם אייגענעם קערפּער, די טרוקנקייט פונעם אייגענעם גומען און פון אייגענעם ברענענדיקן קעל איז געווען שווער איבערצוטראָגן.

עס זיינען פאַריבער אַ שעה און צוויי און דריי. מענטשן האָבן שוין

אויסגעזען פאַרמאַטערטע צום טויט. שווייסיקע, מיט צעכראַשטשעטע העמדער און צעשויבערטע האָר, בלייכע, מיט שלאַבערדיקע מוסקולן, האָבן זיך מענטשן נאָך געראַנגלט, אויסגעהאַלטן דעם גיהינום. מענטשן האָבן באַוואונדערט די אויסגעהאַלטנקייט. אויסגעמאַטערטע האָבן זיך מענטשן ניט אונטערגעגעבן, האָבן געקעמפט ביזן לעצטן אָטעם־צוג, זעענדיק פאַר זיך די אָוונט־שעה, ווי אַ ליכטיקן זיג און אַן אויסלייז.

די נאָכמיטאָג־שעהן זיינען געקראָכן לאַנגזאַם און שווער. די אויגן האָבן זיך יעדע עטלעכע מינוט געהויבן צום פאַרשטויבטן זייגער אויף דער וואַנט, ווי צו אַ דערלייזער.

לייטשעס אויגן האָבן זיך דורכן טאָג אָנגעטראָפן מיט פּיזולס אויגן. זי האָט אין זיי באַגעגנט וואַרעמקייט און סימפּאַטיע. איר איז געווען לייכט צו אַרבעטן, מיטן געדאַנק, אַז ער איז דאָ לעבן איר. ס'איז געווען אַזוי, ווי ער און זי האָבן געטאָן איין אַרבעט און געגאַנגען צו איין ציל. דאָס גיין איז געווען שווער, אָבער באַנאַנד איז געווען לייכטער. און יעדעס מאָל, ווען זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, האָט ער אין אירע אויגן איבערגעלייענט איר שטומע דאַנקבאַרקייט, איר פאַרבאָרגענע פרייד, וואָס האָט זיך געריסן צו אים דורך אַלע צאָמען.

די צייט איז געקראָכן לאַנגזאַם. ווען דער זייגער האָט דערגרייכט פיר, האָט זיך געדוכט, אַז די צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער זייגער איז געהאָנגען אין נעפּל פון שטויב מיט זיין פאַרגעלטן ציפערבלאַט און מיט זיינע ווייזערס, וואָס האָבן געהויערט איבער אים ווי פעטע לאַפּעס פון אַ שפּין און זיך ניט גערירט פון אָרט.

גראָד דאַן איז פון דער אָפיס־טיר אַרויסגעגאַנגען דער פאַרמאַן און מיט זיכערע טריט געגאַנגען צו די רייען מאַשינען. אין זיינע אויגן איז געווען אַזאַ אויסדרוק, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס האָט באַדאַרפט ברענגען אַ ליכטיקע בשורה צו די אויסגעמאַטערטע אַרבעטער. ער איז פאַרבייגע־גאַנגען די רייען, איינגעבויגן זיך אויף אַ רגע צו איינעם, צו אַ צווייטן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, בלויז מיט אַ נויג פונעם קאָפּ:

— אָווערטיים!... היינט וועלן מיר אַרבעטן אָווערטיים!...

געזאָגט און געגאַנגען ווייטער, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, פאַרבייגעגאַנגען און דורך דעם טומל פון מאַשינען זיי צוגעוואָרפן, ווי אַ באַליידיקונג:

— אָווערטיים! מ׳עט אַרבעטן אָווערטיים!

קעפּ האָבן זיך געהויבן. פּנימער זיינען געבליבן הענגען אין דער לופטן, ווי פאַרשטיינערטע. נאָר די אויסגעמאַטערטע גלידער האָבן זיך אַ ריס געטאָן אין פיינלעכער קאָנוואולסיע. זיי האָבן ניט געקאָנט באַנעמען, איז עס ערנסט, צי אין שפּאַס? ווי האָט געקאָנט איין מענטש קומען צום צווייטן און זאָגן: איך דאַרף האָבן די אַרבעט, דערפאַר וועסטו מוזן בלייבן אינעם שטיקנדיקן שאַפּ און אַרבעטן אָווערטיים!

הענט האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט, ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך אויפהייבן צוריק צו דער ניט־פאַרענדיקטער אַרבעט. שטומע געפּאַלנקייט, ווי ביי פאַריאָגטע חיות, האָט זיך אַ ריס געטאָן פון איין מענטשן צום צווייטן, פון ריי צו ריי: ניין, ניין!

מענטשן האָבן זיך אויפגעהויבן פון די מאַשינען, אויסגעגלייכט די רוקנס און אָן ווערטער געקוקט איינער אויפן אַנדערן. די מאַשינען זיינען ביסלעכווייז אַנטשוויגן געוואָרן. בלויז איינע, אָדער צוויי האָבן נאָך, פאַרשפּעטיקטע, דאָ און דאָרט, אַ דריק געטאָן אַ טרעטער, ווי אויסצופּרוּוון די אייגענע נערוון, אָדער גלאַט אַזוי זיך. די שוואונג־רעדער און די טרייב־פּאַסן האָבן געקלאַפּט און נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו לויפן אין זייער משוגענעם געלאַף.

אויגן האָבן זיך אַ ווײַלע שטום איבערגעקוקט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן; אפשר מאַכן אַ געשריי; אפשר גאָר מאַכן אַ שווייג, אונטערגעבן זיך, ווי מ׳גיט זיך איבער אַן אומגליק און אַ ביטערן גורל.

אימעצער האָט ניט זיכער געזאָגט:

— וואָס הייסט, — אָווערטיים?!...

ס׳איז געווען אַ רגע פון גרויסער פאַרלעגנהייט. אימעצער האָט זיך דאָ באַדאַרפט געפינען, וואָס זאָל זאָגן דאָס וואָרט. אימעצער האָט באַדאַרפט ראַטעווען.

פייוול האָט אַ פיר געטאָן מיט זיינע אויגן איבער די געבראָכענע רייען פון די צערודערטע אַרבעטער און הויך אַ דונער געטאָן:

— מיר אַרבעטן ניט קיין אָווערטיים! קיינער וועט היינט ניט אַרבעטן קיין אָווערטיים!...

ער האָט עס ארויסגעזאָגט אין יידיש. אָבער די ניט־יידישע אַרבעטער האָבן אין דער זעלביקער רגע מיט די יידישע פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון

זיינע ווערטער. אין זיין זשעסט, אינעם אויסדרוק פון זיין קול האָבן זיי אים פאַרנומען.

גלייך האָבן אַלע אָנגעהויבן צו ריידן הויך אויפן קול — אין אַלערליי שפּראַכן. ווערטער זיינען געשפּרונגען אין דער לופטן, ווי אָנגעגליטע. הענט האָבן זשעסטיקולירט פּראָטעסט. עטלעכע האָבן אַפילו אַ הייב געטאָן די הענט מיט געבייַלטע פויסטן אין דער ריכטונג פונעם אָפיס.

פּייוול האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט — שוין אין ענגליש:

— מיר אַרבעטן ניט קיין אָווערטיים! ווען ס'איז ניטאָ קיין אַרבעט, אַרט ניט מיסטער הוירשן וועגן אונדז. און איצט, ווען ער דאַרף אונדז, צווינגט ער אונדז אין אַזאַ טאָג צו אַרבעטן. קיינער אַרבעט ניט קיין אָווערטיים!

ס'האָבן זיך דערהערט עטלעכע שטימען:

— איך אַרבעט ניט!...

— ווער וועט דען אַרבעטן?

— ס'איז דאָך שקלאַפּעריי!

— דער באָס האָט גאָר קיין רחמנות ניט...

— אָווערטיים אין אַזאַ טאָג!...

דער פאָרמאַן האָט זיך צוריקגעקערט פונעם אַנדערן עק שאַפּ און צוגעגאַנגען צו פּייוולען מיט אַן אַרויסרופנדיקן פּנים:

— הער, דו! וואָס מיינסטו עפּעס? — ווילסט דאָ מאַכן טראָבל?!...

פּייוול האָט אויסגעהאַלטן יענעמס בליק און געזאָגט:

— גייט צום באָס און זאָגט אים: מיר וועלן היינט קיין אָווערטיים ניט אַרבעטן!

— אַזוי זאָגסטו! מיר וועלן שוין זען, ווער ס'איז דאָ דער באָס.

— דוצט מיך ניט! גייט אין אָפיס און גיט איבער, אַז מיר בלייבן ניט אַרבעטן!

דער פאָרמאַן איז מיט שנעלע טריט אַוועק אין אָפיס. דער עולם האָט זיך דערווייל געטומלט. ס'האָבן זיך פאָרמירט גרופּקעס. מ'האָט געשריען.

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן מיסטער הוירש. נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען דער פאָרמאַן. זיי זיינען געגאַנגען מיט שנעלע טריט. פּייוול האָט געוואָרט דעמאָנסטראַטיוו, ווי ער וואָלט זיך פון פריער צוגעגרייט, געזען, ווי דער באָס איז פאַרבייגעגאַנגען די גרופּעס אַרבעטער און זיך

דערנענטערט צו אים מיט כעס אין די אויגן, מיט אַ רויטן, אויפגערעגטן פּנים. אָפּגעשטעלט זיך האַרט לעבן אים און פּלוצלינג אַ קער געטאָן זיך צו די אַרבעטער און אַ וואָרף געטאָן צו זיי:

— אַרבעט!... וואָס שטייט איר, ווי ליימענע גולמס?!... זעצט זיך צו דער אַרבעט, זאָגט מען אייך!

אָפּגעוואַרט א רגע, געזען, אַז יענע האָבן זיך קוים אַ ריר געטאָן, בלויז אַ פּאָר פּרויען, וואָס זיינען פריער געשטאַנען, האָבן זיך אַוועק־געזעצט, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו פּיוולען:

— הער, דו, באָלשעוויק! האָסט נאָך ניט אָנגעוואַרעמט דעם זיץ־פּלאַץ ביי דער מאַשין און מאַכסט שוין אַן טראָבל!...

ער האָט מיט כעס אָנגעכאַפּט פּיוולען מיט ציטערנדיקע הענט ביים אַקסל, געקוקט אים אין די אויגן שפּיציק און בייז:

— ווער ביסטו דאָ צו מאַכן טראָבל?! האַ?...

פּיוול האָט אָפּגעריסן פון זיך יענעמס הענט און מיט עקל געזאָגט:

— נעמט אַוועק איירע הענט, מיסטער באָס!

דער באָס איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. די אַרבעטער האָבן זיך צוגעקוקט צו דער סצענע, אויפגערעגטע און פאַרלוירענע.

דער באָס, אַ פאַרלוירענער, האָט אַריינגעשריען פּיוולען אין פּנים:

— איך דאַרף האָבן די אַרבעט!... פאַרשטייסט? — איך באַדאַרף האָבן דעם גאַנצן לאָט! היינט!

פּיוול האָט קאַלטבלוטיק געענטפערט:

— איך פאַרשטיי איירע באַסישע אינטערעסן. אָבער מיר, אַרבע־טער, דאַרפן אויך לעבן אויף דער וועלט. מיר אַרבעטן היינט מיט די לעצטע כוחות. מיר קאָנען זיך ניט דערוואַרטן די מינוט צו גיין אַהיים. און איר טרייבט אונדז צו אַרבעטן אָווערטיים... מיר אַרבעטן ניט!

דער באַלעבאָס האָט געשריען:

— ווער איז דאָ דער באָס: איך, צי דו?

— איר זייט דער באָס! אָבער מיר זיינען די אַרבעטער, און מיר זיינען אויך מענטשן.

— ביסט אַ טראָבל־מאַכער! וועסט ביי מיר טייער באַצאָלן, וועסטו...

— וועסט דאָ מער קיינמאָל ניט אַרבעטן. זיי וועלן אַרבעטן! זיי וועלן אַלע אַרבעטן!... אָבער ניט דו!

ער האָט געזען, ווי אַלע זיינען געבליבן פאַרגליווערטע. ער האָט זיי ניט דערקענט. אין זייערע אָנגעכמורעטע, בלייכע און אויפגערעגטע פנימער איז געווען אומצוטרוי און שנאה. איצט איז פּיוול געווען דער באַלעבאָס, פונדעסטוועגן האָט דער באָס געפונען אין זיך כוח צו זאָגן צו די אַרבעטער נאָך אַ מאָל:

— נו, וואָס זשע שטייט איר?!... וואָס האָט איר, אין מיטן דערינען, אָפּגעשטעלט די מאַשינען, וואָס?... צי איר ווילט מיר דערהרגענען דעם „סיזן?!"... איך וועל אייך אַלעמען אָנלערנען! ס'וועט אייך טייער קאָסטן!

און ניט דערוואַרטנדיק קיין ענטפער, האָט ער זיך, אַ בלייכער און אַן איבערגעפּולטער מיט כעס, אַ ריס געטאָן פון אָרט, ניט אומקוקנדיק זיך, אַוועקגעשפּאַנט צום אָפיס און מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ פון דער טיר זיך פאַרשפאַרט דאָרטן, איבערלאָזנדיק דעם שאַפּ אין זיין צערודערונג.

פּיוול האָט מיט די אויגן באַגלייט די אויפגערעגטע טריט פונעם באָס ביז דער טיר און ווי נאָר די טיר האָט זיך צוגעמאַכט, האָט ער זיך געווענדט צו די אַרבעטער:

— מיר אַרבעטן ניט קיין אָווערטיים. דעם טאָג דאַרפן מיר פאַר־ענדיקן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. אָבער קיינער אַרבעט ניט קיין אָווער־טיים!

צווישן די אַרבעטער האָט געהערשט אַ צעטומלעניש. מענטשן האָבן זיך צערעדט הויך אויפן קול, געטומלט. מ'האָט ניט געקאָנט וויסן, ווער ס'איז פאַר און ווער עס איז קעגן. אייניקע האָבן אויסגע־דריקט אַנטשלאָסנקייט און אייניקע האָבן זיך געוואַקלט. אַ קליינע צאָל האָט זיך אַוועקגעזעצט צו די מאַשינען, אָבער קיינער האָט ניט אָנגעהויבן צו אַרבעטן. די פּרעסערס און די צושניידערס זיינען ניט צוגעטראָטן צו זייערע וואַרשטאַטן. דער שאַפּ האָט נאָך ניט געקאָנט קומען צו זיך.

דער פאָרמאַן איז געשטאַנען אין מיטן פון אַ גרופּע מענטשן און שטאַרק געשריען און זשעסטיקולירט, טייטלענדיק אויף פּיוולען, ווי אויפן שולדיקן אין אַלץ, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען:

— הערט זיך ניט צו צו אים. ער וועט אייך אַריינפירן אין טראָבל...

איר וועט פאַרלירן די דזשאבס. איר וועט זען... ער איז געקומען מאַכן טראָבל...

בריינדל האָט זיך פלוצלינג אַ הייב געטאָן איבער איר מאַשין. זי איז געווען רויט פון אויפרעגונג. די האָר זיינען איר געווען צעשויבערט. זי האָט געשריען:

— איך וועל אַרבעטן אָווערטיים!... און אַלע דאַרפן אַרבעטן. מיסטער הוירש דאַרף די אַרבעט... איר זאָלט זיך ניט צוהערן צו פייוולען. איך זאָג אייך: בלייבט אַרבעטן!...

זי האָט געשריען ניט מיט איר קול. געווען הייזעריק פון אויפרע־גונג. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט געצוקט מיטן גאַנצן קערפּער, ווי זי וואָלט זיך מיט עפּעס געוואָרגן. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אויף אַ ווײַלע מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און געבליבן זיצן איינגעבויגן איבער דער מאַשין. די שכנה לעבן איר מאַשין האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר מיט באַרואיקנדיקע ווערטער.

אָבער דאָ איז אויפגעשטאַנען לייטשע:

— הערט ניט וואָס זי זאָגט אייך... דערפאַר, וואָס איר וועט היינט אַוועקלייגן אייערע כוחות פאַרן באָס וועט ער אייך אין סלעק־צייט ניט באַצאָלן. איר וועט הונגערן, און אים וועט ניט אַרן... קיינער טאָר היינט ניט בלייבן נאָך דער צייט. קיינער ניט!...

זי איז געווען בלייך. זי האָט נאָך קיין מאָל ניט גענומען קיין וואָרט — ניט אין שאָפּ און ניט ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

אימעצער האָט געזאָגט:

— זי איז גערעכט, ווי איך בין אַ ייד... אַ גאַנצע נאַכט וואַלגערט מען זיך מיט ווייב און קינדער אויפן דאַך, אָדער אויפן „סיידוואָק“... און דאָ, נאַ דיר גאָר: אַרבעט אָווערטיים... איך אַרבעט ניט!

אַ צווייטער האָט געזאָגט:

— זאָל זיך דער באָס פּרוּוון אַליין אַוועקזעצן אין אַזאַ היץ טרייבן די קאַטערינקע...

דערווייל האָט שוין בריינדלס מאַשין אַ ברום געטאָן. אַ צווייטע, אַ ביסל ווייטער, האָט אויך אַ ברום געטאָן. אַרבעטער האָבן זיך צוריק־געקערט צו זייערע פּלעצער. דער שאָפּ האָט זיך ביסלעכווייז איינגע־

שטילט. מענטשן האָבן זיך געזעצט צו דער אַרבעט אָן אימפּעט. אין די הערצער איז געווען אומרו און אומעט.

דער פאָרמאַן איז צוגעקומען צו פּיוולען, אַ ביסל איבערגעבויגן זיך איבער אים און בייז אַ זאָג געטאָן:

— הער, דו, בחור, דאָס איז דיין סוף ביי אונדז אין שאַפּ. דער באָס וועט דיך אויף צוויי שפּענדלעך אַרויסוואַרפן... פאַרצייכן זיך מיינע ווערטער.

פּיוול האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַן אָפענעם בליק:

— טרעט אָפּ. ווען מיר שפּעטער סטראַשען, איצט אַרבעט איך.

און ער האָט זיך אָפּגעקערט צו דער אַרבעט.

דער פאָרמאַן איז אַ ווילע שפּאַטיש געשטאַנען איבער אים און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פונעם אָפיס.

לייטשע איז אויפגעשטאַנען פון איר מאַשין און גענומען גיין איבער די רייען. זי האָט זיך איינגעבויגן צו יעדן איינעם און אַנגעזאָגט:

— געדענקט, מיר אַרבעטן ניט קיין אָווערטיים! אַלע אינאיינעם וועלן מיר אויספּירן, מירן דאָ ניט אָוועקלייגן אונדזערע לעבנס...

אַז זי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין, האָט זי געזאָגט צו פּיוולען:

— זאָרגט ניט, קיינער וועט היינט ניט אַרבעטן קיין אָווערטיים...

ער האָט אויף איר אַ קוק געטאָן מיט אַ וואַרעמען בליק און מיט אַ גוטן שמייכל.

— איר זייט אַ וואויל מיידל, לייטשע.

די שעה איז דורכגעלאָפן שנעל. פינף אַ זייגער האָבן זיך די אַרבעטער איינציקווייז גענומען אויפהייבן פון די פּלעצער. ווער ס׳האָט אַרומגעווישט דעם שטויב פון דער מאַשין און ווער ס׳האָט געבראַכט אין אָרדענונג די אַרבעט. און ס׳איז געווען ווי אַלע מאָל, נאָך אַ טאָג אַרבעט. נאָר די עלעקטרישע קראַפט האָט דאָס מאָל קיינער ניט אָפּגע־שטעלט, ניט דער פאָרמאַן, וועלכער איז פאַרבליבן אין אָפיס, און ניט אימעצער אַנדערש, וואָס פלעגט עס טאָן, ווען דער פאָרמאַן איז דערביי ניט געווען, — זיינען די שוואונג־רעדער נאָך אַלץ געלאָפן און די טרייב־פאַסן האָבן געקלאַפּט. די אַרבעטער האָבן זיך גענומען קלייבן אַהיים. זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגעשאָטן איבערן שאַפּ, האָבן זיך פאַרשפּי־

ליעט די צעכראַשטשעטע העמדער, אָנגעטאָן די רעקלעך, קיינער איז ניט געבליבן אַרבעטן.

לייטשע איז מיט שנעלע טריט אַוועק צו דער טיר. פּיוּול האָט זי באַמערקט פון אַ געזעמל, וואו ער איז געשטאַנען מיט אַנדערע אַרבעטער און זי אָנגעיאָגט מיט אַ ברייטן שמייכל:

— נו, און קיין אָווערטיים וועלן מיר שוין, הייסט עס — היינט ניט אַרבעטן...

איר איז גּעווען לייכט און גוט אויפן האַרצן, ווי זי וואָלט זיך ערשט באַטייליקט אין אַ נוצלעכער און פריילעכער אַרבעט.

— ס'ווייזט אויס, אַז ניט...

— אויב אַזוי, איז טאַקע אַ יושר, אַז מיר זאָלן אָט אין דעם הייסן אָוונט אַ פּאָר טאָן צום ים. דאָרטן וועלן מיר זיך גוט אויסבאָדן און נאָכדעם אָפּקילן זיך מיט אַ גוטן שפּאַציר אויפן „באָרד־וואָק". וואָס זאָגט איר, לייטשע? אָבער זאָגט זיך ניט אָפּ. אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט.

זיי זיינען מיט לייכטע געמיטער אַרויס פון שאָפּ, ניט געפילט מער אין זיך די היץ, די מידקייט, די פריערדיקע אויפרעגונג.

דריטער טייל

קאַפּיטל איינס

די צוויי ברידער משה און ברוך

1

משה זעליגן האָט זיך באַלד נאָכן קראַך געדוכט, אַז ער איז רואינירט געוואָרן ביזן גרונט. די באַנק, די אַקציעס, דאָס „ריעל־עסטעיט" און די „מאָרגעדזשעס" האָבן אים אַריינגעכאַפּט אין אַ פּאַסטקע. דער קראַך, וואָס אַמעריקע האָט געזאָלט איבערלעבן אין אַ קורצער צייט און גלייך צוריק אַ קער טאָן זיך צו „פּראָספּעריטי", ווי מ'האָט פאָרויסגעזאָגט, האָט נאָך אָנגעהאַלטן. קיין פאַרלייכטערונג האָט מען ניט געזען. די אַרבעטלאָזיקייט האָט זיך ניט פאַרקלענערט. געשעפטן האָבן זיך צוגע־מאַכט. אין לאַנד זיינען פאָרגעקומען פאַרשאַרפטע קאַמפן צווישן באַלע־באַטים און אַרבעטער. מיטן פאַרמאַכן בענק זיינען איבערן לאַנד אַדורך כוואַליעס פון „פאַרקלאָזשורס" פון פאַרמס. איינגעזעסענע פאַרמערס האָבן פאַרלאָזן זייערע פאַרמס און זיך געלאָזט זוכן גליקן אין דער ווייטער וועסט. זייערע קינדער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין די שטעט. פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן האָבן זיך געצויגן מענטשן, געוואָגלט, אויסגע־וואָרצלטע, אומזיכערע.

די מיטלען, דורך וועלכע משה זעליג האָט אַמאָל געטרוימט צו ווערן אַ רייכער מאַן, זיינען צעשטערט געוואָרן. קיין זאַך האָט איצט ניט געקאָנט זיין זיכער. זיכער איז נאָר געווען דער לאָמבאַרד. זיכער איז געווען דאָס געשעפט דערפאַר, וואָס גראַד איצט זיינען די בערג סחורה אין אים געוואַקסן. מענטשן האָבן פאַרזעצט, אָדער פאַרקויפט זאַכן פאַר שפּאָט ביליק.

זיכער איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט איינהאַלטן אין דער

אייגענער האַנט, יעדער פּעני, יעדער דאָלאַר, וואָס ער האָט געצויגן פונעם געשעפט זײַנעם. זיכערער פון אַלץ איז געווען די גאָלדענע מטבע. גאָלד האָט ניט פאַרלוירן זײַן ווערט. משה האָט נאָך געקאָנט אויסבײַטן פּאַפּיר־געלט אויף גאָלד. און גאָלד האָט ער געקאָנט אויסבאַהאַלטן, אַפילו פאַרגראָבן אין דער ערד. אָט דער געדאַנק האָט איצט געמוזט ווערן ווירקלעכקייט. עס איז געווען לײַכט צו געפינען בײַ זיך אין לאָמבאַרד אַ מעטאַלענעם קאַסטן, אַרײַנלייגן אין אים דאָס גאָלד און פאַרגראָבן אין דער ערד.

דער אײַנפאַל צו באַהאַלטן דאָס געלט אין דער ערד האָט טאָג און נאַכט געעקבערט דעם מוח און גערעגט דאָס האַרץ. איין מאָל האָט ער צו זיך אַ זאָג געטאָן:

— געלט דאַרף מען באַגראָבן, אין דער ערד דאַרף מען עס באַגראָבן...

ער וועט באַגראָבן דאָס געלט אין אַ פאַרבאָרגענעם אָרט, און קיינער, אחוץ אים, וועט ניט וויסן. ער אַליין וועט וויסן פון זײַן גרויסן סוד. מלכה וועט ניט וויסן, דער ברודער, ברוך, וועט ניט וויסן.

אין דעם איז געווען אַ רעגעדיקע פרייד. די וועלט וועט ניט וויסן, וועט ניט פאַרדעכטיקן! און דאָס שטיקל ערד וועט פאַרבאָרגן זײַן לעבן, די פאַרגאַנגענהייט, די קעגנוואַרט און זײַן צוקונפט.

— געלט דאַרף מען באַגראָבן אין דער ערד!

אַלץ קאָן דערציילן וועגן זײַן רײַכקייט — אַ באַנק־ביכל, אַן אַקציע, אַ „מאָרטגעדזש". נאָר די ערד וועט ניט דערציילן און ניט אויסזאָגן!

און עס האָבן אים גענומען קריכן אין קאָפּ הונדערטער ערטער, איין אָרט בעסער פאַרן אַנדערן, וואו צו באַגראָבן דאָס געלט. אומעטום איז געווען אָנגעגרייט אַן אָרט פאַר זײַן סוד. די ערד, אויף וועלכער עס האָט געטראָטן זײַן פוס, איז געוואָרן סודותדיק.

פון דאַן אָן איז דאָס לעבן געוואָרן פאַר אים אַ געהיימעניש. אַרום זײַנע ליפּן האָט זיך אויסגעלייגט אַ נײַער קנייטש, וואָס האָט פאַרבאָרגן אַ סוד. אין זײַן גרויען בליק האָט זיך אָנגעצונדן אַ נײַ פײַערל, וואָס האָט פאַרבאָרגן אַ סוד.

משה האָט זיך געגרייט. מיט אַ פאַרעקשנטער איבערלייגונג, ווי איינער, וואָס האָט אַ סך צײַט און געדולד, און וואָס האָט הנאה ניט נאָר

פון דער אַרבעט גופא, נאָר אויך פון גרייטן זיך צו איר, האָט משה געטראַכט וועגן זיין פּלאַן. אַ קאַסטן האָט ער שוין געפונען אין זיין אייגענעם לאָמבאַרד. אַ שווערער אייזערנער קאַסטן מיט אַלטפרענקישער אָרנאַמענטיק און מיט אַלערליי באַרעליעף־אויסקריצונגען. ער האָט יאָרנלאַנג געהאַלטן דעם קאַסטן אין שוי־פענצטער, ווי א „רעליק״ פון די ריטערישע און פּיראַטישע צייטן. נאָכדעם איז שוין אויך קלאָר געוואָרן דאָס אָרט, וואו ער דאַרף באַגראָבן דעם קאַסטן מיטן געלט אין דער ערד. זיין געדאַנק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווייטן ווינקל פון זיין הויף, ביים סאַמע צוים, וואָס צו די אָפענע פעלדער. דאָס פאַרגראָבן דעם קאַסטן מיט געלט אין מיטן פון אַ פינצטערער נאַכט איז פאַר משהן געווען ווי אַ הייליקער ריטואַל, וואָס ווען ער וועט דורכגעפירט ווערן, וועט ער שליסן אַ בונד צווישן אים און דער ערד...

2

אין דעם איז ניט געווען בלויז קאַרגקייט. אין דעם איז געווען אַ טיף־באַהאַלטענע שנאה און אַ טיפער באַגער נאָך נקמה. די שנאה איז געווען צום בלינדן ברודער. און די נקמה האָט אויך באַדאַרפט גענומען ווערן פונעם ברודער. עס איז געווען אויך די אייפערזוכט פון אַ מאַן צו זיין פרוי.

ס׳איז געווען בלויז אָט דאָס קליינינקע קערנדל פון אייפערזוכט, וואָס איז איין מאָל אַריינגעפאַלן אין משס הארצן. דאָס קערנדל איז געוואַקסן, געוואַקסן, געוואַקסן און געוואָרן גרעסער.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ קליינִיקייט. מלכהן איז איין מאָל איינגעפאַלן אויפצונייען דעם בלינדן אַ העמד. זי האָט קיין מאָל פריער אַליין ניט גענייט. זי פלעגט אַלע מאָל קויפן פאַרטיקע קליידער אין די קראָמען. אָבער דאָס מאָל איז איר איינגעפאַלן אַליין אויפצונייען פאַרן בלינדן אַ העמד. ס׳איז געווען אַ מאָמענט פון אַ באַזונדער גוטן געפיל צום אומגליקלעכן. אַ פלוצעמדיקע באַוועגונג פון האַרצן. אפשר איז עס איר געקומען דערפון, וואָס זי האָט געוואוסט די שטאַרקע ליבע פון בלינדן צו דינעם זייד.

אַזוי צי אַנדערש — עס איז איר איינגעפאַלן און זי איז אַוועק אין

דעם נאָענטסטן זייד־געשעפט, געקויפט די סחורה און גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. געגייט מיט דער האַנט. כאָטש אין הויז, פאַררוקט אין אַ ווינקל, איז פון לאַנגע יאָרן געשטאַנען אַן אַלטע ניי־מאַשין און געוואַרט, אַז מלכה זאָל זיך אָן איר דערמאַנען און ברענגען זי צום לעבן. מלכה האָט גראָד געוואָלט נייען מיט דער האַנט. כאָטש דאָס האָט גענומען פיל לענגער. איר האָט זיך גראָד געוואָלט נייען מיט דער האַנט, שטאָך נאָך שטאָך. מלכה האָט געטראַכט פונעם בלינדן, וואָס וועט זיך אַזוי פרייען מיט איר מתנה און בענטשן אירע פינגער פאַר יעדן שטאָך, פאַר יעדער באַרירונג פון איר האַנט.

האָט זי אַזוי געגייט שעהן לאַנג, און אין האַרצן איז די גאַנצע צייט פון דער אַרבעט געווען אַ געפיל, אַז ווען דאָס העמד וועט פאַרטיק ווערן, וועט עס ליכטיק מאַכן דאָס לעבן, וועט ברענגען קלאָרקייט.

אַזוי זיינען פאַריבער צוויי טעג. אויפן צווייטן טאָג, אין אָוונט, האָט אָבער פּאַסירט אַ קלייניקייט, וואָס האָט צעשטערט דעם טרוים.

משה איז דעם אָוונט געקומען אַהיים פריער ווי אַלע מאָל. דאָס איז אויך געווען מאָדנע: אַלע טאָג, יאָרן לאַנג, איז ער געקומען אַהיים אין דער זעלביקער צייט, ניט פריער און ניט שפּעטער. און דאָ קומט ער אַהיים מיט אַ שעה פריער.

מלכה האָט געהערט ווי עס האָט זיך שטיל געעפנט די דרויסנדיקע טיר, און משהס לאַנגזאַמע טריט האָבן זיך גענומען דערטראָגן פון ווייטן קאָרידאָר. זי האָט, אויס געוואוינהייט, זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אַוועקגעלייגט די אַרבעט און זיך געלאָזט גיין אַנטקעגן דעם מאַן, אַ דערשראָקענע, אין דערוואַרטונג פון אַ בייזן אָנזאָג. אין האַרצן האָט זיך אַ ריס געטאָן עפּעס, ווי עס וואָלט זיך איבערגעריסן דער פאָדעם פון אַ ציטעריק געצויגענעם געפיל.

— וואָס האָט פּאַסירט, משה?

— גאָרניט האָט פּאַסירט. בין געקומען אַהיים.

— אַזוי פרי...

— טאָר איך דען ניט קומען אַהיים אַ ביסל פריער?

— אָבער... ביסט נאָך קיין מאָל פריער ניט געקומען און איצט פלוצלינג...

— בין איך איצט געקומען.

און עס איז געווען א נייע עקשנות אין זיין קול און אין די ווערטער. ביידע זיינען אַריינגעגאַנגען אינעם גרויסן צימער. אַריינגעקומען און דערזען אויפן שטול, לעבן פענצטער, דעם צעקנייטשטן זייד פון דער העמד. ביידע זיינען מיט אַ מאָל פאַרוואונדערט געוואָרן, האָבן זיך איבערגעקוקט, פונקט ווי דאָס, וואָס זיי האָבן דערזען, וואָלט געווען אַן איבעררעאַשונג פאַר ביידן.

ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— נייסט עפּעס?

— איך ניי אַ העמד.

געזאָגט און געפילט אַ מאָדנע שרעק. דאָס האַרץ האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן צו קלאַפּן.

— וואָס עפּעס אינמיטן דערינען?

— אַזוי זיך... איך ניי אַ העמד...

— אַ העמד? אַ זיידן העמד גאָר?

ער האָט אַריינגענומען דאָס העמד, וואָס איז שוין געווען כמעט פאַרטיק, אין זיינע הענט, און האָט עס אויסגעשפּרייט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז דאָס איז טאַקע אַ העמד. געהאַלטן עס אין דער לופטן און געקוקט. נאָכדעם געזאָגט:

— אַ זיידענע העמד... פאַר וועמען אַזאַ העמד?

זי האָט זיך פאַרלוירן. אַ ביסל דערשראָקן, און מיט אַן אויפגערו־דערטן אָטעם געזאָגט:

— פאַר ברוכן.

— אַזוי... אַ שיין העמד. ניט געוואוסט, אַז דו קאָנסט נאָך נייען.

דורכגעגאַנגען זיך איבערן צימער, פריער אַ שווייגנדיקער, און נאָכדעם אָנגעהויבן אומנאַטירלעך אונטערזינגען עפּעס אונטערן נאָז. עטלעכע מאָל, גלאַט אַזוי זיך, אַריינגעקוקט אין דער שאַפע, ווי זוכנדיק עפּעס, און שוין ווידער געזאָגט צום ווייב:

— נייסט, הייסט עס, אַ העמד, נייסטו... אַזוי, אַזוי... און איך האָב גאָר געמיינט, אַז דו קאָנסט שוין ניט נייען.

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך קאָן ניט? איך דאַרף — קאָן איך.

ניט ווייסנדיק פאַרוואָס האָט זי גענומען פּאָרזיכטיק צונויפפליייגן די ניט־דערנייטע העמד, און עס איז געווען אין אירע באַוועגונגען אַזוינס, וואָס האָט דערמאָנט אָן די באַוועגונגען פון אַ מענטשן וואָס וויל באַשיצן, אויסבאַהאַלטן פון א געפאַר אַ טייערע זאַך.

— אַזוי? אַז דו דאַרפסט קאָנסטו?

זי האָט צונויפגעלייגט דאָס העמד, אַוועקגעלייגט אויף דער קאָמאָדע, געזאָגט:

— ביסט הונגעריק? וועל איך גרייטן צום טיש.

איר קול האָט איצט געקלונגען עטוואָס צו הויך, — אי פאר זיך, אי פאַר משהן. זי האָט געוואַרט אין פאַרלעגנהייט אויף זיין ענטפער.

— ניין, ס׳איז נאָך פרי. כ׳בין נאָך ניט הונגעריק. קאָנסט זיך אַוועקזעצן און נייען...

און ווידער איז געווען, ווי דער מאַן וואָלט געוואָלט אונטערשטרייכן זיין אומצופרידנקייט מיט דער גענייטער העמד. אַ שטילע עקשנות האָט אַ רעג געטאָן איר האַרץ. זי האָט אַראָפּגענומען דעם צונויפגעלייגטן זייד, אַוועקגעזעצט זיך לעבן פענצטער און אָנגעהויבן נייען. די פינגער האָבן אַ ביסל געציטערט, ניט געקאָנט מאַכן קיין גלייכן שטאָך. זי האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן איבער דער אַרבעט, משה זאָל ניט זען איר אויפרעגונג. און ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט און נאָכגעפאָלגט איר יעדע באַוועגונג, דעמאָנסטראַטיוו, יעדן שטאָך פון דער נאָדל אין ווייכן זייד.

צער האָט זיך אויסגעגאָסן אויף מלכהס פּנים, וואָס איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער. ביסלעכווייז איז דער אָוונט אָנגעקומען, שטיל און פאָרזיכטיק, ווי א גנבישע קאַץ, מיט ווייכע טריט געקראָכן אין הויז און פאַרנומען אַלע ליידיקע ערטער, צעלייגט זיך היימלעך אונטערן טיש און שטולן און פאַרצויגן דעם באַלקן און די ווענט. לעבן פענצטער איז טונקל געוואָרן. מלכה האָט צונויפגעלייגט דאָס העמד און צוריק אַוועקגעלייגט אויף דער קאָמאָדע. משה האָט איר נאָכגעקוקט, ניט גערירט זיך פון אָרט.

מלכה האָט אָנגעצונדן ליכט און גענומען זיך פאַרן ארום דער וועטשערע. אין ווייטן צימער איז אויף זיין שטול געזעסן דער בלינדער און צוגעהערט זיך צום אָנקומען פון דער נאַכט. געפילט מיט אַלע

גלידער די באַלאַגערנדיקע שאָטנס און געוואַרט ביז משה וועט אַריינ־קומען רופן אים צו וועטשערע. ער האָט קיין מאָל ניט געוואַרט, און דאָס מאָל האָט ער געוואַרט, געוואוסט, אַז עפּעס איז ניט גלאַט געווען דעם ברודערס קומען אין אַזאַ פריער שעה.

משה איז טאַקע באַלד געקומען און גערופן, ווי אַלע מאָל:

— ברוך.

און ווידער האָט דער בלינדער, ווי אַלע מאָל, ניט גלייך געענטפערט. און משה האָט אַ ביסל העכער געזאָגט:

— קום עסן וועטשערע.

ברוך האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון אָרט, אויפגעזוכט לעבן זיך דעם שטעקן און געגאַנגען צו דער טיר, — משה האָט אים דאָס מאָל ניט געהאָלפן — ער איז געגאַנגען פאָרויס און נאָך אים איז, מיט אַ מאָדנער גלייכגילטיקייט, געגאַנגען דער בלינדער, געקלאַפּט הילכיק־אומריטמיש מיטן שטעקן איבערן דיל, פון צימער אין צימער, ביזביידע זיינען אַריין אין דעם גרויסן עס־צימער.

מ׳האָט זיך שווייגנדיק אַרומגעזעצט אַרום טיש. מ׳האָט שווייגנדיק געגעסן די וועטשערע. ערשט ווען מ׳איז פאַרטיק געוואָרן, און דער בלינדער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אויפצוהייבן זיך און אַוועקגיין צוריק אין זיין צימער, האָט משה מיט אַ בייסיקן געלעכטער געזאָגט:

— וועסט האָבן אַ שיין העמד, ברוך, אַ זיידן.

ברוך האָט אַ ווײַלע ניט פאַרשטאַנען, האָט משה, ניט וואַרטנדיק אויף זיין פאַרוואונדערונג, ווידער געזאָגט:

— איך זאָג: מלכה נייט פאַר דיר אַ העמד. פון טייערסטן זייד. האָסט נאָך ניט אָנגעמאָסטן? ווי קומט עס? ס׳איז דאָך שוין כמעט פאַרטיק.

מלכה איז אינגאַנצן אויפגעפלאַמט געוואָרן. אַ הייסער שטראָם האָט זיך אַ גאָס געטאָן צום מאַרך און אויף אַ רגע פאַרטונקלט די שיין. זי האָט, פאַרלוירן, געזאָגט:

— איך האָב נאָך ברוכן ניט געזאָגט. און דיך האָט אויך קיינער ניט געבעטן דערציילן.

— הם... פאַרוואָס ניט? ער מעג וויסן, אַז דו נייסט פאַר אים אַ

זיידן העמד. צו וואָס באַהאַלטן זיך, דערציייל אים, וועט ער זיך פרייען. וואָס? וועסט זיך ניט פרייען, ברוך?

ברוך האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געקאָנט. בלויז אויפגעשטאַנען און געוואַרט. זיינע אויסגעלאָשענע אויגן האָבן אומרואיק געפינטלט. געוואוסט, אַז מלכה איז דורך אים אַריינגעפאַלן אין אַ צרה. אַ שווערע אומרו פאַר מלכהן האָט אים אַרומגענומען, געוואָלט עפּעס טאָן, און ניט געוואוסט וואָס. אַזאַ אומבאהאָלפנקייט געוווען אין גייסט און אין גאַנצן גוף.

מלכה איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן, געווען דערשראָקן פאַר דעם מאָדנעם אויסזען פונעם בלינדן. איר פאַרלוירנקייט האָט געדויערט איין רגע. זי איז צוגעטראָטן צום מאַן און געזאָגט:

— משה, הער אויף צו צאַפּן דאָס בלוט. וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט: — העמד און העמד... וואָס אַרט דיך, אַז איך ניי אַ העמד. ניט דיינע געשעפטן. ברוך דאַרף האָבן אַ העמד, — ניי איך אַ העמד.

— אַזוי? און אויף וועמענס געלט קויפט איר עס אַזוי אָט די זיידנס? אפשר ניט פאַר מיין געלט? פאַר מיין בלוטיק־פאַרהאָרעוועטן געלט לאָזט איר זיך וואוילגיין. אָט וואָס! אַלץ איז דאָ מיינס! און איר רויבט עס אַוועק פון מיר אויף נאַרישקייטן. איר זיצט דאָ אין הויז און הערט ניט אויף צו טראַכטן ווי צו צעשטערן, וואָס איך וויל אויפבויען דורך שווערער האָרעוואַניע.

מלכה איז געשטאַנען צווישן מאַן און בלינדן. דאָס פאַרשוויגענע דורך די יאָרן האָט זיך געריסן ביי איר מיט קראַפט אין דרויסן:

— בויסט עשירות, קלייבסט געלט, משה? און איך פרעג דיך: — פאַר וועמען קלייבסטו דאָס געלט? ווער דאַרף דאָס געלט? דיינע קינדער? פאַרוואָס רייסטו אָפּ דעם ביסן פון דיין פרוי און ברודער? האָסט זיך אָפּגעריסן פון דער וועלט, פון קרובים און פון פריינט און שטיקסט אונדזביידן דאָ אינעם גרויסן הויז, ווי געפאַנגענע. פאַרוואָס? — איך פרעג דיך, צו וואָס דאַרפסטו דיינע עשירות? ווער דאַרף דאָס אַלץ?

משה האָט זיך דערפילט ווי מען וואָלט אים געכאַפּט ביי אַ גניבה. מלכה האָט נאָך קיין מאָל צו אים אַזוי ניט גערעדט. פון וואַנען האָט זיך צו איר גענומען אַזאַ חוצפה? ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: — פאַרענטפערן זיך, אָדער ארויסטרעטן מיט עקשנות, מיט בייזקייט און אָפּליי־

קענען? אַ שטראָם בלוט האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ אַריין, די צונג האָט שוין געזוכט האַרבע ווערטער.

— וואָס? עשירות? איר פאַרגינט שוין מיר ניט די פּאָר דאָלאַר, וואָס איך האָב מיט מיין שווייס פאַרהאַרעוועט? ס'איז ניט אייער געלט, ס'איז מיינס! אַלץ איז מיינס! איר הערט, איר האָט דאָ קיין זאַך ניט! עס איז מיינס! מיינס!

ער האָט האַסטיק אַ דריק געטאָן בײדע אָרעמס צו זיך, ווי ער וואָלט וועלן צוטוליען צו זיך אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס עס איז אים טײַערער פון אַלץ אויף דער וועלט און וואָס מ'האָט באַדאַרפט באַשיצן פון אַ פרעמדן כוח.

מלכה האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זיינע רייד:

— דיין געלט, — צו וואָס דאַרפסטו דאָס געלט? דאָס הויז איז ליידיק, קיין מענטש קומט ניט אַריין, קיינער דאַרף אונדז ניט, און דיר אַרט ניט, זאַמלסט געלט. צו וואָס דאַרפסטו דיין געלט? צו וואָס?

— ניט דיין דאַגה! האָסט אַ ווינקל? האָסט דיין שטיקל ברויט? — זיץ און עס און שווייג.

מלכה האָט אַ רגע געשוויגן און פּלוצלינג געוואָרן היסטעריש. געפילט ווי אַלע גלידער ווערן אַרומגעכאַפּט מיט אַ דאַרנדיקן פייער.

— משה, גאָט וועט דיר באַצאָלן פאַר דעם פאַרצאַפּטן בלוט! וועסט באַצאָלן פאַר מיין וויסטן לעבן, פאַר אַלץ וועסטו באַצאָלן, משה!

זי איז צוגעלאָפן צו אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען אין ווייטן ווינקל, אַרײַנגעפאַלן אין אים, און אירע פּלייצעס האָבן זיך גענומען וואַרפן פון אַ ביטערן געוויין. דער בלינדער איז געשטאַנען אַלץ אין דער זעלביקער פּאָזע, נאָכדעם פּלוצלינג אַ ריס געטאָן זיך פון אָרט, אויסגעשטרעקט פאָרויס דעם מיטלסטן פינגער פון דער רעכטער האַנט און אַזוי, אַ צאַרנדיקער, מיט דעם אויסגעשטרעקטן פינגער אַ לאָז געטאָן זיך אין משהס ריכטונג. משה איז אָפּגעטראָטן, געמאַכט עטלעכע טריט אין אַ זייט, געוואָלט אויס־מיידן דעם בלינדן. אָבער יענער איז מיט עקשנות געגאַנגען אויף אים:

— באַצאָל! באַצאָל!

משה האָט זיך אַוועקגערוקט אָן אַ זייט, געגאַנגען אַהינטער, געשאַרט זיך אַרום טיש, אָנהאַלטנדיק זיך אָן ברעג, און דער בלינדער איז אים נאָכגע־גאַנגען מיטן אויסגעשטרעקטן פינגער און אַלץ איבערגעחזרט:

— באַצאָל, באַצאָל, באַצאָל!

משה האָט זיך גערוקט אויף הינטער מיט ברייט געעפנטע אויגן און מיט ציטערדיקע הענט. ער האָט זיך אָפּגערוקט און געשריען צום בלינדן:

— ברוך, ביסט משוגע געוואָרן? לאָז מיך אָפּ!

דער בלינדער איז געגאַנגען אויף אים מיט דעם אויסגעשטרעקטן פינגער און דראָענדיק געקלאַפּט מיטן שטעקן, וואָס ער האָט ניט אַרויס־געלאָזן פון זיין לינקער האַנט. און משה האָט זיך אַלץ גערוקט אַרום טיש, צערוקט די שטולן. דער בלינדער האָט זיך אָנגערוקט ווי אַ וואַנזיניקער, און משה האָט זיך פון אים אַוועקגערוקט מיט שרעק, ער האָט ברוכן קיינמאָל אַזאַ ניט געזען.

און מלכה איז נאָך אַלץ געזעסן אין שטול, געוואָרפן זיך אין געוויין און ניט געזען, וואָס ארום איר איז פאָרגעקומען. דער בלינדער האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט און צום לעצטן מאָל געזאָגט:

— האָסט באַרויבט אַ מענטשן פון גליק, באַצאָל!

און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, געשטאַנען שטומערהייט און מיט שווערע טריט, צוקלאַפּנדיק מיטן שטעקן, אַוועק צו זיך אין צימער. און זיין שטעקן האָט געקלאַפּט איבער די ליידיקע צימערן ביז ער איז אַריין אין זיין צימער און אַנטשוויגן געוואָרן.

משה איז אַ צעטומלטער געשטאַנען אויף זיין אָרט, ניט געקאָנט באַנעמען וואָס דאָ איז איצט מיט אים פאָרגעקומען. געזען ווי דאָס ווייב איז געזעסן מיט ציטערנדיקע פלייצעס, איינגענורעט דעם קאָפּ אין ווינקל פון שטול, און געוואונדערט זיך: וואָס האָט ער זיי געטאָן? פאַרוואָס האָט מען זיך אָנגעצונדן אויף אים? אַ כעס האָט צונויפגעדריקט דאָס האַרץ, צוגעגאַנגען און מיט כוח אַ זעץ געטאָן אָן טיש:

— איך וועל אייך וויזן, ווער עלטער איז!

און אַז מלכה האָט ניט געענטפערט, האָט ער אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל און איז ארויסגעלאָפן פון הויז.

3

אין דרויסן, אַרום הויז, איז אין די נעכט געווען פינצטער. גאַנץ ווייט פון הויז, נעבעטער צו דער סאָבוועי־סטאנציע, איז געשטאַנען אַ גאַסן־

לאַמטערנע, וואָס האָט טונקל באַלויכטן אַ קליינעם שטח אַרום זיך און ניט געקאָנט דערוואַרפן קיין איין שטראַל צום גרויסן הויז. ס'איז געווען פינצטער און נאַכטיק אַרום. משה איז אין די אָוונטן קיין מאָל ניט אַרויס־געגאַנגען. וואוהין האָט משה געקאָנט גיין? איצט איז ער געבליבן איינער אַליין. די נאָענטסטע זיינען געווען ווייט און פרעמד. זיי זיינען געווען זיינע שונאים. אויך מלכה איז געווען אַ געהיימעניש. ווער ווייסט, וואָס זי מיטן בלינדן האָבן געפּלאָנט הינטער זיינע פּלייצעס?

משה איז געשטאַנען און געטראַכט. עס האָט געקלעמט דאָס האַרץ. ער האָט זיך געלאָזט גיין איבערן אָפּענעם וועג. הינטער אים, העכער, האָט געשריען די שטאָט, באַנען זיינען געלאָפן, טראַמווייען האָבן געקלאַפּט מיט רעדער, עס האָט גערודערט א שטאָט מיט מיליאָנען מענטשן, און ער האָט ניט געהערט.

אַלע פאַרדאַכטן זיינע זיינען געווען גערעכטע. זיי זיינען אלע מאָל אינאיינעם, און ער — באַזונדער. געאַרבעט און געזאָרגט אין זיין אייגן הויז פאַר צוויי אומדאנקבאַרע מענטשן. אַן אייפערזוכט האָט געברענט אין האַרצן. דער אייגענער ברודער איז געווען זיין באַהאַלטענער שונא.

דער בלינדער איז געווען מיט אַכט יאָר ייִנגער פון אים. אַ שיינער, אַ הויכער און אַן איידעלער איז ער געווען. ער האָט זיך ניט געעלטערט. דערצו האָט ער געהאַט איידעלע מאַנערן, שיינע באַוועגונגען, ווי אַ יונגער בחור. מלכה איז געווען שטענדיק מיט אים. באַלד צען יאָר, טאָג נאָך טאָג. האָט ער דען נאָכגעקוקט? זיין האַרץ האָט אים ניט אָפּגענאַרט. איצט ווייסט ער, פאַרוואָס ער האָט אַזוי פיינט געהאַט דעם בלינדן.

די אומקלאָרע פאַרדאַכטן האָבן אים גענומען אַרויסשטויסן פון די איינגעשטעלטע לעבנס־ברעגן. עס איז געוואָרן קלאָר: איצט וועט זיין קאַמף קעגן ווייב און ברודער זיין אַן אָפענער. פון דעם איז אים פּלוצלינג געוואָרן לייכט אויפן הארצן. ניט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט ער איצט געהאַט אַ פאַרלאַנג צוצופאַרן אין געשעפט און איבערטראַכטן אַלץ נאָך אַ מאָל איבער־אַ־נייס. דערפילט אַז איצט איז זיין לאַמבאַרד געווען דאָס איינציקע אָרט אויף דער וועלט, וואָס איז געווען זיינס. אַלץ איז דאָרט געווען זיינס, און קיינער, אַחוץ אים, האָט דאָרט ניט געהאַט קיין דעה.

משה האָט אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט אין קעשענע, דערפילט דעם בינטל שליסלעך, וואָס האָט ווי אַ לעבעדיקער זיך אָפּגערופן מיט אַ

קלונג, און זיך געלאָזט גיין מיט זיכערע טריט צו דער סאָבוועי־סטאַציע. ער האָט נאָך ניט געוואוסט נאָך וואָס ער פאָרט אין זיין לאָמבאַרד, וואָס ער וועט דאָרטן טאָן און וואָס עס וועט פון דעם אַרויסקומען, אָבער ער האָט געוואוסט, אַז ער מוז פאָרן. אַזאַ איילעניש האָט אים אַרומגעכאַפּט, פּונקט ווי ער וואָלט זיך שוין פון ווער ווייסט ווי לאַנג געגרייט צו דעם נאכטיקן באַזוך זיינעם אין לאָמבאַרד. אין וואגאָן האָט ער זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און ניט געקוקט אויף די מיטרייזנדיקע און נאָר מיט הנאה געטראַכט וועגן אַ נאָענטער, בייזער, אומפאַרמיידלעכער נקמה.

פון דער סאָבוועי האָט משה באַדאַרפט פאַרבייגיין עטלעכע בלאָקן ביז זיין געשעפט. ער איז געגאַנגען און אויסגעמיטן די בליקן פון מענטשן, וואָס זיינען אים געקומען אַנטקעגן. געגאַנגען און געוואָלט אויסבאַהאַלטן זיך, ווי אַ גנב. ניט געוואָלט, אַז אימעצער זאָל אים באַמערקן אַריינגיין אין לאָמבאַרד. און שטייענדיק לעבן דער טיר, האָט זיך משה אַרומגעקוקט איידער ער האָט באשלאָסן אַריינצוקומען. ער האָט אויפגעשלאָסן מיט דערשראָקענע פינגער די טיר און אַ ווילע געבליבן שטיין. אַנטקעגן אים, רעכטס, אינעם איינציקן שוי־פענצטער, האָט געברענט אַ קליין עלעקטריש ליכט, וואָס האָט שוואַך באַלויכטן דורך די נעכט די טויזנטערליי געניצטע חפצים, וואָס זיינען געווען אויסגעלייגט און אויסגעהאָנגען פון אונטן ביז אַרויף. דאָ זיינען געווען פאַרשיידנערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, פאָטאָ־אַפּאַראַטן, רעוואָלווערן און ביקסן, אַלטע שווערדן, אַלט שטאָל־געצייג און אַלערליי אַרטיקלען פון פשוטן טעגלעכן געברויך. אַלץ איז געווען זיינס.

משה איז אַריין אינעווייניק און פאַרשלאָסן נאָך זיך די טיר. ס'איז געווען פינצטער, פינצטער און ענג, אָבער ער האָט געוואוסט ווי צו באַוועגן זיך אין דער ענגקייט. ער איז פאַרקראָכן אין אַ ווינקל און אין דער פינצטער אַוועקגעזעצט זיך צווישן א באַרג אַלטוואַרג. לאַנג געזעסן אומבאַוועגלעך, עס איז אים געווען גוט. עס איז געווען זיינס. ערשט אין אַ צייט אַרום האָט זיך זיין מאַרך אַ ריר געטאָן. זיין געדאַנק איז גלייך געפאַלן, ווי פון פריער א צוגעגרייטער, אויף דעם איינציקן געדאַנק: — געלט.

ער דאַרף עס צונויפזאַמלען אין איין גרויסן פאַרמעגן. דאָס געלט דאַרף פאַרזאָרגט ווערן אין אַ זיכערן אָרט. עס מוז פאַרגראָבן ווערן אין דער ערד.

משה האָט ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ שייכות זיין געדאַנק האָט געהאַט מיטן קאַמף, וואָס ער דאַרף פירן מיטן ווייב און ברודער, אָבער ער האָט געפילט אין זיך אַ פאַרלאַנג אַרומצורינגלען זיך מיט אַ שטאַרקער וואַנט, וואָס זאָל אים אָפּטיילן פון דער וועלט, און די שטאַרקע וואַנט, דער פאַרזיכערנדיקער כוח, איז געווען זיין געלט, וואָס ער וועט פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון דער ערד, עס וועט אים באַהיטן פון אַלע בייזן אין לעבן, עס וועט באַשיצן און באַהיטן פון אַלע אָנגריפן פון שונאים; זיי וועלן אפילו קיין אַנונג ניט האָבן פון וואַנען עס קומט זיין כוח.

אַ מידקייט האָט געשלאָסן די אויגן. די גלידער האָבן געוואָלט רו און פאַרגעסונג. אין אים אַליין איז קיין זאַך ניט געווען. אים האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער פאַרזינקען אין אַ גליווער, ווערן אַ זאַך צווישן די זאַכן אינעם אַלטן לאָמבאַרד.

4

עס איז שווער געווען אָנצוהייבן דעם נייעם טאָג.

דער בלינדער איז אויפגעשטאַנען פריער ווי אַלע מאָל. צו דער אומ־קלאָרקייט, וואָס האָט באַגלייט זיין גאַנץ לעבן, איז איצט צוגעקומען נאָך אַ פּלאָנטער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן, ווי אַ שטורעם, אין דעם לעבן פון זיי דרייען. ער האָט געוואוסט, אַז משה איז אַוועק פון הויז און איז צוריק די נאַכט ניט געקומען. וואוהין איז ער אַוועק? וואָס וועט ער טאָן? וואָס פאַר אַ שלעכטס וועט ער נאָך אָפּטאָן?

עס האָט אים שטאַרק וויי געטאָן דאָס האַרץ פאַר מלכהן, וואָס האָט צוליב אים גענומען אויף זיך נייע לייד. און פאַרוואָס האָט זי אויף זיך גענומען אָט די לייד? — ווייל זי איז אַ הייליקע. און ער האָט, שטילער־הייט, עטלעכע מאָל געזאָגט:

— אַ הייליקע, אַ הייליקע, אַ הייליקע.

ער איז געזעסן אין זיין שטול לעבן אָפענעם פענצטער. דער טאָג איז אָנגעקומען פון ערגעץ ווייט, פון אַהינטער דער שטאָט, און געוועקט אין האַרצן אַן אומעט. אין דרויסן האָט געמוזט אויפגיין אַ זון, און דער הימל איז, מסתמא, געווען לויטער. פון די ווייטע פעלדער האָט דער ווינט געטראָגן האַרבסטיקע ריחות פוןביימער און פעלד־בלומען. דער בלינדער האָט

געוואוסט אַ סך זאַכן — באַוועגונג פון ליכט און וואַרעמקייט, באַוועגונג פון ריחות — וואָס איז דאָס? און טאָג און נאַכט וואָס איז?

דער בלינדער האָט געוואוסט אַ סך זאַכן, אויסגעפונען מיט זיין אייגע־נעם פאַרשטאַנד און דערפאַרונג. אָבער אַלע מאָל איז דאָס אָנקומען פון טאָג געווען ניי און דאָס אָנקומען פון דער נאַכט — ניי און די זון־שטראַלן און דער ווינט מיט ריחות — אַלץ ניי, ווי איבער־אַ־נייס געבוירן. אין אַ ווייטן צימער האָט זיך מלכה געפּאָרעט, איז אַרומגעגאַנגען, געטאָן אַן אַרבעט. און אויך מלכהס טריט זיינען געווען ניי, פּונקט ווי מלכה וואָלט צום ערשטן מאָל געוועקט זיין נייגער. מלכהס טריט אין נאָענטן צימער זיינען פאַר אים אַלע מאָל געווען אַ פרייד. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן אָנגעגנעם צו קלאַפּן. מלכה איז געווען אין הויז און געטאָן די זעלביקע אַרבעט, ווי אַלע מאָל. זי האָט מסתמא אויך צוגעגרייט דעם אָנבייסן פאַר אים. אַלץ איז געווען ווי אַלע מאָל.

מלכהס טריט האָבן שטיל אָפּגעקלונגען דאָס אין איין צימער, דאָס אין אַ צווייטן. דער בלינדער האָט געקאָנט געניי אונטערשיידן אירע טריט און באַשטימען דעם צימער, אין וועלכן זי איז געווען. פּלוצלינג האָט ער דערהערט ווי אירע טריט האָבן זיך גענומען דערנענטערן. מלכה איז געגאַנגען צו אים. זי איז געקומען אים רופן, ווי אַלע מאָל, צום אָנבייסן. אָבער דאָס מאָל האָט זיין האַרץ אומרואיק אָנגעהויבן צו קלאַפּן. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און געגאַנגען צו דער טיר, איר אַנטקעגן. פריער האָט ער עס קיין מאָל ניט געטאָן, און איצט האָט ער פאַר איר געעפנט די טיר און געזאָגט:

— מלכה?

— דער אָנבייסן איז אויפן טיש, קומט עסן, ברוך.

ברוך האָט ניט געענטפערט. איז געשטאַנען אַ ווײַלע. און מלכה איז געשטאַנען אַזוי קעגן אים. אַ ביסל פאַרלוירן און שולדיק געזאָגט:

— אוי, איך וואָלט מיט אייך אַזוי וועלן ריידן, ברוך.

געזאָגט, און שוין געמאַכט עטלעכע טריט אין צימער, אַוועקגעזעצט זיך אויפן ברעג פון זיין בעט. ברוך איז שטיל נאָכגעגאַנגען אירע טריט. זיך אויך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, נאָענט צו איר, און געוואַרט.

זי האָט געזאָגט:

— ער איז אַוועק, משה, און צוריק ניט געקומען.

און גלייך צוגעגעבן:

און אפשר איז טאַקע בעסער, וואָס ער איז אַוועק. ער האָט מיך פיינט, איך האָב אים פיינט. צו וואָס לעבן אינאיינעם? וואָלטן כאָטש געווען קינדער, וואָלט געווען א זין, און אַזוי, אָן קינדער און אָן ליבע — צו וואָס אַזאַ לעבן? ס'איז מיאוס, ברוך, אַזאַ לעבן.

ברוך האָט זיך איינגעהערט אין אירע רייד, ווי אין אירע רייד וואָלט געווען פאַרבאָרגן זיין אייגענער גורל און זי האָט גערעדט און גערעדט:

— זאָגט אַליין, ברוך, וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן? וואָס בין איך געווען ווען ער האָט מיך אַריינגענומען אין הויז? — אַ נאַריש אַרבעטער־מיידל, — וואָס האָב איך דאַן געוואוסט? געמיינט, איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב, אַ רייך הויז מיט גליק און ליבע, און וואָס האָב איך דאָ געפונען? — אָרעמקייט און פיינטשאַפט. כ'בין פאַרבליבן אַן אָרעמע, פאַרוואָגלטע יתומה. און וואָס האָט משה געטאָן? — ער האָט מיך געהאַלטן פאַרשפאַרט אין דער תפיסה פון הויז, אומגעבראַכט מיינע יונגע יאָרן. און צוליב וואָס? ברוך, מיין לעבן און אייער לעבן אין דעם הויז זיינען אַלץ־איינס, אַ לעבעדיקער קבר. נאָך גוט וואָס ס'זיינען דאָ פענצטער, וויסן מיר, אַז ס'איז דאָ אַ וועלט אין דרויסן.

זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און ברוך האָט דערפילט, אַז זי וויינט. פון דעם זיינען דעם בלינדן צוגעלאָפן טרערן צום האלדז און געשטיקט, געשטיקט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

— און איצט, עס איז דאָך צום לאַכן, הייבט ער זיך אויף און גייט אַוועק פון הויז. ער האָט מיך פיינט, רעדט מיט מיר ניט אויס קיין וואָרט, און פּלוצלינג — ער גייט אַוועק פון הויז... פאַרוואָס?

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם, וואָס זי האָט אָנגערירט. פון דעם האָט זיך געוואָלט היסטעריש לאַכן און וויינען און נאָך עפּעס טאָן, וואָס זאָל אָנטפּלעקן דעם פאַרבאָרגענעם אמת פון איר לעבן, אָבער זי האָט געקאָנט נאָר אַרויסריידן:

— אוי, ברוך, אוי, ברוך.

און ווייט איז געווען דער מאַן, משה, וואָס איז אַוועק פון דער היים מיט אַ נאַכט צוריק. און עס האָט איר ניט געאַרט, וואָס ער איז ניטאָ, וואָס ער

לעבט פֿאַרבאָרגן פֿון זיין אייגן ווייב און זאַמלט, פֿאַר זיך אַליין, עשירות. נייך, איצט האָט עס איר גאָר ניט געאַרט, ס'איז אַפילו פֿון דעם גוט געווען.

ברוך האָט געהערט און געשוויגן. ס'איז געווען גוט צו הערן אירע קלאָג־רייד, וואָס זיינען געפֿאַלן אויף זיין האַרץ, ער האָט געהערט און זי האָט גערעדט:

— נייך, זי וואָלט שוין לאַנג באַדאַרפֿט אַוועקגיין פֿונעם מאַנס הויז. אַוועקגיין אויף אַלע מאָל. אַוועקגיין און פֿאַרדינען איר אייגן שטיקל ברויט. אָבער ווי קאָן זי אַוועקגיין? ווי קאָן זי אים, ברוכן, איבערלאָזן איינעם אַליין מיט אַזאַ ברודער? נייך, זי וואָלט עס ניט געקאָנט...

דער בלינדער האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע און געזאָגט:

— מלכה, איר זייט אַ הייליקע.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט ליבשאַפֿט, זיך פֿאַרשעמט א ביסל, און געזאָגט:

— וואָס רעדט איר, ברוך. איך — אַ הייליקע? אָט בין איך געקומען צו אייך און באַקלאָג זיך פֿאַר אייך. אַ נאַרישע פֿרוי בין איך...

ער האָט ניט געענטפֿערט, אויסגעפֿונען איר האַנט און אַ קוש געטאָן. צום ערשטן מאָל אין לעבן געלאָזן פֿריי זיינע געפֿילן צו איר. ניט געוואָלט באַהערשן זיך, און אַלץ געהאַלטן איר האַנט.

מלכה האָט זיך דערשראָקן אַ רוק געטאָן פֿון אים. אַ היץ האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר פּנים. זי האָט קוים אַרויסגערעדט:

— אַך, וואָס טוט איר, ברוך?

און שוין מער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איר האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן, ווי צום לעבן אויפגעוועקט. אָבער די האַנט האָט זי נאָך אַלץ ניט אַרויסגענומען פֿון זיינער. געהאַלטן זי אויסגעצויגן צו אים אין אַ מאָדנער באַצווינגענדיקער רגע. ער איז נאָך אַ מאָל צוגעפֿאַלן צו איר האַנט מיט הייסע ליפּן, געדריקט זי צום פּנים אין פֿאַרלוירנקייט, פֿאַרגעסונג און רעגונג. און ערשט דאַן, ווען ער האָט מלכהס האַנט אָפּגעלאָזן, האָט ער געוואָלט עפּעס זאָגן, וואָס זאָל אויסדריקן זיינע געפֿילן, אָבער ניט געקאָנט. די ליפּן זיינע האָבן בלייך געציטערט. צום האַלדז זיינען צוגעלאָפֿן טרערן. ס'האָט זיך געוואָלט וויינען און לאַכן.

און מלכה האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— אַך, ברוך, וואָס האָט איר געטאָן?

געזאָגט און געקוקט אים אין די אויגן. זיינע אויגן האָבן בלינד געפינטלט פון אויפרעגונג. ער איז געווען בלייכער ווי אַלע מאָל און שווער געאָטעמט. אַ שרעק איז זי באַפאַלן. די מורא פאַרן בלינדן האָט זיך אויפגעכאַפּט אין איר הארצן.

ברוכן האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן עפּעס שרעקלעכס. ער האָט קוים געקאָנט אַרויסריידן:

— מלכה, אַנטשולדיקט, איך ווייס ניט וואָס איך טו.

און געוואָלט טאָן עפּעס אויסטערלישעס: — פאַלן אויף דער ערד צו אירע פיס. ער האָט געמאַכט אַן אומבאַשטימטע באַוועגונג, וואָס האָט געשראָקן די צעטומלטע מלכה. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון אָרט, אַ כאַפּ געטאָן זיך פאַרן קאָפּ און געזאָגט:

— אַך, גאָט, אַך גאָט!...

זי איז שנעל אַרויס פון צימער, פארמאכנדיק נאָך זיך די טיר. אירע טריט זיינען פאַרלוירנגעגאַנגען אין די וייטערע צימערן.

דער בלינדער איז געבליבן זיצן אויפן בעט, געזעסן, און ניט געוואָלט אַ ריר טאָן זיך פון אָרט. זיינע גלידער זיינען פאַרגליווערט געוואָרן. דער קאָפּ האָט פאַרלוירן די פייאיקייט צו טראַכטן. אַלע געשעענישן פון זיין לעבן האָבן פּלוצלינג צונויפגעפלאָכטן זיך אין איין קנויל. דאָס לעבן איז געוואָרן שווער און פאַרפּלאָנטערט, און דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אָן אַן אויפהער. ס׳האָט זיך איצט געוואָלט לעבן, און ניט געוואוסט צוליב וואָס: ס׳האָט זיך געוואָלט שטאַרבן, און ניט געוואוסט פאַרוואָס.

מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם האָט ער זיך צוגעהערט צו די שטוביקע שאָרכן. קיין זאַך ניט געהערט. ס׳איז שטיל געווען אין אַלע צימערן. שטילער ווי אַלע מאָל. אפשר איז זי אַוועק? אים איבערגעלאָזן איינעם אַליין, אַ בלינדן, אין הויז פון בייזן ברודער?

ער איז געפאַלן מיטן פּנים אינעם בעטגעוואַנט און געוויינט מיט בלינדע טרערן.

מלכה איז אַרויסגעלאָפן פון ברוכן, דורכגעלאָפן, אין איילעניש, אַלע צימערן, פאַרקליבן זיך ביי זיך אין שלאָף־צימער. עס איז אַלץ געווען קלאָר און ניט קלאָר. און איר האָט עס גאָר ניט געאַרט. דאָס לעבן אירס האָט זיך גענומען אויסשיילן ווי פון א שלייער. נאָך א טאָג און נאָך אַ טאָג, און דאָס גאַנצע לעבן אירס וועט ווערן פאַרשטענדלעך און לייכטער.

אַ שעה און צוויי איז ניט קיין לאַנגע צייט פאַר דעם, וואָס טראַכט, איז זי געזעסן לעבן פענצטער אַזוי, ביז זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דער בלינדער האָט נאָך ניט געגעסן זיין אָנבייסן. אויפן טיש איז פון גאַנץ פרי אָן געווען צוגעגרייט דער אָנבייסן. דער בלינדער איז נאָך ניט געקומען עסן. און זי אַליין האָט נאָך אויך ניט געגעסן. האָט זי ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

זי איז אַריין אין קיך. אויף אַ ווייסן טישטוך איז געווען צוגעגרייט דאָס עסן. איבערן ווייסן טישטוך האָט זיך אויסגעלייגט אַ ברייטער פאַס פון דער פרימאָרגנדיקער זון, באַגילדט דאָס געשיר און זיך אויסגעלייגט אויפן דיל, ווי אַ ברייטע גאָלדענע סטענגע.

עס איז געווען שפּעטער פרימאָרגן, און ברוך איז נאָך געזעסן אין זיין צימער אַ הונגעריקער. זי האָט אָוועקגעאײַלט צו זיין טיר. אָפּגעשטעלט זיך און געזאָגט:

— ברוך, קומט עסן אָנבייסן.

דער בלינדער האָט ניט געענטפערט. ס'איז ניט געווען קלאָר — צי ער האָט ניט דערהערט, אָדער ניט געוואָלט ענטפערן. האָט מלכה נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— ברוך, קומט עסן, איר מוזט שוין זיין זייער הונגעריק.

איר שטימע האָט אַ ביסל געציטערט. זי האָט זיך געפילט ווי אַ שולדיקע. געשטאַנען אַ ווײַלע מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ און געוואַרט אויף אַן ענטפער פון יענער זייט טיר. עס זיינען פאַריבער עטלעכע רגעס ביז עס האָט זיך דערטראָגן דער טעמפּער קלאַפּן פון ברוכס שטעקן און זיינע ווייכע שווערלעכע טריט. מלכה איז אָפּגעטראָטן און דערזען אים אין דער טיר: אַ הויכער, מיט בלייכע הענט און מיט אַן אָפענעם פּנים.

זי האָט געערדט און אַליין געשראָקן זיך פאַר די אייגענע רייד:

— כ'האָב שלעכט געטאָן, וואָס איך בין אַנטלאָפן, ברוך. ניט פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב געטאָן... איך בין אַ נאַרישע פרוי...

ניט געלאָזט אים ענטפערן. מורא געהאַט פאַר זיין ענטפער, געזאָגט:

— אָט, וואַרט, ברוך, כ'וועל אייך העלפן...

און אָנגענומען אים לייכט אונטערן אָרעם.

און אַזוי זיינען זיי ביידע געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער קיך. זייערע טריט האָבן זיך ניט־ריטמיש אָפּגערופן אין די צימערן. אָבער ס'איז געווען גוט צו שפּאַנען, באַפרייט פון אַ שווערקייט.

לעבן טיש האָט נאָר מלכה גערעדט, ניט אויפגעהערט צו ריידן וועגן פאַרשיידענע זאַכן. עס איז געווען מאָדנע, וואָס זי האָט ניט דערמאָנט משהן.ביידע האָבן איצט ניט געוואָלט ריידן וועגן משהן.

ברוך איז דאָס מאָל לענגער פאַרבליבן ביים טיש. איבערגעוואָרט ביז מלכה איז פאַרטיק געוואָרן מיט אויפרוימען פון טיש, און ערשט נאָכדעם אַוועק צו זיך אין צימער.

מלכה האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם העמד, וואָס איז נאָך פון נעכטן געלעגן צונויפגעלייגט אויף דער קאָמאָדע. זי האָט עס אַריינגענומען אין האַנט, אַוועקגעזעצט זיך אין שלאָפצימער, לעבן פענצטער, און גענייט און גענייט. עס איז גוט געווען צו נייען און עס איז געווען גוט צו טראַכטן און איבערטראַכטן באַהאַלטענע געדאַנקען. דאָס לעבן אין איר און אַרום איר האָט זיך איבערגעריסן, און מ׳האָט עס פון דאָס ניי באַדאַרפט צוזאמענ־קניפן און פאַרבינדן. דאָס לעבן וועט ווערן אַנדערש, און עס איז גוט געווען צו טראַכטן וועגן דער אַנדערשקייט וואָס וועט פון ערגעץ קומען.

און אזוי איז זי געזעסן איבערן העמד אַ גאַנצן טאָג. צו אָוונט־צו איז דאָס העמד פאַרטיק געוואָרן. די קנעפּ איינגענייט און די פעדעמלעך אַרומ־געשניטן — בלויז אָנצוטאָן. מ׳האָט עס נאָך באַדאַרפט אויספּרעסן, צוזאמענ־לייגן און אוועקגעבן ברוכן. און אַוועקגעבן איז געווען דאָס שווערסטע. דאָס האָט זי איבערגעלאָזן אויף מאָרגן. איצט איז שוין געווען שפּעט. די וועטשערע האָט באַדאַרפט זיין פאַרטיק צו דער צייט, דער טיש געגרייט און אַלץ האָט באַדאַרפט זיין אין אָרדענונג, ווייל משה האָט נאָך געקאָנט קומען, קומען ווי אַלע מאָל.

זי האָט געטאָן די אַרבעט און געווען זיכער, אַז משה וועט קומען.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין דער געוויינלעכער רגע האָט זי דערהערט משהן ביי דער דרויסנדיקער טיר. אָבער דאָס מאָל האָט אים געדויערט לענגער צו עפענען די טיר. וואָס האָט ער געטאָן אַזוי לאַנג ביי דער טיר?

משהס האַרץ איז געווען באַלאָדן מיט אַ שווערקייט. ס׳איז שווער געווען צו עפענען די טיר, שווער געווען אריינצוקומען אינעם אייגענעם הויז. ער האָט זיך דערפילט מיד און שוואַך און דערשראָקן. איין רגע אפילו געוואָלט אַוועקגיין צוריק, אויף אַלע מאָל אַוועקגיין. ער איז אָבער אַריין אין קאָרידאָר, און גראָד איצט האָט זיך געוואָלט, אַז מלכה זאָל אַריינקומען אין קאָרידאָר

און באַגעגענען אים ווי אַלע מאָל. געוואַרט אויף איר עטלעכע שווערע רגעס. געוואַרט אויף אירע טריט. אָבער מלכה איז ניט געקומען.

ס׳איז געווען שטיל אין די אינעווייניקסטע צימערן. ער איז אַריין אין עס־צימער. מלכה איז געזעסן און געוואַרט. דער טיש איז געווען געדעקט פאַר דרייען, איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך. און דער לאָמפּ האָט געברענט ליכטיק, און מלכה האָט אים דערוואַרט. יאָ, זי האָט אויף אים געוואַרט. פון דעם איז געווען לייכטער אויפן האַרצן.

מלכה האָט זיך אויפגעהויבן, ניט קוקנדיק אויף משהן, אַוועק אין קיך. משה איז געבליבן אַליין אין צימער. ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען זיך איבערן צימער, צוגעגאַנגען צום פענצטער און איינגעהערט זיך אין מלכהס פּאָרען זיך אין קיך אַרום דער וועטשערע און באַשלאָסן צו גיין נאָכן בלינדן.

לעבן ברוכס טיר האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דער נעכטיקער סצענע, דערמאָנט זיך, און דערפילט אַ מורא צו עפענען די טיר. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דער בלינדער וועט אויפשפּרינגען פון אָרט מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער און וועט אַ מאָן טאָן: באַצאָל!... אָבער ער האָט שוין געעפנט די טיר און אַ רוף געטאָן:

— ברוך, קום עסן וועטשערע.

און, ווי אַלע מאָל, האָט דער בלינדער ניט געענטפערט, משה האָט באַדאַרפט נאָך אַ מאָל אַ רוף טאָן. און אויך איצט האָט געדויערט אַ רגע ביז דער בלינדער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, און עס איז אַלץ געווען ווי אַלע מאָל. ווידער האָט דער בלינדער געקלאַפּט מיטן שטעקן איבערן דיל און דאָס קלאַפּן האָט אָפּגעקלונגען אין די פינצטערע צימערן.

מ׳האָט זיך אַרומגעזעצט אַרום טיש. מ׳האָט ניט גערעדט. געגעסן שטיל און אָנגעשטרענגט. געאיילט. יעדער האָט געוואָלט צערייסן, וואָס שנעלער, דעם בונד, וואָס מ׳האָט געשלאָסן אַרום דער וועטשערע, אָפּזונדערן זיך איינער פון דעם אנדערן.

דער בלינדער איז טאַקע באַלד אַוועק צו זיך. מלכה האָט זיך גענומען פאַר דעם געשיר אין קיך און משה איז געבליבן אַליין לעבן טיש. ניט גערירט זיך פון אָרט און זיך געפילט ווי אַ פרעמדער אינעם אייגענעם הויז. דער כעס, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן, האָט זיך ניט געוואָלט אויסלעשן, געזוכט אַן אויסוועג. פּלוצלינג האָט זיך אים פאַרוואָלט נאָך אַ

מאָל אויפוועקן די שטילקייט מיט בייזע רייד, אויפוועקן אַ וויטיק אין זיך און אינעם צווייטן. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם נעכטיקן אָוונט, אָן דעם העמד, וואָס מלכה האָט געניית פאַרן בלינדן, דערמאָנט זיך, און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס ס׳האָט זיך איצט נאָך אַ מאָל אָנגעצונדן אין האַרצן, אָבער די געלעגנהייט איז ניט געקומען. ער איז אַריין אין אַ צווייטן צימער, אָוועקגעלייגט זיך, ווי ער איז געווען, אין די קליידער, אויף דער אַלטער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען אין אַ פינצ־טערן ווינקל, און אַזוי, אָן אויסגעמאַטערטער פון אַ לאַנגן מעת־לעת מאטער־ניש איז ער איינגעשלאָפן.

6

אין דער פרי האָט דער בלינדער געוואַרט אויף מלכהס רוף צום אָנבייסן. זי איז נאָך ניט געקומען, און דאָס האַרץ איז אויסגעגאַנגען אין אַ בענקשאַפט. זי איז געווען די איינציקע פרוי, וואָס איז אים געווען נאָענט אויף דער וועלט. ער וואָלט באַדאַרפט אַרויסגיין פון זיין צימער, און ער וואָלט זי שוין אויפגעזוכט אין די איבעריקע צימערן, אוןריידן מיט איר, און טיילן זיך מיט איר, און הערן אַ גוט מענטשלעך וואָרט, הערן אירע גוטע ווערטער.

אין די צימערן, וואו מלכה איז געווען, האָט געהערשט אַ שטילקייט. ער האָט דאָרט קיין זאַך ניט געהערט. מלכה איז דאָרטן אפשר געווען און אפשר ניט געווען. אפשר איז זי אין ערגעץ אַוועק? אים איז געוואָרן אומעטיק פונעם געדאַנק. אַלע מאָל, ווען מלכה איז אַוועק פון הויז, איז אים געווען זייער אומעטיק. אים האָט זיך געדוכט, אַז זי איז אַוועק און וועט זיך שוין ניט צוריקקערן.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט אירע טריט. און איידער זי האָט אים אַ רוף געטאָן, האָט שוין ברוך געעפנט די טיר און געזאָגט פריידיק:

— מלכה!

זי האָט געזאָגט:

— ברוך, כ׳האָב איך געבראַכט דאָס העמד. אינגאַנצן פאַרטיק. טוט עס אָן.

זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שנעל צו קלאַפּן. דאָס איז געווען דאָס העמד, וואָס האָט מיט אַ טאָג צוריק אויפגעטרייסלט אַלעמענס לעבן.

— אַ דאַנק.

און מער האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. גענומען דאָס העמד און אַ ווײַלע ניט זיכער געהאַלטן אין האַנט. מלכה האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— טוט עס אָן, וועל איך זען, צי עס פּאַסט אײַך...

געזאָגט, און אַוועק צו זיך, אין די אינעווייניקסטע צימערן. געלאָזן אים מיטן העמד. און ווי זי איז נאָר אַוועק, איז ער צוגעפאַלן צו דעם העמד אין אַ מאָדנער עקסטאַטישקייט, געדרייט דעם דינעם זייד מיט אויפגעציטערטע פינגער און ניט אויפגעהערט צו זאָגן:

— מלכה, מלכה, מלכה!...

ער האָט לאַנג געהאַלטן דעם זייד אין זײַנע הענט, געדריקט עס צום האַרצן, צום פּנים, צו די ליפּן. געזעטיקט זיך אין אַן אָנפאַל פון ווילדער רעגונג, ביז פאַרגעסונג. ערשט אין א היפּשער ווײַלע אַרום איז ער געקומען צו זיך און זיך באַרואיקט. אָנגעטאָן דאָס העמד און איז אַוועק צו מלכהן.

מלכה האָט אים אַ ווײַלע, אָן ווערטער, אָנגעקוקט און געזאָגט:

— אוי, ווי שיין דאָס העמד איז אויף אײַך! עס ליגט אויף אײַך ווי אויסגעגאָסן...

צוגעגאַנגען און אויסגעגלעט אַ קנייטשל אויף דער פּלייצע. זיך ניט געקאָנט אָנוואונדערן ווי שיין דאָס העמד איז געלעגן.

— און איך האָב געמיינט, אַז איך קאָן שוין ניט נייען.

ער האָט זיך געפילט פאַרלוירן און פאַרשעמט:

— אַ דאַנק. אַ דאַנק...

און זי האָט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַנע רייד:

— איין קנעפּל איז אַ ביסעלע צו הויך. אָט וועל איך טאַקע שוין איבערנייען.

און זי האָט גענומען די נאָדל-באַוול. זי האָט פון אים ניט געקאָנט אַראָפּנעמען אירע אויגן. אַזוי שיין איז ער געווען אינעם נײַעם העמד. אַ מוטערלעכע פרייד האָט אויפגעוואַרעמט דאָס האַרץ, ווי דער בלינדער וואָלט געווען איר אייגן קינד.

זי האָט מיט אַ שער פאַרזיכטיק אַראָפּגעשניטן דאָס קנעפּל, דעם לעצטן קנעפּל לעבן האַלדז, און געמאַכט דעם ערשטן שטאָך, אַ ביסל

נידעריקער. איר האַנט האָט מיט די פינגער לייכט באַרירט זיין ברוסט, וואָס האָט איןביידן אויפגעוועקט אַ שטילן, שעמעוודיקן שרעק. אַן איינגעהאַלטענער ציטער איז דורכגעלאָפן פון אים צו איר און צוריק. און אַזוי אַ גאַנצע מינוט איז זי געשטאַנען לעבן אים, דערוואַרעמט פון דער אויפגעברויזטער פרייד, וואָס האָט געקוואַלן אין איר יעדן אבר. לייב האָט זיך געריסן צו לייב, און עס איז ניט געווען קיין כוח, וואָס זאָל אָפּשטעלן אָט דאָס רייסן זיך פון איין לייב צו דעם אַנדערן. דאָס בלוט האָט שוין אַ שטראָם געטאָן מיט הייסע כוואַלעס צום מאַרך און פאַרטונקלט דאָס לעצטע ביסעלע פאַרשטאַנד און ווילן.

זי האָט קוים געקאָנט אָפּרייסן דעם פאָדעם, אָבער פאַרשפּילן דעם קנעפּל איז שוין ניט געווען קיין כוח. זי איז צוגעפאַלן צו אים אין אַ פיינלעכער פאַרגעסונג און ניט געקאָנט זיך אָפּרייסן. און ביידע זיינען אַ לאַנגע רגע פאַרלוירנגעגאַנגען איינער אין אַנדערן. און ערשט דאַן ווען ער האָט זיך ווידער א מאָל געפונען, האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזן אויף די קני, אַרומגענומען אירע פיס און געטוליעט אין זיי זיין הייסן פנים. ער האָט אויפגעהויבן צו איר די הענט און מיט די שפּיצן פון זיינע פינגער באַרירט איר פנים. די פינגער זיינען שנעל דורכגעלאָפן איבער איר פנים ווי איבער דינע סטרונעס און אַרויסגעפילט די שטריכן פון איר געזיכט, געוואָלט זי „דערזען" און „דערקענען" און זי איז געשטאַנען איבער אים, געגלעט זיינע דינע האָר. און עס איז געווען ווי ער וואָלט, נאָך לאַנגע יאָרן זוכענישן, פּלוצלינג געפונען דעם נאָענטן, לאַנג געזוכטן און געגאַרטן מענטשן. און ער האָט טאַקע געזאָגט:

— דאָס ביסטו, מלכה, דאָס ביסטו.

און זי האָט אים, ווי אַן עכאָ, געענטפערט:

— יאָ, דאָס בין איך, ברוך, דאָס בין איך.

און ער האָט געזאָגט, פּשוט, ווי די ווערטער וואָלטן נאָך פון פריער געווען אָנגעגרייט פאַר איר:

— יאָ, דאָס ביסטו. איך האָב אַלע מאָל נאָך דיר געבענקט, פּונקט ביסט אַלע מאָל געווען דאָ, און ביסט געווען ווייט...

פון זיינע רייד האָבן זיך ביי איר געשטעלט טרערן אין די אויגן. זי האָט קיין זאַך ניט געזאָגט. ער האָט דערפילט אירע טרערן און זיך אַליין

צעווינט מיט אַ שטילן געוויין. און עס איז געווען וויביידע וואָלטן ניט געוואוסט, אַז זיי וויינען.

זיי זיינען אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום טיש. געהאַלטן זיך פאַר די הענט, ווי קינדער, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל אַריין אין אַ געדיכטן וואַלד און האָבן, פון איינגעהאַלטענעם שרעק, מורא אָפּצולאָזן איינער דעם אַנדערן.

און יענעם גאַנצן טאָג האָט דער בלינדער געפילט אין זיך אַ נייעם כוח, וואָס איז ענלעך געווען צו דעם געפיל פון זעעוודיקייט, ווי ער האָט זיך עס פאָרגעשטעלט. עס איז געווען אַזוי, ווי ער וואָלט זעעוודיק געוואָרן, וואָלט דערזען אַ נייע וועלט. די וועלט איז נאָך געווען אומקלאָר, אומפאַר־שטענדלעך און ניי. אָבער זי האָט איינגעשלונגען די טעג פון זיין לעבן, אָפּגעווישט אַלץ, וואָס איז געווען ביז איצט. און ער האָט מיט פרייד און מורא אָנגענומען די נייע וועלט.

קאַפּיטל צוויי

קריזיס

1

די טורמע, אין וועלכער מ׳האָט פאַרזעצט מאַקס טענדלערן, איז געווען אַן אַלטע. אין יעדער קאַמער — פיר אַרעסטאַנטן. צוויי הענג־בעטלעך „באַנקען״ אויף יעדער וואַנט. איינס אונטן און איינס אויבן. דער שטח צווישן יעדן באַנק איז געווען אַ קליינער. ווען איינער איז געשלאָפן איבערן אַנדערן, האָט דער אונטערשטער שלאָפער געהערט יעדן ריר און קער פון דעם, וואָס איז געשלאָפן איבער אים. ווען יענער האָט זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זייט האָט זיך די צוגעשמידטע בעטל צעשריען מיט אַ געקרעכץ און מיט אַ קריצן.

די פיר מענטשן, וואָס זיינען דאָ געזעסן, זיינען געווען פאַרשיידן אין זייער אָפּשטאַם, אין זייער כאַראַקטער, אין זייער קוק אויפן לעבן. אַלע זיינען געווען פאַרשפאַרט אין אָט דער קאַמער, האָבן געאָטעמט די זעלביקע לופט, האָבן זיך באַדאַרפט איינלעבן אין די באַדינגונגען און איינלעבן זיך און אויסלעבן זיך אין נאָענטער באַרירונג איינער מיטן אַנדערן.

מאַקס טענדלערס אָרט איז געווען אויף דעם אונטערשטן „באַנק״. איבער אים איז געווען נאָך גאָר א יונגער בחור, וואָס מ׳האָט אים אין טורמע גערופן „קיד״ מוליען. ער איז געווען רירעווודיק און פרעך, גערעדט אַ סך, גערויכערט אַ סך און זיך ניט אויפגעהערט צו באַרימען. די ערשטע צייט האָט ער פאַרשאַפט מאַקסן אַ סך עגמת נפש. ער האָט אויסגעלאַכט זיין קליינעם וואוקס און אים אַ נאָמען געגעבן „קליין יידל״

(„ליטל דזשו"). דעם בחור האָט מען אַהער פֿאַרזעצט פֿאַר אַ גניבה. ער האָט זיך באַרימט, אַז אין משך פֿון זיבן יאָר האָט ער געמאַכט הונדערטער גניבות, און מ'האָט אים ניט געכאַפּט, און ערשט ביי דער לעצטער נישטיקער גניבה איז ער אַריינגעפאַלן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי. דאָס האָט אים זייער ווײ געטאָן. ער האָט דערפֿאַר ניט אויפֿגעהערט אויסצולאַכן די געזעצן, די פּאָליציי, דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר.

די אַנדערע צוויי זיינען געווען: אַ מיטליעריקער מאַן און אַן עלטערער בחור,ביידע — אַרבעטער. דער ערשטער, קענאַן, איז געווען פֿאַרהייראַט, געהאַט אַ ווייב מיט קינדער אין דער היים. ער איז אַהער אַריינגעפאַלן צוליב ארבעטסלאָזיקייט. די פֿאַמיליע האָט געהונגערט, ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן. האָט ער זיך, אין אַ מאָמענט פֿון גרויסער פֿאַרצווייפֿלונג, אַריינגעבראַכן אין אַ שפּייז־קראָם, איינגעפּאַקט אין אַ קאַרטאָן־קעסטל וויפֿל שפּייז ער האָט געקאָנט, און שוין גייענדיק אַהיים, האָט מען אים געכאַפּט און אַרעסטירט. ער איז געווען פֿאַרביטערט, אַ סך געשוויגן און ווען ער האָט גערעדט, איז אין זיינע רייד געווען שנאה צו אַלץ און צו אַלעמען. דער אַנדערער, באַרק, איז געווען אַ מאַן מיט אַ רייכער אַרבעטער־דערפֿאַרונג. ער האָט געקענט דאָס לאַנד „פֿון מעין ביז קאַליפֿאָרניע". ער האָט געקענט צענדליקער מלוכות, געאַרבעט אין הונדערטער שטעט. איצט איז ער „געזעסן" פֿאַר באַטייליקן זיך אין דעם ערשטן הונגער־יאָר אין ניו יאָרק, פֿאַר צעשלאָגן אַ פּאָליציימאַן מיט דער פֿויסט.

אַלע האָבן פֿאַרלעצט די געזעצן פֿונעם לאַנד אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים און אַלע האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר קרבנות פֿון דער עקזיסטירנדי־קער אָרדענונג. האָבן ביי דער ערשטער געלעגנהייט געשאָלטן מיט ביטערע קללות די, וואָס האָבן זיי פֿאַרשיקט אין דער ענגער קאַמער. און פֿון די סאַמע ערשטע טעג פֿון זייער באַקאַנטשאַפֿט איז יעדערנס קוק אויפֿן לעבן געווען קלאָר פֿאַר אַלעמען.

„קיד" מוליען איז געווען אַ קינד פֿון ברוקלין. אין דער קינדהייט האָט ער באַזוכט אַ קאַטוילישע שול. דאָרטן האָבן „הייליקע שוועסטער" אים דערצויגן צו זיין גוט און פֿרום. אָבער מוליען האָט ניט געהאַלטן זיין צוזאָג צו די הייליקע נאָנעס. ער איז געוואָרן אַ גנב. ער האָט ניט געקאָנט דערקלערן, פֿאַרוואָס ער איז געוואָרן אַ גנב. ער האָט באַשולדיקט

די דערציִאונג אין דער קאַטוילישער שול. ער האָט געטענהט, אַז וואָס זיי האָבן אים געלערנט אין דער פּאַראָקיעל שול, איז געווען איין זאַך און, וואָס עס איז געווען אויסער דער שול, איז געווען — אַ צווייטע זאַך. ער האָט געהאַט פאַר דעם אַ וואָרט: „היפּאָקריטסטווע״. ס׳איז געווען „היפּאָ־קריטסטווע״ — דאָס אַלץ. און וועגן זיין לאַגע האָט ער גאָר געקאָנט ברענגען זיינע אן אייגענע, דורכגעטראַכטע פילאָזאָפיע:

— צום טייוול! מיר איז אַלץ איינס. דאָ — דאָרטן... דאָ איז די וואַך איבער דיר, די טורמע־דיסציפּלין, און דאָרטן — פּאָליציי, דעטעק־טיווס און דאָס געזעץ... אַלע לויפן זיי דיך נאָך, ווי הינט נאָך אַ האָז... איין טייוול. די גאַנצע וועלט איז א טורמע. ניטאָ דאָרט קיין פרייהייט, ניטאָ דאָ... איינער טשאַטעוועט איבערן אנדערן. דער גלח און דער שיינער באַלעבאָס זאָגן דיר, אַז דו דארפסט זיין ערלעך, פאַרדינען דעם שטיקל ברויט אין שוויס פון שטערן, און אַליין זיינען זיי אייביקע ליידיק־גייערס, די ערגסטע גנבים און זויפערס. ניין, איך בענק ניט נאָך אַזאַ וועלט. צום טייוול מיט איר! איך בענק נאָר נאָך מיין מיידל, אַ טייער קינד... זי וואוינט אין ברוקלין. אַרבעט אין אַ פינף־און־צען סענט סטאָר צוועלף שעה אַ טאָג, זעקס טעג אין דער וואָך פאַר לויזיקע אַכט דאָלאַר אַ וואָך... זי העלפט דער מאַמען, אַן אַלמנה מיט קינדער...

קענאַן האָט געקוקט אויף דער וועלט גאָר אַנדערש. ער איז געווען אַן אַמעריקאַנער דורך און דורך. זיינע עלטערן און אור־עלטערן האָבן אָפּגעשטאַמט פון די ערשטע „סעטלערס״. זיי זיינען געווען פאַרמערס אין דער מיטל־וועסט. אין די ניינציקער יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, האָט מען זיי מיט גוואַלד אַראָפּגעטריבן פון זייער ערד, צוגענומען די פארם פאַר אַ שיבוש... עפּעס אַ באַן־קאָמפּאַני האָט ביי זיי, דורך אַ פאַראָרדענונג פון דער קאונטי, צוגענומען די ערד. נאָכדעם זיינען זיי געקומען אין דער „איסט״, געוואָרן אַרבעטער אין אַ פאַבריק — פריער דער טאַטע, נאָכדעם זיינע ברידער און שפּעטער — ער אַליין. און איצט האָט ער דאָ, אין דער טורמע, אויסגעאַרבעט זיין אייגענע פילאָזאָפיע, וואָס איז געווען אַזאַ:

— די צרה איז, וואָס ס׳איז קיין מאָל ניטאָ קיין זיכערקייט פאַר דעם אַרבעטער. אַ מענטש אַרבעט, פּראָדוצירט נייטיקע זאַכן פאַר דער וועלט, אַרבעט אָפּ זיינע יאָרן. דער שטאַט האָט באַדאַרפט אַזאַ מענטשן באַשיצן,

אים און זיין ווייב און קינדער. אַן אַרבעטערס לעבן איז אַ הפקר־זאַך. היינט דאַרף מען אים האָבן — לעבט ער נאָך, ווי עס איז. מאָרגן אַרבעט ער ניט — איז ער ווי אַ הונט אויף דער גאַס... וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבן? אָט איז ער אַליין אַריינגעפאלן... טאָג און נאַכט טראַכט ער: פאַרוואָס איז ער אַריינגעפאַלן? געווען, דאַכט זיך, אַלע יאָרן אַן ערלעכער אַרבעטער, און אָט זיצט ער גאָר דאָ, און דאָרטן שטאַרבן זיינע קינדער פון הונגער... ער איז גאָר געוואָרן אַ גנב.... צו אַלדי שוואַרץ יאָר! דאָ איז עפּעס ניט גלאַט!... און זאָלן זיי ניט מיינען, אַז ער איז טאַקע געוואָרן אַ גנב. זאָל ער נאָר אַרויס פון דאַנען, זאָל ער נאָר האָבן אַרבעט, וועט ער דער גאַנצער וועלט באַווייזן, אַז ער איז אַן ערלעכער אַרבעטער!

קענאָן האָט אויך געהאַט וואָס צו דערציילן:

— ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין דער וועסט. ער איז געווען כמעט אַ יינגל, ווען ער האָט פאַרלאָזט די היים. געווען אַ פעאיקער בחור. געקאָנט טאָן אַ סך אַרבעטן. די נויט און זיינע פעאיקייטן האָבן אים אויסגעלערנט. אָבער ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו אַנטוויקלען זיינע פעאיקייטן. ער איז געשטויסן געוואָרן פון לעבן און פון דער אייגענער אומרואיקייט פון איין שטאָט צו דער אַנדערער. ער האָט אַלע מאָל געזוכט עפּעס, און קיין מאָל ניט געפונען. אַזוי ביזן קריזיס. ערשט דער קריזיס האָט אים קלאָר געמאַכט אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט פריער ניט פאַרשטאַנען. אַן אומגערעכטע וועלט. ס'איז ווי אין דער הייליקער ביבל פאַרשריבן: דער אומגערעכטער האָט רעגירט איבערן גערעכטן, דער שטאַרקער איבער דעם שוואַכן, דער זאַטער איבער דעם הונגעריקן... און דאָ, אין מיטן דעם גרויסן קריזיס, האָט ער גאָר איבער־געלייענט אין די ציימונגען, אַז די רייכע שפּייז־קאָמפּאַניס האָבן „געדאַמפט" טויזנטער טאָן ווייץ און צוקער און קאַווע און אָראַנדזשן אין ים אַריין, כדי איינצוהאַלטן די הויכע פרייזן פאַר די פּראָדוקטן... אין אַ צייט, ווען מיליאָנען האָבן געהונגערט... ניין, דאָס האָט אים איין מאָל פאַר אַלע מאָל געעפנט דעם נאַרישן מוח זיינעם... קיינער וועט אים איצט ניט קומען דרייען אַ קאָפּ מיט יושר, ניט דער גלח און ניט דער יעזוס קריסט אַליין... ניין, ניט איצט!

מאַקס טענדלער האָט זיך די ערשטע צייט ניט אַריינגעמישט אין זייערע געשפּרעכן וועגן זאַכן, וואָס האָבן אים גראָד איצט זייער אינטע־

רעסירט. ער האָט זיך געהאַלטן פרעמדלעך, געווען דערשראָקן, מורא געהאַט צו ריידן וועגן זאַכן, וואָס האָבן אים אויסגעזען, ווי „געפערלעך". דערצו האָט נאָך אויך געשטערט די שפּראַך. מאַקס האָט גערעדט אַ שלעכטן, אָרעמען ענגליש. אָבער מיט דער צייט זיינען די מענטשן געוואָרן אייגענע. אמת, זיי האָבן אים אָפּט אויסגעלאַכט, גערופן אים „ליטל דזשו", אָבער אַלץ אין גוטן מוט. זייערע אָפענע, ערלעכע רייד, זייער אויפריכטיקער פּראָטעסט קעגן אַלץ, קעגן וואָס ער אַליין האָט דעם גאַנצן לעבן געקעמפט אין האַרצן, האָט אים צו זיי דערנענטערט. ביסלעכווייז איז ער אַליין אַריינגעצויגן געוואָרן צווישן זיי, געוואָרן איינער פון זיי און האָט איין מאָל אַפילו געוואָגט אַריינצושטעלן זיין וואָרט אין זייער געשפּרעך. ער האָט אויסגעדריקט זיין קוק אויפן לעבן און אויף די געשעענישן אין זיין זיכערן, געבראָכענעם ענגליש. די צוהערער אָבער האָבן אים אויסגעהערט מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט. זיינע רייד זיינען פאַר זיי געווען אַ נייעס, עפּעס אַזוי, ווי זיי וואָלטן אים צום ערשטן מאָל אַנטדעקט אין דער ענגער קאַמער. און מאַקס האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין ענגליש:

— זיין ענגליש איז אָרעם... ער האָט שוין באַדאַרפט קענען די שפּראַך. אָבער ער וועט זיך נאָך אויסלערנען... אַמעריקע איז אים ליב. די אַמעריקאַנער מענטשן זיינען אים ליב... אַמעריקע וואָלט געקאָנט זיין אַ גן־עדן פאַר אַלעמען. אָבער ער האָט דאָ געזען די הערשאַפט פון די „באָסעס". אַז זיי ווילן איז דאָ אַרבעט, אַז זיי ווילן ניט — איז ניטאָ... די באָסעס זיינען די אמתע באַלעבאַטים פון דעמאָקראַטיע... און ווי קאָן זיין אמתע דעמאָקראַטיע, אַז זי איז גאָר אין זייערע הענט? זיי דערוויילן אַ פּרעזידענט, זיי דערוויילן דעם קאָנגרעס, דעם סענאַט און זיי האַלטן אין זייערע הענט דעם סופרים קאָרט... די באָסעס. זיי ריידן וועגן יושר. ווי קאָן זיין יושר, אַז די „באָסעס זיינען די באַלעבאַטים פון לאנד?" זאָל דער אַרבעטער איבערנעמען די מאַכט, און עס וועט זיין יושר אויף דער וועלט...

ס'איז געווען אַ פּשוטע פאָרמולע, אָט די, וואָס דער „ליטל דזשו" האָט דאָ פאָרגעלייגט, שוין אַ ביסל אַ צו־פּשוטע פאָרמולע. אָבער זי האָט אַרויסגערופן אַ צווייפל.

מוליען האָט געזאָגט:

— כע !... ער וויל, אַז אַ פּשוטער אַרבעטער זאָל דיר ווערן אַ סענאַטאָר !... דאָס איז ניט מעגלעך. דערצו דאַרף מען האָבן בילדונג. צו זיין אַ סענאַטאָר, צי אַ פּרעזידענט דאַרף מען האָבן „קלעס”... די „ווייט האוז” איז ניט קיין „בענטש” אין שאַפּ...

און קענאַן האָט אויך געזאָגט:

— ס׳איז באָלשעוויזם, „פּיור ענד סימפּל”... אַמעריקע קאָן עס ניט דערלאָזן. ס׳איז אַ „רוסלענדישע” אידייע. אַמעריקע וועט עס דאָ ניט דערלאָזן.

מאקס איז געזעסן אַ געפּאַלענער פון קענאַנס רייד. ער איז געזעסן, געשוויגן, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. אָבער דאָ האָט זיך באַרק אַריינגעמישט:

— דו זאָגסט, קענאַן, ס׳איז באָלשעוויזם ? גוט ! און אז באָלשעוויזם — איז וואָס ?

קענאַן האָט געזאָגט:

— מיר ריידן דאָ וועגן יושר. מיר דאַרפן ניט אין אונדזער לאַנד קיין באָלשעוויזם, מיר דאַרפן יושר, אָט וואָס מיר דאַרפן.

באַרק האָט אים איבערגעשלאָגן:

— מענטשן האָבן אויך דעם יושר געפונען און געשאַפן פאַר זיך א גאָט און אַלע זיינע געטלעכע געזעצן, מיט זיין קירך און די גלחים, און די אַלע אַנדערע שמאָכטעס, וואָס גייען מיט דעם אַלעם... טו אַ קוק, וואָס דאָ טוט זיך. וואו איז דאָ גאָט ? און וואו איז דאָ דיין יושר ? און לאָמיר דיר נאָך עפּעס זאָגן: אימעצן לוינט זיך צו האַלטן דיין גאָט און דיין יושר אין די הימלען. דעם פּאָליטישן לוינט זיך, דעם גנב לוינט זיך, דעם גלח לוינט זיך עס. אימעצן לוינט זיך צו לאָזן הערשן אויף דער ערד דעם וואָלף. די וועלף זיינען ניט נאַר וועלף, זיי זיינען אויך כיטרע פוקסן. זיי שרעקן דיך מיט די הימלען, כדי צו ווערן דאָ אי די שומרים, אי די גנבים, זיי זיינען שומרים און גנבים — צוויי אין איינס.

מוליען זיינען באַרקס ווערטער זייער געפעלן געוואָרן:

— כע !... אַ שומר און אַ גנב ! דאָס איז וואונדערלעך, סער ! צוויי אין איינס. אַ פּאָליסמען איז אַ שומר און אַ גנב. אַ פּאָליס־קאָמיסאר — דאָס זעלביקע, אַ גלח — דאָס זעלביקע.

ער האָט שטאַרק געלאַכט. געווען אינערלעך צופרידן, וואָס אימעצער האָט אַזוי פּשוט, אין געציילטע ווערטער געקאָנט דערקלערן זיין פּלאָנטער פון געדאַנקען און געפילן. ער האָט זיך באַרואיקט און כמעט ערנסט געפרעגט באַרקן:

— העי, באַרק, זאָג מיר, וואָס בין איך? אַט בין איך אַ גנב, אָבער קיין שומר בין איך דאָך ניט, האַ?

באַרק האָט זיך פון אים אָפּגעקערט און בלויז געזאָגט:

— דו ביסט נאָר אַ גנב, מוליען. אַ פּשוטער קליינער גנב, וואָס מ׳זעצט אַריין אין דזשייל. דאָס אַלץ...

און צו קענאַנען האָט ער געזאָגט:

— גיב אַ קוק, ווי עס לעבן די מענטשן. נעם למשל, איין שטאָט אונדזערע, שיקאַגאָ. האָסט געלייענט, וואָס מ׳שרייבט וועגן שיקאַגאָ? קאָרופּציע אויף קאָרופּציע. אַן אַרמיי, וואָס האַלט אַ דריי־מיליאָניקע באַפעלקערונג אין שטענדיקן טעראָר. פאַרוואָס?

ער האָט אָפּגעוואַרט אַ רגע און געענטפערט:

— אַט וועל איך דיר זאָגן. דער „קליינער יידל" איז טאַקע גערעכט. די סיסטעם טויג ניט. שאַף אָפּ די סיסטעם, און אַלץ וועט זיך אויסגלייכן. צ, גיי אַרויס און פּרוביר היינט פאַרדינען דיין שטיקל ברויט! אַט האָסטו געוואָלט פאַרדינגען דיינע הענט — ווער דאַרף דיך איצט, צום טייוול? ווער? ביסט געוואָרן אַ גנב און זיצסט אין דזשעיל.

קענאַן האָט געשוויגן. אַלע האָבן געשוויגן. און מאַקס האָט געטראַכט, אַז פריער האָט ער נאָר פון פּייוולען געקאָנט הערן אַזעלכע רייד, און איצט רעדט מען וועגן דעם אין אַ טורמע־קאַמער.

2

עס איז געווען ווינטער. דער ערשטער ביטערער ווינטער פון דעם קריזיס־יאָר. אויף די גאַסן פון דער שטאָט זיינען אין די גרויסע פראָסטן אַרומגעגאַנגען די אַרבעטלאָזע, ווי אַ הונגעריקע אַרמיי. מענטשן זיינען שעהן־לאַנג געשטאַנען אין דער הונגער־ריי, וואַרטנדיק אויף דעם ביסל אָרעמען שפּייז, וואָס די שטאָט און די פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן האָבן זיי אויסגעטיילט אין קליינע פּאָרציעס דאָ און דאָרטן. אויף ליידיקע לאָטס

זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן „שענטיס" מיט באַוועגלעכע קיכן. אין איינעקע פון זיי האָט מען אויסגעטיילט זופּ מיט אַ שטיקל ברויט און אין אַנדערע — אַ טעפּל קאַווע מיט אַ זעמל. אין די הונגער־רייען זיינען געשטאַנען מענטשן פון פאַרשיידענע שאַטירונגען, שוואַרצע און ווייסע, אַרבעטער פון אַ נידעריקן קלאַס און אַרבעטער פון פּריווילעגירטע קלאַסן, אינזשעניערן און דאָקטוירים. מענטשן געקליידעטע אין שמאַטעס האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיט מענטשן אין די פיינע מלבושים און געוואַרט אויפן ביסן.

די שטאָט האָט איינגעאָרדנט מאַסן־שלאָפּפלעצער אין פלאָפּ־הייזער, נאָענט צו די „סלאַמס", פאַר די, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע אייגענע היימען. די בעטלער, די פרעמדע, אַנגעקומענע מענטשן פון ווייטע שטעט, האָבן אַרומגעבראָדיעט איבער די גאַסן בייטאָג און ביינאַכט, געבעטלט, אָפּגעשטעלט פאַרבייגייער מיט א רחמנות־פּנים, מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, מיט הכנעה אין די געבויגענע קערפּערס. זיי האָבן זיך געריבן אַרום די ווענט אין די גרויסע פראָסט, מיט הענט אין די קעשענעס פון די צעטראָגענע מאַנטלען, ווי אומבאַקאַנטע מענטשן פון אַן אַנדער וועלט.

אין יענעם ביטערן ווינטער איז דאָבע מיט אירע צוויי קינדער געבליבן אָן אַרבעט. דער שאָפּ פון דזשעי הוירש האָט זיך אַרויסגעצויגן אויף הונדערט מייל פון דער שטאָט, וואו אַרבעטער־הענט זיינען געווען ביליקער, און אַלע זיינע אַרבעטער, וואָס האָבן אים רייך געמאַכט, זיינען געבליבן אָן אַרבעט און אָן ברויט. מאַקס איז נאָך אַלץ „געזעסן" אין דער שטאַטישער פּעניטענשיערי. ער האָט געהאַלטן ביי פאַרענדיקן זיין טערמין און קומען אַהיים צו זיין ווייב און קינדער. אָבער פון דעם איז ניט געווען לייכטער. זיין קומען אַהיים האָט געשראָקן מיט נאָך אַן איבעריקן הונגעריקן מויל. זיין קומען אַהיים האָט ניט געפרייט.

ביז איצט איז נאָך אין הויז אַריינגעקומען אַ דאָלאַר פון דער יוניאָן, וואָס האָט זיך אונטערגענומען צו העלפן דער פאַמיליע אין דער צייט, וואָס איר ברויט־געבער איז געווען אַ קרבן פון דעם קאַמף, וואָס די יוניאָן האָט געפירט מיט די אַרבעט־געבער. סעם האָט פאַרקויפט צייטונגען, דאָבע אַליין איז ניט געזעסן ליידיק. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ראָג מיט אַ קאָשיק עפּל. זי האָט שוין געהאַט שטענדיקע קונים. מלכה איז אויך פון צייט צו צייט אַראָפּגעקומען דאַון־טאַון אויף דער איסט־סייד, צו זען

זיך מיט דער קרובה און מיטנעמען מיט זיך אַ בעג מיט עפּל. און יעדעס מאָל, וואָס מלכה איז געקומען, האָט זי ניט פאַרגעסן איבערצולאָזן אַ ביסל געלט, כלומרשט אַ מתנה פאַר די קינדער.

אַרבעטלאָזיקייט האָט אָפּגעריסן פון אַלעמען. דאָבע האָט ניט געוואוסט וואו די צוויי שוועסטער זיינען אַהינגעקומען, ניט געוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט פּיוולען.

יעדעס מאָל, ווען דאָבע איז געגאַנגען באַזוכן דעם מאַן, האָט זי געהאַט אַ פאַרלאַנג אויסצוּוויינען זיך, אויסגיסן איר ביטער האַרץ, אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן. איין מאָל האָט מאַקס צו איר אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט, דאָבע, נאָך אַ ביסל, און איך וועל קומען אַהיים... אַ פרייער מענטש...

דאָבע האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, געזען, אַז ער האָט זיך אין דער צייט פון זיין „זיצן" זייער גוט פּאַפּראַווּעט, געקראָגן פולע באַקן, און דער קליינער קערפּער זיינער איז געוואָרן פול און קיילעכדיק, האָט זי געזאָגט:

— אומשטיינס געזאָגט, די גליקן אין דער היים... מענטשן גייען איצט אַרום הונגעריקע, האָבן ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן... דאָ גיט מען דיר כאָטש עסן, אַ געלעגער צום שלאָפן... האָסט באַדאַרפט זען די איסט־סייד, וואָלסט זי ניט דערקענט.

מאַטל האָט אַריינגעשטעלט:

— אַלץ בעסער ווי אין פריזאָן, מיט אַרעסטאַנטן...

— אָבער דאָ איז כאָטש וואַרעם. דו פרירסט דאָ, חלילה, ניט, ווי מיר... ביסט ניט הונגעריק... קיין אַרבעט זוכן דאַרפסטו ניט. וואָס פעלט דיר דאָ?

מאַקס האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז זיין דאָבע איז ניט צופרידן, וואָס זיין טערמין ענדיקט זיך און אַז ער דאַרף קומען אַהיים. זי וואָלט וועלן, ער זאָל נאָך „זיצן און זיצן"... און ער האָט צו איר געזאָגט:

— האָסט זיך אָפּגעוואוינט פון מיר, און דיר אַרט שוין ניט, אַז איך זאָל דאָ פוילן, אָפּפינצטערן מיין וועלט...

— און וואָס איז מיין וועלט, מאַקס? וואָסי, איך פּיעכניע פון הונגער... די קינדער גייען אַרום אין שמאַטעס, אַ בזיון פאַר מענטשן... דערעסן ניט, דערטרינקען ניט... דאָס האַרץ צעגייט פון רחמנות. אַז אַך און ווי, אַז אַ דרייצן־יאָריק יינגל דאַרף דיר זיין דער גאַנצער פאַרדינער...

זי האָט זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט. צום ערשטן מאָל אין זייערע באַגעגענישן זיך פאַנאַנדערגעוויינט. און עס איז אויסגעקומען, אַז זי האָט געוויינט וואָס אָט ענדיקט זיך זיין טערמין און ער וועט קומען אַהיים, דער שלימזל... ער האָט געשוויגן און געוואַרט ביז די ווייב וועט זיך אויסוויינען און אַוועקגיין אַהיים. איצט האָט זיך אים געוואָלט וואָס שנעלער זיך אומקערן אין קאַמער, אַוועקלייגן זיך אויף זיין „באַנק"...

3

לייטשען איז שווער געווען צו אַרבעטן אין דעם שאַפּ, איר איז אויך וואָס ווייטער אַלץ שווערער געוואָרן צו וואוינען אין איין צימער מיט איר שוועסטער ברײַנדל. און וואָס נעענטער זי איז געוואָרן מיט פּיוולען, וואָס מער זי איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין זיין וועלט, געוואָרן נעענטער מיט אים, אַלץ פרעמדער איז איר געוואָרן ברײַנדל, ניט געקאָנט מער פאַרטראָגן איר פאַרביטערטקייט, איר קוקן נאָך איר. און נאָך מער איז געשאַפן געוואָרן צווישן זיי אַ דערווייטערטקייט און פאַרפרעמדקייט, ווען ברײַנדל האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין פון דעם שאַפּ, וואו לייטשע האָט מער ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פאַרבלייבן.

און ברײַנדל, פון איר זייט, האָט אויך געפילט, אַז ס'איז געקומען די צייט זיך צו שיידן. שוועסטער זיינען דאָך שוועסטער, האָט מען ביים געזעגענען זיך צעקושט און ביידע האָבן ביטער געוויינט.

לייטשע האָט פאַר אירע אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַרן, געדונגען אַ צימער. זי האָט זיך אָפטער געטראָפן מיט פּיוולען אין קאַפעטעריעס און רעסטאָראַנען, וואו ס'האָבן געגעסן אַרבעטער און אַרבעטאָרינס.

איין מאָל, נאָך דעם ווי מ'האָט געגעסן ביי איין טישל, גערעדט, געשמועסט, האָט פּיוול אָפּגעפירט לייטשען אַהיים, צו איר נייעם צימער, אומבאַדינגט געוואָלט אַרויפקומען צו איר, זען ווי זי האָט זיך איינגעאָרדנט. לייטשע האָט ניט געוואָלט. אָבער ער איז באַשטאַנען אויף זיינס און איז אַרויפגעקומען. און פון דעם אָוונט אָן איז שוין פּיוול אַרײַנגעקומען זייער אָפט. אַלע מאָל האָט לייטשע געפילט, אַז ער קומט צו איר ניט אַליין. מיט זיך האָט ער מיטגעבראַכט זיין וויסן, זיין דערפאַרונג און אַלע מאָל איבערגעלאָזט אויך אַ ביסל פאַר איר — אי פון דעם וויסן, אי פון דער דערפאַרונג.

ער האָט זיך מיט איר געטיילט מיט אַלץ, ווי אַ רייכער מיט זיין רייכקייט. אין צימער זיינען צוגעקומען ביכער און זשורנאַלן. אויף די ווענט האָט פּיוול ביי איר אויפגעהאַנגען רעפּראָדוקציעס פון באַרימטע מאָלערייען. ער האָט איר דערביי דערציילט וועגן די בילדער, וועגן די מאָלער, דערקלערט דעם אינהאַלט, צוגעזאָגט צו פירן זי אין מעטראָפּאָליטאַן־מוזיי, צו אויס־שטעלונגען. אין איר צימער האָט ער אַריינגעבראַכט אָפּט זיינע פריינט.

אין איינעם אַן אָונט, ווען פּיוול איז געקומען אויף אַ באַזוך צו לייטשען, איז ער געווען גאָר אין אַ געהויבענער שטימונג, אַ סך גערעדט און אַ סך געלאַכט, און גאָר פלוצלינג, אָן אַ וועלכער עס איז וואָרענונג, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— נו, לייטשע, איך מיין, אַז ס'איז שוין נאַריש אויסצובאַהאַלטן איינער פונעם אַנדערן די געפילן. לאָמיר נעמען און חתונה האָבן... איז וואָס זאָגט איר, לייטשע?

לייטשע האָט דערוואַרט די רגע און האָט פאַר איר מורא געהאַט. האָט זי זיך דערשראָקן, געבליבן זיצן אין אַ פאַרלעגנהייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט אַ ציטעריק הארץ... די אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט טרערן...

— נו,איז וואָס איז דאָ צו שווייגן? וועט איר חתונה האָבן מיט מיר, צי ניט? איך ווייס, אַז אין די הונדערטער ראָמאַנען, וואָס איר האָט אין אייער לעבן אַדורכגעלייענט, האָט מען זיך פריער דערקלערט אין אַ פייערלעכער ליבע און ערשט נאָכדעם איז מען צוגעקומען צום ענין חתונה... אָבער איך בין אָפּנים ניט קיין העלד פון אַ ראָמאַן... איז אָט!

ער האָט זי אַרומגענומען, מיט וואַרעמקייט צוגעדריקט זי צו זיך און צום ערשטן מאָל אַ קוש געטאָן אויפן שטערן, נאָכדעם — שוין די ליפּן, די נאַסע אויגן. אַליין געווען זייער גערירט און געפילט אין זיך א מאָדנעם אָנלויף פון פלוצלינגער עקסטאַטישקייט. ניט געוואוסט ווי אַזוי ער איז מיט איר פלוצלינג געוואָרן אויף „דו":

— ביסט אַ מאָדנע מיידל... אַ טייער מיידל ביסטו ביי מיר, לייטשע... אַזאַ נאַריש מיידעלע...

ער האָט זי נאָך אַ מאָל אַ קוש געטאָן. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן צו אים, צוגעטוליעט איר פּנים צו אים און זיך ווידער פאַנאַנדערגעוויינט...

אַ גערירטער, האָט ער זי געגלעט, געדריקט צו זיך, באַרואיקט זי.

זי האָט אויפגעהערט צו וויינען, אַ שמייכל געטאָן. ער האָט זי אויפ־געהויבן פון שטול. זיי זיינען אַ ווײַלע געשטאַנען איינע קעגן אַנדערן און זיינען אַרייַנגעפאַלן איינע דעם אַנדערן אין די אָרעמס.

פּיוול מיט לייטשען האָבן זיך געדונגען אַ קליינע דירה אויף דער איסט־סייד. ארום זיי איז געווען גרויסע אָרעמקייט, די אימיגראַנטישע אָרעמקייט, וואָס איז אין קריזיס געווען פול מיט טיפער פאַרצווייפלונג. שרעק און מורא האָט געהערשט צווישן דער באַפעלקערונג און זי אויפגע־רודערט ביז די טיפסטע טיפעניש. מענטשן האָבן פאַרלוירן דאָס לעצטע ביסל זיכערקייט. מענטשן האָבן געוואַרט אויף זייער מאָרגן מיט שרעק. היינט איז געווען שלעכט, — מאָרגן וועט זיין ערגער און איבערמאָרגן — נאָך ערגער. אומעטום איז אָנגעגאַנגען דער שווערער סאָציאַל־עקאָנאָמישער געראַנגל צווישן די קלאַסן. און באַזונדער איז געוואַקסן די נויט, דער דחקות אין די יידישע גאַסן, צווישן די שאַפּ־אַרבעטער.

אין מיטן פון דעם געראַנגל פונעם יידישן טייל פון דער פאַראָרעמטער אַרבעטערשאַפט איז געווען אויך פּיוול מיט זיין פרוי לייטשע. באַלד נאָך זייער הייראַט האָבן זיי ביידע געפונען אַרבעט און צו ביסלעך פאַרדינט. אָבער דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. פּיוול האָט דער ערשטער פאַרלוירן זיין דזשאַב און נאָך אים — לייטשע. מ׳האָט געגעסן און זיך געקליידט פון דעם, וואָס מ׳האָט פריער אָפּגעשפּאָרט. אָבער דאָס אָפּגעשפּאָרטע האָט איצט אויסגעזען נאָך מאָגערער ווי אַלע מאָל.

ס׳האָבן זיך אָנגערוקט שווערע זאָרגן. אָבער פּיוול האָט ניט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן די זאָרגן פונעם טעגלעכן לעבן. ער איז געווען פאַרליבט אין זיין פרוי. געווען פאַרליבט אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און אפילו ניט באַמערקט, ווען אין לייטשען איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג. זי האָט שוין וועגן דער ענדערונג אין זיך געוואוסט אַ צייט. זי האָט געוואוסט, אַז זי איז שוין דעם דריטן חודש פאַרגאַנגען אין טראָגן. זי האָט אָבער אַלץ אָפּגעלייגט און ניט געוואָלט דערציילן פּיוולען. געמיינט, אַז דאָס וועט אויף אים פאַלן ווי אַ נייע שווערקייט.

איין מאָל, ווען ער איז געקומען אַהיים אין אַ געהויבענער שטימונג און איר ארויסגעוויזן אַ באַזונדער ווארעמקייט, האָט זי גענומען זיין האַנט און זי פאָרזיכטיק אַרויפגעלייגט אויף איר וואַרעמען בויך, וואָס האָט אויפ־

געציטערט מיט אַ באַזונדער לעבעדיקייט פון זיין באַרירונג, ווי דער קערפּער אירער וואָלט אים אַליין געקאָנט דערציילן אָן ווערטער אַלץ, וואָס זי האָט פאַר אים געוואָלט אַנטפּלעקן.

זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים און געזאָגט:

— זעסט גאָר ניט אין מיר קיין ענדערונג, פּיוּול?

ער האָט איר אַ קוק געטאָן אין די אויגן און גלייך פאַרשטאַנען:

— דו מיינסט... דו מיינסט עס ערנסט? דו מיינסט...

— אוודאי, דו נאַרישער בחור!..

ער האָט זיך זייער פאַרוויטלט און ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. ער האָט גענומען שטאַמלען:

— ביסט זיכער? איך מיין, דו ביסט אַבסאָלוט זיכער...

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, און גלייך דערפילט טרערן אין די אויגן פון איינגעהאַלטענער פרייד. זי האָט אים קיין מאָל פריער ניט געזען אַזוי פאַרלוירן, און זי איז קיין מאָל ניט געווען אַזוי גערירט און צופרידן פון זיין פאַרלוירנקייט.

ער האָט נאָך אַלץ געפּלאַפּלט:

— דאָס איז דאָך ניט קיין קלייניקייט, לייטשע... כ׳מיין, דו דאַרפסט איצט זיין זייער פאַרזיכטיק... דאַרפסט זיך אָפּהיטן... און וועגן זוכן אַרבעט זאָלסטו אפילו ניט טראַכטן!... אַזאַ מויד, גייט אַרום חדשים מיט אַ סוד — און ניט אַ וואָרט...

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— דו ווייסט, פּיוּול, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — ביסט נאָך אַליין אַ קינד...

ער האָט זי נאָך אַ מאָל אַרומגענומען און געדריקט זי צום האַרצן, זייער פאַרזיכטיק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט איר ווי טאָן...

קאַפּיטל דריי

מאָטל און דאָבע

1

אין מיטן יאַנואַר איז מאַקס טענדלער אַרויס פון טורמע. אין א שיינעם, אָבער זייער פּראַסטיקן פרימאָרגן האָט מען אים אַריינגערופן אין וואָרדענס אָפיס און אים אָנגעזאָגט די שמחה, אַז ער איז פריי צו גיין אַהיים און אַז מ׳גיט אים נאָך אַ מתנה: מ׳לאָזט אים אַרויס מיט גאַנצע צוויי וואָכן פריער פאַרן סוף פון זיין טערמין „פאַר גוטער אויפפירונג" דורך דער גאַנצער צייט פון זיין געפינען זיך אין דער שטאַטישער פּעניטענשיאַנערי...

מאַקס איז געגאַנגען אַהיים צו פוס. אויפן האַרצן איז אים געווען לייכט און פריידיק. ס׳איז אים איצט געווען גוט צו טראַכטן וועגן דער פרייהייט, וועגן דער היים, וועגן ווייב און קינדער, וואָס האָבן אים נאָך זיכער ניט דערוואַרט. אָט איז ער איצט געגאַנגען צו זיי, און יעדער טראָט האָט אים צו זיי דערנענטערט. נאָך אַ גאַס און נאָך אַ גאַס, און ער וועט זיין מיט זיי. זיין האַרץ האָט געקלאַפּט. אים האָט זיך געוואָלט לאַכן און וויינען, — ביידע זאַכן אויף אַ מאָל. אָט וועט ער באַלד אָנקומען אויף דער אייגענער גאַס, אַנטרעפן באַקאַנטע פּנימער. ער וועט זיין דער גאַסט פון זיין גאַס און פון זיין היים. ער האָט געטראָגן פרייד אין האַרצן פאַר אַלעמען.

אָבער אַלץ איז אויסגעקומען אַנדערש: אויף דער אייגענער גאַס האָט ער ניט באַגעגנט קיין איין באַקאַנטן. זיין אייגענע היים איז געווען פאַר־שלאָסן. דאָבע איז געווען ערגעץ אויף אַ ראָג מיט איר קויש עפּל, און די קינדער זיינען געווען אין סקול. ער האָט אָנגעקלאַפּט איין מאָל און צוויי

מאָל. נייַן, קיינער איז אין זייַן דירה ניט געווען. ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. נאָכדעם האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער שכנישער טיר. אָנגעקלאַפּט. די שכנה האָט געעפנט פאַרזיכטיק די טיר און מיט אַ מאָל אַ פּאַטש געטאָן אין אַ מאָדנער דערשראָקנקייט מיט די הענט:

— ווי איז מיר, איר זייט אַרויס פון „דזשייל?"... ווי איז מיר!...

מאַקס האָט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן אין פלוצעמדיקער פאַרשעמטקייט:

— אָט, ווי איר זעט.... כ'בין שוין פריי.... מ'האָט מיך אַרויסגעלאָזט פריער...

די פרוי איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין פאַרלוירנקייט און איבערגעחזרט:

— ווי איז מיר, ער איז שוין צוריקגעקומען...

מאַקס האָט באַמערקט, אַז אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. מאַקס איז געשטאַנען, ווי אַ שולדיקער:

— יאָ, זיי האָבן מיך אַרויסגעלאָזט...

— און דאָבע ווייסט נאָך גאָרניט... זי פּלאָגט זיך דאָ אַזוי מיט די קינדער... קוים וואָס מ'דערהאַלט די נשמה... קראַנקערהייט גייט זי אין פראָסט און קעלט פאַרדינען דעם ביטערן שטיקל ברויט... איר ווייסט דען, וואָס פאַר אַ לעבן עס איז אויף דער וועלט?... און איצט ווייסט אפילו ניט דאָבע, אַז איר זייט שוין צוריק... ווי איז מיר, קומט אַריין אין שטוב, קומט אַריין.. וואָס שטייען מיר דאָ אויף דער שוועל?

ער איז אַרייַנגעקומען. אין הויז איז געווען קאַלט, קעלטער, ווי אויף דער גאַס. אומעט און אָרעמקייט האָט, ווי אַ האַרטער קנויל, אַ זעץ געטאָן מאַקסן אין האַרצן אַריין, אים איז געוואָרן שווער. די פריערדיקע פריידיקייט אין אים איז גלייך פאַרשוואונדן. כדי צו זאָגן עפּעס, האָט ער שטיל אָפּגעהוסט און קוים אַרויסגערעדט:

— נו, און וואו איז עפּעס דאָבע?... כ'מיין... זי האָט מיך ניט דערוואַרט... און די קינדער אויך...

— וואָדען, זי האָט דערוואַרט? קאַרג אַנדערע צרות האָט זי אויף איר קאָפּ?... איר ווייסט דען, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט?

מאַקסן האָבן פאַרדראָסן די רייד פון דער שכנה. אָבער ער האָט געזען, אַז אירע אויגן זייַנען אָנגעפילט מיט טרערן. זי האָט אָפּגעווישט די טרערן

מיט דער הינטערשטער זייט פון איר האַנט און אָפּגעקערט איר בליק אָן אַ זייט. ס׳איז אויסגעקומען, ווי זי וויינט איבער אים, מאַקסן. ער האָט צו איר דערפילט אַ וואַרעמקייט, ווי צו אַ נאָענטער קרובה, וואָס האָט צו אים אויסגעדריקט סימפּאַטיע און מיטלייד. זי האָט געזאָגט:

— מ׳פּלאָגט זיך דאָ פּאַר אַ ביסן ברויט... מ׳טרייבט פון די דירות... אייער ווייב האָט געקראָגן דעם „דיספּאָזעס״, ווי איז מיר... מ׳וויל זי מיט די קינדער אויף דער גאַס אַרויסשטעלן. אוי, נאָך גוט, וואָס איר זייט „אַרויס״. וואָס קאָן אַ פרוי איינע אַליין טאָן? זיי זיינען דאָך מערדערס, די לענדלאָרס! זיי ווילן דען פון עפּעס וויסן? צען טעג האָבן זיי איר געגעבן... צען טעג! אָדער באַצאָל, אָדער גיי אַרויס אויף דער גאַס און ווער פאַרפרוירן... און וואו קאָן מען איצט נעמען געלט? און איר מיינט אוודאי, אַז איר זייט „אַרויס״, וועט איר גלייך געפינען אַרבעט און באַצאָלן רענט.... לייגט זיך ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם! ס׳איז ניטאָ קיין אַרבעט. מיליאָנען קאָנען קיין אַרבעט ניט געפינען! איר הערט? — מיליאָנען! מיין מאַן שטייט אויף יעדן טאָג „מיט די הענער״, גייט אוועק שמייען אין די „מאַרקעטס״ און קומט אַהיים מיט גאָרניט... שעפּער מאַכן זיך צו, שעפּער אַנטלויפן אין „קאַנטרי״. דאָרטן זיינען אַרבעט־הענט ביליקער...

זי האָט אַזוי גערעדט מיט געשוואָלענע אויגן קעגן אים, און ער האָט געטראַכט: ער איז מיט דער פרייד געגאַנגען איבער די גאַסן, געטראָגן זי אַנטקעגן זיינע קינדער און זיין ווייב, און אָט באַגעגנט אים אַ זאָרג, צרות, נויט. וואָס וועט זיין? וואָס וועט ער טאָן?... און די שכנה האָט ווידער געוויינט, געווישט די טרערן און געכליפּעט.

מאַקס האָט געזאָגט:

— נו, איך וועל אַרויסגיין אויף דער גאַס אַ זוך־טאָן דאָבען... אפשר וועל איך זי געפינען...

די שכנה האָט אים דערמוטיקט:

— אוודאי! גייט אַרויס אויף דילענסי סטריט... זי זיצט מסתמא מיט די עפּל אויף אַ קאָרנער... די קינדער קומען פון סקול דריי אַ זייגער. איצט איז ערשט צוועלף... אַמאָל פלעגן די קינדער צוועלף אַ זייגער קומען אַהיים עפּעס עסן, און איצט קומען זיי אַפילו ניט אַהיים.

מאַקס האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט פון דער טיר. אַ ווײַלע געשטאַנען

אין פאַרלוירנקייט און נאָכדעם מיט לאַנגזאַמע, אָפּגעשוואַכטע פּיס גענומען אַראָפּלאָזן זיך איבער די אַלטע סקריפּנדיקע טרעפּ צו דער גאַס. ער האָט זיך ניט געאײַלט. עס איז איצט ניט געווען קיין אימפּעט אין די גלידער. אין האַרצן איז געווען אַ מורא צו באַגעגענען דאָבען. ווי וועט זי אים באַגעגענען? וואָס וועט זי אים זאָגן? וואָס וועט ער איר זאָגן?

אין דרויסן איז אים געוואָרן אַ ביסל לײַכטער. די קאַלטע, ווינטערדיקע לופט האָט אים דערפרישט. דער טומל אויף דער ברייטער דילענסי סטריט האָט אים צעשטרייט. אַרום איז געווען פול מיט לעבן. מענטשן זײַנען געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ דער גאַס. די גאַס איז געווען באַלעבט מיט מענטשלעכע רייד. די קראָמען האָבן געשײַנט מיט זייערע וויטרינעס. אויף די ראָגן האָבן די „פּוש־קאַרט"־פּעדלערס הויך אויסגעשריען זייערע „באַרגעינס". אַזויפיל פּעדלערס האָט ער פריער קיין מאָל ניט געזען אויף דער גאַס. אויף יעדן ראָג האָבן מענער און פרויען אויפגעשטעלט קלײנע געשטעלן, אויסגעלייגט עפּל אין קלײנע פּיראַמידן און געדולדיק געוואַרט אויף אַ „קאַסטימער". מאַקס האָט זיך געוואונדערט, וואָס גראָד אין דער צײַט פון „דעפּרעשאָן" האָבן מענטשן אָנגעהויבן צו עסן עפּל. ער איז פאַרבײַגעגאַנגען צענדליקער גאַסן און געזוכט דאָבען. ער האָט זי געפונען העט־ווײַט אויף אַ ראָג, לעבן אַ ליידיקן „לאָט". זי איז געזעסן אײַנגעוויקלט אין שמאַטעס. געזעסן אומבאַוועגלעך, ווי אַ פאַרגליווערטע, אויף אַ פּרוכט־קעסטל. עס איז שווער געווען זי צו דערקענען פון דער ווײַטנס. מאַקס האָט זיך אָפּגעשטעלט. געוואָלט אָפּרוקן די באַגעגעניש. זי איז געזעסן, ווי זי וואָלט געווען בלינד. זי האָט אים ניט באַמערקט. דאָס איז געווען דאָבע, זײַן ווײַב. זי איז דאָ אַליין געזעסן אין דער ווינטערדיקער קעלט, געוואָלט פאַרדינען עטלעכע פּעניס צו קויפן ברויט פאַר אירע קינדער, צו דערהאַלטן די נשמה... אַ געמיט פון אַלערליי געפילן האָט אָנגעפילט זײַן האַרץ: פרייד און טרויער און שרעק און רחמנות... אַלץ מיט איין מאָל. אָט איז זי דאָ געזעסן, זײַן ווײַב דאָבע, די מאַמע פון זײַנע קינדער, ווי אַ באַרג שמאַטעס, אין דער אומפּרײַנטלעכער וועלט, און געוואַרט, אַז אימעצער זאָל קויפן אַן עפּל, און ער איז געשטאַנען מיט מורא אין האַרצן צוצוגיין צו איר מיט זײַן געפאַלנקייט.

ער איז צוגעגאַנגען. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן און ערשט, אין עטלעכע רגעס אַרום, אויסגעשריען:

— אוי, ווי איז מיר, דו ביסט שוין „אַרויס״?!... זע נאָר, כ׳האָב דיך גאָר ניט דערקענט... טפו!... אויף מיינע שונאימס קעפּ!...

ער האָט ניט געהאַט קיין ווערטער. א האַרטקייט האָט פאַרקלעמט זיין גאָרגל. דערפילט אַ נאַסקייט אין די אויגן. איינגאַנצן געוועזן, ווי אַ קליין קינד.

זי האָט געזאָגט:

—די קינדער וועלן זיך פרייען...

יאָ. אַזוי האָט זי געזאָגט: „די קינדער וועלן זיך פרייען...״ אָבער אויף איר פּנים האָט ער ניט געזען קיין פרייד. אויף איר פּנים איז געווען פאַר־לוירנקייט, וואָס האָט אויסגעדריקט איינגעהאַלטענעם פאַרדראָס.

— און איך האָב אַלץ געטראַכט, אַז דו קומסט אַהיים ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום.

מאַקס האָט געזאָגט:

— „פאָר גוד בעהעיוויאָר״ האָבן זיי מיך אַרויסגעלאָזט אַ ביסל פריער.... וואָס מאַכן די קינדער?

און איידער זי האָט צייט געהאַט צו ענטפערן, צוגעגעבן:

— איך הער, ס׳איז דאָ ניט פריילעך?

— וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו! ס׳איז מיטן טויט צו־גלייך!

— די נעקסט־דאָריקע האָט מיר געזאָגט וועגן דעם „דיספּאָזעס״.

— אַ קרענק דעם לענדלאָרד אין די ביינער! היינט געקראָגן. ער האָט גאָר קיין רחמנות ניט, דער מערדער!... וועסט ניט גלויבן, איך זיץ דאָ אַזוי פון אינדערפרי, קיין צעבראָכענע פעני ניט געלייזט. מיינע ביינער זיינען מיר דורכגעפראָרן... און מ׳לאָזט דען זיצן? פריער פלעגט מען לאָזן, און איצט טרייבן די פּאָליסלייט, ווי הינט, פון איין אָרט צו דעם אַנדערן... די פּראָבעט־סטאָרס מסרן. לעצטע וואָך האָט מען אַ סך פּעדלער באַשטראָפט מיט אַ דאָלאַר... וואו קען מען זיי נעמען אַ דאָלאַר, אַז מ׳לייזט גאָרניט?

מאַקס האָט אַ טראַכט געטאָן: זיין דאָבע איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. איר אַמאָליקער ברייטער פּנים איז געוואָרן דינער, איידעלער. אַ סך נייע קנייטשן האָבן זיך אַריינגעוועבט אויף די באַקן און אונטער די אויגן. אַ פּאַס האָר, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אונטערן קאָפּ־טיכל, האָט דערציילט וועגן גרויע האָר... זי האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן:

— אוי, כ׳וועל גיין אַהיים עפּעס צושטעלן עסן. די קינדער וועלן קומען אַהיים הונגעריקע... זיי פּלאָגן זיך, נעבעך, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען, אָן אַ היים... וויי איז צו אונדז!

איר שטים האָט זיך אַ בראָך געטאָן. מאַקס האָט געזען: דאָבע האָט געוויינט. זי האָט הויך אַ שמאַרקע געטאָן אין אַ ברעג פון איר קאָפּ־טיכל מיט דער רויט־דערפראָרענער נאָז און אַנטשוויגן געוואָרן, אַ פאַרקלעמטע. נאָכדעם צוזאמענגעוואָרפן די עפּל אין דעם פּרוכט־קעסל, אויף וועלכן זי איז געזעסן, און אַ זאָג געטאָן צו מאַקסן:

— דער זייגער מוז שוין זיין נאָך איינס. קום, לאָמיר גיין אַהיים. קיין גבירנטע וועל איך שוין ניט ווערן. אומשטיינס געזאָגט, מיינע „ביזנעס״...

מאַקס האָט גענומען ביי איר דאָס קעסטל, אויפגעהויבן אויפן אַקסל, און זיי זיינען ביידע אַוועק שווייגנדיקע. געגאַנגען און געשוויגן. ער — אויס מורא צו זאָגן אַן איבעריק וואָרט, און זי — אויס מורא פאַר דעם אייגענעם געוויין, וואָס האָט זיך געריסן פון איר. עס איז ניט געווען באַקוועם צו טראָגן די עפּל. פון דעם האָט מאַקס שווער געאָטעמט. דאָבע האָט עס באַמערקט, געזאָגט:

— שטעל זיך אָפּ, מאַקס. שטעל אַוועק די „באַקס״ אויף דער ערד. רו זיך אָפּ. דו ביסט פאַרמאַטערט. קאָנסט דעם אָטעם ניט כאַפּן...

מאַקס האָט געפאָלגט. אַראָפּגענומען דאָס קעסטל, אַוועקגעשטעלט אויף דעם טראָטואַר. מ׳איז געשטאַנען אָן ווערטער. ס׳איז ניט געווען קיין פרייד אין האַרצן. ער איז געגאַנגען אַהיים, צו זיין אייגענער היים, וואו ער איז שוין אַכט חדשים ניט געווען, און קיין פרייד פון דעם איז ניט געווען...

די היים איז געווען די זעלביקע. אָבער אַלץ איז דאָ געווען זייער פאַרעלטערט, אָפּגעטראָגן. קיין איין נייער חפץ איז ניט געווען אין הויז. אַלטקייט אויף אַלטקייט. שמאַטע אויף שמאַטע. אַלטע שטיקלעך מעבל, צוזאַמענגעשלאָגן מיט טשוועקעס. אַמאָל האָט ער אַליין איבער זיי געמיים־טרעוועט, און איצט האָט אפּנים סעמקע אַליין דאָ, אָן אים, געקלאַפּט די טשוועקעס אין די שטול־פיסלעך, אין טיש... די ווענט זיינען געווען פאַרשמאָלצן און זיך געשיילט. אַ באַקאַנטער ריח פון דער אַלטער אָרעמ־קייט האָט אַ שפּאַר געטאָן אין די נאָזלעכער, ווי נאָר ער האָט איבערגעטראָטן

די שוועל. דאָס איז געווען זיין היים, די היים פון זיין ווייב און קינדער, און אַהער איז ער איצט געקומען אָנהייבן צוריק דאָס איבערגעריסן שטיקל לעבן. ער האָט געזאָגט:

— אַלץ איז ווי אַמאָל, נאָר אַ ביסל עלטער געוואָרן...

— זאַכן ווערן ניט נייער, און מענטשן ווערן ניט יינגער...

ער האָט זי איצט געזען אָן די איבערשטע קליידער. זי איז געווען דינער, און איר קאָפּ איז געווען האַלב־גרוי. פון דעם האָט זי אויסגעזען אי יינגער, אי עלטער. אָבער אינגאַנצן איז זי געווען איידעלער. אין זיינע אויגן איז זי געוואָרן שענער. דאָס האָט אַפילו אַ ריר געטאָן זיין האַרץ צו איר מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט:

— ביסט געוואָרן דינער, דאָבע...

— דינער און עלטער, מיין מאַן...

ס'איז געווען אַ ביסל באַהאַלטענע קאָקעטישקייט אין אירע ווערטער. האָט ער געהאַט אַ פאַרלאַנג צו געבן איר אַ קאָמפּלימענט:

— אָבער עס פּאַסט דיר גראָד...

— ס'איז איצט דאָ אַ מאָדע צו „רעדיוסן"... האָב איך אַראָפּגענומען אַ ביסל וואָג און געוואָרן אַ גאַנצע קראַסאַוויצע... און דו ביסט געוואָרן אַ ביסל דיקער. אַפּנים, אַז ביי דער „גאָווערנעמענט" אויף קעסט קאָרמעט מען ניט שלעכט...

— מ'האָט ניט געהונגערט... גויאיש עסן, אָבער מ'האָט געגעסן צו־זאַט...

— ניט אַלץ איז דאָס עסן... אַ היים איז ניט קיין „פּריזאָן".

— אַז מ'הונגערט, איז אַ היים ערגער פון אַ „פּריזאָן".

מאַקס האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן קיך־טיש. דאָבע האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. אויפגעשטעלט וואַסער אויפן גאַז־רענטש, פון אַ קעסטל האָט זי אַרויסגענומען עטלעכע קאַרטאָפלעס און אַ ציבעלע, געשיילט די קאַרטאָפלעס זייער פאָרזיכטיק און אָנגעהויבן צו דערציילן. פריער וועגן די קינדער, וואָס פאַר אַ געראָטענע קינדער דאָס זיינען, און נאָכדעם וועגן דעם לעבן אויף דער איסט־סייד דורך די לאַנגע חדשים פון קריזיס. דערציילנדיק, האָט זי עטלעכע מאָל געוויינט, באַרואיקט זיך, און ווידער דערציילט. פּלוצלינג, דערמאָנט זיך וועגן

פּיוולען און מיט גאָר א באַזונדער אינטערעס דערציילט, אַז ער איז שוין פאַרהייראַט און אַז זיין ווייב איז לייטשע, די שטיף־שוועסטער... נו, וואָלסט עס געגלויבט...

און ס׳איז טאַקע געווען וואונדערלעך, וואָס עס האָט זיך געקאָנט פאַרלויפן אין משך פון אַכט חדשים! ווי דאָס לעבן האָט זיך עס אויסגעלייגט! דער אַמאָליקער סטודענט פון זיין שטעטל, דעם גבירס זונדל, איז גאָר געוואָרן אין אַמעריקע אַ פּראָסטער ארבעטער אין אַ שאַפּ, האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּראָסטער שאַפּ־מיידל, און די שאַפּ־מיידל איז געווען זייער שטיף־שוועסטער. ס׳איז געווען, ווי אַ מעשה פון אַ ראָמאַן. און ער האָט געזאָגט:

— מעגסט זאָגן, וואָס דו ווילסט. אָבער ס׳איז אַ מאָדנער שידוך...

— אַ שידוך, ווי אַלע שידוכים.

— אָבער דאָך — פּיוול גאָלדיס! ס׳איז ניט קיין קליינינקייט!...

— אין אַמעריקע זיינען אַלע גלייך. קיין יחסנים זיינען דאָ ניטאָ.

— איך וואָלט זיי וועלן אָנקוקן, דאָס פּאָרל. פּיוול און לייטשע!

— זאָל סעמקע קומען פון סקול, וועל איך אים צושיקן. זאָלן זיי וויסן, אַז דו ביסט שוין אין דער היים. זיי וואוינען דאָ, אויף דער איסט־סייד.

*

אַרום דריי אַ זייגער זיינען די קינדער געקומען פון סקול. זיי האָבן זיך זייער דערפרייט מיטן טאַטן. אין זייערע אויגן איז געווען איבערראַשונג און פאַרשעמטקייט. אָבער די פאַרשעמטקייט איז באַלד פאַרשוואונדן. סעמקע האָט צו אים גערעדט, ווי אַ דערוואַקסענער. זיין קול האָט זיך געבראָכן. אַט איז עס געווען אַ שטים פון אַ קינד, און אַט איז עס געווען אַ שטים פון אַ דערוואַקסענעם. דאָס האָט געפרייט און שווער געמאַכט דאָס געמיט. מאַקס האָט געזאָגט:

— ביסט מיר דאָ געוואָרן אַ גאַנצער בחור...

אויך צו דער טאָכטער האָט ער געזאָגט:

— און דו ביסט אויך גרעסער געוואָרן...

זיין האַרץ האָט פאַרקלעמט דערזעענדיק, אַז פאַר דער קורצער צייט, וואָס ער איז ניט געווען מיט זיי, זיינען די קינדער היפּשלעך אויסגע־

וואַקסן, געענדערט זיך, אין זייער יונגקייט געוואָרן עלטער, מיט אויגן, וואָס האָבן דערציילט פון דערפּאַרונג און פון ליידן. ס׳איז פון דעם ווידער געוועזן אי גוט, אי אומעטיק. ער האָט זיך, צוליב עפּעס, געפילט שולדיק און פארשעמט. שולדיק און פאַרשעמט פאַר די אייגענע קינדער. און אפשר איז עס געווען דערפאַר, וואָס זיינע קינדער זיינען אָן אים אויסגעוואַקסן אין אַזאַ ביטערער אָרעמקייט. אָט זיינען זיי דאָך פאַר אים געשטאַנען, זיינע קינדער, בלייכע, אין אָפּגעטראָגענע קליידער, און ער, דער טאַטע, וואָס האָט ער פאַר זיי געבראַכט? וואָס פאַר אַ טאַטע איז ער? לאַנגע חדשים געזעסן אין תפיסה אין איינעם מיט אַלערליי פאַרברעכער, אַליין ווי אַ פאַרברעכער, ביי דער רעגירונג אויף קעסט. און זיי מיט זייער מאַמען זיינען דאָ געווען אַליין, איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט. און איצט איז ער געקומען צו זיי, ווי אַ ניט־געבעטענער גאַסט, אָן טרייסט און אָן האָפענונג, צו נעמען ביי זיי ליבשאַפט. און פאַרוואָס קומט אים ליבשאַפט?

פלוצלינג האָט ער אַרומגעכאַפּט זיינע קינדער און זיך ביטער פאַנאַנ־דערגעוויינט. ניט געקאָנט איינשטילן דעם שטאַרקן אָנלויף פון געפילן, וואָס האָבן געריסן פון האַלדז דעם ביטערן געיאָמער. דאָבע איז געשטאַנען אָן אַ זייט און געווישט די טרערן. געזען ווי דעם מאַנס פּלייצעס טרייסלען זיך אין קאָנוואולסיעס, אָבער ניט צוגעגאַנגען צו אים צו זאָגן אַ וואָרט. די קינדער זיינען אויך אָפּגעטראָטן אין אַ ווינקל און זיך פאַנאַנדערגע־כליפּעט.

די ערשטע איז געקומען צו זיך דאָבע:

— נו, זאָל שוין זיין גענוג... גענוג געוויינט... כ׳האָב שוין אַמאָל געמיינט, אַז קיין טרערן זיינען ניט געבליבן... ערשט...

און אָנגעשריען אויף די קינדער:

— איך האָב דאָך געזאָגט: גענוג!... וואָס האָט איר זיך מיר דאָ אַלע פאַנאַנדערגעיאָכמערט?... געזען אַ ביסל?... נו, נו! זעצט זיך שוין צום טיש עסן!

און זי האָט דערביי אָנגעשניצט אַ פולן פאַרטוך מיט טרערן און גענומען דערלאַנגען צום טיש די הייסע, פאַרעדיקע קאַרטאָפלעס.

די משפחה האָט שווייגנדיק געפאָלגט, געזעצט זיך צום טיש, אָבער נאָך אַלץ ניט געוואַגט צו רירן מיט אַ האַנט, געזעסן און געשלונגען די לעצטע טרערן. קיינער האָט ניט געקאָנט זיין דער ערשטער אָנצוהייבן די סעודה.

דאָבע האָט ווידער אָנגעשריען:

— נו, וואָס זיצט איר? די פּאָטעיטאָס ווערן אָפּגעקילט... ווייניק קאַלט איז אין שטוב? וואָס פאַר אַ טעם האָבן קאַלטע פּאָטעיטאָס?...

סעם האָט געזאָגט:

— איך בין ניט הונגעריק.

פריידל האָט אויך צוגעגעבן, ווי אַן עכאָ:

— כ׳בין עפּעס אויך ניט הונגעריק...

אָבער איצט איז שוין דאָבע באמת געווען אין כעס:

— וואָס הייסט, איר זייט ניט הונגעריק?! פון אין דער פרי קיין ביסן ניט געהאַט אין מויל... איר זייט דאָך שוין הויט און ביינער! איר זאָלט מיר גלייך אָנהייבן צו עסן, איר הערט, וואָס מ׳זאָגט אייך?!...

די קינדער האָבן געפאָלגט. געוואָרגן זיך מיטן ביסן, אָבער געפאָלגט. מאַקס האָט אויך געפאָלגט. מיט שווערקייט אראָפּגעשלונגען דעם ערשטן ביסן, אָבער דאָס האָט באַרואיקט. נאָך אַ מאָל דערפילט, אַז ער איז טאַקע אין דער היים, ביים אייגענעם טיש, מיט אייגענער ווייב און קינדער.

די ערשטע אויפצוהייבן זיך פונעם טיש זיינען געווען די קינדער. זיי האָבן זיך אַרויסגערוקט פון טיש, ווי שולדיקע. מורא געהאַט אויפצו־הייבן די אויגן אויף די עלטערן. דאָבע האָט זיך צוגעבויגן צו מאַקסן און געזאָגט מיט אַ באַזונדער מוטערלעכן שטאָלץ:

— אַזאַ געזונט אויף אונדז ביידן, וואָס פאַר אַ גאָלדענע נשמות דאָס זיינען. פאַרשטייען אַלץ, ווי גרויסע... מיר פאַר זיי, ווי זיי מוטשען זיך ביי אונדז.

זי האָט זיך ביטער פאַרקרימט און איינגעהאַלטן די טרערן.

2

און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער נאָכמיטאָג אין דער היים. סעמקע האָט זיך אָנגעטאָן און אַוועק פאַנאַנדערצוטראָגן די צייטונגען אויפן „ראוט”. ער איז אַוועק מיט דער ערנסטקייט און זאָרג פון אַ דער־וואַקסענעם, וואָס לאָזט זיך אַרויס אין קאַלטן דרויסן צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט. ער האָט געשוויגן און דאָך האָט עפּעס פון אים גערעדט. דאָבע האָט אים נאָכגעשריען, אַז ער זאָל ניט פאַרגעסן צו רופן פּ״וולען

און לייטשען. פריידל האָט זיך אַוועקגעזעצט צו דער היימאַרבעט. דאָבע האָט זיך געפּאָרעט אַרום דעם געפּעס, און ער, מאַקס, איז אויף אַ וויילע געבליבן אַליין מיט זיך. עס איז געווען היים. עס איז געווען נאָענטקייט און צובונד. און לעבן איז געווען לעבן.

שפּעטער איז דאָבע צוגעקומען און אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן אַלץ, וואָס דאָ אין הויז איז פאַרלאָפן אין זיין אָפּוועזנהייט. אַ סך נייעס איז דאָ פאָרגעקומען. איינער איז דאָ געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג אין מיטן דער גאַס. אַ קינד איז דאָ ארויסגעפאַלן פון פינפטן שטאָק און איז דערהרגעט געוואָרן. עטלעכע באַקאַנטע זיינען צוגענומען געוואָרן אין שפּיטאָל געפּערלעך־קראַנקע, האָבן דורכגעמאַכט אָפּעראַציעס און האָבן זיך געראַנגלט מיטן טויט. איין מאַן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ניט געקאָנט קריגן קיין אַרבעט... ביטערע זאַכן זיינען דאָ פאָרגעקומען אין זיין אָפּוועזנהייט. און ווי לאַנג צוריק איז ער דען אַוועק פון דער היים? — אָט איז עס, דאַכט זיך, געווען. פון דעם איז אים געוואָרן זייער שווער, ניט געקאָנט אויסריידן אַ וואָרט.

דאָבע האָט אין אירע טרויעריקע מעשׂות ניט פאַרגעסן אויך זייער אייגענעם אומגליק, דעם „דיספּאָזעס". דאָ אין הויז איז עס געלעגן אין אַ שופלאָדל, ווי אַ גיפטיקע שלאַנג, דער "דיספּאָזעס", אַ שטיקל צונויפגע־לייגט פּאַפּירל, וואָס האָט פאַרביטערט דאָס לעבן, צוגענומען די זיכער־קייט פון דעם מאָרגנדיקן טאָג.

אין אָוונט זיינען געקומען פייוול און לייטשע. זיי האָבן פאַרבראַכט אַ קורצע צייט. פייוול האָט זיך געאיילט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעט־לאָזע. אין דער קורצער צייט האָט מען אָבער אַ סך גערעדט וועגן דעם ביטערן קריזיס. וועגן די צוגרייטונגען פון די מלחמה־וועטעראַנען, וועלכע האָבן זיך געקליבן צו מאַרשירן אין דער הויפּט־שטאָט, אין וואַשינגטאָן, מיט שטרענגע פאָדערונגען, וועגן דער גרויסער אויפרודערונג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די ברייטע מאַסן. עס איז געווען אַ צייט פון קאַמף. מאַקס האָט אַלץ אויסגעהערט מיט אַ פאַרשטאַרקטן אינטערעס. געפילט, אַז אין אים וועקט זיך אַ געפיל, וואָס איז געווען מאָדנע ענלעך צו נקמה. עפּעס אַזוי, ווי דאָס, וואָס איז איצט פאָרגעקומען, וואָלט זיך צוזאַמענגע־פאַלן מיט זיין פּערזענלעכן נקמה־געפיל קעגן דער וועלט, וואָס האָט אים פּערזענלעך אַ לעבן־לאַנג געפּייניקט און פאַרפאָלגט. און דערפאַר, ווען

פּיוול און לייטשע זיינען אַוועק, האָט ער טאַקע די ערשטע זאַך געזאָגט דאָבען:

— מ׳וועט זיי פּאַר אַלץ באַצאָלן, פּאַר אַלץ!...

דאָבע האָט געזאָגט:

— באַצאָלן — וועמען? וועמען מיינסטו?

— וועמען? די מערדערס! זייער ביטערער טאָג וועט אויך קומען! זיי וועלן שוין מער ניט צאַפּן אונדזער בלוט, די בלוטזויגערס!...

איצט האָט דאָבע פאַרשטאַנען. און מאַקס האָט פון זיינע אייגענע עטלעכע ווערטער דערפילט אַ גרויסן צושטראָם פון כוחות. עפּעס ווי זיין לעבן וואָלט איצט געוואָרן וויכטיק. ער האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט זיך געהויבן איבער שטאַפּלען, געשטיגן צו אַ הויך. דער קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען, איז געווען זיין אייגענער קאַמף, און די נקמה, וואָס די וועלט האָט געזוכט צו נעמען, איז געווען זיין אייגענע נקמה.

אָבער דאָבע האָט איבערגעריסן דעם שטראָם פון זיינע געפילן.

— האָסט געזען, מאַקס, זי איז דאָך שוין אויף דער צייט, לייטשע?״ זי מוז שוין אפשר זיין אין אכטן חודש.

מאַקס האָט ניט געענטפערט.

— וועלן מיר, הייסט עס, האָבן אַ ברית, צי אַ מזל־טוב... נו, זאָל זיין מיט מזל!

3

און אַזוי האָט מאַקס ווידער פאַרקנופּט דעם איבערגעריסענעם פאָדעם פון זיין לעבן. עס איז געקומען אַ טאָג און אַ נאַכט, און ווידער אַ טאָג און אַ נאַכט. יעדן טאָג איז ער אויפגעשטאַנען אַ פאַרזאָרגטער און אַוועק זוכן אַרבעט, און יעדע נאַכט איז ער געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט, אַז ער איז אַן איבעריקע אויף דער וועלט, אַז קיינער דאַרף אים ניט. און אַט וועט באַלד קומען דער טאָג, ווען עס וועט קומען דער מאַרשאַל, וועט אַרויסוואַרפן זיינע בעבעכעס אין דרויסן אָן רחמנות און אָן יושר, אַט אַזוי ווי אַ שטיק ברוכוואַרג.

און די טעג זיינען געלאָפן שנעל, דערנענטערט זיך צו דער דאַטע, וואָס איז געווען אָנגעצייכנט אויף דעם „דיספּאָזעס״, ווי צו אַן אָפּגרונט.

וויפל פלענער מאַן און ווייב האָבן ניט געמאַכט, האָבן זיי ניט געטויגט. עס איז ניט געווען קיין אויסוועג. צום סוף האָט מאַקס געזאָגט מיט געפאַ־לנקייט אין קול:

— נו, איך זע, אַז ס׳איז פאַרפאַלן. מען וועט אונדז אַרויסוואַרפן אויף צווײי שפּענדלעך... כאָטש נעם, לייג זיך און שטאַרב...

דאָבע איז נאָך געווען פאַרעקשנט:

— אַ מענטש גיט דיר אָט אַזוי אַ זאָג: פאַרפאַלן!... כ׳וועל ניט דערלאָזן, אַז מײַנע קינדער זאָלן זיך וואַלגערן אויף דער גאַס!

— וואָס וועסטו טאָן?

— איך וועל זיי אָוועקפירן צו מלכהן! ביז וואָס־ווען.

—אַ מענטשן פאַלט עס איין: צו מלכהן! אָט וועט דיר משה, דער קאַרגער, נעמען און עפענען זיין הויז פאַר דיר און דיינע קינדער. לייגסט זיך פייגעלעך אין בוזעם, דאָבע. ניטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן...

— ער איז דאָך ניט קיין מערדער, משה. איך וועל קומען צו אים, כ׳וועל פאַלן צו זיינע פיס, וועל איך פאַלן, און וויינען... און מלכה וועט אויך ניט דערלאָזן. זי איז אַ הייליקע נשמה. זי וועט אויך פאַר מיר וויינען...

— ניין, איך גלייב ניט, אַז משה וועט פאַר דיר עפענען זיינע טירן. דו קאָנסט ניט משהן, דאָבע. זיין האַרץ איז פון שטיין. וויפיל טראָגט פון אים אַריבער מלכה? איך זאָג דיר: ס׳איז באו מים עד נפש...

דאָבע האָט געזאָגט:

— מ׳זאָגט, אַז עס איז ערגעץ דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַ קאָנסל פאַר אַרבעט־לאָזע. מענטשן קומען צו זיי און זיי גיבן הילף...

— ע!... דאָס איז מסתמא צדקה.

— פייוול האָט אויך עפּעס דערמאָנט וועגן דעם. האָסט פאַרגעסן?

— כ׳וועל ניט גיין בעטן קיין נדבות. קיין בעטלער בין איך קיין מאָל ניט געווען און כ׳וועל ניט זיין. כ׳האָב אַלע מאָל פאַרדינט מיין אָרעם שטיקל ברויט...

— ביסט ביי מיר געוואָרן אַ גאַנצער העלד זינט האָסט פאַרזוכט אָנקל סעמס קעסט... אים שטייט ניט אָן צו בעטן הילף! וואָס ווילסטו, אַז מיר זאָלן זיך הונגעריקע וואַלגערן אויף דער גאַס? צו משהן ווילסטו ניט,

אַז איך זאָל גיין, צום קאָנסל אויך ניט... וואָס זשע איז פּאָרט דיין פּלאַן?

מאַקס האָט געשוויגן. האָט דאָבע געזאָגט:

— איך וועל מאָרגן אין דער פרי צופאָרן צו מלכהן. נישקשה, איך וועל ביי זיי קיין וואַנט פון זייער הויז ניט אָפּעסן. דאָס הויז פּוסטעוועט ביי זיי סיי ווי סיי. דריי נפשות פאַרנעמען אַ גאַנצן פּאַלאַץ.

און אַזוי איז טאַקע געבליבן. אויף מאָרגן איז דאָבע אַוועקגעפאָרן צו מלכהן. פון מלכהן איז זי געפאָרן צו משהן אין געשעפט. זי האָט פאַר אים אויסגעוויינט איר ביטער האַרץ, האָט געשוואָרן מיט איר לעבן און מיטן לעבן פון איר מאַן און קינדער, אַז זיי וועלן ביי אים אין הויז פאַרבלייבן עטלעכע געציילטע טעג, ביז וואָס־ווען. זיי וועלן זייערס ניט פאַרנעמען, וואָס אַ האָר איז ווערט. זיי וועלן אים באַצאָלן מיט פּראָצענטן פאַר זיין גוט האַרץ...

משה האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט, אָבער ער האָט צוגעשטימט אַריינצולאָזן זיי צו זיך אין הויז אויף עטלעכע טעג. און ער האָט טאַקע באַטאָנט:

— איך לאָז אייך אַריין אויף צוויי־דריי טעג, אָבער ניט מער. מיין הויז איז ניט קיין האָטעל...

דאָבע איז געווען צופרידן. זי איז געקומען אַהיים מיט אַ געמישטן געפיל פון געפאַלנקייט און דערהויבנקייט: עס איז געווען איר אייגענער אויפטו צו גיין צו די זעליגס, און זי האָט עס דערגרייכט. אָבער קיין צו גרויסע טרייסט איז עס אויך ניט געווען. עס איז געווען אַ צייטווייליקע רעטונג. מ׳וועט אפשר אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אָבער די צוקונפט איז נאָך אַלץ געווען פינצטער.

דערווייל האָט זי געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן דעם הויז פון די זעליגס. וועגן דעם הויז, וועגן מלכהן און באַזונדערס — וועגן דעם בלינדן ברוך. זי האָט אים געזען אַ קורצע ווײַלע. ער איז אַריינגעקומען אין צימער, וואו זי האָט גערעדט מיט מלכהן, אָפּגעשטעלט זיך און געוואָרט ביז מלכה וועט עפּעס זאָגן. מלכה האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז דאָבע און נאָך וואָס זי איז געקומען. האָט ער געזאָגט, אַז אין הויז זיינען פאַראַן אַ סך ליידיקע צימערן און אַז ניט נאָר איין פאַמיליע, נאָר ווען עס

וואָלטן געווען עטלעכע, האָט מען זיי באַדאַרפט ראַטעווען פון דער גאַס. יאָ. אַט אַזוי האָט ער געזאָגט.

זי האָט אויך אַ סך דערציילט וועגן מלכהן. מלכה איז געוואָרן אַן אַנדער מלכה. געוואָרן ייִנגער און שענער. עפּעס גאָר ניט יענע מלכה. און ווי זי רעדט עס אָפּן קעגן איר מאַן! פאַר אים, פאַרן בלינדן, האָט זי גערעדט, וועגן משהס ביטערער קאַרגקייט, און אַז ער וועט מסתמא זיי ניט אַריינלאָזן אין הויז, אַזאַ איז שוין משה געווען אַלע מאָל, און וועט שוין אַזאַ שטאַרבן... און אויך דער בלינדער האָט צוגעגעבן אַלץ, וואָס זי האָט געזאָגט וועגן זיין ברודער, און דאָס איז געווען זייער מאָדנע. דאָבע האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זיי ביידע האָבן אין איר אָנוועזנקייט געקאָנט אַזוי ריידן.

צום סוף האָט זי צוגעגעבן:

— מעגסט זאָגן, וואָס דו ווילסט, מאַקס, איך וואָלט מורא געהאַט צו זיין אין הויז מיט דעם בלינדן אַזוי פיל יאָרן. ער איז אַ מאָדנער מענטש, דער בלינדער... עפּעס אַ מענטש ווי פון יענער וועלט.

מאַקס האָט אויף דעם געענטפערט:

— נארישקייטן... אַ מענטש, ווי אַלע מענטשן.

— זאָלסט נאָך היינט צופאָרן זען מלכהן. זי האָט דיך שוין אַזוי לאַנג ניט געזען. זי האָט מיר אפשר צען מאָל אָנגעזאָגט, אַז זי וועט אויף דיר וואַרטן. פאָר אַריבער און זע כאָטש מיט דיינע אויגן אין וואָס פאַר אַ פּאַלאַץ דיין ווייב און קינדער וועלן וואוינען...

קאַפּיטל פיר

אין אַ נעפּל

1

אָבער מאַקס האָט ניט געוואָלט פאָרן צו מלכהן. ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער. דאָבע איז צוגעשטאַנען צו אים פריער — מיט גוטן און דערנאָך — שוין מיט בייזן און מיט האַרבע ווערטער. און וואָס מער דאָבע איז צו אים צוגעשטאַנען און פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל אַראָפּפאָרן צו מלכהן און צו איר מאַן, משה־זעליג, — אַלץ שווערער איז פאַר אים געווען צו טאָן עס. ער האָט געוואוסט, וואָס אָט דער משה איז, און ס׳איז אים געווען איבערדריסיק צו בעטן ביי אים אַ טובה און זיך באַזעצן מיט ווייב און קינדער ביי אים. צו מלכהן האָט ער געהאַט אַ גוט געפיל, ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי זי קאָן לעבן מיט אָט דעם מאַן.

דערצו האָט מאַקס אַלץ געהאָפט אויף אַ נס, — אפשר וועט עפּעס געשען, און עס וועט ניט קומען דערצו, אַז מען וועט זיין משפחה מיט די זאַכן אַרויסוואַרפן פון דער דירה. עס איז נאָך ניט הפקר אַ וועלט — האָט ער זיך געטרייסט און געמוטיקט.

און אַזוי איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אין שטוב איז געוואָרן אַן אמתער גיהינום. דאָבע איז געוואָרן אַלץ מער געררייצטער און האָט איר כעס און צאָרן אויסגעלאָזט צו מאַקסן...

און אָט איז געקומען דער טאָג, ווען דער מאַרשאַל האָט באַדאַרפט קומען. צען אַ זייגער האָט ער געזאָלט קומען, ווי אַ מלאך המוות, און אַרויסשטעלן דאָס ביסל אָרעמקייט אויף דער גאַס פאַרן פּנים פון דער

וועלט. אַ פרעמדער מענטש האָט באַדאַרפט קומען צעשטערן די אָרעמע היים זיינע און אַרויסטרייבן אים מיט ווייב און קינד אויף דער קאַלטער ווינטערדיקער גאַס.

מאַקס האָט זיך אויפגעהויבן פון בעט, — אויף וועלכער ער האָט זיך אַן אומרואיקער געדרייט אַ גאַנצע נאַכט, — זייער פרי. ס׳איז נאָך געווען פינצטער. די ווייב מיט די קינדער האָבן זיך געטוליעט אין בעט אונטער אַ באַרג שמאַטעס. ער האָט זיך אַרויסגעגנבעט פונעם שלאָפצימער און אַריין אין קיך. אין הויז איז געווען קאַלט. די צימערן זיינען שוין לאַנג ניט געווען געהייצט. ס׳איז ניט געווען קיין גאַז און עלעקטריע. ער האָט אויפגעזוכט אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן, כדי צו דערזען זיך אין דער קעלט און עלנטקייט פון זיין היים. אין קיך זיינען געשטאַנען עטלעכע ליידיקע קעסטלעך מיט אַלטע אָפּגענוצטע הויז־מכשירים: טעפּלעך, טעלער, לעפל, גאָפּל. אין אַן אַלטן מאַנטל איז געלעגן אַ צונויפגעבונדענער פּאַק פון אָפּגעטראָגענע קליידער. דאָס אַלץ האָט מיט אַ טאָג פריער זיי׳ן ווייב צונויפגעפּאַקט, ווי זי וואָלט זיך געגרייט אַריינצוציען זיך אין אַ נייער דירה. די אָנגעצונדענע שוועבעלע האָט אַ ווילע געגליט מיט אַ געלבלעכן ליכט און אויסגעגאַנגען אין זיין ציטערנדיקער האַנט. ער האָט אָנגעטאַפּט אַ שטול לעבן טיש און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן אויפן לעצטן טאָג פון זיין פאַרגייענדיקן לעבן.

מאַקס איז געזעסן און געוואַרט אויפן טאָג. אין קיך איז אַריין דאָבע.

מאַקס האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל טאָן, וואָס ער זאָל אונטערנעמען אויסצומיידן דעם אומגליק, וואָס רוקט זיך אויף אים, אויף זיין משפּחה. דאָבע, אַ ניט־אויסגעשלאָפענע, אַ צערייצטע, האָט אין דער פינצטער אַ זאָג געטאָן:

— מאַקס, ביסט דאָ?

— דאָ.

געזאָגט און ניט גערירט זיך פון אָרט. ביידע, מאַן און ווייב האָבן געשוויגן. צווישן ביידן איז געווען קעלט און פרעמדקייט. און ווערטער וואָלטן סיי ווי ניט געקאָנט דערנענטערן און קלאָר מאַכן איינער פאַרן אַנדערן, וואָס מ׳נעמט פאָר.

פריער, אין אָוונט, איז ווידער אַ מאָל באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַזוי

ווי קיין אַנדערע ברירה איז ניטאָ, זאָל דאָבע מיט די קינדער דאָך אַוועק־פאָרן צו מלכהן... זי איז אַ גוטע, מלכה, זי וועט דאָך ניט דערלאָזן זיי זאָלן בלייבן אויף דער פּראַסטיקער גאַס... דאָבע האָט ווידער אָנגעהויבן איינטענהן מיט מאַקסן. אָבער מאַקסן איז געווען שווער און ביטער אויפן האַרצן, ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן און דערנידעריקט, וואָס ער קאָן ניט העלפן און וואָס ער זעט ניט קיין שום אויסוועג. ס'איז אים שווער געווען אָנצוהענגען זיך אין פרעמדע מענטשן, קומען ווי אַ בעטלער און אויסבעטלען פאַר זיך אַ ווינקל. מילא, דאָבע מיט די קינדער וועלן אויף אַ ווײַלע קריגן אַן אָרט, אַ שטיקל היים. אָבער ער, פאַר זיך — האָט מאָטל געטראַכט, איז ניטאָ קיין שום אָרט, קיין ווינקל אויף דער וועלט. ער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל טאָן, וואָס ער זאָל פאַרנעמען, אָבער עפּעס דאַרף מען דאָך טאָן, עפּעס מוז מען דאָך צוטראַכטן.

ס'איז געווען גאַנץ פרי. נאָך געווען אַ פּאָר שעה ביז דער מאַרשאַל דאַרף קומען און זיי אַרויסשליידערן פון זייער היים.

מאַקס האָט איבערגעריסן זיין שווייגן און געזאָגט צו דאָבען:

— פאָלג מיך, לאָמיר איבערלאָזן אַלץ און אַוועקגיין. וואָס וועסטו טאָן מיט די שמאַטעס? בלויז לייטיש געלעכטער...

אָבער דאָס ווייב האָט ניט געוואָלט הערן:

— ניין. איך וועל בלייבן, ס'איז נאָך פרי. זאָלן נאָך די קינדער ליגן אין בעט. וואָס איז די איילעניש?... אָבער דו, אויב דו ווילסט, גיי. אפשר וועט מען רחמנות האָבן אויף אַ פרוי מיט קינדער און ניט אַרויס־שליידערן אונדז אין גאַס, אויף גאָטס באַראָט... מענטשן זיינען דאָך ניט קיין וועלף, גזלנים.

מאַקס האָט ווידער איבערגעחזרט:

— הער, צו וואָס וואַרטן אויפן מאַרשאַל? פאָלג מיך, לאָמיר זיך אָנטאָן און אַוועק.

דאָס ווייב האָט ניט געקאָנט באַגרייפן:

— וואָס הייסט? ווי קאָן מען איבערלאָזן אַלץ און אַנטלויפן?

— וואָסי, דו ווילסט דווקא זען, ווי זיי טראָגן דיר אַרויס דיינע טראַנטעס? פאָלג מיך, לאָמיר אָנטאָן די קינדער און אַוועקגיין. און זאָל נעמען אַ סוף.

דאָס ווייב איז געבליבן איינגעעקשנט:

— ניין, מאַקס. דו גיי. איך וועל בלייבן ביז זיי וועלן קומען. און זאָלן זיי אַרויסטראָגן, זאָלן מענטשן זען: מ׳וואַרפט אָרעמע מענטשן אויף דער גאַס... אָבער דו — גיי, גיי...

מאַקס האָט זיך דערשראָקן און ניט געקאָנט ריידן.

ס׳איז געווען מאָדנע: ער האָט געפאָלגט. אויפגעשטאַנען און מיט שטילע טריט אַריין צו די קינדער, צום לעצטן מאָל אַ קוק טאָן אויף זיי און געזעגענען זיך. און נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען דאָס ווייב. געגאַנגען און געשוויגן, ווי אַ פרעמדע. אויך די קינדער האָבן מאָדנע פרעמד און דערשראָקן געקוקט אויף אים מיט די פאַרשלאָפענע אויגן. געקוקט אין איינגעהאַלטענעם שרעק, ווי דער אייגענער טאַטע וואָלט זיך געקליבן טאָן מיט זיי עפּעס שרעקלעכס.

דאָבע האָט געזאָגט:

— און וואָס וועט זיין מיט דיר? האָסט דאָך ניט וואו צו זיין... ווי איז מיר.

ער האָט זיך איינגעבויגן איבער די קינדער און עטלעכע מאָל אַ קוש געטאָן מיט זיינע טרוקענע ליפּן אויף די קאַלטע באַקן. געקושט, געקושט, און ניט געקאָנט זיך דערקושן ביז צו דער נאָענטער וואַרעמקייט פון זיין פלייש און בלוט. די פּנימלעך זייערע זיינען געבליבן קאַלט און די אויגן — דערשראָקן. ער האָט געפילט ווי אַ האַרטע האַנט האָט אים אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל און געוואָרגן.

ער איז אַרויס אין קיך. נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען דאָבע.

מאַקס איז אַ ווילע געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, דערדריקטער און פאַרצווייפלטער, מיט אַ געפיל פון אייגענער שולדיקייט געזאָגט שטיל:

— נו, זיי געזונט... כ׳וועל גיין!... אפשר וועט עס ווירקן אויף די מערדער, ווען דער מאַן וועט ניט זיין אין שטוב...

2

און ער איז אַוועק, מאַקס. ער איז געגאַנגען מיט לאַנגזאַמע טריט, און כמעט ניט געזען די מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען אַנטקעגן אים און מיט אים. ס׳איז אים געווען אלצאיינס. זיי זיינען אים אַלע געווען

פרעמדע און ער אַליין איז דאָ געווען אַ פרעמדער. זיי האָבן זיך אַלע ערגעץ געאײלט. און ער האָט זיך אין ערגעץ ניט באַדאַרפט אײלן.

דער טאָג איז געווען אַ פּראַסטיקער. די קעלט איז געקראָכן אין די ביינער און געגליווערט די בלוטן. מאַקס איז געגאַנגען לאַנגזאַם און זיך געהאַלטן נאָענט צו די ווענט, — אפשר דערפאַר, וואָס נאָענט צו די ווענט איז די קעלט ניט געווען אַזוי בייסנדיק, און אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט געוואָלט פּלאָנטערן אונטער די פיס פון די מענטשן אויף דער גאַס.

ער האָט אַרומגעבלאָנקעט אַן אומגליקלעכער, אַ דערנידעריקטער איבער גאַסן און געסלעך, אַליין ניט געוואוסט וואוהין ער גייט און צו וואָס ער גייט. ער האָט שוין ניט געפילט קיין מידקייט און קיין הונגער, געווען ווי אַ פאַריאָגטע חיה... און, ווי אין אַ מין נעפּל, האָט ער כמעט גאָרניט געזען אַרום זיך און ניט געהאַט קיין ווילן ערגעץ וואו גיין, — צו באַקאַנטע, צו פריינט... אַלץ איז אים געווען פרעמד און דערווידער. ער האָט געהאַט אַ היים, אַ ווייב, קינדער און איצט — האָט ער קיינעם ניט, גאָרניט.

פאַרנאַכט צו, אַ הונגעריקער, אַן אויסגעמאַטערטער פון הונגער און פון אַרומשלעפּן זיך איבער פרעמדע אָרעמע גאַסן, האָט ער מיט די לעצטע כוחות, קוים לעבעדיק, דערשלעפּט זיך צו אַ פלאָפּ־הויז. דאָרטן האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו אַ האַרט בעטל און זיך אויסגעצויגן אין אָנטאָן, אַ טויט־הונגעריקער.

ער איז געלעגן אויפן בעטל, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, געקוקט אויפן טונקל־פאַרגעלטן באַלקן פונעם פלאָפּ־הויז און ניט געקאָנט איינשלאָפן. אַרום אים זיינען שוין אַלע איינגעשלאָפן. דאָס מוראדיקע כראָפּען האָט אָנגעפילט דעם קאַזעמאַט מיט שרעקעדיקע קלאַנגען. מענטשן האָבן זיך געוואָרגן מיט זייער אָטעם. מענטשן האָבן געכאָרכלט, ווי געקוילעטע, האָבן זיך געמאַטערט אין אַ מאָדנער, אומפאַרשטענדלעכער גסיסה, ציענדיק דורך די פאַרקילטע נאָזלעכער, די געדיכט־פאַרשטונקענע לופט.

אַלץ איז געווען מאָדנע אומפאַרשטענדלעך. אינעם מידן מאָרך איז געווען אַ נעפּל. ס׳איז שווער געווען צו באַנעמען דאָס לעבן. ווי איז ער אַהער פאַרוואָגלט געוואָרן צווישן די היימלאָזע בעטלער, און פאַרוואָס

ער איז דאָ געלעגן אַ גאַנצע נאַכט אין אָט־דעם עיפּושדיקן קאַזעמאַט, ווי אַ געפאַנגענער, ווי אין אַ תפיסה? האָט ער אויך ניט געהאַט קיין היים? און וואָס איז געוואָרן מיט זיין היים?

ער האָט דאָך געהאַט אַ היים און אַ ווייב מיט קינדער, וואו איז איצט די היים? און וואו איז דאָס ווייב מיט די קינדער? אָ, ער האָט אַזוי געבענקט נאָך זיי. אַזאַ בענקשאַפט איז דאָס געווען, וואָס איז שווער געווען אַרויסצורייסן זי פונעם האַרצן און פאַרגעסן זיך. זיי זיינען געווען אין דער זעלביקער שטאָט מיט אים. וואָס איז מיט זיי? וואָס האָבן זיי געטראַכט וועגן אים? ער איז געווען ווייט פון זיי און פאַרוואָגלט אין אַ פרעמדער, אומברחמנותדיקער וועלט!

די נאַכט האָט זיך געצויגן, לאַנג געצויגן. דער טאָג האָט ניט געוואָלט אָנקומען. ערשט צום באַגינען איז מאַקס, אַן אויסגעמאַטערטער, איינגעשלאָפן. ניט געוואוסט, ווען און ווי אַזוי ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן שלאָף, פול מיט קאָשמאַרן, ווי ער וואָלט פון ערגעץ אַריינגעפאַלן אין אַ פינצטערן גרוב, אַ פולן מיט עקדישן און שלאַנגען. דאָס האָט געדויערט ניט לאַנג. אין עטלעכע מינוטן ארום האָט זיך צעקלונגען דער דריבנער געקלאַנג פונעם עלעקטרישן גלעקל אין ווינקל, לעבן טיר, אונטערן סאמע באַלקן, און צעשאָטן איבער די שלאָפנדיקע אַ דינעם שרויט, וואָס האָט מיט ווייטיק אויפגעריסן די קראַנקע נערוון און פאַרוואונדעט דאָס האַרץ מיט אַלטער נאַגעניש.

מאַקס האָט זיך אויפגעזעצט און אין ווילדן שרעק אַרומגעקוקט זיך. אין קאָפּ האָבן זיך אים אַ ראַיע געטאָן מיט איין מאָל אַלע פינצטערע געדאַנקען.

ס'איז געווען פינף אַ זייגער. די גרויע מאַסע אינעם קאַזעמאַט האָט זיך אַ ריר געטאָן. מענטשן האָבן געצויגן די קראַנקע גלידער, געגענעצט און געקרעכצט. מענטשן האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס דריבנע בויערן פונעם גלעקל. מענטשן האָבן בייז געמורמלט און געשאָלטן. צעטומלטע און אַנגסטיקע, האָבן זיי זיך גענומען אָנטאָן מיט לאַנגזאַמע אומוויליקע באַוועגונגען. ס'איז געווען אַזוי, ווי מ'וואָלט ערשט אויפגעוועקט אַ מחנה קראַנקע, געעלטערטע עקדישן אין אַ טונקעלן גרוב.

אַלע האָבן געהאַט פּעקלעך, איינגעוויקלטע אין אויסגעריבענע צייטונגען. אינעם פּעקל האָט געקאָנט זיין אַ העמד, אַ זאָק, אַן אויפגע־

קליבענע שמאטע, א שטיקל ברויט אויף א הונגעריקער שעה. אַלע זיינען געווען בעטלער. מיילער האָבן זיך געקרימט מיט האַס. אויגן האָבן געקוקט מיט אומצוטרוי און איינגעהאַלטענעם צאָרן, וואָס האָט געברענט אין זיך אַליין, און ניט געפונען קיין אויסדרוק.

אַלע זיינען איצט געווען פרעמד איינער דעם אַנדערן. אַ מענטש האָט זיך אָנגעטאָן אויף זיין אָרט, פאַרכאַפּט אונטערן אָרעם זיין פאַר־שמאַלצענעם פּעקל און אַרויסגעגאַנגען. איינציקווייז אַרויסגעגאַנגען, אַרויסגערוקט זיך, יעדער מיט זיין אייגענעם סוד.

מאַקס האָט זיך געדאַרפט ראַטעווען! פאַר זיך און פאַר זיין ווייב און קינדער האָט ער זיך באַדאַרפט ראַטעווען. אַ שוידער איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך גענומען שנעל אָנטאָן. אויפן ערשטן שטאָק האָט ער באַמערקט די ריי, וואָס האָט זיך פאַרמירט פאַרן אָנבייסן. מענטשן האָבן געדולדיק געוואַרט אויף אַ טעפל קאַווע און אַ זעמל. אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער איז ארויסגעלאָפן אויף דער פּראָסטיקער גאַס. די קעלט האָט אים אַרומגעכאַפּט, ווי אין שטאָלענע אָרעמס.

אין דרויסן איז נאָך געווען פינצטער. ער האָט זיך איינגעטוליעט אין זיין מאנטל און געלאָזט זיך גיין. ס׳איז געווען די זעלביקע וועלט. מענטשן זיינען שוין געגאַנגען צו דער אַרבעט. און מאַקס איז געגאַנגען אויפזוכן זיין ווייב און קינדער. אַ מאַן האָט געזוכט דעם וועג אַהיים, צו זיינע נאָענטע און טייערע. אַ טאַטע האָט זיך אומגעקערט צו זיינע קינדער.

ער האָט דורכגעשפּאַנט עטלעכע גאַסן און באַדאַרפט איבערהאַקן די גאַס, וואו ער האָט אַזוי פיל יאָרן אָפּגעלעבט מיט זיין ווייב און קינדער. אַ געפיל פון פיינלעכער וואַרעמקייט האָט אַ ריר געטאָן דאָס האַרץ. אַזוי ווי אַ פאַרברעכער ציט צום אָרט, וואו ער איז באַגאַנגען זיין לעצטן פארברעכן, אַזוי האָט מאקסן אַ צי געטאָן צו זיין גאַס אויך צו זיין היים. ווער ווייס, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען מיט אַ טאָג צוריק? אפשר זיינען נאָך דאָרטן געשטאַנען אויף דער גאַס די אַרויס־געוואָרפענע זאַכן? ווער ווייס, וואָס פאַר אַ שפּורן ער וועט דאָרטן געפינען פון זיין היים?

עס האָט אָנגעהויבן גרויען אויף טאָג, ווען מאַקס איז צוגעגאַנגען צום הויז, וואו ער האָט געוואוינט. אַלץ איז דאָ געווען ווי אַלע מאָל. ס׳איז

געווען שטיל און אומעטיק. ביים אַרייַנגאַנג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט אים אַ ציִ געטאָן צו דער אייגענער דירה, ווי אַלע מאָל.

ער האָט געעפנט די טיר און אַריין אין קאָרידאָר. ער האָט מורא געהאַט צו באַגעגענען אימעצן פון די שכנים. זיין האַרץ האָט אומרואיק געקלאַפּט. ער האָט זיך געגנבעט אַרויף איבער די טרעפּ און זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין טיר. ס'איז געווען די באַקאַנטע טיר. די אָרעמקייט איז געווען זיין אָרעמקייט. דער טרויער אויף די ווענט און שטיגן — זיין טרויער.

ער האָט זיך איינגעהערט. ניין, דאָרטן איז ניט געווען די שטילקייט פון אַ ליידיקער דירה. דאָרטן האָט זיך געפילט באַוועגונג, לעבן. און וואָס האָט עס געקענט זיין? האָט מען זיי גאָר ניט אַרויסגעשטעלט פון דער דירה? אָדער אפשר האָט זיך שוין אימעצער אַריינגעצויגן?

מאַקס האָט צוגעלייגט אַן אויער. איינגעהערט זיך מיט אַן איינגעהאַל־טענעם אָטעם. ער האָט געהערט לאַנגזאַמע טריט. אימעצער האָט זיך לאַנג־זאַם, פרימאָרגנדיק געפּאָרעט אין דער קיך. ער איז געווען פאַרלוירן. ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, — אויסגעפינען ווער ס'איז דאָ אין דער דירה, אָדער גאָר אַרויסגנבענען זיך אויף דער גאַס און אוועקגיין צו די זעליגס, צו מלכהן?

ער האָט שטיל אָנגעקלאַפּט. איין מינוט איז געווען אַ שטילקייט. הינטער דער טיר האָט מען זיך ניט געאיילט, נאָכדעם האָט ער דערהערט אומזיכערע, איינגעהאַלטענע טריט:

— ווער איז דאָרטן?

ס'איז געווען זיין ווייבס קול! דאָבעס קול. דאָס האָט מאַקסן דערשראָקן און פאַרוואונדערט. ער האָט קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און געענט־פערט:

— דאָס בין איך... איך, מאַקס...

און ער האָט דערהערט דעם פריידיק־דערשראָקענעם אויסגעשריי הינטער דער טיר:

— אוי, ווי איז מיר, מאַטל, מאַקס...

די טיר האָט זיך געעפנט. פאַר אים איז געשטאַנען זיין דאָבע אינעם אַלטן, אויסגעטראָגענעם שלאָפראָק, מיט דער פרימאָרגנדיקער בלייכקייט אויף איר גערונצלטן פּנים. און אין די אויגן איז געווען שרעק.

— אוי, ווי איז מיר !...

זי האָט אַזש אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, ווי שטייענדיק פּאַר אַן אומגליק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף איר קאָפּ, ווי אַ דונער.

— איך האָב דאָך ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן ! אַ גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט דיך אַרומגעזוכט. געפרעגט דעם און יענעם. ווי אין וואַסער ביסטו פאַרפאַלן געגאַנגען... כ׳האָב שוין געמיינט אַן אומגליק, צי וואָס...

ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרשטיינערטער. געשטאַנען לעבן דער אייגענער טיר. אַנטקעגן דער ווייב, ווי אַ פרעמדער און אַ שולדיקער. געווען ווי אַ דערשראָקענער בעטלער.

— וואָס שטייסטו ? ! קום שוין אַריין, ווי איז מיר... ווי אַ מענטש קוקט אויס !... אַ שענערן לייגט מען דאָך אין קבר אַריין...

זי האָט אים אַריינגעשלעפּט אינעווייניק. ער איז געווען דערשראָקן און פאַרוואונדערט. יעדער גליד האָט אין אים געציטערט. ער איז געווען אין דער היים. געזאָגט :

— און וואו זיינען די קינדער ?

דאָס ווייב האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ שטרענגלעכן קוק :

— וואָס הייסט, וואו זיינען די קינדער ? — זיי שלאָפן נאָך. אַ מענטש פרעגט... און דו ביסט אַ טייערער טאַטע... אַוועק, און ווי אין וואַסער אַריין... ווי איז מיר ! וואָס שטייסטו, ווי אַ ליימענער ? ביסט אין דער היים, צי ניט ? טו זיך אויס...

געזאָגט און מיט גוואַלד אַרונטערגעשלעפּט פון אים דעם מאַנטל. מאַקס אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן. ער האָט געזען זיין ווייב און זיין היים דורך אַ נעפּל. ס׳איז אַלץ פאַרגעקומען ווי אין אַ חלום. דאָס ווייב האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ שטול און גענומען דערציילן. געוואָלט דווקא אויף אַ מאָל אויסדערציילן אַלץ מיט אַן אַנדער...

ער מיינט אפשר, מאַקס, אַז דער מאַרשאַל איז ניט געקומען ? — געוויס איז ער געקומען ! צען אַ זייגער איז ער שוין דאָ געווען מיט זיינע מענטשן. אין עטלעכע מינוטן זיינען די זאַכן געווען אויף דער גאַס... זי האָט געוויינט און געבעטן זיך ביי זיי, ווי ביי גזלנים. די קינדער האָבן אויך געבעטן... נו, און דערווייל זיינען זיך צוזאַמענגעקומען מענטשן... עס האָט זיך דאָ

אָפּגעטאָן אַ ביסל!... וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? די קינדער זיינען געווען זייער איבערגעשראָקן... זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין מיט די קינדער... ערשט זי גיט אַ קוק — ס׳האָבן זיך געיאָוועט אַ צענדליק מענטשן, האָבן פאַנאַנדערגעפרעגט — וואָס־ווען... נו, וואָס זאָל זי דאָ לאַנג ברייען? די מענטשן האָבן אין פינף געציילטע מינוטן אַריינגעשטעלט די זאַכן צוריק אין דער דירה און אייניקע פרויען האָבן נאָך געהאָלפן צעשטעלן די זאַכן און אויפרוימען... אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ: אַ קאָמיסיע פון קאָונסיל פאַר ארבעטלאָזע איז געקומען, האָט געבראַכט אַ חודש דירה־געלט און איבערגעלאָזט א פּאָר דאָלאַר אויף עסן: ברויט, פּוטער, מילך.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און אָפּגעדעקט אויפן טיש עטלעכע פּעקלעך שפּייז. זי האָט אויסגעזען ווי אַן אויפגעקומענע גבירהטע, וואָס גרויסט זיך מיט איר רייכקייט. איר פּנים האָט געשמייכלט און אין די אויגן האָט אַ ברען געטאָן א נייער גלאַנץ.

מאַקס איז נאָך אַלץ געזעסן אַ פאַרלוירענער. ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן. דאָס ווייב האָט מיט אַ שטרענגן קול געזאָגט:

— היינט וועסטו ביי מיר ווערן אַ מיטגליד פון אַרבעטלאָזן קאָונסיל! היינט! הערסט, וואָס מ׳רעדט צו דיר?

געזאָגט און גענומען זיך פאָרען אַרום דעם אָנבייסן. נאָכדעם אַ פרעג געטאָן:

— און וואו ביסטו דאָס געווען די נאַכט? אַ מאַן הייבט זיך אויף און ווערט דיר פאַרפאַלן אויף אַ גאַנצן מעת־לעת...

ער האָט זיך פאַרלוירן. געזאָגט, ווי אַ שולדיקער:

— אַזאַ נעכטעלע האָב איך איבערגעלעבט... כ׳האָב גענעכטיקט אין אַ סאַלוויישאַן... צווישן בעטלער... וואָס האָב איך געקאָנט טאָן?

— אָט האָסטו דיר! אַז אַ מענטש לעבט אַליין... ווייניק אַרבעטלאָזע זיינען פאַראַן? — האָסט באַדאַרפט זיין אין קאָונסיל! און ער גייט דיר אין סאַלוויישאַן...

אין איר קול איז געווען פאַרוואורף. אָבער מאַקסן האָט ניט געאַרט. ער האָט געוואָלט הערן, וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן. און זי האָט געזאָגט:

— נו, קום אַריין צו די קינדער. שוין צייט זיי אויפצוּוועקן און גיין אין סקול.

די קינדער האָבן זיך דערפרייט מיטן טאַטן. זיי האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים. פריידל האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט אירע נאַקעטע הענט אַרום דעם פּאָטערס האַלדז און ניט אָפּגעלאָזן, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך אַרויסרייסן און ווידער אַוועק פונעם הויז. אין צימער איז געוואָרן וואַרעם פון פרייד און פון ליבע. און מאַקס האָט זיך געפילט ווי אַ טאַטע, וואָס האָט זיך נאָך לאַנגע יאָרן פון ביטערער וואַגלעניש, צוריקגעקערט צו זיין ווייב און קינדער. די היים איז צוריק געוואָרן היים. פון דעם זיינען אים ווידער צוגעלאָפן טרערן צו די אויגן.

דאָס ווייב האָט געזאָגט:

— נו, זאָל שוין זיין גענוג. גיי, וואַש זיך אַרום. זע, ווי דו קוקסט אויס... אַ שענערן לייגט מען אין קבר אַריין... און זאָלן זיך די קינדער אַנטאָן...

און צו די קינדער האָט זי צוגעוואָרפן:

— איילט זיך אונטער. איר וועט נאָך פאַרשפּעטיקן אין סקול. איר האָט שוין איין טאָג אַוועקגעפּאַטערט אומזיסט־אומנישט...

קאַפּיטל פינף

דער טויט פון משה זעליג

1

אין הויז ביי די זעליגס איז פאָרגעקומען אַ שטילע ענדערונג. ביסלעכ־ווייז האָט זיך גענומען אויסשיילן אַ ניי לעבן אין דעם הויז. אין די ליידיקע צימערן האָט זיך אָפטער גענומען הערן אַ מענטשלעך קול. אין די אומעטיקע ווינקלען האָט אָנגעהויבן שמייכלען אַ זון.

אויך ברוך דער בלינדער איז געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט אָפטער פאַרלאָזן זיין איינגעזעסן שטול, זיין אייגענעם צימער, און איז אַרויס צו מלכהן אין די אינעווייניקסטע צימערן. זייערע שטימען האָבן פריידיק געהילכט. נאָר אין אָוונט, ווען משה פלעגט זיך צוריקקערן אַהיים, איז געווען דאָס זעלביקע שווייגן, דער זעלביקער אומעט און די זעלביקע געהיימעניש האָט אַרומגעוועבט דאָס הויז. דערפאַר איז געווען די מורא פאַר די אָוונטן און פאַר דער נאַכט. עס איז אויך צוגעקומען אַ נייע מורא פאַר משהן. ווער ווייסט, מיט וואָס פאַראַ געדאַנגען ער האָט זיך אַרומגעטראָגן? אפשר האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק פון נקמה? אפשר גאָר מיט מאָרד? וואָס איז געווען זיין שווייגן?

מלכה איז געווען אומרואיק פאַר זיך און נאָך מער — פאַרן בלינדן. ברוך איז געווען אומבאַהאָלפן. ער האָט נאָר זי געהאַט. און וואָס איז זי געווען? זי איז געווען אַ שוואַכע, דערשראָקענע פרוי, וואָס האָט זיך אין די מיטעלע יאָרן צום ערשטן מאָל פאַרליבט אין אַ מאַן, און דער מאַן איז געווען ברוך, אַ בלינדער, וואָס האָט נאָך אין זיין לעבן ניט געזען די וועלט. זי האָט איצט באַדאַרפט ווערן זיינע אויגן, זיין דערפאַרונג, זיין לעבן.

פריער האָט זי אין דעם בלינדן געזען אַ מאָדנע עקשנות. אין די זעלטענע פאַלן, ווען איר איז אויסגעקומען אים צו פירן אונטערן אָרעם, האָט זי אין אים געפילט פרעמדקייט. זי האָט מורא געהאַט פאַר אים. זיין קאָפּ האָט ער געהאַלטן הויך, און דער קערפּער האָט געהאַט אַ האַרטקייט פון אַן עקשן. עפּעס אַן עקשנות פון אַ הייליקן, אָדער אַ פּרוש. און איצט איז ער געוואָרן מאָדנע נאָכגיביק צו איר יעדן ווענד. זי האָט באַדאַרפט ווערן די פירערין פון איר אייגן לעבן און אויך פון זיין לעבן, וואָס איז אין דער לעצטער צייט געוואָרן אַזוי אונטערגעוואָרפן איר ליבע, ווי אַ קינד איז אונטערגעוואָרפן זיין מאַמען. און זי האָט די מאַמעשקייט אָנגענומען מיט מורא.

פאַר ברוכן איז מלכה געווען ווי די נשמה פון אַלע גוטע זאַכן אויף דער וועלט. זי איז געווען אין דער וואַרעמקייט פון דער זון. זי איז געווען דאָס גוטע אין זיין לעבן. ער האָט איצט דערקענט אירע גוטע הענט. די דינע שטריכן פון איר פּנים און פון איר וואַרעמען האַלדז.

אין די איינזאמע שעהן פון דער נאַכט פלעגט ער אָפּטמאָל זיך דערמאָנען אַן זיין מאַמען, וואָס איז אַוועק פון דער וועלט, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד און ער פלעגט זיך פאַר איר באַקלאָגן, ווי פאַר אַ לעבעדיקער:

— אוי, מאַמע טייערע, איך, דיין זון, דער בלינדער, פון גאָט פאַרשאָלטענער זון דיינער, רעדט צו דיר. מיין וועלט איז פינצטער, מיין לעבן איז שווער. אויסגעלאָשענע הימלען און אַן אויסגעלאָשענע זון הענגען איבער מיר, מאַמע טייערע.

איצט האָט דער בלינדער פאַרגעסן אַן דער מאַמען. דאָס גאַנצע לעבן איז איצט געווען אין מלכהן. אין איר האָט ער געפונען זיין לעבן. זי איז פאַר אים געווען אַ מאַמע און אַ געליבטע און אַ ווייב. אַלץ, וואָס ער האָט פאַרלוירן דורך די אַלע יאָרן פון איינזאַמקייט האָט ער איצט געפונען. ער האָט דעם ערשטן מאָל דערפילט זיך איבער משהן. משה איז אַלע מאָל געווען דער שטאַרקער, דער הערשער פון הויז. משה איז געווען דער באַלעבאָס, און ער, ברוך, דער בעטלער. איצט איז געווען פאַרקערט. אין דעם איז אויך געווען די נקמה איבערן ברודער, וואָס האָט אַזוי לאַנג געהערשט.

ברוך איז אַלע מאָל געווען אַ שווייגער. אָבער איצט האָט ער געקאָנט

ריידן, זיך אַוועקזעצן ריידן מיט מלכהן, אויסדערציילן איר אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן אין זיין לעבן. ער האָט געוואוסט, אַז זי הערט זיך צו צו אים.

מלכה איז אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום. דאָס לעבן האָט זיך ביסלעכ־ווייז אויסגעשיילט פון אַ פּלאָנטער. אָבער נאָך ניט געווען קלאָר. עס האָט זיך געוואָלט נאָך מער קלאָרקייט. קלאָרקייט צווישן איר און משהן. קלאָר־קייט צווישן איר און ברוכן. עס האָט זיך געוואָלט, אַז דאָס, וואָס האָט געמוזט קומען, זאָל קומען שנעלער. אויב עס האָט באַדאַרפט קומען דאָס שלעכטע, האָט זיך געוואָלט, אַז עס זאָל קומען שנעלער. יעדעס מאָל, ווען משה האָט זיך צו איר דערנענטערט, פלעגט זי טיפער אַריינגעמען דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס, ווי זי וואָלט דערוואַרט קלעפּ. מלכהן האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט, אין אַ פּאַסיקן מאָמענט, צוגיין צום מאַן און אונטערטעניק, ווי אַלע מאָל, זאָגן:

— משה, הער אויס, איך בין דיר ניט געווען קיין געטרייע ווייב. קיין מאָל ניט געווען געטריי. כ׳האָב געטראַכט פון אַנדערע. אַלע מאָל געבענקט נאָך אַנדערע. איצט האָב איך ליב דיין ברודער, ברוכן. איך האָב אים אַלע מאָל ליב געהאַט און איצט איז ער מיר איינגעבאַקן אין האַרצן. איך קאָן אָן אים ניט לעבן, משה, טו וואָס דו ווילסט מיט מיר, דערהרגע מיך, אָבער איך האָב אים ליב, ברוכן.

פון אָט די רייד, נאָך ניט אַרויסגעזאָגטע, אָבער שוין געבוירענע, זיינען איר צוגעלאָפן טרערן צום האַלדז און געוואָרגן, אַז עס איז געוואָרן שווער אויפן האַרצן. שווער פאַר זיך און פאַר משהן, וואָס איז פאַר אירע אויגן עלטער געוואָרן און אויפן פּנים געטראָגן די צייכנס פון איר שווערער שטראָף.

דער בלינדער איז געווען בלינד צו אַלע געפאַרן. ניט געפילט זייער נאָענטקייט. געווען מונטער און פריידיק. פלוצלינג באַקומען אַ פאַרלאַנג אַ סך צו ריידן און טיילן זיך. רייד און געפילן האָבן געשטראָמט פון זיין האַרצן. געזוכט אַן אָרט וואו אויסצוגיסן זיך. און דערפאַר האָט ער גאַנצע טעג גערעדט מיט מלכהן. ער האָט גערעדט און זי האָט פאַרטרוילעך געהערט. און גערערט האָט ער שיין, אַז ס׳איז געווען אַ פרייד צו הערן. קיין מאָל האָט ער ניט גערעדט פון זיין בלינדקייט. פלעגט טרויעריק ווערן, ווען ער פלעגט זיך פון דעם דערמאָנען אין די געשפּרעכן מיט מלכהן. זי

פלעגט עס פאַרשטיין און אַליין אויסגעמיטן וועגן דעם צו דערמאָנען. איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז ער האָט וועגן דעם אָנגעהויבן צו ריידן און וועגן דעם גערעדט ערנסט, אָן אַ סימן פון פאַרביטערונג.

דאָס איז געווען אין אַ פרימאָרגן, ווען זיי זיינען פאַרבליבן אין הויז. צווישן זיי איז געווען אַלץ פאַרשטענדלעך. איין שיקזאַל האָט זיי ביידן פאַרבונדן. עס איז ניט געווען וואָס צו באַהאַלטן איינער פון דעם אַנדערן.

ער האָט געזאָגט:

— דו ווייסט, איך שרעק זיך אָפטמאָל פאַר פּשוטע דערשיינונגען. מסתמא דערפאַר, וואָס איך פאַרשטיי זיי ניט. אָט, למשל, אַ געלעכטער. אַ מאָל דערשרעק איך זיך פאַר אַ געלעכטער, אפשר דערפאַר, וואָס איך הער נאָר און קאָן ניט דערזען דעם געלעכטער. איך וואָלט וועלן זען ווי מענטשן לאַכן. אָבער, אַז איך זע ניט, ווייס איך ניט און קען ניט פאַרשטיין, וואָס איז עס אַזוינס — געלעכטער.

זי האָט, טרייסטנדיק, געזאָגט:

— זעעוודיקע קאָנען אויך ניט אַלע מאָל פאַרשטיין געלעכטער. געלעכטער איז אַ מאָדנע זאַך. ס'איז אין דעם דאָ פרייד און טרויער. און וואָס ווייסן מיר נאָך פון דעם? מיר ווייסן גאָרניט. מיר אַלע זיינען אָפט, ווי בלינדע, אַ פרעמדע וועלט, אין וועלכער מיר לעבן.

אין אָט די פּשוטע רייד פון מלכהן איז געווען באַהאַלטן אַ טרייסט פאַרן בלינדן. אָבער דער בלינדער האָט געטראַכט ווייטער. זיין פּנים האָט געשטראַלט מיט אויפגעלעבטקייט. אַ נייער געדאַנק האָט אויפגעבליצט זיין מאַרך.

ער האָט פאַר איר אַנטפּלעקט און אויסדערציילט זאַכן, טראַכטעניש, וואָס ער האָט יאָרן לאַנג געטראָגן אין זיך, פאַרשטעקט און פאַרבאַהאַלטן פון פרעמדע, זייטיקע. ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש זיך טיילן מיט איר מיט זיין אינערלעכער וועלט. זיי האָבן גערעדט, ווי ס'איז ניט גוט, ווען מען לעבט אין אַ פרעמדן קרייז, צווישן ווילד־פרעמדע. מען וויל אַלץ מער זיך פאַררוקן אין אַ ווינקל און שווייגן, שווייגן. מלכה האָט עס שטיל געזאָגט.

ברוך האָט דערויף געענטפערט מיט אַ טיפן ערנסט:

— און איך בין אַנדערש. אַז מיר איז ניט גוט, וואָלט איך וועלן שרייען. פאַר דער גאַנצער וועלט צעשרייען מיין אומגליק. און דערפאַר, וואָס איך בין שוואַך און קאָן דאָס ניט טאָן — איז מיר אומעטיק, זייער אומעטיק.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן:

— יאָ, ס׳איז זייער אומעטיק.

— אַז ס׳ווערט מיר אומעטיק, איז דאַן ווינציק לופט פאַר מיינע לונגען. די וועלט ווערט ענג און עס ווילט זיך שטאַרבן. ניין! ווייסטו, וואָס עס ווילט זיך דאַן טאָן? — שטעלן זיך ביי איין עק צימער און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ פאַנאַנדערלויפן זיך מיטן גאַנצן כוח צו דער האַרטער וואַנט מיטן שאַרבן. און פאַרוואָס איך האָב דאָס קיין מאָל ניט געטאָן — ווייס איך ניט.

זי האָט זיך אַריינגעריסן אין זיינע רייד מיט שרעק:

— אַך, רייד ניט אַזוי, ברוך.

זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, און ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן. ביידע האָבן זיך דערפילט געבונדן און פאַרוואָרלאָזט. צוויי אין איין גורל, אין דער גרויסער וועלט. ביידע הילפלאָזע, אין אַן אומבאַקאַנטער וועלט. ער האָט געזאָגט:

— זאָלסט קיין מאָל ניט אַוועקגיין פון מיר. קיין מאָל. אַז דו גייסט אַוועק פון מיר, דוכט זיך מיר, אַז דו גייסט אַוועק אויף אַלע מאָל. גיי ניט אַוועק.

ער האָט זי ליידנשטפטלעך אַרומגענומען. זי האָט געזאָגט:

— איך וועל ניט אַוועקגיין. וואו דו וועסט זיין, דאָרט וועל איך אויך זיין. איך וועל זיין אַלע מאָל מיט דיר.

זי האָט דערפילט דעם זין פון די רייד און באַגריפן, אַז דאָס לעבן האָט זיך אויסגעשיילט פון אַ חלום און געוואָרן וואָר. געזאָגט:

— לאָמיר ביידע אויפשטיין און אַוועקגיין.

ער האָט דערשראָקן אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מיינסטו? וואוהין — אַוועקגיין?

— וואוהין? וואָס איז ניט אַלץ־איינס? מיר וועלן גיין, און ניט וויסן, וואוהין מיר גייען. דו אַ בלינדער און איך — אַן אָרעמע, פאַרטריבענע יתומה, וואָס פירט דיך אַרום איבער דער וועלט. איין לעבן, איין ביטערער גורל אויף דער וועלט.

אַזוי האָבן צוויי מענטשן גערעדט און געפילט ווי די ווערטער פאַר־בינדן זייערע לעבנס אין איינעם. און עס איז שוין ניטאָ קיין כוח, וואָס זאָל זיי ווען עס איז צערייסן.

2

עס זײַנען אָנגעקומען די גרויע טעג פון שפּעטן ווינטער. אינעם גרויסן הויז איז געווען, ווי אַלע מאָל, שטיל. די דריי מענטשן האָבן אויפגענומען די שווערע שטילקייט פון די צימערן.

די נעכט האָבן זיך אָנגעהויבן פרי. נאָך האַלבן טאָג האָבן זיך גלייך גענומען אָנרוקן די שאָטנס, און אַז ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט, האָבן זיי, גאָר אָן קאַמף, איבערגענומען די הערשאַפט איבער דער אומעטיקער וועלט. דער טאָג האָט איין קליינע ווײַלע געזעגנט אין זיכרון פון די מענטשן און געלאָזן זיך הכנעהדיק פאַרשלינגען פון דער נאַכט.

יענע נאַכט איז געווען אַ קאַלטע און אַ רעגנדיקע. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן צווישן די מויערן פון דער שטאָט. מענטשן זײַנען אַרומ־געגאַנגען אַרומגעוויקלטע אין שווערע מאַנטלען און מיט שירעמס איבער די קעפּ. די לאָמפּן אויף די ראָגן האָבן זיך געראַנגלט מיטן ווינט און מיט דער געדיכטער פינצטערניש. אַ ראַנגלעניש אויף אַ גאַנצער נאַכט. עס האָט זיך געדוכט, אַז יעדע רגע קאָנען די לאָמפּן אויסגעלאָשן ווערן און די שטאָט וועט אונטערגיין אין פּאַניק און אין פינצטערניש.

משה איז דעם אָוונט געקומען אַהיים שפּעטער ווי אַלע מאָל. מלכה און דער בלינדער האָבן געוואַרט מיט דער וועטשערע. ניט געוואוסט וואָס עס האָט געקאָנט פּאַסירן מיט משהן. אַז ער איז געקומען, איז אַלץ געווען ווי אַלע מאָל. מ׳האָט שטיל אָפּגעריכט די וועטשערע און באַלד זיך צעגאַנגען אין די אייגענע ווינקלען, פאַרשעמטע פאַר דער אייגענער פאַרבאָרגנקייט און פרעמדקייט.

משה האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע און געטראַכט זײַנע שווערע געדאַנקען. אין האַרצן האָט געברענט דאָס פאַרבאָרגענע פייערל פון נקמה. איצט איז אַלץ געווען פאַרטיק. אין קעלער איז פון עטלעכע טעג געווען פאַרבאַהאַלטן אַן אייזערן קעסטל. און דאָס געלט, אין קליינע לעדערנע זעקעלעך, איז געווען שטייף איינגעפּרעסט אינעם קעסטל, פאַר־שלאָסן. מ׳האָט זיך נאָר באַדאַרפט אויפהייבן אין אַ שפּעטער שעה פון דער נאַכט, ווען אַלע וועלן שלאָפן, אַרויסגנבענען זיך פון הויז און אויס־גראָבן די גרוב, דאָרט, וואו ער האָט שוין פון וואָכן באַשטימט צו פאַרגראָבן זײַן געלט. מ׳האָט די גרוב באַדאַרפט אויסגראָבן. און די רעגנדיקע נאַכט,

דאָס רוישן פון פאַלנדיקן וואַסער פון די רינעס, דאָס קלאַפּן פון רעגן איבער די קאַלוזשעס — אויף דעם האָט משה געוואַרט. די ערד איז איצט געווען ווייך און וועט זיך לאָזן גראָבן אָן איבעריקער אָנשטרענגונג און טומל. אַלץ איז געווען ווי ער האָט אויסגעפּלאַנט.

עס איז שוין געווען שפּעטע שעה, ווען ער איז פּאָרזיכטיק אַרויס דורך דער קיך־טיר אין דרויסן. ווי נאָר ער האָט אָן עפן געטאָן די טיר, האָט זיך אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ פינצטערניש און אַ קעלט. אַ געדיכטער רעגן האָט אַ שמיץ געטאָן אין פּנים. משה האָט איין רגע קיין זאַך ניט געקאָנט זען. אָבער אים האָט עס ווייניק געאַרט. אין האַרצן איז געווען אַ בייזע פרייד פון נקמה. עס איז געווען גוט, וואָס ס'איז געווען פינצטער און קאַלט און רעגנדיק און וואָס צווישן הויז און דער קעגנאיבערדיקער וואַנט האָט געוואָיעט דער ווינט.

לעבן הויז, לעבן דער זייטיקער רינע, איז געשטאַנען אַן אַלטער פאַר־זשאַווערטער גראָב־אייזן, מיט אַן אויף דער האַלב צעבראָכן הענטל. משה האָט געמאַכט עטלעכע טריט איבער דער הויפיקער בלאָטע, גענומען דעם נאַסן גראָב־אייזן און געזען דאָס אָרט, לעבן דער וואַנט אַנטקעגנאיבער, וואו ער האָט געוואָלט אָנהייבן צו גראָבן. מען האָט באַדאַרפט פּרואוון דעם באָדן. צייט איז געווען גענוג. איילן האָט מען זיך ניט באַדאַרפט. מען האָט נאָר באַדאַרפט זיין זייער פּאָרזיכטיק.

זיין האַרץ האָט אויפגערעגט געקלאַפּט. אפשר איז דאָס געווען פון פּאָרזיכטיקייט און שרעק. אַ פאַרשאָלטן הויז איז דאָס געווען, וואָס האָט געהאַט שאַרפע אויערן און שפּיציקע אויגן. אַ הויז, וואָס האָט געהערט מיטן אויער פון בלינדן און געזען מיט די אויגן פון מלכהן. און אפשר האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט פון איינגעהאַלטענער פרייד.

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען. איינגעהערט זיך. ניט געהערט קיין זאַך, אַ חוץ דעם קלאַפּן פון רעגן. אַ מאָדנע הילכיקער רעגן איז געגאַנגען, אַן אויפהער. אַ גראָב געטאָן פּאָרזיכטיק. די ערד איז געווען ווייך און אויפ־געבלאָזן פון רעגן. נאָך אַ מאָל אַ גראָב געטאָן און אָפּגעשטעלט זיך. די ווייכע ערד האָט נאָכגעגעבן דעם גראָב־אייזן.

משה איז געווען דורכגענעצט ביזן לייב. הינטערן קאָלנער זיינען געלאָפן צום רוקן קליינינקע ריטשקעלעך, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ שוידער אין גאַנצן לייב. איצט האָט משה שנעל און פיבערהאַפט אָנגעהויבן צו איילן.

געגראָבן אַלץ טיפער און טיפער. די ערד איז ביסלעכווייז געוואָרן שטייפער, שטייניקער און פאַרעקשנטער, ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן דעם גראָב־אייזן. ס'איז געוואָרן שווערער. אַ שווייס האָט באַדעקט משהס לייב פון אומגעווײַנלעכער אָנשטרענגונג. ס'איז געווען אַ געמיש פון היץ און קעלט אין אַלע אברים. אָבער די אַרבעט איז אַרויסגעקומען ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. וואָס טיפער די גרוב איז געוואָרן, אַלץ מער וואַסער איז אין איר געווען. משה האָט אַרומגעלייגט די גרוב מיט דער אויסגעגראָבענער ערד, דאָס וואַסער פון די אַרומיקע לוזשעס זאָל אין איר ניט אַריינשטראָמען. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. דער רעגן פון אויבן און דאָס וואַסער אַרום האָט אַראָפּגעשווענקט די ערד צוריק אין גרוב אַריין. די גרוב איז געוואָרן פול מיט ליימיק־זאַמדיקן וואַסער, מיט וועלכן משה האָט זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבן. ער האָט געפילט, אַז זיין אַרבעט אין אָט דער נאַכט איז געווען אומזיסט. אָבער אויפגעבן האָט ער ניט געקאָנט, אַ פיבערהאַפטע עקשנות האָט אים געצוואונגען און באַצוואונגען.

3

אין יענער צייט איז דער בלינדער געלעגן אויפן געלעגער און ניט געקאָנט איינשלאָפן. די וועלט איז פול געווען מיט מאָדנע קלאַנגען. ניט געלאָזט רוען דעם געמיט. ס'איז געווען אַ נאַכט פון געהיימעניש און שרעק. מאָדנע שאָרכן האָבן זיך דערטראָגן פון דרויסן. פאַרזיכטיקע טריט, אָט אין איין טייל פון הויף און אָט — אין אַ צווייטן. טריט. ווער האָט איצט געקאָנט אַרומגיין?

געלעגן און איינגעהערט זיך. יאָ, דאָס זיינען געווען טריט. מענטשלעכע טריט. אָט זיינען עס געווען משהס טריט און אָט — פרעמדע, פאַרזיכטיקע, שאַרנדיקע טריט. זיינען דאָס געווען טריט פון איינעם צי פון צווייען? ניין, פון איינעם. קען זיין, אַז משה איז איינער אַליין אַרומגעגאַנגען איבערן הויף? אין אַזאַ נאַכט איינער אַליין? ווי האָט עס געקאָנט זיין? נאָך אַ מאָל איינגעהערט זיך. שטאַרק איינגעהערט זיך. די טריט זיינען איצט געווען זיכערע און האָבן זיך דערווייטערט צו דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. אָפּגעשטעלט זיך דאָרטן אויף אַ רגע. ברוך האָט דערהערט די אַרבעט פון אַ גראָב־אייזן.

איצט איז אַלץ געווען קלאָר. אימעצער האָט זיך אונטערגעגראָבן אונטער דער וואַנט. ברוכס אויער האָט געקאָנט הערן דעם אָטעם פון דעם, וואָס האָט געגראָבן. אָט גראָבט דער אייזן און אָט ווערט ער שטיל.

ווער האָט דאָס געקאָנט זיין, אַחוץ משהן? דער בלינדער האָט געוואָלט צוגיין צום פענצטער און אַ רוף טאָן אים. אָבער דאָס גראָבן איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. דער, וואָס האָט געגראָבן, האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. איז ברוך אויפגעשטאַנען, צוגעשאַרט זיך צום פענצטער און אײַנגעהערט זיך. עפּעס האָט פּאַסירט אַרום זייער הויז. עפּעס אויסערגעוויינלעכס האָט פּאַסירט און ער האָט ניט געקאָנט באַגרייפן, וואָס דאָס איז געווען. דער גראָב־אייזן האָט איצט געאַרבעט שנעל און פאַרעקשנט.

און ווי שפּעט איז איצט געווען? עס איז זיכער געווען נאָך האַלבער נאכט.

אויפן טיש איז פון יאָרן געשטאַנען אַ זייגער מיט אַן אָפענעם ציפער־בלאַט, וואָס איז געווען פאַרגעלט פון צייט און פון דער באַרירונג פון א מענטשלעכער האַנט. דער בלינדער האָט אָנגעטאַפּט די ווייזערס. עס איז געווען נאָך צוויי. האָט עס געקאָנט זיין, אַז משה זאָל עפּעס טאָן אין דרויסן אין אַזאַ שפּעטער שעה? ער איז נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען צום פענצטער, אויפגעעפנט און אויסגעשריען אין דער נאַכט אַריין:

— ווער איז דאָרטן?...

עס איז גלייך שטיל געוואָרן. דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן איבער דער דורכגעווייקטער ערד און איבער די קאַלוזשעס. אָפּגעוואַרט אַ רגע און נאָך אַ מאָל, אַ ביסל העכער, אויסגעשריען:

— ווער איז דאָרטן, ענטפער!...

קיינער האָט ניט געענטפערט.

ברוך האָט פאַרמאַכט דאָס פענצטער און געדולדיק געוואַרט. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך דערהערט טריט, האָבן זיך אַוועקגערוקט אין דער לענג פון וואַנט און פאַרשוואונדן. איצט האָט דער בלינדער דערקענט משהס טריט. עס איז מער ניט געווען קיין צווייפל, אַז משה האָט געטאָן עפּעס פאַרדעכטיקס אין אַזאַ נאַכט. וואָס האָט ער געטאָן? וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? ער האָט געגראָבן אונטער דער וואַנט. צוליב וואָס האָט ער געגראָבן? וואָס האָט ער פאַרגראָבן? אין דעם איז געווען אַ גרויסע געהיימעניש.

געלייגט זיך אין בעט אַריין מיט מורא אין האַרצן. איבער דער

הויט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ נעץ פון אויפגערעגטע נערוון און ניט געלאָזן רוען. געוועקט אַ שרעק אין יעדן גליד באַזונדער. די פינגער האָבן זיך אויסגעצויגן, געוואָרן צאַרט און פילבאַר, ווי אויפגערעגטע נערוון, האָבן געזוכט און געווּנטשן אַליין ווי לעבעדיקע וועזנס. פון דער אויפרעגונג איז שווער געווען צו ציען דעם אָטעם. אַ שווערער אומעט האָט אַרומגענומען דעם האַלדז און געוואָרגן. אַזאַ אומעט, ווי ווער ער דערציען ביז מאָרגן? עס האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ געשריי, רופן מלכהן, רופן זי אין אַן אָנפאַל פון שרעק.

משה איז דערווייל געשטאַנען האַרט צוגעטוליעט צו דער וואַנט פון הויז, אַ דורכגעווייקטער פון רעגן און אַ ציטערנדיקער פון קעלט און בייזקייט, געשטאַנען און געפילט, ווי עס גליווערן אין אים די בלוטן. די שנאה צום ברודער האָט געברענט אין האַרצן. עס האָט זיך געוואָלט אַריין אין הויז, אַריינגיין צו אים אין צימער און דערווערגן אים. נעמען נקמה פאַר שלאָפלאָזע נעכט פון אייפערזוכט, פאַר דעם אומרו פון די טעג און פאַר דעם צעשטערטן פּלאַן.

ער וועט אַריין אין הויז און מאַכן אַ סוף פון אַלץ, מאַכן אַ סוף פון בלינדן. נאָכדעם אַריינגיין אין עס־צימער, צעברעכן אַלץ. און זאָל מלכה אַרויסלויפן, און זען, ווי ער ברעכט די מעבל, שליידערט צום דיל און שטיקלעך צעפליען זיך אין אַלע זייטן, זאָל זי קוקן און ציטערן...

ער איז אַריין אין קיך. איינגעהערט זיך. אינעם הויז איז געשטאַנען אַ סוף־נאַכטיקע שטילקייט. דורכגעגאַנגען דעם עס־צימער און שטילערהייט געעפנט דעם שלאָפצימער. מלכה איז געשלאָפן, רואיק געצויגן דעם אָטעם. ער איז צוגעגאַנגען צום בעט און אָוועקגעשטעלט זיך איבער איר, געשטאַנען אַ ווײַלע. דאָס איז זיין ווייב, מלכה. ער האָט מיט איר אָפּגעלעבט אַזויפיל יאָרן. ווער איז זי? וואָס ווייסט ער וועגן איר? ער האָט ניט געוואוסט פאַרוואָס ער שטייט איבער איר. פריער האָט ער געוואוסט און איצט האָט ער ניט געוואוסט. אַ פרעמד הויז און אַ פרעמדע פרוי. איין רגע האָט זיך שטאַרק געוואָלט, זי זאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און דערפילן אים איבער זיך.

ער האָט שטיל אַ הוסט געטאָן. זי האָט זיך אַ ריר געטאָן, אויפגעזעצט זיך אין בעט און גענומען איינהערן זיך און אַרומקוקן זיך. אין אַ רגע אַרום צוריק אוועקגעלייגט זיך. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט

דאָס קלאַפּן פון איר האַרצן. ניט געוואוסט, צי זי האָט אים געזען, צי ניט. אָפּגערוקט זיך אָן אַ זייט און פאַרשטיינערט געוואָרן. איין רגע, און זי איז אויפגעשפּרונגען פון בעט און, אין איילנדיקן שרעק, אָנגעצונדן ס׳ליכט.

ער איז געשטאַנען אַ בלייכער, אַ צעשראָקענער, אין די נאַסע אַלטע קליידער, און פאַרלוירן געשמייכלט. אַ טויטער שמייכל איז געלעגן אויף די בלייכע ליפּן: זי האָט אים דערזען און געוואָלט שרייען, שרייען משונהדיק און ווילד. אַזאַ שרעק האָט זי אַרומגענומען, געוואוסט, אַז דאָס איז משה, אָבער די שרעק אין איר האָט זיך ניט געוואָלט באַהערשן:

— משה?! וואָס טוסטו דאָ?! זע ווי דו קוקסט אויס? גאָט!...

זי האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ. איינגעגראַבלט זיך מיט די דינע פינגער אין די האָר און געבליבן מיט אָן אָפּענעם מויל קעגן אים. פון אים האָט געטראָגן אַ קעלט. ער איז אַלץ געשטאַנען מיטן בלייכן שמייכל און ניט גערירט זיך פון אָרט. אין אַ פּאַניק איז זי צוגעטראָטן צו אים, געקוקט מיט ברענענדיקע אויגן אין זיינע אויסגעלאָשענע אויגן און אַריינגעשריען:

— וואָס האָסטו געטאָן?! זאָג, וואָס האָסטו געוואָלט טאָן?! זאָג, זאָג!...

זי האָט געקוקט אויף זיינע הענט, ווי געזוכט אויף זיי אַ צייכן פון בלוט. אַ צייכן פון שרעקלעכן פאַרדאַכט. אָבער ער איז געשטאַנען קאַלט און ניט געקאָנט אַראָפּווישן פון פּנים דעם בלייכן, פאַרגליווערטן שמייכל. זי איז אַריינגעפאַלן מיטן פּנים אין בעט, און אירע פּלייצעס האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען פון געוויין. אים איז געווען אַלץ־איינס. עס האָט ניט געאַרט, ניט געוועקט קיין געפילן אין האַרצן, ניט געשראָקן און ניט געפרייט. ער האָט קאַלט געזאָגט:

— בין אַרויס זען, צי עס גיסט ניט אַריין אין קעלער. אַ גאַנצע נאַכט הערט ניט אויף צו רעגענען... וואָס וויינסטו, נאַר?...

זי האָט זיך ניט באַרואיקט. נאָך אַלץ געוויינט. האָט ער נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— איך האָב אַרומגעגראָבן אַ ביסל, דאָס וואַסער זאָל ניט אַריינרינען אין קעלער... וואָס וויינסטו?!...

איצט האָט זי זיך אויפגעזעצט, אַ קוק געטאָן אויף אים און געזאָגט:

— האָסט מיך געוואָלט דערהרגענען... איך זע נאָך דיינע אויגן. האָסט געוואָלט מיין טויט, משה. אוי, גאָט!...

זי האָט ווידער איינגעגראָבלט אירע הענט אין די האָר און געוויינט. ער האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען

פלוצלינג האָט זי געזאָגט:

— זאָג, וואָס האָסטו געטאָן ברוכן? ביסטו געווען ביי אים!...

— ניין. ניט געווען! נאָך וואָס דאַרף איך זיין ביי אים? רייד ניט קיין נאַרישקייטן. וואָס עפּעס צו אים? כע!...

— טאָ נאָך וואָס ביסטו געקומען צו מיר אין מיטן נאַכט? איך ווייס, דו האָסט זיך באַהאַלטן און געוואָלט עפּעס טאָן. אוי, זע ווי דו קוקסט אויס!...

— אין דרויסן איז אַ רעגן, זאָג איך דאָך דיר, האָב איך זיך דורכגענעצט. ס'איז גאָרניט. און דו מאַכסט אַזאַ טומל...

— ניין! נאָך וואָס ביסטו אַריין? זאָג, משה, ווי גאָט איז דיר ליב, וואָס האָסטו געוואָלט טאָן?...

— וואָס איז, מ'טאָר שוין צו דיר אָפּילו ניט אַריינקומען? זיי ניט קיין נאַר. לייג זיך שלאָפן. ס'איז שוין שפּעט.

משה איז אַוועק צו זיך אין צימער. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, ווי ער איז געווען, אין די נאַסע קליידער, אויף אַ ברעג פון דער קאַנאַפּע. דאָס הויז איז געווען פרעמד. זיין ברודער אַ פרעמדער און די ווייב — אַ פרעמדע. אַפילו דאָס געלט, אין קעלער, איז אויך ניט זיינס. אויף וואָס האָט ער איצט באַדאַרפט דאָס געלט?

אַלע דריי זיינען געווען וואַך. יעדער אין זיין ווינקל, דערשראָקענע און פאַרפלאָנטערטע אין נעצן. יעדער איינער באַזונדער. די נאַכט האָט זיך געצויגן לאַנג. און די דריי הערצער האָבן געבענקט נאָך טאָג און נאָך באַפרייאונג:

— קום, טאָג, און באַפריי. קום, טאָג!

4

אין דער פרי האָט דער רעגן אויפגעהערט. דער הימל איז נאָך אַלץ געווען פאַרוואָלקנט. דער טאָג איז געקומען אַ קראַנקער און אַ טרויעריקער, אומעטום זיינען געווען די שפורן פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט. אין הויף זיינען געשטאַנען טיפע קאַליוזשעס. די ערד איז געווען דורכגעווייקט, אויפגעבלאָזן פון רעגן. איבער דער פייכטער ווייטקייט האָט זיך געהויבן אַ גרויער נעפּל. די קלאַנגען פון דער שטאָט האָבן זיך דערטראָגן טעמפּ און טונקל, ווי דערשטיקטע.

משה איז זייער פרי אַוועק פון דער היים. ניט געגעסן און ניט געטרונקען. אַרויסגעגנבעט זיך פון הויז. עס איז ניט געווען קלאָר וואוהין ער איז אַוועק, — אין געשעפט, צי ערגעץ אַנדערש. און די צוויי אין הויז, מלכה און ברוך, האָבן זיך אויך ניט געאיילט איינער צום צווייטן.

ברוך איז אַרויס פון זיין צימער און גענומען אַרומשפּאַנען איבער אַלע צימערן. ניט געווען זיכער, צי מלכה איז שוין אויפגעשטאַנען. ניט געוואוסט, צי משה איז שוין אַוועק פון הויז. אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן, געקלאַפּט מיטן שטעקן און גערופן אויפמערקזאַמקייט. מלכה האָט געהערט און אַ לאַנגע צייט ניט אָפּגערופן זיך, פאַרטייעט זיך אין אַ ווינקל און געשוויגן, צוגעהערט זיך צו זיינע טריט איבער די ליידיקע צימערן, וואָס האָבן גערופן טרערן צום פאַרוואָרגענעם האַלדז. זי איז אַנטשלאָסן צוגעגאַנגען צום קליידער־שראַנק, אָנגעטאָן אויף זיך דעם מאַנטל און הוט, און שוין אינגאַנצן אַ גרייטע אַרויסצוגיין, איז זי אַרויס צו אים, געזאָגט:

— ברוך, דו זוכסט מיך?

ער האָט געפרעגט:

— משה איז אין הויז?

— שוין אַוועק, זייער פרי אַוועק.

— דו ווייסט, ער האָט געגראָבן אונטערן וואַנט, אַנטקעגנאיבער. וואָס האָט ער דאָרטן געגראָבן? איך בין אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. אַלץ געטראַכט, וואָס האָט ער דאָרטן געגראָבן? אין אַזאַ נאַכט, דו ווייסט?

— איך ווייס ניט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס וואַסער איז אַריינ־געדרונגען אין קעלער, האָט ער אַרומגעגראָבן. אָבער איך גלייב ניט. ס׳איז עפּעס אַנדערש...

ברוך האָט אויך געזאָגט:

— ביסט גערעכט, ס׳איז עפּעס אַנדערש. ער האָט געגראָבן אַרום דער וואַנט. ניין, איך זאָג דיר: ניט אַרום הויז האָט ער געגראָבן. איך האָב אַרויסגעשריען דורכן פענצטער, האָט ער אויפגעהערט צו גראָבן און איז אַוועק פון דאָרטן אין הויז. איך האָב גוט געהערט.

ברוך האָט גערעדט און געווען בלייך און דערשראָקן. זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם געזאָגט:

— דו ווייסט, ער איז צו מיר געקומען אין צימער. געשטאַנען אַזוי, אין די נאַסע קליידער, אין דער פינצטער, און געקוקט אויף מיר, אַז איך האָב אים דערפילט אין צימער, האָב איך אָנגעצונדן ליכט — ערשט ער שטייט אַ בלייכער לעבן בעט. וואַסער־טראָפּנס רינען אַראָפּ פון די קליידער. ס׳איז געווען אַ מורא אַ קוק צו טאָן אויף אים...

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— איך ווייס: ער איז געקומען מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן. אָ, איך ווייס: ער וועט מיך דערהרגענען. ער וועט נקמה נעמען...

ביידע האָבן געשוויגן. זי האָט ווידער געזאָגט:

— נאָכדעם איז ער אַרויס פון מיר, אַוועקגעזעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע און אַזוי געזעסן ביז אין טאָג אַריין. איך האָב אַן אויג פון אים ניט אַראָפּגעלאָזט, אַלץ מורא געהאַט, אַז ער וועט גיין צו דיר... אָבער ער איז געזעסן מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און ניט גערירט זיך. איך זאָג דיר, ברוך: ער ווייסט אַלץ. מיר דאַרפן פון דאַנען אַנטלויפן. מיר טאָרן דאָ מער ניט פאַרבלייבן. אַך, גאָט!

— יאָ, מיר טאָרן דאָ ניט זיין. איך בין זיכער, אַז אין אָט דער נאַכט האָט ער אונדז געוואָלט ביידן דערהרגענען און פאַרגראָבן אונטער דער וואַנט.

אָט די אומגעווינלעכע רייד וועגן טויט און אומבאַשטימטקייט האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לעבן, ווי מיט אַ פּלוצלינגער קעלט. די וועלט איז פול געוואָרן מיט געפאַר. דער טויט האָט זיך פּלוצלינג אָנגערוקט, ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש און עס איז ניט געווען קיין אָרט, וואוהין

אַוועקצוגיין. דער בלינדער האָט אָנגערירט מלכהן, דערפילט אירע קליידער און זיך דערשראָקן:

— וואוהין גייסטו? וואוהין גייסטו? גיי ניט אַוועק!

— איך מוז גיין.

— גייסט אַוועק, און לאָזט מיך דאָ איינעם אַליין. ווי וועל איך דאָ בלייבן איינער אַליין?

אין זיין קול זיינען געווען טרערן און קינדישע אומבאַהאָלפנקייט און בענקשאַפט פון אַ מענטשן, וואָס האָט מורא, מורא פאַרן לעבן און פאַרן טויט. ער האָט זי אָנגעהויבן פּלוצלינג אין דער מאָדנער עקסטאַ־טישקייט אַרומצוטאַפּן איר פּנים, איר האַלדז און אירע הענט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס זי איז געווען לעבן אים.

ער האָט ווידער געזאָגט:

— זאָג, וואוהין גייסטו? פאַרוואָס זאָגסטו מיר ניט?

זי האָט פּשוט געזאָגט:

— איך מוז זיך אַרויסרייסן אַ ביסל פון דער שטוב, פון דעם הויז. איך וועל זיך אַריינכאַפּן צו פריינט, וואָס כ׳האָב שוין לאַנג ניט געזען, ניט באַגעגנט. איך ווער דאָ דערשטיקט... פאַרשטייסט מיך?...

5

באַלד, אומדערוואַרטעט איז געקומען משה. דער בלינדער האָט אים באַגעגנט אין איינעם פון די מיטלסטע צימערן. מלכה איז נאָך ניט צוריקגעקומען. אַליין מיט משהן, נאָך לאַנגע אומרואיקע שעהן, האָט זיך ברוך דערשראָקן און פאַרלוירן געבליבן שטיין קעגן ברודער. געזאָגט:

— משה? דאָס ביסטו?

משה האָט נאָר געזאָגט:

— וואו איז מלכה?

זיין שטים איז געווען ווייך. ווייכער ווי אַלע מאָל. און אפשר איז זי געווען נאָר שוואַך, אָבער דער בלינדער האָט נאָך קיין מאָל ניט געהערט אים ריידן מיט אַזאַ ווייכקייט אין קול. האָט ער זיך גלייך באַרואיקט, רואיק געענטפערט:

— איך ווייס ניט. זי איז ערגעץ אַוועק. וועט מסתם באַלד צוריק־קומען, און דו — ווי קומסטו אין מיטן טאָג?

— כ׳האָב פאַרמאַכט דאָס געשעפט. כ׳בין ניט געזונט. כ׳האָב היץ און עס ברעכט מיר יעדער אבר...

און ווידער איז זיין שטים געוועזן שוואַך. נאָכדעם איז ער אַוועק צו דער קאַנאַפּע און אַוועקגעלייגט זיך. דער בלינדער איז געבליבן אַ ווײַלע אויפן אָרט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. דערפילט אין זיך די אייביקע אומבאַהאָלפנקייט אין די ערנסטע מאָמענטן פון לעבן. געוואָלט מלכה זאָל וואָס שנעלער קומען.

ער איז אַרײַן צו זיך אין צימער און זיך דאָרט אַרײַנגעזעצט אין זיין שטול. געזעסן, און דער גאַנצער געווען אין הערן. מלכה האָט זיך פאַרשפּעטיקט. שעהן זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם און פײַנלעך. אים האָט זיך געדוכט, אַז מלכה וועט מער קיין מאָל ניט קומען. אַוועק און קיין מאָל ניט קומען צוריק. ער איז געבליבן איינער אַליין, אַן איבערגע־לאָזטער אין פינצטערניש. אים האָט זיך געוואָלט וויינען. געוועזן ווי אַ קינד, וואָס בענקט נאָך זיין מאַמען. געוועזן נאָך שוואַכער און אומבאַ־האָלפענער, ווי אַ קינד. און אומגליקלעכער.

ערשט שפּעט נאָך מיטאָג איז זי געקומען.

זי איז געקומען אַהיים ווי אַן אָפּגעפּרישטע. פון דער באַגעגעניש מיט פריינט, איז זי געוואָרן אויפגעלייגטער, מוטיקער.

און פּלוצלינג האָט זי דערזען משהן. ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און ברייט געקוקט אויף איר. ביידע, פאַרוואונדערטע, האָבן אַ ווײַלע געקוקט איינע אויפן צווייטן, אָן ווערטער. מלכה האָט דערפילט, ווי אין האַלדז האָט איר גענומען ווערגן, ווי פון שרעק וואָלט איר עפּעס געבליבן שטעקן אין האַלדז. זי האָט געזאָגט:

— משה, דו ביסט קראַנק?

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און צוגעלייגט איר האַנט צו זיין הייסן שטערן. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און ניט געוואָלט עפענען. זי האָט איר האַנט פון זיין שטערן אַראָפּגענומען, אָבער ער האָט נאָך אַלץ די אויגן ניט געעפנט. זי האָט געזאָגט:

— וואָס איז דיר, משה?

— גאָרניט, כ׳בין קראַנק...

— דו האָסט היץ. איך וועל גלייך רופן דעם דאָקטאָר. האָסט זיך פאַרקילט...

שפּעט אין אָוונט, נאָכדעם ווי דער דאָקטאָר איז געווען און אַלץ אַרום דעם קראַנקן איז געווען פאַרזאָרגט, האָט זיך מלכה, אַן אויסגע־מאַטערטע פונעם טאָג, אַוועקגעזעצט.

משה איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אויפן באַלקן, ניט רירנדיק מיט קיין אבר. ניט אומגעקוקט זיך אויף מלכהן און ניט געענט־פערט אויף אירע רייד. זי האָט געפּרוּווט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס. געפרעגט פראַגעס. אָבער ער האָט ניט געהערט. ניט געוואוסט פון מלכהס אַרויסגעוויזענער זאָרג, ניט פונעם דאָקטאָרס שטרענגער וואָרענונג און נאָר פאַרעקשנט געטראַכט זיינעם אַן אייגענעם געדאַנק, וואָס איז געווען איבער אים און איבער אַלץ אַרום אים. און עס איז געווען ווי דאָ, אויפן בעט, וואָלט געלעגן דער גוף פון אַן אַלטן, פרעמדן, אומבאַקאַנטן און ערגעץ אַנדערש, ניט דאָ, וואָלט געווען משה, וואָס איז ערגעץ אַרומגעגאַנגען, אָדער געווען פאַרשפּאַרט הינטער דער קראַטקע פון זיין לאָמבאַרד און געטראַכט זיינע געדאַנקען פון נקמה. אַזאַ פרעמד־קייט האָט זיך פון אים פאַרשפּרייט, אַזאַ ווייטקייט צווישן אים און די איבעריקע צוויי מענטשן, וואָס זיינען געווען אין הויז.

אויף דעם עלטערלעכן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ רויטקייט, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אין קרענקלעכע פלעקן אויף די איינגעפאַלענע באַקן. די ליפּן האָבן זיך געטריקנט און געשפּאָלטן און דאָס מויל איז די גאַנצע צייט געבליבן אָפן און פיבערדיק.

מלכה איז צוגעגאַנגען נענטער צום קראַנקן און געזאָגט:

— איך וועל אויסלעשן דאָס ליכט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, דו מוזסט איינשלאָפן. פאַרוואָס שלאָפסטו ניט איין?

ער האָט ניט געענטפערט. זי האָט נאָך אַ מאָל, מיט געבעט, געזאָגט:

— משה, דו הערסט וואָס איך זאָג דיר? דו ביסט זייער קראַנק און דו האָסט היץ. ווער אַנטשלאָפן. איך וועל אויסלעשן דאָס ליכט.

ער האָט זיך אַ קער געטאָן אַן אַ זייט און ווידער ניט געענטפערט. האָט זי שוין מער ניט געפרעגט, אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אַוועק אין אַ צווייטן צימער. דאָרטן האָט זי געוואַרט אויף אַ שפּעטער שעה, ווען זי וועט קאָנען אריינגיין צו ברוכן.

ברוך איז ניט געשלאָפֿן. ער איז געזעסן אין זיין שטול און געדולדיק געוואַרט אויף מלכהס קומען. געוואוסט, אַז זי וועט קומען. און וואָלט זי ניט געקומען, וואָלט ער געזעסן די גאַנצע נאַכט ביז זי וואָלט געקומען.

זי איז אַריין צו אים שפּעט ביינאַכט. ער האָט אין דער פינצטער אויסגעשטרעקט צו איר די הענט און געוואָלט עפּעס זאָגן. אָבער זי האָט שוין דערשראָקן געזאָגט:

— דו ביסט נאָך ניט אין בעט? בלייב שטיל. איך בין געקומען אויף איין מינוט. אפשר שלאָפֿט ער ניט... ער איז זייער קראַנק. אוי, בין איך אויסגעמאַטערט!

און זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ברעג בעט. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, צוגעגאַנגען צו איר, געשטעלט זיך איבער איר. מיט געפאלנקייט אין קול געזאָגט:

— דעם גאַנצן טאָג מיידסטו מיך אויס. פאַרוואָס מיידסטו מיך אויס?

פלוצלינג האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, — אין רגע זיך איינגע־הערט און שטיל אַריינגעסודעט איר אין אויער:

— משה גייט.

און גלייך פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ מאָדנער שטומעניש. מיט פאַרטייעטע הערצער האָבןביידע געוואַרט, געוואַרט מיט פאַרמאַכטע אויגן, ביידע בלינדע, אַז אָט־אָט וועט זיך די טיר אָן עפן טאָן, און משה וועט אַריינקומען, אַ שרעקלעכער.

אַ רגע און נאָך אַ רגע. עס איז שווער געווען צו וויסן ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט. די טריט האָבן זיך אָפּגעשטעלט. און פלוצלינג האָבן זיי ווידער דערהערט די טריט. אָבער דאָס זיינען שוין געווען דערווייי־טערנדיקע טריט. ס׳איז איצט ניט געווען קיין ספק, אַז משה איז געווען ביים טיר און זיך, צוליב עפּעס, אומגעקערט צוריק.

זי האָט זיך אָפּגעריסן פון אים. ער האָט זי ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט. זי האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן.

זי איז שטיל, אַ שאָטן צווישן שאָטנס, פאַרבייגעגאַנגען דעם קראַנקן־צימער און אַריינגעפאַלן מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם אינעם אייגענעם בעט, איינגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע, ווי ראַטעווענדיק

זיך פון דער נאָכלויפנדיקער געפאַר. זי איז געלעגן אַן אָנגעטאָנענע אונטער דער קאָלדרע, ווי אַ קליין פאַרטייעט חיהלע, מיט אָפענע פינטל־דיקע אויגן, און געקוקט אין דער פינצטערניש אַריין.

6

געווען איז דאָס אַזוי:

משה האָט דעם גאַנצן אָוונט, מיט אַ קרענקלעכן נייגער, אָפּגעהיט מלכהס יעדן טראָט, און ווי זי האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט אין זיין צימער, האָט זיך דאָס גאַנצע ביסל כוחות אין אים פאַרוואַנדלט אין הערן. ער איז פיל נעכט ניט דערשלאָפן אָפּהיטנדיק מלכהן, און קיין מאָל אין די נעכט ניט אָפּגעהיט זי לעבן דעם בלינדנס צימער. דאָס מאָל איז ער געווען זיכער, אַז ער וועט זי אָפּהיטן. אין זיין דמיון איז געווען אַ פאַרטיקער באַשלוס, וואָס צו טאָן מיט זיי ביידן.

און דערפאַר, ווי נאָר ער איז געווען זיכער, אַז זי איז אַוועק צו ברוכן, איז ער אויפגעשטאַנען און גענומען פאַרזיכטיק אַרומזוכן זי אין די צימערן. אין ערגעץ ניט געפונען, איז ער אַוועק צו ברוכס צימער. די פיס זיינען געווען שוואַך און אים קוים געטראָגן, אָבער דער ווילן איז געווען שטאַרק און אין די פינגער פון די הענט האָט זיך געפילט אַזאַ קראַפט, פונקט ווי דער גאַנצער כוח זיינער וואָלט זיך אין דעם מאָמענט קאָנצענטרירט אין די פינגער.

און ס'איז געווען קלאָר: ער וועט אַריין און אַן ווערטער אָנפאַלן און זיי דערווערגן. פריער אים און דערנאָך — זי. עס איז גאָר אין דעם ניט געווען קיין אויסערגעוויינלעכעס. ס'איז געווען לייכט און פשוט, מ'האָט עס נאָר באַדאַרפט פאַרענדיקן, ווי יעדע זאַך, וואָס מ'הייבט אָן, דאַרף מען פאַרענדיקן. עס איז נאָר ניט געווען קלאָר, וואָס ער וועט טאָן מיט זיך, נאָכדעם, ווי אַלץ וועט זיין פאַרענדיקט. און דאָס האָט פאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט. און שטייענדיק ביי דער טיר פון ברוכס צימער, האָט ער זיך דערמאָנט וועגן דעם גאָלד אין קעלער און וועגן דער אָנגעהויבענער גרוב און וועגן דעם פּלאַן צו פאַרגראָבן אַלץ אונטער דער וואַנט. דער־מאָנט זיך, און גלייך איז דאָס גיין צו ברוכן אין צימער, מיט אַ מאָל געוואָרן מינדערוויכטיק. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע און זיך

גלייך געלאָזט צוריק, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם כאַלאַט און זיך אַרונטערגעלאָזט אין קעלער. אין קעלער איז געווען זייער קאַלט, און עס האָט געדויערט עטלעכע מינוטן ביז ער האָט אין דער פינצטער געפונען דעם גאַז־רער, און געמאַכט ליכט. יעדער גליד האָט אין אים געציטערט פון דער קעלט. עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

דאָס אייזערנע קעסטל איז געווען פארשטעקט אין אַ פינצטערן ווינקל פון קעלער און ס'איז שווער געווען זי פון דאָרטן ארויסצובאקו־מען. נאָך שווערער איז איצט געווען עס צו טראָגן. פונקט ווי עס וואָלט מיט שטיינער געווען אָנגעפילט. קוים ארויסגעקראָכן פון קעלער, געמוזט זיך אָנשפּאַרן אָן דער וואַנט, אָפּרוען זיך. אַזוי שטאַרק האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ און געשטיקט דער פאַרכאַפּטער אָטעם. משה האָט זיך געשטאַרקט, אויפגעהויבן דאָס קעסטל און צוגעטראָגן צו דער וואַנט, צום אויסגעגראָבענעם גריבל. איצט איז ער געווען נאָך מידער, האָט ער זיך ארונטערגעלאָזט אויף דער ערד, דערפילט אַ פאַרלאַנג אויס־צוגיין אין דער קעלט, פאַרגליווערט ווערן.

אַזוי אַ מינוט און צוויי. ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן, איבער־געבויגן זיך אויף די קני איבער דעם גריבל און מיט די פאַרגליווערטע פינגער אָנגעהויבן גראָבן. ער האָט ניט געפילט אַפילו די קעלט אין זיך, וואָס האָט געגליווערט די בלוטן. און נאָר ווען די גרוב איז שוין געווען גענוג טיף, האָט ער אַרונטערגעלאָזט אין איר דאָס קעסטל און אײלנדיק אָנגעהויבן זי צו פארשיטן מיטן ווייכן ערד.

ניט געוואוסט ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן. ניט געוואוסט צי די אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן געהעריק. ניט באַגריפן ווי לאַנג עס האָט אים גענומען און ווי שפּעט אין דער נאַכט עס איז בכלל געווען. עס האָט שטאַרק געצויגן צו דער ערד. געהאַט אַ באַצווינגענדיקן פאַרלאַנג אויסצוציען זיך אויף איר, אויף דער קאַלטער, און אויסגיין אין דער זיסער מידקייט, מיט וועלכער די קעלט האָט צונויפגעדריקט זיין יעדן אבר.

פונדעסטוועגן איז משה אויפגעשטאַנען פון דער ערד. ער איז געווען אויסגעשמירט אין ליים און ערד. די קעלט האָט זיך נאָך מער איינגעגעסן אין די ביינער, אין לייב, ביז ווייטיק.

ער האָט ניט געדענקט ווי ער איז אַריין אין הויז. אָבער ווי נאָר

ער האָט געמאַכט דעם ערשטן טראָט אַריבער דער שוועל, איז ער גלייך אומגעפאַלן מיטן פּנים אַראָפּ, אויפטרייסלענדיק מיט אַ קלונג דאָס געשיר אין דער קיך־שאַפע.

אין דער שטילקייט פונעם גרויסן הויז האָט זיך אַלץ אויפגעכאַפּט. מלכה איז מיט אַן אויסגעשריי ארויסגעלאָפן פון בעט, אַרומגעלאָפן פאַרלוירן איבער די צימערן, ניט געקאָנט געפינען משהן אינעם קראַנקן־צימער, איז זי אַרומגעלאָפן און געשריען:

— משה, משה!

ברוך איז אויך ארויסגעלאָפן פון צימער, פאַרגעסנדיק דעם שטעקן. געשפּרייזט פון איין צימער אין אַ צווייטן, פאַרלוירן די באַקאַנטע וועגן און, ווי צום ערשטן מאָל אַ בלינד געוואָרענער, אָנגעשלאָגן זיך אָן ווענט און אָן דעם מעבל און ניט געקאָנט געפינען מלכהס אויסגעשרייען און אויסרופן אינעם גרויסן הויז.

ענדלעך האָט מען משהן געפונען. ער איז נאָך געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ צו דער ערד, האַלב באַוואוסטלאָז. מלכה איז צוגעפאַלן צו אים, איבערגעקערט אים מיטן פּנים אַרויף און, אין שרעק, היסטעריש און פאַרלוירן געשריען:

— משה, משה, וואָס איז מיט דיר?

ערשט דאַן האָט מען דערזען, אַז זיינע נאַכט־קליידער און דער כאַלאַט זיינען איינגעריכט אין ליים און די הענט זיינען ברודיק מיט צוגעטריקנטער ערד. זיין פּנים איז געווען בלייך מיט אַ טויטלעכער געלקייט.

ער האָט געקוקט אויף די צוויי דערשראָקענע מענטשן, און זיינע אויגן האָבן זיך געוואָלט צושליסן. מלכה איז געשטאַנען איבער אים, געטרייסלט זיינע ווייכע נאַכגיביקע פּלייצעס און ניט אויפגעהערט אַריינצושרייען אים אין פּנים אַריין:

— וואָס האָסטו מיט זיך געטאָן? משה, וואָס איז מיט דיר? זאָג, משה!...

ער האָט קיין זאַך ניט געענטפערט.

ער האָט נאָך אַ מאָל געעפנט די אויגן און שטום און אומעטיק אַ קוק געטאָן, פריער אויף איר און נאָכדעם אויף דעם ברודער. ווער זיינען זיי? ס'איז געווען אַלץ־איינס. מלכה איז געווען זיין ווייב און ברוך — זיין ברודער. דאָס איז געווען אַלץ־איינס. דאָס הויז איבער אים איז געווען זיין

הויז. ער האָט עס דערקענט. דאָס הויז, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין טאַטן. און ער אַליין איז געלעגן אויף דער ערד. און ווער איז ער איצט געווען? פון וואַנען איז ער אַהער געקומען? פאַרוואָס ליגט ער אויף דער ערד?

די צוויי מענטשן האָבן אים אויפגעהויבן פון דער ערד, ער האָט זיך געלאָזט אויפהייבן. די צוויי מענטשן האָבן אים געפירט. ער האָט זיך געלאָזט פירן און אַריינלייגן אין בעט, און אויסטאָן פון זיך די ברודיקע קליידער און אָנטאָן אַנדערע. עס איז געווען אַלץ־איינס.

און נאָכדעם איז אָנגעקומען נאַכט. אין מאַרך און אין אַלע אברים.

7

צוויי טעג און צוויי נעכט איז משה געלעגן אין אַ שטאַרקן פיבער. דער פיבער האָט ניט אָפּגעלאָזן דעם חולה אויף אַ רגע. דער קאָפּ האָט געברענט און אין האַרצן איז געווען אַ פוסטקייט. און עס איז געווען, ווי דער קאָפּ וואָלט געווען באַזונדער און דער גוף — באַזונדער...

ערשט צום אינדערפרי פון זיין לעצטער נאַכט האָט זיך משה פלוצלינג באַרויקט, געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און געשוויגן. עס איז אין אים קיין זאַך ניט פאַרבליבן פון זיין אָפּגעלעבטן לעבן. ער האָט אַלץ אַוועק־געגעבן, אין אַ ביטערן קאַמף אַוועקגעגעבן, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין לעבן, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע. געבליבן אַן אויסגעליידיקטער, און נאָר געוואַרט, אַז די ערד זאָל שוין קומען און צונעמען דאָס ערדישע.

טויט איז געווען אין אים. די זון האָט צוגענומען איר כוח פון זיינע גלידער. די אָפּגעשוואַכטע לאַנג און דין געוואָרענע הענט זיינען געלעגן מאַכטלאָז אויסגעצויגן איבערן צודעק, ווי געקוילעטע. און נאָר אונטער די נעגל פון די געלע פינגער האָט זיך נאָך געשוואַרצט דאָס פאַרטריקנטע ביסל ערד, וואָס האָט זיך אַהין פאַרשטעקט בעתן נאַכטיקן גראָבן די גרוב, דערמאָנט די מענטשן אין הויז, צווישן אַלע שרעקן, וועגן אַ סוד, וואָס האָט באַדאַרפט אַנטפּלעקט ווערן.

מיטן קראַנקן איז איצט געווען מלכה, אַלץ איז געווען איצט קלאָר. דער דאָקטאָר האָט נאָך מיט שעהן פריער פאָרויסגעזאָגט, אַז דער קראַנקער וועט נאָך די נאַכט שטאַרבן. זיינע לונגען זיינען שוין געווען פאַרברענט. פון

דער ערשטער נאַכט אָן זײַנען זײַנע לונגען געװען אָנטצונדן, און איצט איז ניט געװען ניט קײן הילף און ניט קײן האָפענונג.

מלכה איז געזעסן לעבן זײַן צוקאָפּנס און געװאַכט איבער זײַנע לעצטע מינוטן. ער איז שױן ניט געװען אױף דער װעלט. ער איז אינגאַנצן געװען פאַרענדערט און זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטײן װי אָט דער מענטש מיטן געל־בלײַכן פּנים איז געװען איר מאַן גאַנצע צװאָנציק יאָר. אין אים איז שױן קײן זאַך ניט געװען פון איר מאַן, משהן, און דאָך איז ער נאָך געװען משה.

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן משהס האַנט. די האַנט איז געװען קאַלטלעך און נאַכגיביק. אָנגענומען, אין שטײַגנדיקן שרעק, זײַן שפּיציקן אַקסל און אַ טרײסל געטאָן, און דער אַקסל איז געװען האַרט און פאַרעקשנט, ניט אונטערגעגעבן זיך. זי איז צוגעפאַלן צו אים און אָנגעהױבן טרײסלען דעם פאַרשטײפטן קערפּער און שרײַען אים אין פּנים אַרײַן:

— משה, משה, משה!

ספּאַזמען האָבן צוגעפּגעדריקט איר גאָרגל, און זי האָט ניט אױפגעהערט צו רופן זײַן נאָמען און זוכן מיט די װילד־געװאָרענע אױגן אַ ביסל לעבן אין דער געהײמעניש פון זײַן טױטן געזיכט. אָבער משה איז געװען טױט. ער איז שױן עטלעכע מינוט געװען טױט.

זי האָט זיך אָפּגעריסן פונעם טױטן און גענומען רופן ברוכן. אַרומ־געלאָפן איבערן צימער, ברעכנדיק די הענט, און גערופן ברוכן. און אַז ברוך איז, אױף איר געשרײ, ניט געקומען, איז זי אַװעקגעלאָפן צו אים אין צימער. ברוך איז אין צימער ניט געװען. ער איז אין גאַנצן הױז ניט געװען. זי האָט אים די גאַנצע נאַכט ניט געזען. ערשט איצט האָט זי זיך געכאַפּט, אַז ער איז ניט געװען.

איז זי אַרומגעלאָפן איבערן הױז, גערופן דערשראָקן און פאַרלױרן:

— ברוך, ברוך!

מיטאַמאָל האָט זי אים דערזען אַרײַנגײענדיק פון דער קיך־טיר. ער איז געגאַנגען מיטן בלינדן קאָפּ, הױך געהױבן, און געטראָגן אַ ברודיק אײַזערן קעסטל. מלכה האָט אים אַרײַנגעשריען אין פּנים אַרײַן:

— ברוך, ברוך, ער איז געשטאָרבן!

ברוך האָט זיך אײַנגעבױגן, אַװעקגעשטעלט דאָס קעסטל אױפן דיל און געזאָגט:

— אָט דאָס איז עס.

מלכה האָט ניט פאַרשטאַנען זיינע ווערטער; ניט געוואוסט צו וואָס זיי האָבן זיך באַצויגן: צום טויטן, אָדער צו דעם קאַסטן, וואָס ער האָט אָוועקגעשטעלט אויפן דיל, געקוקט אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן, געזען זיינע ברודיקע קליידער און הענט, און דעם בלייכן פּנים, און ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זי האָט נאָך אַ מאָל געזאָגט:

— ברוך, ער איז געשטאָרבן. גאָט!

דער בלינדער האָט, ווי צו זיך, געזאָגט:

— אַ גאַנצע נאַכט געזוכט אין דער ערד דעם קאַסטן. מיט די פינגער אויסגעטאַפּט יעדן טראָט ערד. דאָס האָט ער פאַרגראָבן. יענע נאַכט האָט ער פאַרגראָבן.

ביידע האָבן זיך איבערגעבויגן איבערן קעסטל.

און אין צווייטן צימער איז געלעגן דער טויטער, אַ גלייכגילטיקער, מיט פאַרשלאָסענע ליפּן, און עס איז אויף זיין פּנים ניט געווען קיין סוד.

פון דרויסן האָט דורכן פענצטער אַריינגעקוקט אַ גרויער טאָג.

קאַפּיטל זעקס

די בלוטיקע דעמאָנסטראַציע

1

דאָס זיצן לאַנגע חדשים אין טורמע און די ביטערע אַרבעטסלאָזיקייט און גאָר באַזונדערס — די איבערגעלעבטע נאַכט אין „פּלאַפּ־הויז", האָבן זיך ניט געלאָזט פאַרגעסן. מאַקס איז אַרומגעגאַנגען מיט געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט איינער מיטן אַנדערן:

וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט? וואָס זיינען עס פאַר אַ מאָדנע איינ־שטעלענישן אויף דער וועלט? אַ מענטש פאַר אַ מענטשן איז ערגער פון אַ וואָלף. אַ זאַטער קאָן זיך קאַלטבלוטיק קוויקן מיט זיין זאַטקייט, ווען אַ צווייטער שטייט קעגן אים א הונגעריקער. א רעקעטיר, אַ גרעפטער, אַ פּראָפיטירער, אַ באָס־עקספּלואַטאַטאָר, אַ ליידיקגייער קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דעם האָרעפּאַשניק. די תורה לערנט, אַז מ׳דאַרף פאַרדינען דעם שטיקל ברויט אין דעם שווייס פונעם אייגענעם שטערן, און דאָ מאַכט מען חוזק פון אַלע געטלעכע און מענטשלעכע געזעצן... אַ טאַטע לערנט זיין קינד צו האַסן בלוט־פאַרגיסונג און ברענגט אים געווער־שפּילצייג: ביקס־לעך, קאַנאָנען, שפּיזן... אַ פּאָליציי־מאַן, וואָס דאַרף דינען אַלעמען גלייך — שטייט גאָר אין דינסט צו באַשיצן בלויז די רייכע. און אָט איז די שטאָט און די גאַס. מיליאָנען הייזער און מענטשן אַרום דיר — און דו ביסט גאָר איינער אַליין! ס׳איז אַזאַ מורא צו גיין איבער דער גאַס, נאָך מוראדיקער, ווי אין אַ וואַלד. פאַרוואָס? אַן אָרעמאַן האָט אַלע מאָל מורא און איז דערשראָקן. ווען וועל איך שוין טאָקע אַרבעטן? אַ טאַטע לערנט די קינדער ניט צו בעטלען, און אָט עס איך אַ געבעטלט שטיקל ברויט. איך זיץ אין דער היים און עס אַ פרעמד שטיקל ברויט. וואָס וועט זיין?

ווי לאַנג וועט אָט דאָס זיין? איך האָב שוין אַוודאי פאַרגעסן מיין מלאכה. ניין, דאָס איז קיין לעבן ניט. איך וועל גיין צו פּיוולען. אַזוי טאָר עס ניט זיין. ניין...

צו פּיוולען! עס איז נאָך געווען אַן אָנהאַלט אין לעבן — פּיוול. עס איז נאָך געווען אַן ענטפער אין לעבן — פּיוול! ער וועט קומען און קלאָר מאַכן דעם פּלאָנטער פון אַלע זיינע פּלאָנטערס. ער וועט זיך פאַרבינדן מיט פּיוולען. עס איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג אין לעבן.

איבערן לעבן איז געהאָנגען דער געשפּענסט פון גרויסן הונגער. די מעכטיקע אינדוסטריעס פון לאַנד זיינען געווען פּאַראַליזירט. בענק האָבן יעדן טאָג געקראַכט. אומעטום איז געווען צעפּאַלונג. און די שפּייכלערס זיינען פול געווען מיט שפּייז, די וואַרע־הייזער זיינען געווען פול מיט מענטשלעכער פּראַצע, מיט איבערפּראָדוקציע פון יאָרן, און דאָך זיינען מיליאָנען געווען הונגעריק און נאַקעט און היימלאָז. די ברויט־שורות האָבן זיך געמערט און געוואָקסן. מענטשן האָבן, ווי קופּעס מיסט, זיך געוואַל־גערט אויף די גאַס־ראָגן, אויף סקווערן, אין פּלאַפּ־הייזער. אַ כוואַליע פון פאַרברעכנס, פון זעלבסטמאָרד און מאָרד האָט זיך געטראָגן איבערן מענטשלעכן לעבן. אויף אַלץ האָט זיך געלייגט דער שרעקלעכער צייכן פון קראַנקייט, צעשטערונג און טויט. אומעטום יאוש, אומעטום פאַר־לוירנקייט.

ווער וועט געפינען אַן ענטפער? — פּיוול. ווייל אָט האָבן דאָך די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער שוין אויפגעהויבן זייער קול. עס האָבן זיך איבערן לאַנד אָנגעהויבן הונגער־אויפשטאַנדן. עס האָבן זיך געמערט די דעמאָנסטראַציעס. עס זיינען געקומען קלאָרע פאָדערונגען. אויך אין דעם גרויסן ניו־יאָרק האָט מען זיך שוין געגרייט צו דער ערשטער גרויסער הונגער־דעמאָנסטראַציע. און אין דעם האָט געהאַט אַ האַנט אויך פּיוול. זיין פריינט פּיוול, וואָס האָט זיך געשלאָגן אַמאָל מיט פּאָגראָמטשיקעס אין דעם אַלטן רוסלאַנד און וואָס ער איז אויך דאָ געווען צווישן די, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערער וועלט.

ער וועט קומען צו אים און זאָגן: פּיוול איך בין הונגעריק. און פּיוול וועט אים פאַרשטיין. ער וועט זאָגן: פּיוול, עס איז ניטאָ קיין אויסוועג, און פּיוול וועט אים, ווי דורך אַ וואונדער, עפענען א טיר, און עס וועט זיין אַן

אויסוועג און אַ וועג. ווייל פּיוול איז געשטאַנען מיט די, וואָס האָבן געהאַט דעם ענטפער און די פאַרענטפערונג פאַר אַלע פראַגן.

2

פּיוול האָט איצט געלעבט אין ביטערער אָרעמקייט. געלעבט איז אַ קליינעם צימערל. און מיט אים איז געווען לייטשע. און אַ קינד איז ביי זיי געבוירן געוואָרן, אַ ייִנגעלע. מאַקס האָט פּיוולען ניט געטראָפן אין דער היים. איז ער געזעסן מיט לייטשען און גערעדט וועגן אַ סך זאַכן, אויסדער־ציילט איר וועגן זיין לעבן, אָנגערירט די אָנגעווייטיקטע פראַגן. לייטשע האָט אים גלייך פאַרשטאַנען. ווייל אָט איז זי דאָך אויך געווען אָרעם. און דער מאַן אירער איז געווען טאָג און נאַכט אויף פאַרזאַמלונגען, געראַנגלט זיך מיט הונגער און מיט נויט, זעלטן געווען אין דער היים. עס איז ניט געווען קיין מיטלען פאַרן קומענדיקן טאָג, אַ קינד איז געבוירן געוואָרן און געוואָקסן אין גרויס אָרעמקייט...

מאַקס האָט געזאָגט:

— וואָס וועט זיין, לייטשע?

לייטשע האָט אַ שמייכל געטאָן. אָפּגעוואַרט אַ רגע און צוגעגעבן:

— אַ גרויסע הונגער־דעמאָנסטראַציע וועט זיין.

זי האָט אים דערציילט, אַז שוין וואָכן ווי פּיוול איז פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען צו דער דעמאָנסטראַציע. ער איז איינער פון די אָנפירער פון אַ צוגרייטונגס־קאָמיטעט. מען האָט אויף אים אַרויפגעלייגט שווערע פראַנטוואָרטלעכקייט.

זי האָט אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— איצט וועלן די אַרבעטער זאָגן זייער וואָרט.

און ס׳איז געווען פּונקט דאָס, וואָס ער, מאַקס, האָט די גאַנצע צייט געטראַכט: איצט וועלן די אַרבעטער זאָגן זייער וואָרט!

זי האָט געזאָגט:

— איר וועט דאָך אויך קומען דעמאָנסטרירן. זעט, אַז דאָבע און אויך די קינדער זאָלן קומען. קיינער טאָר ניט אויספעלן. מיר דאַרפן אויפרודערן די שטאָט.

און עס איז גוט געווען צו הערן ווי זי האָט געזאָגט: — מיר דאַרפן

אויפרודערן די שטאָט. דאָס האָט געמיינט אַ סך: ער און זיין ווייב און זיינע קינדער, און אַלע וואָס זיינען אָרעם וועלן אויפרודערן די שטאָט... אַ וואַרעמע כוואַליע האָט אַרומגענומען זיין האַרץ.

— כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט זען פּיוולען. איך מוז אים זייער נייטיק זען. זי האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן:

— אוי, פּיוול קומט זייער שפּעט אַהיים. ער איז זייער פאַרנומען, אַלע מאָל פאַרנומען. האָט ניט קיין צייט פאַרן קינד... אַז ער וועט קומען, וועל איך אים זאָגן אַז איר זייט געווען, אַז איר ווילט אים זען.

פּלוצלינג איבערגעריסן אירע רייד און מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים געזאָגט:

— ברײַנדל איז ביי מיר היינט געווען. מיין שוועסטער ברײַנדל. זי וועט אויך גיין אין דעמאָנסטראַציע... אַן איינגעשפּאַרט מיידל אַזאַ געווען... איר געדענקט דאָך. נו, זי האָט זיך אויפגעזוכט... געקומען מיך זען. דעם קינד געבראַכט אַ מתנה... איר געדענקט זי דאָך, געוועז אומצופרידן פון די שטרייקער?... אַזאַ איינגעשפּאַרט מיידל. נעמט זי און קומט היינט מיך זען...

ביי לייטשען האָט אַ ציטער געטאָן דאָס קול. עס איז מאַקסן געווען גוט צו הערן אויך וועגן ברײַנדלען. געפילט וואַרעמקייט אויך צו איר, וואָס אויך זי וועט קומען דעמאָנסטרירן. און אַז ער איז אַרויס אויף דער גאַס, האָט ער זיך געפילט טרויעריק און פריילעך. ער האָט געהאַט וואָס צו דער־ציילן דאַבען. אַ קינד איז ביי פּיוול און לייטשע געבוירן געוואָרן. ברײַנדל האָט זיך צוריק אויפגעזוכט און פּיוול האָט עפּעס געגרייט, ווי אין די אַלטע צייטן, אַ גרויסע זאַך... דער פאָדעם האָט זיך געצויגן ווייטער. פון דעם אַלטן רוסלאַנד האָט זיך עפּעס געצויגן איבערן ברייטן ים, דורכ־געוועבט די איסט־סייד פון ניו־יאָרק, אַריינגעפלאָכטן אים אַליין, ווי אין אַ נעץ, אינאיינעם מיט פּיוולען, מיט דער שיף־שוועסטער לייטשען פון פּוילן, מיט אַלץ מיט אַן אַנדער... נייַן, ס׳איז נאָך געווען אַ סך זאַכן אויף דער וועלט צו טאָן. און פּיוול האָט געטאָן די אַרבעט. דאָרטן האָט ער זי געטאָן און דאָ טוט ער זי. און ער, מאַקס, האָט אָט די אַרבעט אויך באַדאַרפט טאָן. אָט האָט ער דאָך אַמאָל, בעת די פּאָגראָמען, איינגעשטעלט זיין לעבן. פאַרוואָס זאָל ער איצט ניט איינשטעלן זיין לעבן פאַר אַ גרויסער זאַך? אָ, ער וועט איינשטעלן! זאָל ער נאָר זיך זען מיט פּיוולען! ער וועט נאָך אַ מאָל איינשטעלן זיין לעבן!...

אַז ער איז געקומען אַהיים האָט דאָבע פאַר אים געהאַט די נייעס, אַז משה איז געשטאָרבן. מלכה איז געבליבן אַן אלמנה. אַ קינדערלאָזע אלמנה. און דאָבע האָט אַפילו געפונען אַ טרער פאר משהן. ניט געהאַט קיין שלעכט וואָרט פאַר אים. דערמאָנט זיין ווילקייט אריינצולאָזן זיי אין הויז אויף עטלעכע טעג. געזוכט אין זכרון אַ מינדסטע גוטע זאַך צו דערמאָנען וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם. ווייל אָט איז דאָך משה געווען אויף דער וועלט און זי האָט ניט לאַנג צוריק מיט אים גערעדט, און אָט איז ער דאָרטן געלעגן אויפן ברעג שטאָט, אין דעם גרויסן הויז, אין אַ קאַסטן... איבערגעלאָזן דעם לאָמבאַרד, מיט רייכקייט, מיט גוטס... ניטאָ משה!...

מאַקס האָט געשוויגן. ער האָט ניט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַרן טויטן. אָבער קיין שלעכטס האָט ער אויך ניט געוואָלט זאָגן. ווי קאָן מען עפּעס זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן אַ מענטשן, וואָס מאָרגן אין דער פרי וועט מען אים אַריינלייגן אין דער ערד און איבערלאָזן אים דאָרטן אויף אייביק? אָבער וועגן מלכהן האָט ער געטראַכט. מלכה איז געבליבן די זעלביקע. ניט געוועזן קיין פרייד אין איר לעבן. און איצט איז זי געבליבן אַן אלמנה. ער האָט געזאָגט:

— וואָס וועט איצט זיין מיט מלכהן? זי בלייבט דאָך איצט אַליין... דער בלינדער וועט איבערנעמען אַלץ מיט אַן אַנדער...

מיטן חוש פון אַ פרוי האָט דאָבע באַנומען די לאַגע. זי האָט נאָך פריער וועגן דעם געטראַכט. האָט זי גלייך געענטפערט:

— מלכה וועט אים ניט פאַרלאָזן. געדענק מיין וואָרט, וואָס איך זאָג דיר איצט, מאַקס, מלכה וועט בלייבן מיט ברוכן אין הויז...

— גיי שוין, גיי... ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין?

— אָט וועסטו שוין זען? מלכה וועט אים ניט פאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט...

— ווי וועט זי קאָנען לעבן איינע אַליין מיט אַ בלינדן מענטשן?

— און ווי האָט זי ביז איצט געלעבט מיט אים אין איין הויז? זי איז דאָך פאַר אים געווען ווי אַ מאַמע די גאַנצע צייט. אָט וועט זי דיר נעמען און לאָזן אים, אַ בלינדן, איינעם אַליין אויף דער וועלט. אַפּנים, אַז דו קאָנסט ניט מלכהן...

יאָ. מאַקס האָט געקאָנט מלכהן און דערפאַר האָבן זיך דאָבעס רייד געלייגט אויפן שכל. און עס האָט געקאָנט זיין זייער פשוט: מלכה וועט

בלייבן אין הויז, ווי פריער, מיטן בלינדן. רייכקייט איז נאָך משהן פאַרבליבן גענוג אויף זייער גאַנצן לעבן. דאָס הויז איז געווען אַ הויז. און מלכה וועט דאָך ניט זוכן קיין נייע גליקן. זי איז ניט געווען דער מענטש צו זוכן גליקן.

3

עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע פרילינג־טעג. ניי לעבן האָט זיך געריסן דורך די פענצטער צו די הערצער פון מענטשן. פייוול איז שוין עטלעכע טעג ניט געקומען אַהיים. ער איז געווען אין דער „הויפּט־קוואַרטיר", וואו אַ קאָמיטעט האָט געגרייט די ערשטע הונגער־דעמאָנסטראַציע. און ער איז געווען דער אָנפירנדיקער חבר פון זיין אָפּטיילונג.

און ס'איז געווען די לעצטע נאַכט. אויף מאָרגן האָט עס באַדאַרפט געשען.

דער צימער האָט אויסגעזען ווי אַ צימער פון אַ גענעראַל־שטאַב פאַר אַ גרויסער שלאַכט. דער טעלעפאָן האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען. אינפאָרמאַציע און פאַראָרדענונגען זיינען געלאָפן הין־און־צוריק איבער די דראָטן. מאַפּעס פון דעם מאַרש־מאַרשרוט זיינען געלעגן אויפן טיש. מען האָט געהאַלטן קאָנטאַקט מיט צענדליקער סעקציעס. מענטשן זיינען געקומען און געגאַנגען. ס'איז געווען אימפּעטיק לעבן.

פייוול האָט געאַרבעט שווער. ער האָט געהאַט טויזנטער זאַכן אויפן קאָפּ. קיין איינציקער פּונקט האָט ניט געטאָרט פאַרנאַכלעסיקט ווערן. קיין איינציקע דעטאַל האָט ניט געטאָרט פאַרגעסן ווערן. אויף אים און אויף נאָך עטלעכע מענטשן האָט זיך געהאַלטן דער גאַנצער פּלאַן פון דער פאָרשטייענדיקער דעמאָנסטראַציע.

ערשט שפּעט, נאָך איינס אַזייגער ביינאַכט, זיינען די מערסטע אַוועק אַהיים. און נאָר די הויפּט־אָנפירער זיינען געבליבן. זיי האָבן אפילו ניט געהאַט אין זינען צו גיין אַהיים. די היים איז געווען ווייט, דערווייטערט פון זייער לעבן. דאָ איז געווען די היים.

זיי האָבן געוואוסט:

זיי האָבן באַדאַרפט וויזן דעם ערשטן ביישפּיל פון קאַמף־פעאיקייט, אַנטשלאָסנקייט און מוטיקייט. זיי האָבן באַדאַרפט צעוויגן דעם ריזיקן ים

פון אָפּגעשטאַנענקייט, פינצטערניש און אַפּאַטיע פון דער וועלט און צעכוואַליען זי מיט רעוואָלוציאָנערע שטורעם־כוואַליעס.

און איצט זיינען זיי געווען גרייט. די שטאַט־רעגירונג האָט זיך אויך געגרייט. די פּאָליציי איז געווען מאָביליזירט. די ציווילע באַפעלקערונג איז דורך דער פיינטלעכער פּרעסע געהעצט געוואָרן מיט בלינדער שנאה און פּאַראורטייל. און ס'איז געווען אַ געפאַר, אַז דער ערשטער אַרויסטריט זאָל קאָסטן אַ סך בלוט און קרבנות. יאָ. די געפאַר איז געווען. מ'האָט זי געקאָנט זען דורך די ביישפּילן פון דער מערקווירדיקער געשיכטע פון אַלע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן.

אָבער זיי זיינען געווען מוטיק. זיי זיינען געווען גלויביק און האָבן געוואוסט: — דער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער איז מיט זיי. דער אָפּגעשטאַנענער הונגעריקער האַרעפּאַשניק וועט אויך צושטיין, זיי האָבן דאָך געקעמפט זיין קאַמף. זיי זיינען געווען מיט אים — האָט ער געמוזט זיין מיט זיי. ס'איז נאָר געווען די פראַגע: — וויפל טויזנטער וועלן זיך קומען שטעלן אין זייערע רייען.

עס איז געווען אַ פריידיקע אומרואיקייט אין האַרצן, ווי פאַר אַ גרויסן יום־טוב. אַזאַ ציטער אין יעדן אבר, פון וועלכן ס'איז געווען אי גוט אי אָנגענעם. אַזאַ אומרואיקייט איז דאָך געווען, וואָס האָט גערעגט צו קלאָרער וואַכזאַמקייט, צו טעטיקייט און אויפשטייג.

אין אַ צווייטן צימער זיינען געלעגן בערג מיט לאָזונגען און פּלאַקאַטן. אויפן טיש איז געלעגן אַן אָפענע מאַפּע פון לאַגער און מאַרשרוט. די ליטע־ראַטור איז געלעגן אין געבונדענע פּעק.

עס וועט דורכגיין די נאַכט און ס'וועט אָנקומען דער טאָג. און דאָס, וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט פאַר יענעם טאָג, וועט געבוירן ווערן און אָנהייבן צו לעבן. ניין, עס האָט שוין איצט געלעבט! אַ גאַנצן טאָג זיינען חברים, אָנגעלאָדענע מיט אַלערליי ליטעראַטור און פּראָקלאַמאַציעס, מיט זייער רוף צו די מאַסן, געגאַנגען צו די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, צו די פאַבריקן, באַנען און שיפן און פאַרשפּרייט, פאַרשפּרייט דעם רוף. אַלע זיינען זיי געווען יונגע מענטשן, אייניקע כמעט קינדער. אָבער אַוועקגייענדיק מיט דער „ליטעראַטור" אונטער די אָרעמס, האָבן זיי אויסגעזען עלטער און ערנסטער. אַ בלייכקייט האָט זיך אויסגעלייגט אויף זייערע פּנימער און אין די אויגן האָט געברענט אַ ניי ליכט, וואָס נאָר די נאָענטע חברים אין דער אַרבעט

האָבן געקאָנט פאַרשטיין זיין באַדייטונג. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי פאַר־שפּרייט די ליטעראַטור און אין אָוונט זיינען זיי געקומען אָפּגעבן זייערע באַריכטן. זיי זיינען געווען מיד. זייערע פּנימער זיינען געווען נאָך בלייכער. אָבער די ערנסטקייט איז שוין ניט געווען. אויף די פּנימער איז געלעגן אַ צופרידנקייט מיט דער אָפּגעטאָנענער אַרבעט. מ׳האָט גערעדט אויף אַ הויכן קול, מ׳האָט איבערגעגעבן קאָמישע און ערנסטע דערפאַרונגען מיט דער פּאָליציי, מיט דעטעקטיוון און אַפילו מיט קעגנערישע אַרבעטער. אייניקע האָבן זיך אומגעקערט היפּשלעך צעשלאָגענע. עטלעכע האָבן געלאָזן וויסן, אַז זיי זיינען אַרעסטירט.

יאָ. דער טאָג איז נאָך ניט אָנגעקומען, אָבער ער האָט שוין געלעבט. ער האָט געלעבט אין די געמיטער, האָט געלעבט אין די טויזנטער, וואָס האָבן זיך באַדאַרפט אויפכאַפּן מיט דעם געדאַנק: דעמאָנסטרירן.

דער זייגער איז געווען נאָך איינס ביינאַכט. פּייוול איז געווען מיד. אין די גלידער האָט גענאָגט אַ מאָדנע נאָגעניש. אָבער דער מאַרך איז געווען וואַך, דאָס געמיט אויפגעלעבט. דאָס האַרץ — פול מיט דערוואַרטונג.

זיי זיינען געווען אין דער „קוואַרטיר״ — דריי מענער און צוויי פרויען. צווישן די מענער — איין חבר אַ נעגער.

אַ חברטע האָט צוגעגרייט טיי. אַ חבר איז אַרויסגעלאָפן קויפן זעמל, קעז און פּוטער. מ׳האָט געטרונקען טיי, צוגעביסן און גערעדט וועגן דעם פאַרגאַנגענעם טאָג אַרבעט, וועגן מאָרגן, וועגן די אַרעסטירטע.

נאָכדעם זיינען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן. יעדער איז אַ צייט געווען מיט זיך אַליין און די אייגענע געדאַנקען.

פּלוצלינג האָט אַ חברטע געזאָגט:

— די ערשטע הונגער־דעמאָנסטראַציע... ס׳איז געשיכטע, חברים.

זי האָט דאָס געזאָגט און האָט זיך גלייך פאַרשעמט פאַר די אייגענע פאַר־ווערטער; אַנטשוויגן געוואָרן.

קיינער האָט גלייך ניט געענטפערט. אָבער פאַר אַלעמען איז געווען מאָדנע: — אָט זיינען זיי דאָ געזעסן אין דער נאַכט און געוואַרט אויף אַ גרויסן טאָג, און דער טאָג האָט באַדאַרפט קומען, דער היסטאָרישער...

מאָרגן... מאָרגן... דער גרויסער טאָג פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג! דער רוף צו אייניקייט, צו אַרבעטער־סאָלידאַריטעט און צום קאַמף!

אַלע האָבן וועגן דעם געטראַכט. אָבער אַ חבר האָט ניט געקאָנט איינ־האַלטן אין זיך דעם איבערפלוס פון די געפילן, געזאָגט:

— מיר וועלן עס אזוי אַ גיי־טאָן איבער די גאַסן פון דער שטאָט!... אונדזער טראָט וועט אַ טרייסל טאָן זייערע זיילן פון אויבן ביז אַראָפּ.

פון אינערלעכער אויפגערעגטקייט, האָט ער געמוזט אויפשטיין. ניט געקאָנט איינזיצן. אויפגעשטאַנען, אַ ביסל אַ בלייכלעכער, אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט טונקעלע, פינקלענדיקע אויגן, און זיך אַדורכגעגאַנגען איבערן צימער.

אַ ווײַלע געשוויגן און נאָכדעם ווידער געזאָגט:

— זיי וועלן דערהערן אונדזערע לאָזונגען און דערזען אונדזערע נייע סימבאָלן — וועט זיי פינצטער ווערן אין די אויגן.

4

פייוול האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. ס׳איז געווען פונקט פינף, באַלד האָבן געזאָלט אָנקומען חברים נאָך פּעקלעך ליטעראַטור, וואָס האָט נאָך באַדאַרפט, שעהן פאַר דער דעמאָנסטראַציע, פאַרטיילט ווערן אין אַ סך געגנטן. און באַלד זיינען זיי טאַקע געקומען און מיט זיך מיטגעבראַכט די קילקייט פון דעם פרימאָרגן און פעק מיט פרימאָרגן־צייטונגען.

און ס׳איז געווען מאָדנע: פאַר פינף האָט זיך נאָך ניט געענדיקט דער נעכטיקער טאָג, און אָט איז שוין געווען אַ נייער טאָג, און די חברים האָבן אים אַריינגעבראַכט מיט זייער אומגערוטקייט, מיט זייער טאָגיקער אויפ־געלעבטקייט. דער נייער טאָג איז אָנגעקומען...

אַלע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער פרישער פרעסע. די צייטונגען האָבן מיט גרויסע קעפּ פאַנאַנדערגעשריען די פאָרשטייענדיקע דעמאָנסטראַ־ציע. די אייגענע פרעסע האָט גערופן די אַרבעטער אין די רייען פון די דעמאָנסטראַנטן. די אייגענע פרעסע האָט געוועקט און געמונטערט. זייער פרעסע האָט גערעדט איינגעהאַלטן, קאַלט, אָבער אין זייערע באַריכטן האָט זיך געפילט אַ בייזע גיפטיקייט און אַ וואָרענונג: — פּאָליציי־עסקאַדראָנען וועלן זיין אויסגעשטעלט אויף סטראַטעגישע פונקטן... רעגירונג־און־האַנדל געביידעס וועלן זיין באַוואַכט פון אינעווייניק און פון דרויסן... קעגן די דעמאָנסטראַנטן וועט שטיין אַ באַוואָפנטע מאַכט, זייער מאַכט... דער פּאָליציי־

קאָמיסאַר וועט אַליין אָנפירן מיט דער פּאָליציי. די שטאָט־רעגירונג איז געוועזן באַאומרואיקט. די שטאָט־רעגירונג האָט דערפילט קעגן זיך אַ מאַכט. אין דעם איז געווען באַפרידיקונג.

אַ חבר האָט געזאָגט:

—אַהאַ!... זיי האָבן שוין מורא!

— נישקשה, ס'ציטערט אויף זיי די הויט, כאָטש זיי האָבן פּאָליציי!

און פון דעם איז אויך געווען גוט און פריילעך אויפן האַרצן. פלוצלינג זיינען זיי אַלע געוואָרן אַזעלכע טומלדיקע. זיי האָבן געלאַכט פון די צייטונג־באַריכטן און פון אייגענער אויפגעלעבטקייט. און דאָ זיינען נאָך יעדע ווילע אָנגעקומען נייע און נייע חברים מיט נייעם טומל און מיט נייער אויפגעלעבטקייט פון אָנקומענדיקן טאָג.

פּייוול האָט זיך דערמאָנט אָן דער היים, אָן זיין פרוי און קינד. ער האָט אין זיך דערפילט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג זיי צו זען, צו טיילן זיך מיט זיי. ער האָט מער ניט געקאָנט פאַרבלייבן מיט די חברים. ער האָט געמוזט זען ליטשען און דאָס קינד, איידער ער וועט זיך אַרויסלאָזן אויף דער דעמאָנ־סטראַציע!

ער האָט זיך גענומען איילן. איניקע חברים האָבן אים נאָכגעשריען:

— איר מוזט זיך אויסרוען. געדענקט, איר מוזט זיך אויסרוען!...

ער האָט זיי צוריקגעשריען:

— מאָרגן, מאָרגן וועל איך זיך שוין אויסרוען!

און ער איז שוין געווען הינטער דער טיר, אַראָפּגעלאָפן איבער די טרעפּ, צו דער גאַס.

די גאַס האָט זיך ערשט גענומען באַלעבן מיט ערשטע מענטשלעכע טריט. וועגענער, טראַמווייען און הויך־באַנען האָבן געבראַזגעט פון נאָענט און פון דער־ווייטן. טעמפּע קלאַנגען האָבן זיך אָנגערוקט אויף דער שטאָט פון אַלע זייטן. דער טאָג איז אָנגעקומען.

6

זיין היים — איין קליינער צימער פאַר דרייען. זיין היים — אַ ווינקל אין אַ פרעמדער היים. אָרעמקייט, נויט און ליבע — זיין היים.

ער האָט פאַרזיכטיק געעפנט די טיר, געשטאַנען אַ ווילע אויף דער

שוועל און איינגעהערט זיך אין דעם אָטעמען פון זיין פרוי און קינד. ניט געוואַלט צעשטערן זייער רו, זיי זיינען געשלאָפן.

ער איז געשטאַנען און געטראַכט: אָט דאָס איז זיין קינד און דאָס איז זיין פרוי. און ער איז צו זיי אריינגעקומען פון דער נאַכט, פון דער גאַס, ווי אַ פרעמדער. טעג איז ער ניט געווען אין דער היים. טעג האָט ער פון זיי ניט געטראַכט. פאַרגעסן זיי. ווי האָט זיין פרוי געלעבט? מיט וואָס האָט זיין פרוי און קינד געלעבט? ווי וועלן זיי לעבן היינט און מאָרגן און איבערמאָרגן?

ער איז געשטאַנען איבער זיי, און זיין האַרץ איז פול געווען מיט ליבע צו זיי. ער האָט געשוויגן, אָבער זיין האַרץ האָט צו זיי געשריען: מיין פרוי, מיין קינד. איך בין לעבן אייך ניט געווען, אָבער איך בין געווען מיט אייך. אַלע מאָל מיט אייך. איך האָב אַוועקגעגעבן שטיקער פון מיין לעבן — פאַר אייך און פאַר אַלעמען. מיין פרוי! מיין קינד!

האָט ער אָט די ווערטער ארויסגעזאָגט? האָט ער זיי נאָר ביי זיך אין האַרצן אַדורכגעלעבט?

ער איז צוגעגאַנגען נענטער צו די שלאָפנדיקע.

לייטשע איז געלעגן מיט אַ האַלבן פּנים איינגעטוליעט אינעם קישן. די ווייכע, כוואַליעדיקע האָר האָבן זיך געשפּרייט איבערן קישן. איר פּלייצע האָט דאַר און שפּיציק אַרויסגעשטעקט פון אונטער דעם צודעק. אַזאַ אומעטיק בילד אין דער גרויקייט פון פרימאָרגן! ער האָט פון איר ניט געקאָנט אָפּרייסן זיין בליק. זי איז געווען בלייך. זי איז געווען אויסגע־צערט. ס׳האָט זיך אויף אַ רגע אויסגעדוכט, אַז זי האָט אַ ציטער געטאָן. ס׳איז ניט געווען קיין רו איבער איר.

פייוול האָט זי שטיל אָנגערופן ביים נאָמען.

זי האָט לאַנגזאַם אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון קישן און אַ קוק געטאָן אויף אים. אין אירע אויגן זיינען געשטאַנען טרערן.

פייוול האָט געזאָגט:

— דו וויינסט... עפּעס האָט פּאַסירט?...

זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. אָנגענומען זיין האַנט, וואָס איז געווען קאַלט מיט נאַכט און גאַס, און זי צוגעדריקט צו איר הייס־פאַר־טרערטער באַק.

— אָבער וואָס וויינסטו?...

זי האָט מיט שווערקייט אַרונטערגעשלונגען די טרערן און געזאָגט:

— איך בין געווען אַזוי אומרואיק... כ׳האָב ניט געוואוסט וואו דו ביסט. כ׳האָב געמיינט, מ׳האָט דיך אַרעסטירט... די אָוונט־צייטונגען האָבן געשריבן וועגן אַ סך אַרעסטירטע. מענטשן ריידן וועגן דער דעמאָנסטראַציע. מ׳זאָגט, אַז ס׳וועט זיך גיסן אַרבעטער־בלוט... אָ, איך בין אַזוי אומרואיק איבער דיר!...

זי האָט ווידער צוגעדריקט זיין האַנט צו איר פּנים און ניט געקאָנט זיך באַרואיקן.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אָפּגעווישט מיט אַ ברעג פונעם ליילעך די אויגן און געזאָגט:

— מ׳וועט דיך אַרעסטירן... מ׳וועט דיך אַרעסטירן און פאַרשיקן.

ער האָט פּרובירט אַ שמייכל טאָן:

— וואָס עפּעס — אַרעסטירן און פאַרשיקן?...

— אָ, איך ווייס! זיי וועלן שוין דיך ניט אָפּלאָזן!

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט און אָנגעהויבן שטיל צו כליפּען...

זי האָט זיך לסוף באַהערשט, באַרואיקט, זעענדיק זיין אנטשלאָסנקייט. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און אַזוי ווי זי איז געווען, אינעם נאַכט־העמד, אינגאַנצן ווי אַ קליין אָרעם, אומגליקלעך קינד, צוגעפאַלן צו אים און געבליבן אַ ווײַלע אויף זיין ברוסט, אָן ווערטער און אָן געוויין. ער האָט געהערט דאָס צאַפּלדיקע קלאַפּן פון איר האַרץ. נאָכדעם האָט זי אויפגעהויבן אירע אויגן, און אין זיי זיינען ניט געווען קיין טרערן. און אויף איר פּנים איז געווען אויסגעשפּרייט אַ ליכטיקייט. ליכטיקייט און פאַרגעבונג.

זי האָט געזאָגט:

— אָ, איך בין אַזאַ נאַרישע!... זיי ניט בייז... איך בעט דיך: — זיי ניט בייז...

און זי האָט אים אַרומגענומען מיט די גוטע וואַרעמע הענט אַרום האַלדז און געקוקט אַ ווײַלע אין די אויגן מיט אַ גוטן, גליקלעכן בליק.

אין צימער איז געוואָרן ליכטיקער.

זי האָט געזאָגט:

— ביסט ניט בייז?

פּייוול האָט זי אַ קוש געטאָן אין שטערן, ווי מ׳קושט אַ קינד און, מיט אַ שמייכל, געזאָגט:

— ניין, איך בין ניט בייז... גאָר ניט בייז...

אין דער רגע האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס קינד. דערזען דעם טאַטן, האָט ער אַ וואָרף געטאָן מיט ביידע הענטלעך און זיך ברייט צעשמייכלט פון גרויסער קינדערשער פרייד.

און לייטשע — זי איז געוואָרן אַן אַנדערע. זי האָט אויפגעלעבט. זי האָט זיך, אין איילעניש, אָנגעטאָן. אין אירע באַוועגונגען און איר פּנים האָט זיך געזען אַ מאָדנע אַנטשלאָסנקייט. זי האָט געזאָגט:

— דו מוזסט זיך אויסרוען. דו ביסט אַזוי מיד... זע ווי דו קוקסט אויס!... איך וועל מיטן קינד אַוועקגיין, און דו וועסט זיך צולייגן אויף אַ שעה־צוויי. ס׳איז דאָך נאָך פרי.

זי האָט אַוועקגעזעצט דאָס קינד אין בעטל, אַרומגעלייגט מיט קישעלעך, אַראָפּגענומען פונעם מאַן דעם ראָק, פאַנאַנדערגעבונדן דעם שניפּס און אים געצוואונגען אויסצוטאָן זיך און אַריינלייגן זיך אין בעט אַריין. אין אַ מינוט אַרום איז שוין פּייוול געלעגן אין בעט און זי האָט אים איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע און גערעדט:

— זאָלסט זיך גאָר ניט זאָרגן. איך וועל דיך אויפוועקן אין צייט. ווען, זאָגסטו, וועט זיין די דעמאָנסטראַציע? צוועלף? — גוט, ביין אַ זייגער וועל איך שוין דיך אויפוועקן. וועסט האָבן דריי גאַנצע שעה פאַר זיך... אָבער ביז ניין מוזסטו שלאָפן. דו הערסט?... שלאָפן, שלאָפן און פון קיין זאַך ניט טראַכטן... און איך וועל מיטן קינד אַוועקגיין שפּאַצירן... דו דאַרפסט שלאָפן.

און אַזוי ריידנדיק, האָט זי זיך, אין איילעניש, אָנגעטאָן, איינגעוויקלט דאָס קינד, איינגערעדט אים, פאַררעדט אים מיט אַלערליי צוזאָגן, און אין אַ פּאָר מינוטן אַרום שוין ניט געווען אין צימער.

פּייוול האָט גאָר ניט געוואוסט, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקן שלאָף. ניט געהערט, ווען לייטשע איז דערנאָך אַריינגעקומען אין צימער און זיך דאָרטן אין אַ ווינקל געפּאָרעט אַרום איר פרימאָרגנדיקער אַרבעט.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט דאָס פּאָרזיכטיקע וועקן. איין מאָל און נאָך אַ מאָל:

— שטיי אויף, שטיי אויף, טייערער... נו, שטיי שוין אויף.
אַזוי ווי אַ מאַמע וואָלט געוועקט אַ קינד.

אין איין רגע איז אַנגעלאָפן די ווירקלעכקייט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון בעט. אָבער לייטשע האָט אים באַרואיקט:

— ס׳איז נאָך דאָ צייט. אַ סך צייט... ס׳איז ערשט ניין אַ זייגער... דו ביסט געשלאָפן גאַנצע דריי שעה...

פּיוול האָט געזען ווי איבער איר בלייכן פּנים האָט זיך אויסגעלייגט אַ צופרידענער שמייכל. אין צימער איז געווען ליכטיק. אויף אַ וואַנט איז געלעגן אַ זון־פלעק. עס איז געווען אַ שיינער טאָג. און דאָס איז געווען גוט.

ער האָט אויסגערעכנט: עס איז געווען ניין אַ זייגער. דריי שעה ביז דער דעמאָנסטראַציע. אין דער צייט האָט ער געקאָנט אָפּפרישן אַלע פּלענער, דורכטראַכטן יעדן דעטאַל פאַר זיך און פאַר אַנדערע. איצט האָט ער זיך געפילט בכוח צו טאָן אַ סך אַרבעט. ער איז געווען אויסגערוט און מוטיק. אויפן האַרצן איז געווען לייכט און גוט. ס׳איז אַפילו געווען פריילעך. און גוט איז געווען צו זען, ווי לייטשע האָט זיך געפּאָרעט אַרום דעם אָנבייסן, צוגעזונגען אַ לידל צום קינד. ער האָט געזען, ווי זי האָט אויסגעלייגט אויפן טיש פרישע זעמל, קעז, פּוטער און אייער.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר, אַרומגענומען זי פון הינטן און א קוש געטאָן אין דעם וואַרעמען נאַקן. אויפן גאַז־אייוועלע האָט זיך געקאָכט פרישע קאַווע, געזאָטן און אַרויפגעשאָסן געל־ברוינע, שפּילעוודיקע, לעבעדיקע גייזערלעך אַרויף, אַרויף צום דעקל.

לייטשע האָט איצט אויסגעזען פריילעך־יום־טובדיק. זי האָט שנעל און געשיקט געטאָן איר פרימאָרגנדיקע אַרבעט. אויך דאָס קינד אויף פּיוולס הענט האָט געקוויטשעט און געלאַכט, געקראָכן צו אים מיט די הענטלעך ווי געוואָלט אים עפּעס דערציילן. און ס׳איז געווען אַזוי, ווי ער וואָלט אויך פאַרשטאַנען דעם גרויסן טאָג פון פּיוולס לעבן...

אַלץ איז געווען אַזוי גוט, אַזוי גוט!

און ער האָט זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון געבן אויסדרוק זיינע געפילן. ער איז, מיטן קינד אויף די הענט, צוגעלאָפן צו דער פרוי, מיט איין האַנט אַרומגענומען זי, און אַלע דריי זיינען אַ מינוט אַזוי געשטאַנען צוגעדריקטע איינע צום אַנדערן.

אַז זיי זיינען אין אַ ווײַלע אַרום געבליבן שטיין באַזונדער, איינע קעגן דעם אנדערן, האָט ער דערזען ווי די צוויי ליכטיק־פרײַדיקע אויגן פון דער פרוי זיינען געווען פאַרלאָפן מיט טרערן. זי האָט ניט געוויינט. זי האָט געזאָגט:

— איך ווינטש דיר גליק. איך ווינטש דיר גליק...

פּייוולס האַרץ איז געווען איבערפולט מיט גליק. ער האָט אַרומגע־כאַפּט דאָס קינד און אַוועקגעלאָזט זיך מיט אים איבערן צימער, געטאַנצט און געדרייט זיך. דאָס קינד האָט הילכיק געלאַכט און געקוויטשעט. און ער אליין האָט אויך געוואָלט הילכיק לאכן און קוויטשען...

לייטשע האָט אים דערווייל צוגעגרייט פרישע וועש, אַ ריין העמד, געריייניקט זיין אנצוג און געזוכט פאַר אים אַ בעסערן שניפּס.

פּייוול האָט זיך געבאָדן, געראַזירט זיך, געקעמט זיך און צוגעגאַנגען צום טיש — אַ נייער מענטש.

— און וואו האָסטו גענומען פלוצלינג אזוי פיל געלט? ביסט רייך געוואָרן?...

לייטשע האָט זיך אויף אַ רגע פאַרלוירן און זיך גלייך צוריקגעפו־נען:

— אָ, דאָס האָב איך נאָך געהאַט... און דער קרעמער גיט מיר אויף באָרג... און דו — עס! ניט דיין דאגה.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— איך וועל אויך זיין אויף דער דעמאָנסטראַציע.

— און דאָס קינד?

— אָ, איך וועל אים אויך מיטנעמען... זאָל ער אויך אָנטיילנעמען אין אונדזער אַ דעמאָנסטראַציע... זאָל דאָס זיין זיין ערשטע דעמאָנס־טראַציע.

זי האָט דאָס געזאָגט, און אַרונטערגעלאָזן די אויגן. און פון דעם איז געווען גוט און אומעטיק. און ס'איז שווער געווען צו זאָגן, פאַרוואָס ס'איז געווען גוט און פאַרוואָס ס'איז געווען אומעטיק.

6

פּייוול איז שנעל פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אָנבייסן און זיך גענומען איילן אַוועקצוגיין.

לייטשע מיטן קינד האָבן אים באַגלייט ביז צו דער טיר. זי איז איצט געווען ערנסט. שוין לעבן דער טיר, האָט זי זיך צו אים צוגעדריקט, אָן ווערטער. קורץ. חבריש. און ס'איז ווידער גוט געווען, וואָס זי האָט עס געמאַכט אַזוי קורץ און וואָס זי האָט קיין זאַך ניט געזאָגט.

ער איז אַרויס אין אַ דערהויבענער שטימונג. ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס, איבער דער שטאָט. ס'איז געווען זיין גאַס און זיין שטאָט. און דאָס לאַנד איז געווען — זיין לאַנד. און אַלע מענטשן זיינען געווען זיינע ברידער און זיינע שוועסטער. און ער איז רייך געווען מיט זייער רייכקייט און שטאַרק — מיט זייער שטאַרקייט. ער האָט געמאָסטן זיינע כוחות. ער איז געגאַנגען אין דער הויפּט־קוואַרטיר, וואו מען האָט געאַרבעט אַרום דער אויסשטעלונג פון פּלאַקאַטן און פּעקלעך מיט ליטע־ראַטור. דאָ האָט מען געאַרבעט, ווי בינען. מ'האָט הויך גערעדט און איבערגעשריען זיך מיט חברים אויף דער אנדערער זייט פון גרויסן צימער.

פּיוול איז צוגעגאַנגען צום פענצטער. די גאַס איז געווען באַלעבט. נייע שטראָמען מענטשן האָבן געשטראָמט צו די ראָגן. דער עולם האָט זיך שוין געקליבן. מ'איז געגאַנגען פאַר־פרי צו די אָנגעוויזענע פּונקטן. אַרבעטער האָבן געוואָרפן אַרבעט. אַרבעטלאָזע זיינען אַרויסגעקראָכן פון זייערע נאכטיקע באַהעלטענישן און, ווי נייע מענטשן, באַלעבטע מיט האָפענונג, באַהעפט זיך מיט די שטראָמען מענטשן. אַלץ איז געווען אַזוי ווי מען האָט דערוואַרט.

אין אַ שעה אַרום זיינען שוין אַרבעטער־קאָלאָנען, מיט פּלאַקאַטן, מיט לאָזונגען געגאַנגען צו דעם הויפּט־פּונקט, צונויפגעגאָסן זיך אין אַ ריזיקן ים פון מענטשן. די קאָלאָנען האָבן זיך געצויגן אויף לאַנגע שטרעקעס און באַלעבט די גאַסן מיט לאָזונגען.

די דעלעגאַציע איז געגאַנגען פאָרויס, געפירט די אַרבעטער צו דער סיטי־האָל פּלאַזע. וואָס פאַר אַ גרויסער מענטשלעכער גליק! וואָס פאַר אַ גרויסע מענטשלעכע באַפרידיקונג! וואָס פאַר אַ גרויסן זין די טריט האָבן איצט געהאַט אין דער באַגלייטונג פון צענדליקער טויזנטער, וואָס זיינען געגאַנגען אין דעם טאַקט פון די, וואָס זיינען געגאַנגען פאָרויס!

די טראָטואַרן זיינען געווען געפּאַקט מיט מענטשן. פריינטלעכע מענטשן. פון די טראָטואַרן האָט מען באַגריסט מיט אויסגעשרייען, מיט

אויפגעהויבענע הענט, מיט פּאַכנדיקע הענט. פון די טראַטואַרן האָט מען געענטפערט אויף די לאָזונגען. ברידער און שוועסטער. אומעטום — ברידער און שוועסטער! אין די אָפענע פענצטער, אויף די דעכער, אויף די סטופּן!

וויפל זיינען זיי געווען? — מיליאָנען! מיליאָנען זיינען געווען! ווער קאָן עס דערפילן און ארויסזאָגן אין ווערטער? ווער קאָן קומען און אויסמאָלן און אויסהאַקן אין שטיין?

7

לויטן אויסגעאַרבעטן פּלאַן האָט אַ דעלעגאַציע פון דריי ארבעטער-פירער, צווישן זיי פּיוול, באַדאַרפט זיך אָפּטיילן פון די מאַרשירנדיקע אַרבעטער, צו טרעפן זיך אין סיטי-האל מיטן שטאָט-מעיאָר, — איידער די ערשטע קאָלאָנען פון דער דעמאָנסטראַציע וועלן גרייכן די פּלאַזע.

ווען זיי זיינען, אין אַ טעקסי, אָנגעקומען צום סיטי-האל, זיינען דאָרטן געווען פאַרזאַמלט גרויסע מאַסן אַרבעטער, וואָס האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דעם מאַרש. זיי זיינען געשטאַנען אין גרופּעס. פיל פון זיי האָבן זיך באַוועגט הין און צוריק איבערן סקווער. די גרופּעס זיינען צעטריבן געוואָרן דורך די אַרומשפּאַצירנדיקע פּאָליציאַנטן. אָבער דער צעטריבענער עולם האָט זיך באַלד, אין אַן אַנדער אָרט, פאַרמירט אין אַ נייער גרופּע.

אַרום סקווער, אין אַלע ריכטונגען, זיינען געשטאַנען פּאָליציאַנטן. ביי די ראָגן זיינען, הין און צוריק, אַרומגעפּאָרן רייט-פּאָליציאַנטן. פּאָליציי-מאָטאָציקליסטן האָבן פאַרהילכט די לופט מיט זייער טראַ-טאַ-טאַ. אויף די טראָטואַרן איז געשטאַנען אַ טויזנט-קעפּיקער עולם פון נייגעריקע, וואָס האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן אָנקום פון די מאַרשירער. פון די הויכע געביידעס האָבן אַרויסגעשטעקט קעפּ פון די אָפּיס-אַרבעטער.

אויף די טרעפּ פון סיטי האָל זיינען געשטאַנען פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון. זייער צאָל איז געווען גרויס, פון דרויסן און פון אינעווייניק.

פּיוול מיט דער דעלעגאַציע זיינען רואיק אַרויפגעגאַנגען איבער די דרויסנדיקע טרעפּ צום אַריינגאַנג. ביי דער טיר האָט זיי אָפּגעשטעלט אַ וואַנט פון פּאָליצייאישע ברוסטן. מ'האָט זיך אויף זיי געריכט. מ'האָט געוואוסט, ווער זיי זיינען און צו וועמען זיי זיינען געקומען. זיי זיינען

געוועז אַרומגערינגלט מיט פּיינטלעכע בייזע פּנימער. פון יעדן האָט געשטראַמט בייזע גבורה און שנאה. די שנאה האָט גרין אַרויסגעקוקט פון די אויגן, פון די צעקרימטע ליפּן.

מ'האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער, וואו עס איז קיינער ניט געוועזן. זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די ווייכע, באַקוועמע שטולן. זיי האָבן באַדאַרפט וואַרטן. די פענצטער פון צימער האָבן אַרויסגעקוקט צו דער זייט, פון וואַנען עס האָבן באַדאַרפט אָנקומען די דעמאָנסטראַנטן. פּייוול האָט ניט געקאָנט רואיק איינזיצן אויפן אָרט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויסגעקוקט. יאָ! זיי זיינען געגאַנגען! איבער זיי האָבן זיך געהויבן די פּלאַקאַטן מיט די גרויסע רויטע און שוואַרצע אויפשריפטן. מ'האָט געוואָרפן לאָזונגען און טויזנטער שטימען האָבן די לאָזונגען אויפ־געכאַפּט אין דער לופטן און געטראָגן זיי מיט אַ מעכטיקן „הורא" איבער די רייען פון די מאַרשירנדיקע מענטשן.

אַ מינוט און נאָך אַ מינוט, און די דעמאָנסטראַנטן האָבן זיך, ווי אַ מעכטיקער טייך, אַריינגעגאָסן אין דער פּלאַזע, פאַרנומען יעדןליידיקן ווינקל. עס איז שוין ניט געוועזן קיין אָרט אויף דער פּלאַזע, אָבער די רייען פון די מאַרשירנדע האָבן זיך נאָך געצויגן, האָבן פאַרנומען אַלע גאַסן און אַלע טראָטואַרן פון פאָרנט פון דעם סיטי האָל. פּאָליציי האָט אויפגעבויט אַ לעבעדיקע קייט אַרום און אַרום, ניט אַריינגעלאָזן, געוואָלט פאַרצאַמען דעם וועג, אָבער די מאַסע האָט זיך געמערט, געמערט. און ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער שטראָם וועט זיך קיין מאָל ניט אָפּשטעלן.

פון דרויסן האָבן זיך געהערט הורא־געשרייען. איינציקע שטימען האָבן געוואָרפן לאָזונגען. די מאַסע האָט זיי אויפגעכאַפּט און געטראָגן איבער דער פּלאַזע, פון איין עק ביזן צווייטן. די דריי דעלעגירטע זיינען געוועזן אומרואיק. זיי זיינען געוועזן אומגעדולדיק. עס האָט זיך געוואָלט זיין אין דרויסן, צווישן דער מאַסע. עס האָט זיך געוואָלט אינאיינעם מיט זיי דעמאָנסטרירן. דאָ איז געוועזן ענג צווישן די בלויע רעק. זיין צווישן זיי איז געוועזן אַן אָפּקומעניש, אַ באַליידידיקונג.

אָבער זיי האָבן צווישן זיך ניט גערעדט. ריידן אין דער קעגנוואַרט פון די פּאָליציאַנטן איז געוועזן שווער. זיינען זיי געזעסן און געטראַכט די אייגענע געדאַנקען. אָבער די געדאַנקען זיינען געוועזן אָפּגעריסענע. אין האַרצן האָט געברענט דער האַס, ווי אַ וואונד. די שנאה צו זיי האָט

איצט ניט געהאַט קיין גרענעץ. וואָס האָט מען זיי דאָ געהאַלטן? האָבן זיי זיך געוואָלט שפּילן מיט זייער געדולד? האָבן זיי געוואָלט דעמאָנס־טרירן זייער אומדערשראָקנקייט פאַר דער גרויסער מאַסע אין דרויסן?

די מינוטן האָבן זיך געצויגן, געצויגן.

זיי זיינען געווען ווי איינגעשפּאַרט אין אַ פיינטלעכער פעסטונג. די מענטשן — פיינטלעכע. די לופט ארום — אַ פיינטלעכע. שווערע ווענט און טירן און מעבל. אַ שווערקייט איז געפאַלן פון אַלץ, אויף וואָס ס׳איז נאָר געפאַלן דער בליק. די שווערקייט איז געלעגן אויפן האַרצן.

ענדלעך איז פון אַ זייטיקער טיר ארויסגעקומען אַ קלערק און האָט געלאָזט וויסן דעם קאַפּיטאַן, אַז מ׳קאָן שוין אריינקומען.

אַ טיר האָט זיך ברייט געעפנט. זיי זיינען אריינגעקומען.

אַרום אַ לאַנגן, גרויסן טיש זיינען פון דריי זייטן געזעסן „די שטאָט־טאַטעס״. זיי זיינען געווען אַ גאַר היפּשע צאָל. אָט, דאָס זיינען זיי געווען, די הערשער. זיי האָבן זיי דערקענט. מ׳האָט זיי שוין פריער ערגעץ געזען. וואו האָט פייוול זיי געקאָנט זען? אויף צייטונג־אָפּדרוקן? אויף קאַמפּאַ־ניע־פּלאַקאַטן? וואו?

פונקט אַנטקעגן, אין סאַמע מיטן פון זייער קאָמיסיע איז געזעסן דער מעיאָר. ער האָט זיך אַ ביסל אָפּגעלייגט אָן אַ זייט אין זיין שטול, אויסגעקרימט זיין פּנים אין אַ פאַרטיקער גרימאַסע, צוליב פּאָזע, אפנים צו דעמאָנסטרירן פרייקייט אין האַלטונג, רואיקייט, אומדערשראָקנקייט... די אויגן זיינע האָבן אונטערגעשמייכלט, אָבער אויך דער שמייכל איז געווען אַ צוגעגרייטער פון פריער, אַ געמאַכטער.

און וואָס מער די פאַרשטייער פון די אַרבעטער האָבן גערעדט און אויסגעלייגט זייערע טענות און פאַרלאַנגען, אַלץ אויפגערעגטער און צערייצטער זיינען געוואָרן די שטאָט־באַלעבאַטים.

און פּלוצלינג האָט דער מעיאָר זיך אויפגעשטעלט, אַ ווילדער, אַ צעקאָכטער. ער האָט געוואָרפן פיינטלעכע בליקן אויף דער דעלעגאַציע און אַ געשריי געטאָן:

— גענוג! איך פאַרווער אייך צו האַלטן דרשות און צו פּריידיקן מאָראַל.

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווידער געזאָגט:

— איר זייט געקומען אַהער מיט אַ פאַרלאַנג... זאָגט, וואָס איז אייער פאַרלאַנג? און מאַכט עס קורץ. מיר האָבן קיין צייט ניט צו שטיין און הערן ניט פאַר דרשות...

פּייוול האָט אים איבערגעריסן:

— מיר זיינען ניט געקומען צו אייך בעטן טובות. מיר זיינען געקומען פאָדערן. און מיר וועלן אונדזער חוב אויפמאָנען. אויב ניט איצט — איז שפּעטער.

דעם מעיארס פּנים האָט זיך אויסגעקרימט. ער איז געווען פאַר־צווייפלט. אַ רגע ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן און וואָס צו טאָן. אָבער באַלד האָט ער זיך געפונען, און, מיט אַ קוויטש אין קול, געשריען צו די דעטעק־טיוון און פּאָליציאַנטן אין די ווינקלען פון זאַל און ביים טיר:

— פּירט זיי אַרויס!... פירט זיי אַרויס!... צום טייוול!... אַרויס!

אין איין רגע איז אַרום דעם גרויסן טיש אַנטשטאַנען אַ צעמישונג. די שטאָט־טאַטעס זיינען שוין אַלע געשטאַנען אויף די פיס, האָבן גערעדט און אויסגעשריען זידל־ווערטער. אַרום דער דעלעגאַציע זיינען אויסגע־וואַקסן הויכע, שטאַרקע פּאָליציאַנטן און האָבן זיי גראָב געשטויסן. געשטויסן צו דער טיר.

די פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון האָבן מיט די הענט און מיט די קאָל־בעס געשלאָגן די דעלעגאַציע־אַרבעטער אין קעפּ, אין די אויגן, אין בויך. די אַרבעטער־פאָרשטייער האָבן זיך געווערט, אָבער זיי זיינען עטלעכע קעגן אַ סך...

צעשלאָגענע, פאַרבלוטיקטע זיינען זיי קוים מיטן לעבן אַרויס און דורך די ברייטע טרעפּ מאַרשירט אין דרויסן, צו דער גאַס. פּייוול האָט אינעם אומגעריכטן ברוטאַלן אָנפאַל פון דער פּאָליציי פאַרלוירן די איבעריקע צוויי פון דער דעלעגאַציע און א צעשלאָגענער אַרויס אויף אַ זייטיקער גאַס, הינטער דער געביידע. ער האָט געפילט אַ ווייטיק אין אַלע איברים און ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס עס איז געשען.

אָבער ווי נאָר ער איז אַרויס אין דרויסן און דערשלונגען אַ ביסל פרישע לופט, האָט ער זיך דערפילט קרעפטיקער. זיינע געדאַנקען זיינען קלאָרער געוואָרן. ער האָט זיך דערמאָנט אַלע איינצלהייטן פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט און פון דעם פרימאָרגן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט מיט זיין ווייב און קינד. זיי זיינען אים איצט אַזוי טייער געווען. וואו זיינען זיי איצט?

פּייוולען האָט פאַרדראָסן, וואָס ער ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך דאָרטן, הינטער דער געביידע, וואו די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען. האָבן זיי, דאָרטן, שוין געוואוסט וואָס מ׳האָט געטאָן מיט דער דעלעגאַציע?

האָבן זיי געוואוסט, אַז זיי זיינען צעשלאָגן? און וואו זיינען די צוויי חברים זיינע? האָט מען זיי אויך נישט געשאָנעוועט.

און דאָ האָט אין איין רגע פּאַסירט עפּעס, וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט דערוואַרטן. אַ געגרילץ פון סירענעס האָט דורכגעשניטן די לופט פון אַלע זייטן. פון אַהינטער דער געביידע און איבער איר האָט זיך דערטראָגן אַ דונערן פון פּאָליציי־מאָטאָציקלעטן געמישט מיט געשרייען, מיט אַ ווייטן צעריסענעם טומל פון מענטשלעכע קולות. אין עטלעכע סעקונדן האָט זיך אַ ריזיקע מענטשלעכע כוואַליע אַדורכגעריסן צו דער הינטער־גאַס, וואו ער איז געווען, און זי פאַרפלייצט. פּייזל וואַרט האַרט לעבן טראָטואַר. אָבער אַרום און אַרום איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט לויפנדיקע, אַנטלויפנדקע מענטשן, וואָס האָבן געיאָגט אין אַלע ריכטונגען. זיי זיינען געלאָפן, און הינטער זיי, איבער זייערע קעפּ, האָט זיך געיאָגט אַ מורא־דיקער גערודער, אַ פייפן פון סירענעס, וואָס האָבן ווי בייטשן געשניטן די לופט, פאַרגאַנגען זיך אין אַן אימהדיקן, קלאָגעדיקן רעווען פון א פאַרוואונדעטער חיה. און צווישן דעם געשריי פון די סירענעס האָט זיך דורכגעטראָגן דאָס קנאַלן פון רעוואָלווערן און דאָס קראַכן פון גאַז־באָמבעס. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ צעמישונג. די לופט האָט געציטערט, געריסן זיך אויף שטיקער. די מאַשין־ביקסן האָבן געהאַמערט אַ שטענדיקן טראַ־טאַ־טאַ, ווי דאָס שטענדיקע זעצן פון ווינט־האַמערס אויף שטאָלענע פּלאַטן.

אין דער לופט איז געשטאַנען, ווי אַ לעבעדיקער, דער מוראדיקער גערודער. די ביקסן האָבן געקנאַלט. די סירענעס האָבן געשניטן די לופט און געמישט זיך מיט דעם קנאַלן פון גאַז־באָמבעס, מיט דעם געקראַך פון ווילד אַרומלויפנדיקע מאָטאָציקלעטן. מענטשן האָבן געשריען, געיאָמערט. פרויען און קינדער האָבן היסטעריש געקוויטשעט אין פּאַנישן שרעק פאַר די ווילד־אַניאָגנדיקע רייט־פּאָליציאַנטן.

די דעמאָנסטראַנטן זיינען געלאָפן, געטריבענע פון דעם ווילד־געוואָ־רענעם שונא. זיי זיינען געלאָפן, אָבער אַנטלויפנדיק, האָבן זיי זיך געראַנגלט מיט די נאָכיאָגער, געשלאָגן זיך מיט די בלויזע הענט, ווי ס׳האָט זיך נאָר געמאַכט. איינער, אַ פאַרבלוטיקטער, האָט געהאַלטן אַ פּאָליציי־שטעקל און מיט אים געשלאָגן איבערן קאָפּ אַ פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיך געטראָגן אויף אַ מאָטאָציקל גלייך אויף דער מאַסע. אַ צווייטער האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט זיינע הענט אינעם פוס פון אַ רייטנדיקן פּאָליציאַנט

און אים אַרונטערגעשלעפּט פונעם פערד. אַ דריטער האָט אַראָפּגעריסן די אוניפאָרם פון אַ פּאָליציאַנט און מיט דעם געשמיסן איבער די פּנימער פון אַ גאַנצער מחנה צעווילדעוועטע פּאָליציאַנטן, ביז ער אַליין איז געפאַלן אין אָנמאַכט, אַוועקגעפאַלן צום טראָטואַר... פּייוול האָט געזען פּרויען, יונגע פרויען און נאָך גאָר קינדער, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט געזונטע דעטעקטיווס, געקעמפט מיט זיי מיט ציין און נעגל. אין דער ווילדער יאָגעניש האָבן גרופּעס צעבלוטיקטע אַרבעטער אויף זייערע הענט אַרויסגעטראָגן שווער־פאַרוואונדעטע חברים און זיי ארויסגעראַטעוועט פון מערדערלעכע הענט, וואָס האָבן זיי געוואָלט דערשלאָגן אויף טויט...

פּלוצלינג האָט ער ניט ווייט פון זיך דערהערט אַן אויסגעשריי. אימעצער האָט אָנגערופן זיין נאָמען. און גלייך נאָכדעם, אין געטומל:

— חברים, זעט, זעט... ער איז צעבלוטיקט...

אָ, זיי האָבן אים דערקענט! אַ וואַרעמער שטראָם האָט אַ קלאַפּ געטאָן צום האַרצן. פּייוול איז ניט געווען אַליין. לעבן אים זיינען געווען חברים...

אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

אין יידיש

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (2 בענד)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטוארן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
מלך נוי (ניישטאַדט)	דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
יצחק לעוו	אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאַקאָרנע (2 בענד)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דראָזדאָוו	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
ד. זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מרדכי אורן	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט (2 בענד)
א. שטיינבאַרג	משלים
יחיאל האָפער	ר' זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער

נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַקסער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
ב. וויינשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נייער היים
אברהם ליס	היים און דויער
ד״ר חיים שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
מ. ווייסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
פ. גאָרעליק	פון די מלינער וועלטן
י. בראָנשטיין	אינאיינעם און באַזונדער
פ. בערמאַן	אָפענע פענצטער
א. וואָלף יאַסני	די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש אין די יאָרן פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג
א. שמרי	די פונקען פון תיקון
א. סוצקעווער	אָאַזיס
אירגון יוצאי באָרשטשיוו	ספר באָרשטשיוו
א. מנור	40 יאָר הסתדרות
א. לעוו	ביימער אין ווינט
יעקב כהן	דער גורל פונעם ייד
ל. אָליצקי	מיין האַרץ־רייזע
נ. דרוזדוב	די יידן אין איטאַליע
ספר זרבבל	צו זיין 75־סטן געבוירנטאָג
ק. צעטניק	דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ
דבורה דיין	אין גליק און אין טרויער
ד״ר מ. דוואָרזשעצקי	אייראָפּע אָן קינדער
מלכה לי	אין ליכט פון דורות (לידער)
מ. יפה	ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור
י. פּאַפּיערניקאָוו	די זון הינטער מיר
ד״ר צבי כהן	די העלדן אין דער וועלט־געשיכטע (2 בענד)
י. גאָר	ווידערקלאַנגען
ב. עפּשטיין	זאַנגען אויפן ווינט
ש. פּאָלאָקעוויטש	אין אַ פרעמדער הויט
יעקב כהן	אונטער סאָוויעטישע הימלען
יוסף ראָטנבערג	(צו זיין ערשטער יאָרצייט)

מרים ריינעס־מלצר	צום קוואַל
ד״ר חיים שאָשקעס	פון מאָסקווע ביז עבר־הירדן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 1)
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף מוראַנאָוו (באַנד 2)
ע. פערשלייסער	געקליבענע דערציילונגען
ה. אַקערמאַן	כ׳בין קיינמאָל נישט אַוועק פון דער היים
י. שטיינבערג	אַפאָריזמען און גלייכווערטער
אירגון נכי המלחמה בנאצים	אַנטקעגן דעם נאַציזם שונא
אירגון יוצאי סטרי	ספר סטרי (יידיש, העברעיש, ענגליש)
אסתר לוריא	פרויען אין קנעכטשאַפט (אַלבאָם)
ב. שלעווין	חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן
איציק מאַנגער	ליד, באַלאַדע, דערציילונג (יידיש־העברעיש)
רחל קאָרן	פון יענער זייט ליד
רחל פישמאַן	זון איבער אַלץ
מ. ז. טקאַטש	מיין האָב און גאָב (לידער)
ש. זאַראַמב	אויסדערוויילטע שריפטן
נוסיאַ־איניאַ שיפמאַן	„דאָס לעבן נאָך פאַר מיר״...
מ. י. שעלובסקי	אין יאָרן אַרום
ל. חיין־שמעוני	גאַנג
ק. מאָלאָדאָווסקי	לידער פון חורבן — ת״ש־תש״ה, אַנטאָלאָגיע
ל. פּאַפּיערניקאָוו	די משפחה יעלניק
י. שטיינבערג	חכמה פון יידישן קוואַל
יהושע אַלקאַן	דראַמאַטישע ווערק
ל. קוסמאַן	דער לאַמפּ ברענט (לידער)
ה. יונג	העכער די וואָלקנס
ב. מייזיל	צוריקבליקן און פערספעקטיוון
ק. שבתאי	ווי שאָף צו דער שחיטה?

בעברית

יוסף ראָזען	כתבים נבחרים
אפרים שרייער	אמנות ותיאטרון
י. לעשצינסקי	הדמות הלאומית של יהדות הגולה
יעקב פאַט	שיחות עם סופרים יהודיים
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
יהושע גלבוע	על חרבות התרבות היהודית בברית המועצות
י. זרבבל	עלי חיים
נ. חנין	ברלה
א. אלמי	בין סיני לאולימפוס
אפרים אויערבאַך	קריה לבנה — ווייסע שטאָט (עברית־יידיש)
מ. בורשטין	פת ומלח
ר. קוויאַטקאָווסקי־פנחסיק	נשים מאחורי הגדר
נחמיה לווינסקי	בצל הגועים
ד. פלקסר	האידיאה והאמת
מול האויב הנאצי	זכרונות ועדויות (יידיש־עברית)
פ. בילצקי	השיר והמשורר (א. סוצקבר)
איציק מנגר	שיר, בלדה, סיפור
א. ירושלמי	מיערות הצפון עד חורשות הכרמל
דב סדן	אבני מפתן
י. פריילך	מצדה ורומי
י. שטינברג	ממעין החכמה של עם ישראל
א. מנור	פרופ׳ אריה טרטקובר